This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

5 1969

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

אכטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

מײַ

5

БИБЛИОТЕКА
Дома еврейской книги
ЭКЗЕМПЛЯР
ВЫДАЧЕ НЕ ПОДЛЕЖИТ

1969

אינהאלט

זײַט

נויעך לוריע. אן איינציקע טאָכטער (דערציילונג) . . . 3
ארן ווערגעליס. לידער, אַנגעשריבענע ניט אין דער היים 14

צום הונדערטסטן געבורטסטאָג פון וו. אי. לענין

אזא, ווי ער איז געווען. ענטפערס פון נ. ק. קרופסקאיא אף אן אנקעטע 17
הירש בלאָשטיין. לענין איז מיטגעגאנגען אף די פארהערן (דערינערונגען) 22
מאָטל הארצמאן. בא לענינס מאווזאָליי (ליד) 27

שירע גאָרשמאן. אלערליי דערציילונגען 28
שיקע דריז. פאר קליין און גרויס (לידער) 42
מייער יעלין. פרעגט די וועלט... (דערציילונג) 46
יעכיעל שרײַבמאן. טעג אין בענעס לעבן. — ליבע און אנד. דערציילונגען 54
ריווע באליאסנע. מײַן אומרויִקע מוזע (לידער) 79
שאָלעם־אליימעם. מענאכעם־מענדל (פון דער לעצטער סעריע בריוו). צייכענונגען פון ה. אינגער 81
פיניע פלאָטקין. אז ס'איז שטיל אף דער וועלט. — מאיאקאָווסקי גייט און אנדערע לידער 107

טריבונע פון לעבן

שמועל גאָרדאָן. שטעט און שטעטלעך (רײַזע־בילדער) 108

ליטעראטור־קריטיק. ביבליאָגראפיע. פראגן פון קונסט

ארן ראסקין. עס זיגט דאָס לעבן (וועגן י. פאליקמאנס ראָמאן „דער שווארצער ווינט") 128
יאנקעוו שטערנבערג. דער פארקישעפטער שרײַבער 134
הירש רעלעס. זייערע נעמען זײַנען אויסגעקריצט אפן מעמאָריאל־טאָוול 141
מוישע מארגאָלין. דער וועג פונעם דיכטער (וועגן פעפערס בוך „לידער, באלאדעס, פאָעמעס") 145
אָפּקלאנגען. רעפּליקעס. מיינונגען 149
פרעמיערעס אין לאָקאל פון רעדאקציע 152
אַנשטאָט קאָמענטארן פון רעדאקציע 153
פ. אראָנעס. טאלאנטפולע ייִדישע שוישפּילערנס . . . 153
בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען 154
די ייִדישע פרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן 155
פארשיידנס 156
כראָניק 127, 151, 152
נאָטיצן אפן קאלענדאר 158
מוישע שאפּיראָ. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראך 159

הויפּט־רעדאקטאָר
א. ווערגעליס.
רעדקאָלעגיע:
ה. אַשעראַוויטש,
אי. באַרוכאַוויטש,
א. גאַנטאר, נאַטע לוריע,
מ. לעוו (פאראנטוו. סעקרעטאר),
ב. מילער, י. פאליקמאַן,
ס. פרײַ, י. ראבין, ר. רובין.

נויעך לוריע

אַן אײנציקע טאָכטער

1

האָרעוואַניע האָט זיך מיט דעם מענטשן געפּאָרט, ווי עס פּאָרט זיך מיטן ביטיוג די מאַסע, וואָס ער שלעפּט. אַ העלהאָריקער, מיט אַ גרויסבאַקיק פּאָנעם, גערויטלט, ווי אַן איבערגעצײַטיקטער קאַוון, מיט גרויסע הענט, אײנגאַנצן אַ מאַסיוו־גרויסער, מיט טמימעסדיקע וואַרעמע אויגן, איז ער בײַ גאָר זײַן האַמעטנע־קײַט געווען אַ זעלטן שטילער מענטש. מיט־אַרבעטער האָבן אים געשעצט פאַר זײַן טעווע ניט מאַכן קײן ראַש, טאָמער איז אויף זײַן כײלעק אויסגעפאַלן אַ ביסל מער אַרבעט, ווי אויף אַן אַנדערן. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ שווערגע־וויכטיקער אַטלעט, נאָר געווען איז ער סאַכאַקל אַן אָנגעשטעלטער אין אַ סקלאַד פון בוי־מאַ־טעריאַלן. ער האָט אַקוראַט אַרײַנגעטראָגן זײַנע אָפּצאָלן אין פּראָפאַרײַן. אויף פאַרזאַמלונגען האָט ער אָפט אונטערגעדרעמלט און אין צײַטונגען אַרײַנגעקוקט צופעליק. די וועלט־פּאָליטיק איז אים קנאַפּ אָנגעגאַנגען. די גרויסע נײַסן אין לאַנד האָט ער אויפגענומען מיט דער רויִקײַט, אַז מיסטאַמע האָבן קליגערע און געניטערע פון אים דעם איניען גוט באַטראַכט און ווייסן, וואָס זיי טוען.

אין די צוואַנציקער יאָרן האָט ער אַריבער־געוואַנדערט פון אוקראַיִנע קײן מאָסקווע, און נאָך אַלע שטורעמס פון דער צײַט פאַרבליבן דער זעלבער קלײנשטעטלדיקער ייִד, וואָס ער איז געווען. זײַן לעבן איז געווען די שטוב, אַ געוויינלעכע שטוב אין אַ קאָמונאַלער דירע אויף אײנעם פון די געסלעך אַרום מאַראָסײקע, קײן שום פאַרווײַלונגען האָבן אים ניט געקאָנט פאַרשאַפן אַזאַ טיפע און גאַנצע באַפרידיקונג, ווי אַ פרײַער אָוונט בײַ זיך אין שטוב מיט ווײַב און קינד.

זײַנע צוויי צימערלעך, זײַן קלײנע מישפּאָ־כע — ס'איז געווען זײַן הימל און ערד, זײַן וועלט. אַלץ אויף יענער זײַט פון זײַנע ווענט — די אײַנוווינער פון דער פילבאַפעלקערטער דירע, די גרויסע שטאָט מיט איר באַוועגונג און רויש — איז פאַר אים געווען, ווי אַ יאַם, וואָס לעבט זײַן לעבן און לאָזט זיך הערן פון מאָל צו מאָל מיט אָפּקלאַנגען פון אַלערלײ געשעע־נישן, נאָר אים, גריגאָרי סאַמוילאָוויטש קושניר, ווי ער האָט איצט אויף זײַן שטעלע געהײסן, גײט עס ווייניק אָן, קאָלזמאַן די וואַסערן טרעטן ניט אַריבער דעם ברעג. די זון איז פאַר אים געווען אַ זון, ווען זי האָט אַרײַנגעשטײַגט אין זײַן פענצטערל, מאָלנדיק ליכטיקע פּאַסן אויף זײַן פּאָדלאָגע און אויף זײַן טאָכטערס געלעגער. ווינטער איז געווען ווינטער, ווען זײַן שטאַרק אָנגעהייצט אײוועלע האָט פאַרשפּרייט אין שטוב אַ גוטע וואַרעמקײַט אַפּצולאָכעס די בײזע ווינטן און די פרעסט. דער גאַנצער אינדרויסן איז געשוווּמען פאַרבײַ אים, ווי די וואָלקנס אין דער הייך איבערן קאָפּ. ווער האָט צײַט אויף זיי צו קוקן?

אַז קושניר האָט זיך אײַנגעהאַנדלט אַ ראַדיאָ־אויפנעמער, האָט ער שוין טאַקע מער גאָרניט באַדאַרפט. „איך האָב עס אַלץ אין שטוב״, — איז געווען זײַן ענטפער, טאָמער האָט עמעצער אים פירגעהאַלטן, פאַרוואָס ער גײט קײנמאָל ניט אין קינאָ אָדער אין טעאַטער. מער פון אַלץ האָט ער געהאַט גוסט פאַר פידל, און נאָך מער פאַר וויאָלאָנטשעל. אַ גרויסער, אַ שווערלײַבי־קער, הערט ער שווײַגנדיק, עטעמט טיף, און די פולע טונקעלע אויגן גלִיִען אים פון פײַכטקײַט.

פון דעם שרײַבערס ליטעראַרישער יערושע.

נעענטער פון אַלץ אין דער וועלט איז אים געווען אַלטעלע, זײַן אײנציקע טאָכטער. אָן אײנציקע און אַ ציטעריקע, נאָך דעם ווי צוויי עלטערע קינדער זײַנען געשטאָרבן. דעם קאָנווערט מיט אירע פאָטאָגראַפיעס האָט ער געטראָגן אין בוזעם־קעשענע, ער זאָל אים שטענדיק פילן באַם האַרצן. אויף דער קעלט איז אים דערפון געווען וואַרעם, אין דער פינצטער האָט עס אים געלויכטן. וואָס האָט אים געקאָנט צו שווער זײַן אָדער וואָס האָט אים געקאָנט אופרעגן צי ערגערן, אויב אַלטעלע איז שטענדיק און אומעטום געווען מיט אים? נאָר, פאַרשטייט זיך, זײַנע בעסטע שאָען זײַנען געווען, ווען ער האָט זי געזען פאַר די אויגן. איר יעדער קער און ווענד האָט אים געפרייט, איטלעכס וואָרט האָט אים אויסגעוויזן וווּנדערלעך. פון אירע קלענסטע יאָרן האָט ער זיך געייסעקט מיט אַלטעלען מער ווי די מוטער. ער האָט זעלטן ווען זיך אומגעקערט פון גאַס אָן אַ מאַטאָנע: עפּעס אַ שפּילכל אָדער אַ ביכל מיט געמעלן — ווען זי איז נאָך געווען גאָר קליין; אַן אויסגענייט בײַטעלע, אַ שירעמל מיט קוויי־טעלעך, אַ בײַטשל וואָלוועלע קאָרעלן — ווען זי איז גרעסער געוואָרן. זײַן שטאָלץ איז געווען, מענטשן אין גאַס זאָלן זיך אומקוקן אויף זײַן אַלטעלען, ווען ער פּלעגט אין אַ פרײַען טאָג מיט איר שפּאַצירן, זי זאָל אומעטום, אין הויף, אין שול שײַנען, ווי אַ בלום.

וווּנדערלעכער ווי אַלץ איז געווען, וואָס די באַסיעכידע, וויפל מע האָט זי ניט געקעכלט און געצערטלט, האָט זיך געשניטן אויף אַ באַשיידן קינד: גוט זיך געלערנט, געטיילט מיט די כאַווערטעס יעדן ביסן, וואָס מע האָט איר מיטגעגעבן. ווען די מוטער איז דערפון געווירע געוואָרן, האָט זי געפּרוּווט געבן אַלטעלען צו פאַרשטיין, אַז מע גיט איר ניט קיין איבעריקס, און דאָס, וואָס מע גיט, דאַרף זי אופעסן אַליין, דערהויפּט די זיסע זאַכן, וואָס זײַנען אַזוי וויכטיק פאַרן געזונט, ווײַל זי האַלט אין סאַמע וואַקסן. האָט אַלטעלע ניט דערווידערט, ליב געשמייכלט און אירס געטראַכט. און דער טאַטע האָט אָנגעקוואָלן: „ס'איז דען אַ געוויינלעך קינד, ס'איז אַ מאַלעך".

ווי ליב און שטיל די קליינע האָט ניט אויסגעזען, האָט זי שוין אָבער אין זיך, ווײַזט אויס, אָפּגעשפּאָרט אַ היפּש ביסל טקיפעס. טאָמער איז אַ כאַווערטע אַרײַנגעקומען צוגאַסט, האָט אַלטעלע ברייט צעעפנט אַלע טירלעך פון עם בופעט, אַרויסגענומען בולקע, פּוטער, האָניק, אײַנגעמאַכטס, אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געפונען אויף די פּאָליצעס, און געשטעלט אויפן טיש. די מוטער קוועטשט מיט די אַקסלען, רעדט מיט די אויגן, דריקט אויס אויפן פּנים פאַרוווּנדערונג און פאַרגעצייכנס, נאָר זעלטן ווען זי שטעלט זיך אײַן צו זאָגן אַלטעלען אַ וואָרט. אַלטעלע, אַז זי פלעגט באַרויגעז ווערן, פלעגט זי פאַרײַסן דאָס נעזל, אונטערהייבן די ברעמען און מאַכן מיט די ליפּעלעך אַ שטאָלץ־באַליידיקטע האַווײַע, איז עס געווען גענוג, מע זאָל זי לאָזן צורו, צו טרערן האָט זי פאַרשפּאָרט אָנקומען.

ביז אַ צײַט איז זי געווען אַן אָקטיאַבערל, שפּעטער אַ פּיאָנערקע. סײַ אין דער פּיאָנערן־מאַכנע, סײַ אין קלאַס האָט זי געטראָגן אויף זיך העכסט וויכטיקע אָנלאָדונגען. שטענדיק אי ביז גאָר פאַרנומען, אי רויִק, ווי קימאַט פרײַ, אי קאָנטעט מיט זיך און מיט דעם, וואָס זי טוט, אי אַ ביסעלע פאַרטרוימט, אין די אויגן — אַ שמייכל, און אונטערן הויכינקן גלאַטן קינדערשן שטערן — אַ באַוועגונג פון געדאַנק. צי האָט זי געגרייט די לימודים, צי רעפּעטירט אַ טאַנץ צום שול־יאָמטעוו, אַ ביכל געלייענט, אָדער געמאַכט געמעלן פאַר דער וואַנטצײַטונג, — שטענדיק האָט זי זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון אַ מין שטילער, לוסטיקער באַגײַסטערונג.

דער פאָטער, אַז ער איז געווען דערבײַ, איז ער געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער אָדער געזעסן אין אַ זײַט און געשוויגן, ניט געעטעמט, געקליבן נאַכעס פון יעדער באַוועגונג אַלטעלעס, פון יעדער מינע אירער. ערשט שפּעטער, באַנאַכט, ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפן און איז געבליבן אַליין מיטן ווײַב, פלעגט ער אַמאָל עפּעס אַ זאָג טאָן:

— האָסט זיך צו איר צוגעקוקט? זי לויכט זיך, ווי אַ שטערן לויכט זי זיך.

ס'איז אייגנטלעך גאָרנישט ניט געשען: אַלטעלע איז אויסגעוואַקסן, נאָר ווי גוואַלדיק אַלץ האָט זיך געענדערט! ס'האָט זיך אָנגעהויבן דערפון, וואָס זי האָט פאַרלאָרן דעם גוסט צו די געקווייטלטע שירעמלעך און פאַרביקע שיכעלעך, אין וועלכע דער פאָטער האָט זי ליב געהאַט צו פּוצן, און עפּשער האָט זיך עס אָנגעהויבן פון עפּעס אַנדערש, וואָס מע האָט עס אַפילע ניט באַמערקט. זי האָט זיך אַלץ אָפטער אָפּגעזאָגט פון די שפּאַציר־גענג צוזאַמען אויף דער גאַס, וועלכע האָבן דעם פאָטער פריִער פאַרשאַפט אַזויפיל שטאָלץ און פאַרגעניגן. ביסלעכווײַז איז עס דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט זי בעשום־אויפן ניט געקאָנט אײַנבעטן שענקען אים אַ גוטע שאָ. ווינטער האָט זי איר פרײַע צײַט אָפּגעגעבן די ליזשעס און די גליטשערס. זומער — ליב געהאַט פאַרברענגען אויפן טײַך. אַלץ, צו וואָס זי האָט זיך גענומען אין שול, אין ספּאָרט־קרײַזל צי אין קאָמיוג, האָט זי אויסגעפילט, שטענדיק איז זי געווען אַרומגערינגלט מיט אַ טשאַטע כאַווערטעס. צופעליק באַגעגנט זי דעם פאָטער, לויפט אָן אויף אים, ווי אַ ווינט, טוט אַ נעם אַרום זײַן

האַלדז, בלײַבט אַזוי הענגען אַ רעגע, כאַפּנדיק די ערד מיט די שפּיץ פֿינגער, און יאָגט אַוועק ערגעץ ווײַטער.

„אַ שיינע באַסיעכידע, ניטאָ וואָס צו זאָגן, געזונט זאָל זי זײַן“, — האָט קושניר געטראַכט וועגן דער טאָכטער מיט ליבשאַפֿט און פֿאַרדראָס.

זי איז אַ סטודענטקע געוואָרן. באָכערים האָבן אָנגעהויבן צו איר אַרײַנגיין. זי האָט זיך מיט זיי געשאַפּט, ווי אַן אַטאַמאַן. קושניר האָט אין זיך געשמייכלט פֿון נאַכעס, צוקוקנדיק אירע גענג.

מיטאַמאָל זײַנען די עלטערן געוווירע געוואָרן, אַז אַלטעלע שפּרינגט מיט אַ פּאַראַשוט. זיי האָבן זיך שיר געעקט פֿאַר שרעק.

— גלייבט מיר, ס׳איז גאָרניט שרעקלעך, — האָט זי זיי באַרויִקט, — אָט זעט איר דאָך. איך בין געפֿלויגן און געשפּרונגען ניט איין מאָל און שטיי פֿאַר אײַך גאַנץ און געזונט.

— און מיר, טאַטע־מאַמע, ווו זײַנען אונדזערע נעשאָמעס, בייס דו פֿליסט, וועגן דעם האָסטו געטראַכט?

— איך בין ניט די איינציקע, מאַמינקע, טויזנטער טוען עס.

— בא אונדז אָבער ביסטו די איינציקע.

קושניר האָט נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו דעם ווײַבס רייד. געזען, אַז ס׳וועט ניט העלפֿן. אין האַרצן האָט ער זיך אַפֿילע איבערגענומען מיט דער טאָכטערס באַשלוס. אַזאַ, ווי אַלטעלע, דאַרף טאַקע פֿליִען אין די הימלען. דאָס פּאַסט איר. ס׳איז דען אַ געוויינלעך קינד? גאָט זאָל זי נאָר באַהיטן פֿון אַן אומגליק.

אָט אַזוי האָט אַלטעלע וואָס אַ יאָר זיך אָפּגערוקט אַלץ ווײַטער פֿון דער שטוב. און וואָס מער זי האָט זיך דערווײַטערט, אַלץ שענער און שײַנענדיקער האָט זי דעם פֿאָטער אויסגעוויזן, כאָטש זײַן נאַכעס איז שוין איצט געווען שטאַרק אויסגעמישט מיט אומרו און ווייטעק.

גריגאָרי סאַמוילאָוויטש קושניר האָט אָנגעהויבן אָפֿטער קוקן צו דער הייך, אַ זאַך, וואָס איז ביז אַהער קיינמאָל ניט געווען אין זײַן טעווע. מאַשינעס פֿליִען דאָרטן, קוליען זיך, זינקען און שטײַגן ווידער אויף, בלאַנקען אויף דער זון, אַז סע בלענדט די אויגן, באָדן זיך אין דער הימלשער בלויקײַט — וואָס זײַנען זיי אים אָנגעגאַנגען? ניט מער, ווי די פֿויגלען, וואָס האָבן אינדערלופֿטן, יאָגן אַמאָל דורך טשאַטעסווײַז מיט אַ געפּילדער. פֿאַרײַסן צו זיי דעם קאָפּ — ס׳איז אַן אײַסעק פֿאַר לײדיקגייער. איצט האָט זיך פֿאַר אים דאָרט אויבן געעפֿנט אַ גרויסע, לעבעדיקע וועלט. אַלטעלע ווערט פֿאַרפֿאַלן אויף גאַנצע טעג און אָוונטן. ווער ווייסט, צי ניט איר מאַשין האָט זיך עס דורכגעטראָגן איבער אים מיט אַזאַ ראַש, צי ניט אירע גרינע און רויטע

פֿײַערלעך האָבן עס צו אים געווונקען פֿון אונטער די באַנאַכטיקע וואָלקנס. ער באַמיט זיך צו זײַן רויִק; ער האָט מוירע פֿאַר שרעק. זײַן שרעק קאָן איר, כאָלילע, שאַטן, דוכט זיך אים. אָפּגערוקט אויף אַ מעהאַלעך, זי זאָל אים ניט באַמערקן, באַגלייט ער זי אין די הימלען, ביז ער זעט זי ניט בעשאָלעם אַראָפּגענידערט אויף דער ערד.

ווי טיף דער גאַנצער לעבנשטייגער האָט זיך ניט געענדערט, נאָר אַז אַלטעלע איז אַ סטודענטקע געוואָרן, האָט דאָרע אָנגעהויבן זאַמלען פֿאַר איר נאַדאַן: לײַלעכער, ציכן, העמדער, שפּיצן און נאָך אַזעלכע זאַכן. ס׳האָט זיך איר זייער געוואָלט, די טאָכטער זאָל עס אָנקוקן און אָפּשאַצן איר זאָרג און איר געשמאַק. נאָר זי האָט זיך אַלץ ניט געקאָנט אײַנשטעלן רייד וועגן דעם, אַלץ ניט געקאָנט געפֿינען די ריכטיקע מינוט פֿאַר אַזאַ שמועס.

— אָט, — האָט זי איינמאָל בא אַ געלעגנהײַט דאָך ניט אויסגעהאַלטן און געעפֿנט פֿאַר דער טאָכטער דעם שטרענג פֿאַרשלאָסענעם שופֿלאָד, — אָט דאָס איז דײַנס.

— מײַנס? — האָט אַלטעלע זיך געכידעשט. — אַזאַ פּאַק? צו וואָס?

— יאָ, טאָכטער, דײַנס. דײַן נאַדאַן, ווען דו וועסט, אימירצעהאַשעם, כאַסענע האָבן.

אַלטעלע האָט זיך פֿריילעך צעלאַכט. נאָר, ווײַזט אויס, עפּעס איבערגעקלערט און זיך צעבייזערט:

— איך זאָל מער די שמאַטעס ניט זען. טו מיט זיי, וואָס דו ווילסט.

אָט דאָס וואָרט האָט דאָרען באַליידיקט מער פֿון אַלץ. זי האָט אַזוי פֿיל מי געלייגט, ביז זי האָט די זאַכן פֿאַרשאַפֿט. אַלטעלע האָט באַלד גענומען איבערבעטן די מוטער, זיך פֿאַרענטפֿערן, אַז זי האָט קיין שלעכטס ניט געמיינט.

— ניט קיין שמאַטעס, דאָס האָט זיך בא מיר אַרויסגעכאַפּט ניט ווילנדיק. אויסגעצייכנטע, וווּנדערלעכע זאַכן. נאָר צו וואָס דאַרף איך זיי?

באַנאַכט האָט זיך דאָרע באַקלאָגט פֿאַרן מאַן:

— זי דאַרף אונדז שוין ניט. מיר זײַנען איבעריקע.

ער האָט צוגעבאָמקעט, ווי זײַן שטייגער, נאָכדעם לאַנג ניט געקאָנט אײַנשלאָפֿן, ניט געקאָנט געפֿינען קיין באַקוועמע לאַגע פֿאַר זײַן גרויסן קערפּער. ער האָט זיך אַלץ דערמאָנט, ווי אַלטעלע איז געווען אַ קליינינקע און ער האָט זי געפֿירט פֿאַר אַ האַנט. „אַוועק יענע צײַט, אַוועק און וועט זיך ניט אומקערן, — האָט ער געטראַכט מיט ווײ. — נאָר זי איז אַ בריליאַנט סײַוויסײַ, אַ ריינער בריליאַנט“...

2

ס'איז געשען אזוי, ווי אין א סאך הײַזער, און דאָך א ביסל אנדערש.

אלטעלע איז אוועק אפן פראָנט. דאָרע האָט געטײַנעט:

— ווו איז עס געהערט געוואָרן? א מיידל, אן איינציקע טאָכטער.

— מע דארף, מאמינקע, — האָט אלטעלע געענטפערט קורץ.

קושניר האָט פײַנט געהאט איבעריקע רייד. סײַוויסײַ וועלן זיי ניט העלפן.

אזא איז זי שוין פארבליבן אין זײַן זיקאָרן, ווי אין יענעם געזעגן־טאָג: א צארט־שמייכלענדיקע און א הארטינקע, „א דימענט, כאָטש שנײַד מיט איר גלאָז", ווי די מוטער פלעגט וועגן אלטעלען זאָגן. אָנגעטאָן אינעם כאקיבלוזקעלע, איז זי געשטאנען עטוואָס אופגערודערט, דאָך יוגנטלעך־גלייביק און מונטער, גרייט פארלאָזן די ווארעמע מיט פוך געבעטע נעסט און אוועק אין ווינט, אין רעגן, אין נאכט און וואלד, אין פײַער און ערד־טרייסלעניש. „מע דארף", — האָט זי געזאָגט שטרענג און איז אוועק אָן איין טרער.

אלטעלע איז אוועק אף מײַרעוו, און טאטעמאמע אף מיזרעך. גלײַך פונעם עשעלאָן האָט קושניר אָפּגעפירט דאָס ווײַב אין שפּיטאָל, פון דאָרטן איז זי שוין ניט ארויס.

איצט איז ער געבליבן אליין, אין א פרעמדער שטאָט, ניט וויסנדיק, וווהין צוטוליען זײַנע הענט און פיס, זײַן ווארעם הארץ. מער פון אלץ האָט אים אין יענע טעג געצויגן אין דרויסן, צו דער ראדיאָ, שאָענווײַז האָט ער געקאָנט שטיין אפן פלאץ פארן רעפּראָדוקטאָר אין הארבסטיקן אומוועטער, ניט באמערקנדיק ארום זיך קיינעם. ווען מע טוט אים א פרעג, וואָס האָט ער געהערט, וואָלט ער ניט אלעמאָל געוווּסט, וואָס צו ענטפערן, נעמען פון מענטשן און ערטער, רעדעס, געזאנגען האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער באוועגונג פון זײַנע מאכשאָוועס און געפילן, און אלץ אינײנעם איז געגאנגען דורך אים, ווי א טײַך. ערגעץ אין שטורעם האָט אלטעלע געעטעמט. א פארשפּעטיקטער צייכן דערפון איז געווען א בריוול מיט עטלעכע שורעס, א נומער פון א פעלד־פּאָטשט. דורך די טויזנטער וויאָרסטן, וואָס האָבן זיי אָפּגעטיילט, האָט ער געוואָלט דערזען זײַן טאָכטער. וואָלקנס האָבן זיך אים פאָרגעשטעלט, קנוילן פלאם און רויך, אלטעלעס פּאָנעם איז פון מאָל צו מאָל ארויסגעשווומען אף א רעגע און ווידער ניט געוואָרן. באנאכט אפן געלעגער איז פאר זײַנע אויגן בוילעט־קלאָר, ווי אָנגעמאָלט, אופגעשטאנען א שליאך מיט א וועלדל בא איין זײַט, א קליינער בארג־אראָפּ, א צעשאָקלט בריקל איבער א ריטשקע, א שטעטלשע גאס — ער האָט זי דערקענט: אף דער גאס איז זײַן קינדהײַט פארלאָפן. פופצן יאָר צוריק איז ער פון יענעם שטעטעלע אוועק. איצט באלעבאטעווען דאָרטן די פײַנט. ער האָט געוויינט. די באקן זײַנען אים נאס געוואָרן. אזוי איז ער אײַנגעשלאָפן.

אינדערפרי האָט ער זיך ארומגעגאָלט, אָנגעטאָן א פריש אויבערהעמדל און איז ארויס אין גאס. דאָס מאָל האָט ער געוווּסט, וווהין ער גייט.

קושניר האָט שוין פריִער ניט איין מאָל געטראכט וועגן דעם, צי זאָל ער ניט אָנקומען אף א זאוואָד. ער האָט געהאט א באגריף אין שלאָסערײַ, אין עלעקטראָמאָנטאזשנע ארבעטן, און בא זיך אין שטוב אָדער אפן סקלאד געווייגלעך אליין צורעכט געמאכט פארשיידענע קלייניקײַטן, טאָמער איז אויסגעקומען.

אָט אזוי האָט גריגאָרי סאמוילאָוויטש קושניר אפן פיר־און־פופציקסטן יאָר פון זײַן לעבן אָנגעהויבן פון אלעף. אין זייער א לאנגן צעך, א פארנומענעם מיט פארשיידענערליי ווערקשטעלן, ערגעץ אין א מיט, ווו מע האָט אים ארײַנגעפירט און איבערגעלאָזט, איז ער געשטאנען און געווארט, מע זאָל אים ווײַזן זײַן אָרט און וואָס ער האָט צו טאָן. ס'איז אים ניט אויסגעקומען א סאך צו ווארטן. א קורץ שארף־אויגיק מענטשל איז צוגעגאנגען און אָן איבעריקע האקדאָמעס גענומען אים לערנען: דאָס איז אזא און אזא ווערקשטעל, אף אים מאכט מען די און די אָפּעראציעס. אָט אזוי נעמט מען אין דער האנט די דעטאל. אָט אזוי שטעלט מען זי אײַן, אָט די קנאָפּקע טוט מען א קוועטש, אָט דאָס הענטל טוט מען א רוק. קושניר האָט שילעריש פאָרכטיק געקוקט דעם מײַסטער אין מויל, געשלונגען זײַנע ווערטער, דערנאָך, אָנגעבויגן דעם מאסיוון העלהאָריקן קאָפּ, מיט גרויס פלײַס גענומען אויספירן, וואָס מע האָט געהייסן, און זיך געפרייט, ווי א קינד, ווען ער האָט דערזען, אז דער איניען, ווײַזט אויס, וועט גיין.

די ארבעט האָט אים געגעבן די אינווייניקסטערו, אין וועלכער ער האָט זיך גענייטיקט. אינדערפרי פלעגט ער קומען איינער פון די ערשטע און פארנאכט דער לעצטער אוועקגיין. א גאנצן טאָג האָט ער, ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ, געטאָן זײַן זאך. אין דער גאָרקיך שטיל אָפּגעגעסן, וואָס מע האָט דערלאנגט, אין די פרײַע מינוטן — שטיל געזעסן אָדער געשטאנען ערגעץ אין א זײַט, ער זאָל קיינעם ניט שטערן, און פאר זיך עפּעס געטראכט.

ער האָט שוין פארענדיקט זײַנע שילער־וואָכן, מע האָט אים געהעכערט דעם געהאלט, האָט ער אָנגעשריבן וועגן דעם צו אלטעלען און אומגעריכט גיך באקומען פון איר אן ענטפער. ער האָט זייער גוט געטאָן, האָט זי געשריבן, און זי האָט

אים ליב דערפֿאַר, און זאָל ער זיך ניט נעמען צום הארצן, וואָס ער הייבט אָן קליין. זי קען זײַנע גאָלדענע הענט און גלייבט, אַז ער וועט מיט דער צײַט פֿאַרנעמען אַן אָרט צווישן די בעסטע מײַסטערס. און נאָך האָט זי אים געשריבן, אַז זי שטעלט זיך פֿאָר, ווי שווער און איינזאַם ס'איז אים אָן דער מאַמען. נאָר זי בעט אים האַרציק ניט אַרײַנפֿאַלן אין מאָרעשכוירע. אין אַזאַ צײַט מוז מען זײַן שטאַרק. אָט וועט זי זיך אומקערן נאָכן זיג אַהיים, וועלן זיי ווידער וווינען צוזאַמען, און זי וועט מיט איר טײַערן טאַטינקען אָפֿט גיין שפּאַצירן איבער מאָסקווע, ווי אין יענע יאָרן, ווען ער האָט זי געפֿירט פֿאַר א האַנט. אַזוי האָט זי געשריבן, דערבײַ נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט, ווי ליב זי האָט אים, ווי צופֿרידן זי איז מיט זײַן אָנקומען אָפֿן זאַוואָד, ווי נאָענט ער איז איר באַזונדערס איצט.

ער איז געגאַנגען, ווי שטענדיק, עטוואָס אָנגעבויגן דעם קאָפּ, פֿאַרזונקען אין זײַנע מאַכשאָוועס. אין דער בוזעם־קעשענע, אינעם קאָנווערט מיט די פֿאָטאָגראַפֿיעס, איז געלעגן אַלטעלעס בריוו, וואָס ער האָט דעם אינדערפֿרי באַקומען. אין דרויסן איז געווען גרויסער ווינטער, שניי אויף דער גאַס, אויף די דעכער, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ס'שײַנט די פֿרילינגדיקע זון, און ער הערט פֿויגל־געזאַנג. בא דער אַרבעט האָט ער עטלעכע מאָל אויפֿגעהויבן די אויגן און געקוקט צום צעך. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וויל זיך מיט עפּעס טיילן און דערמאָנט זיך מיט א פֿאַרשפּעטיקונג, אַז ס'איז ניט דאָס אָרט און ניט די צײַט דערצו.

א גאַנץ לעבן האָט קושניר געקוקט פֿאַר די פּיס, מענטשן און זאַכן באַמערקט ניט פֿריִער, אײידער זיי האָבן זיך אים געשטעלט אין וועג אָדער אויף עפּעס אַן אַנדער אויפֿן צוגעטראָטן האַרט צום לײַב. אַפֿילע איצט, נאָך אַזויפֿיל ענדערונגען, ווען זײַנע מאַכשאָוועס זײַנען שוין אָפֿט פֿאַרפֿליוגן זייער ווײַט, האָט ער די מענטשן, מיט וועלכע ער איז טאָג נאָך טאָג געקומען און אַוועקגעגאַנגען, צוזאַמען געשטאַנען בא דער אַרבעט, ניט אונטערגעשיידט פֿון די אָנצאָליקע פּענעמער, וואָס האָבן זיך אים באַגעגנט אין גאַס. הײַנט איז געשען א נײַס. ער האָט זיך פֿאַרקוקט ווײַטער ווי געוויינלעך און דערבײַ געמאַכט אַן אַנטדעקונג, וואָס האָט אים זייער פֿאַרכידעשט און באַוועגט ווידער און ווידער די אויגן אויפֿצוהייבן.

בא די ווערקשטעלן, באַם גרעסטן טייל פֿון זיי, זײַנען געשטאַנען זעכצן־זיבעצניאָריקע מיידלעך און ייִנגלעך, אויך נײַיִנקע, ווײַזט אויס, אַזוי ווי ער, ערשט אין דער מילכאָמע־צײַט אַרײַנגעצויגן אין דער אַרבעט פֿון זאַוואָד. פֿריִער האָט ער זיי געזען און ניט געזען, ווי זיי וואָלטן צו

אים קיין שײַכעס ניט געהאַט. און אָט די אַנטדעקונג איצט האָט אים עטוואָס אַפֿילע צערודערט, אַרויסגערופֿן אַ שעמעוודיקײַט, וואָס ער געפֿינט זיך מיט „קינדער" אויף איין מאַדרייגע, אַ מין צופֿרידנקײַט דערפֿון, א ליכטיקײַט אין האַרצן.

די כאַווערשאַפֿט האָט זיך אָנגעהויבן פֿון א קלייניקײַט. איינמאָל, מיטיק־צײַט, האָט עמעצער פֿון די ייִנגלעך, האַלטנדיק א פּאַפּיראָס אין מויל, א פֿרעג געטאָן בא קושנירן, עפּשער קאָן מען בא אים קריגן פֿײַער, און קושניר האָט געמוזט אָפּזאָגן, ווײַל ער האָט ניט גערייכערט. ווי זשע גרויס איז געווען די פֿאַרוווּנדערונג, ווען אין א פּאָר טעג אַרום איז אָט דער עלטערער שווײַגנדיקער אַרבעטער, וואָס האָט זיך געוויינלעך געהאַלטן אַזוי אָפּגעזונדערט, צוגעגאַנגען צום באָכערל און עטוואָס שעמעוודיק אים דערלאַנגט א גלאַנציק פֿײַן אויסגעאַרבעט צינדערל.

— נאַ... נעם.

כעוורע, שטילע באָכערימלעך, מיידלעך, וואָס האָבן געהאַט ברידער און כאַסאַנים אויפֿן פֿראָנט, האָבן אָנגעהויבן זיך טוליען צום „דיאַדיע גרישען", ווי זיי האָבן איצט גערופֿן קושנירן. אין די אָפּרו־מינוטן האָט מען קימאַט שטענדיק געקאָנט זען שטיין לעבן אים צוויי, דרײַ פֿונעם יונגוואַרג. ער האָט גאָרניט געפֿאָדערט, מיט קיינעם זיך ניט געשאַפֿט, קיינעם קיין מוסער ניט געזאָגט. לעבן אים איז מען געשטאַנען, ווי מע שטייט ווינטער בא א וואַרעמען אויוון. ער האָט זיך ביסלעכווײַז צוגעוווינט צו דער געזעלשאַפֿט, און ס'פֿלעגט אים שוין זײַן אומעטיק, טאָמער איז ער אַמאָל געבליבן אַליין.

קושניר האָט איצט זעלטן ווען געהאַט פֿרײַע טעג, און זיי זײַנען אים געווען איבעריק. די וווינונג אין דער פֿרעמדער שטוב האָט אים ניט געצויגן, די ליידיקע צײַט האָט ער ניט געוווּסט, וווּ אַהינצוטאָן. דער זאַוואָד איז געווען זײַן היים. ער האָט געאַרבעט ניט באַזונדערס גיך, נאָר אָן בראַק און אָן איבערשלאָגן. קיין מינוט ניט צעריבן אומזיסט, די נאָרמע איבערגעשטיגן צוביסלעך, אַקשאָנעסדיק אײַנגעהאַלטן דעם צוּוווּקס און מיט יעדן כוידעש אים פֿאַרגרעסערט. דער זאַוואָד האָט אויסגעאַרבעט א וויכטיקן אַרטיקל פֿאַרן פֿראָנט. גריגאָרי קושניר האָט עס געוווּסט, פֿאַרשטייט זיך, באַלד ווי ער איז אָנגעקומען, נאָר ערשט איצט, ווען ער האָט פֿון טאָג צו טאָג אַרײַנגעלייגט אין דעם פּראָדוקט א ביילעק, האָט ער באַנומען זײַן באַטײַט אויף אַן עמעס, אַזוי ווי פֿאַר אים האָט געהייסן באַנעמען א זאַך: מיט די קושים, מיט די אייוורים, מיט דער וואַרעמקײַט פֿונעם האַרצן. איטלעך טיילכל, וואָס ער האָט פֿון דער האַנט אַרויסגעלאָזט, איז געווען א וואָרט, א שורע

צו אַלטעלען, און אַלע צוזאַמען — אַ קעסיי־דערדיקע באַוועגונג, אַ קייטעלע צו איר, אַ שמועס מיט איר. געשריבן האָט ער שווער, אין זײַנע בריוועלעך קיינמאָל ניט געקאָנט זאָגן, וואָס ער האָט געהאַט אין געדאַנק. דורך דער אַרבעט האָט ער מיט אַלטעלען גערעדט וואָס און ווען און וויפֿל אים האָט זיך געגלוסט.

ס'האָט זיך געמאַכט, מע האָט געדאַרפֿט דרינגענדיק אויספֿירן אַ ספּעציעלע אויפֿגאַבע און צוליב דעם אַ מעסלעס נאָכאַנאַנד בלײַבן אין צעך. ס'איז פֿאַרגעקומען אין אַ שווערער צײַט פֿאַר קושנירן. פֿון אַלטעלען זײַנען שוין לאַנג ניט געווען קיין בריוו. זײַן און אַלעמענס ניט שלאָפֿן די נאַכט האָט ער אָף עפּעס אָן אויפֿן אינערלעך פֿאַרבונדן מיט איר שווײַגן, מיטן שרעקלעכן געראַנגל אָף לעבן און טויט, וואָס ער האָט דורכן שווײַגן פֿאַרנומען. אין יענער וואָך־נאַכט איז ער געווען מיט איר. דער גאַנצער רוים ביז צו יענע פֿאַרשנייטע פֿעלדער, ווו דער געראַנגל איז געגאַנגען, האָט זיך אים געמאָלט פֿאַרפֿולט מיט פֿײַער און בראַנד, ער האָט געזען די מילכאָמע און אַלטעלען אין דער מיט, און זיך מיט איר איניינעם. וואָס לענגער די דאָזיקע אומגעוויינלעכע וואַכטע האָט געדוי־ערט, אַלץ גרעסערע קויכעס זײַנען קושנירן פֿון ערגעץ צוגעקומען. מיט פֿאַרוווּנדערונג האָט ער באַמערקט אָט דעם צופֿלוס, וואָס איז קעסיי־דער געשטיגן, פּונקט ווי אין די לײַב־טיפֿענישן זײַנע האָבן זיך געעפֿנט פֿאַרכאַסמעטע קוואַלן, פֿון וועלכע ער האָט אַליין ניט געוווּסט. אין יענער נאַכט האָט ער געקעמפֿט פֿאַר זײַן טאָכטערס לעבן און האָט געזיגט.

3

— פֿון אַלאָטשקען ניטאָ קיין בריוו?

— ניטאָ.

אַלאָטשקע האָבן זיי אַלטעלען גערופֿן פֿאַר־צויגן, ווי זי וואָלט געווען אַ זייעריקע, אַ באַקאַנטע פֿון פֿריִער. ער ענטפֿערט קורץ און שטייט ווידער שטיל. דער קאָפּ — עטוואָס אָנגעבויגן, די פֿולע אויגן מיט די אויסדריקלעכע ווײַסלעכער — אָנגעגאָסן מיט צאַר, אַ נאָענטער און אַן אָפּגעזונדערטער.

דעם רעדל יונגוואַרג, וואָס האָט זיך אַרום אים געזאַמלט, איז געווען צום האַרצן סײַ זײַן נאָענטקייט, סײַ זײַן אָפּגעזונדערטקייט. זיי שמועסן צווישן זיך, ציִען אים זעלטן אַרײַן אין זייערע איניאָנים. נאָר זײַן שכיינעס איז זיי מיט עפּעס ליב און אַפֿילע נייטיק.

דעם בריוו האָט אים די באַלעבאָסטע דער־לאַנגט, באַלד ווי ער איז אַרײַן. קושניר האָט געכאַפּט אַ קוק אָפֿן אַדרעס, און ס'האָט זיך אים אין האַרצן אָפּגעריסן. די האַנטשריפֿט איז געווען ניט קיין קענטלעכע, כאָטש דערבײַ איז געווען דער נומער פֿון אַלטעלעס פֿעלד־פּאָטשט. ער האָט אויפֿגעשלאָסן די טיר פֿון זײַן צימער, געמאַכט שײַן, אָנגעטאָן די ברילן. נאָכאַמאָל אָנגעקוקט דעם אַדרעס און אַ צײַט ניט געקאָנט פֿויעלן בא זיך צו עפֿענען דעם קאָנווערט. אַ געליימטער פֿאַר שרעק, האָט ער געקוקט אָפֿן קאָנווערט און געבעטן זיך בא דעם איינציק־פֿאַרבליבענעם טראָפֿן אומבאַוווּסטקייט, געבעטן, ס'זאָל זײַן ניט דאָס, וואָס ער זעט שוין, אַז ס'איז.

ס'איז געווען דעם זעלבן אָוונט מיט אַ פּאָר שאָ שפּעטער. די טיר האָט זיך שטיל געעפֿנט, און איינע נאָך דער אַנדערער זײַנען אַרײַן צוויי מיידלעך. זיי זײַנען אַרײַן, אין פֿאַרלעגנהײַט געבליבן שטיין בא דער שוועל. קושניר איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ניט באַלד די אויגן אויפֿגעהויבן.

— זיצט, קינדער, — האָט ער ענדלעך אַ קויעך זיך אָנגעטאָן אויסצורײדן אַ וואָרט. — זיצט.

און ער האָט ווידער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. די מיידלעך האָבן זיך געזעצט, איטלעכע דאָרט, ווו ס'האָט זיך צופֿעליק געפֿונען אַ פּלאַץ. אַזוי זײַנען זיי געבליבן זיצן אין פֿאַרשיידענע ווינ־קלען, ווײַטלעך אָפּגערוקט פֿון דעם, צו וועמען זיי זײַנען געקומען. זיי האָבן געוואָרפֿן בליקן איינע צו דער אַנדערער, געקוקט אָפֿן אַלטן, ווי ער זיצט אײַנגעבויגן, און ניט געוווּסט, וואָס קאָנען זיי טאָן און וואָס האָבן זיי צו זאָגן.

— פּעטער גרישע, — האָט ענדלעך איינע זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט, — איך וועל אײַך אויסבעטן, און איר וועט זיך לייגן. מאָרגן גאַנצ־פֿרי דאַרף מען גיין צו דער אַרבעט.

— יאָ, יאָ, — האָט ער מאַסקים געווען.

זי האָט אַראָפּגענומען די אויבערדעק פּונעם געלעגער, אויפֿגעשלאָגן דעם קישן און אײַנגעג־לייגט אים צוקאָפּנס, אָפּגעבויגן אַ ברעג פֿון דער קאָלדרע. אַ ווײַלע זײַנען זיי ביידע געשטאַ־נען לעבן דעם אַלטן.

— מיר גייען שוין. ס'איז שפּעט. און איר לייגט זיך, פּעטער גרישע.

— גייט, ליבע קינדער, גייט. אַ דאַנק אײַך.

די מיידלעך זײַנען אוועק. „יאָ, מאָרגן גאַנצ־פֿרי דאַרף מען זײַן בא דער אַרבעט", — האָט ער איבערגעכאַזערט. און אָט דער באַוווּסטזײַן האָט אים געגעבן קויעך צו באַוועגן זיך. ער האָט אָנגעשטעלט דעם וועקזייגער, זיך אויס־געטאָן, פֿאַרלאָשן די שײַן. ס'איז מיטאַמאָל ווי איבערגעריסן געוואָרן דער בונד צווישן אים און דעם, וואָס אויסער אים, און ער האָט זיך

דערזען אינגאַנצן אַליין. ווי אַלטעלע זאָל זיך ניט געווען געפינען, איז פון איר לײַב און לעבן, ווי פון אַ שטערן, געגאַנגען צו אים אַ שײַן, אַ ריינע און אַ שטאַרקע, וואָס נעמט דורך מעהאַלעכן און ווענט. מיטאַמאָל איז ער געבליבן אין דער פינצטער, און דאָס איז געווען פאַר אים שרעקלעכער פאַר אַלץ.

און דאָך האָט ער געוווּסט אַף זיכער: אינ־דערפרי וועט ער אופשטיין, ווי אַלע טאָג, און אוועק צו זײַן ווערקשטעל, און צו דער מינוט אײַנשליסן דעם שטראָם, און די אַרבעט וועט גיין, ווי זי איז געגאַנגען. ער וועט עס טאָן, ווײַל ער דאַרף עס טאָן, ווײַל ער האָט קיין רעכט ניט זיך צו באַפרײַען דערפון, ווײַל דאָס איז גרעסער פון אים און פון זײַן פּײַן. אָט דאָס גרויסע, פאַר וועלכן ער האָט נאָך קיין נאָמען ניט געהאַט, איז אַזוי אומגעריכט פאַר אים דערשינען אַף די כורוועס פון זײַן קליינער וועלט, האָט מיט אַזאַ קראַפט, ניט פרעגנדיק, זיך געמאָלדן אין זײַן האַרצן, אַז ס'איז אים באַפאַלן אַ מין ערפאַרכט.

ס'האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז גראָד אין דער צײַט זײַנען אַ סאַך פון די, וואָס האָבן זיך געהאַלטן לעבן אים, אוועק אַפן פראָנט. זינט ער האָט פאַרלאָרן זײַנע אייגענע, איז ער נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי עלנט, אָן איין נאָענטן מענטשן לעבן זיך. דאָס שרעקלעכסטע זײַנען געווען די נעכט. ער כאַפּט זיך אוף אין דער פינצטער און ליגט שאָענווײַז אָן שלאָף. כוואַ־ליעס גרויל גייען, ווי אַ בייזער ווינט, איבער זײַן הויט. טרייסלען אוף לײַב און זעל. אינ־דערפרי שטייט ער אוף עטוואָס פיבערדיק, עטעמט אָפּ לײַכטער, ווען ער גייט פון שטוב אַרויס, און מיט יעדן טראָט ווײַטער ווערט ער אַלץ מער אויסגעלײַטערט און באַפרײַט פון באַנאַכטיקער פּײַן. צום זאַוואָד דערנענטערט ער זיך קימאַט אינגאַנצן דורכזיכטיק, אי באַרויִקט, אי טיף אופגעוועקט.

אין דער נידעריקער טיר פונעם וואַך־שטיבל בייגט ער זיך אָן, נעמט אַראָפּ פונעם טאָוול זײַן נומער און גייט אין צעך. דער צעך איז גערראַם און ליכטיק. קושניר איז איינער פון די ערשטע. ס'איז נאָך פוסטלעך. די מאַשינעס וואַרטן. ער גייט צו זײַן ווערקשטעל, גרייט זיך צו. ווען ער טוט ווידער אַ בליק אַרום זיך, זײַנען שוין אַלע אַף די ערטער. מע שליסט אײַן דעם שטראָם.

דאָס איז געווען פאַר קושנירן ניט קיין געוויינלעכע רעגע. די באַלויכטענע ערנסטע פּנעמער באַ די מעכאַניזמען, איטלעכנס טאָן שווײַגנדיק זײַן זאַך און דערבײַ געבונדן זײַן איינער מיטן אַנדערן און אַלע צוזאַמען, דער גאַנצער גאַנג פון דער אַרבעט און איר זין, פון וועלכן דו טראַכסט ניט, נאָר ער איז דאָ, ער לעבט אין דיר, אינעם מעטאַל, אינעם שנײַד־אינסטרומענט, אין דער טרײַב־ענערגיע, אינעם מעכטיקן געברום, וואָס מאַכט וויברירן די לופט, — אין דעם אַלעמען איז געווען עפּעס אַ קויעך, וואָס האָט קושנירן קעסיידער מיטגע־ריסן און אַריבערגעטראָגן אין אָן אַנדערן, העכערן קרײַז, ווו ער האָט געעטעמט טיף און פול, ווו ער האָט געוווּסט זײַן כוויו און זײַן ווערט.

אַף אַ פאַרזאַמלונג איז עס געווען, קעגן אַ יאָמטעוו. קושנירן האָט מען, ווי איינעם פון די בעסטע אַרבעטער אַפן זאַוואָד, פאַרבעטן אין פּרעזידיום. אויסטיילנדיק זיך מיט זײַן מאָנומענטאַלער פיגור פון צווישן די איבעריקע, וואָס זײַנען מיט אים אַף דער טריבונע געזעסן, האָט ער געקוקט אַריבער דעם אוילעם ערגעץ אין דער ווײַט, ווי ער וואָלט זיך צוהערן צו עפּעס, וואָס אַנדערע הערן ניט. מע האָט אין אַ רעדע דערמאָנט זײַן נאָמען. ער האָט זיך ניט אומגעקוקט, בלויז די אויגן האָבן זיך עטוואָס ברייטער צעעפנט, און מיטאַמאָל האָט ער עפּעס אַ זאָג געטאָן. ניט זייער הויך, נאָר גאַנץ דײַט־לעך, אַזוי, אַז די נעענטערע שכיינים האָבן זיך צוגעבויגן איינער צום אַנדערן געוווירע צו ווערן, וואָס האָט ער געזאָגט. עמעצער האָט קושנירן וועגן דעם אַ פרעג געטאָן, איז ער רויט געוואָרן און עטוואָס צעטומלט געענטפערט: „גאָרניט, אַזוי“... ערשט איצט זײַנען צו אים דערגאַנגען די ווערטער, וואָס ער האָט מיט אַ מינוט פריִער אַליין אַרויסגערעדט:

„צי ביסטו צופרידן מיט מיר, טאָכטער?“..

4

— פאַר דיר, גריגאָרי סאַמוילאָוויטש, איז קיין טאַכלעס ניט בלײַבן באַ דער אָפּעראַציע, — האָט איינמאָל אַ זאָג געטאָן דער בריגאַדיר. — דו דאַרפסט זיך אָנצילן אַף אַ מײַסטער צו ווערן. קאָנסט עס ווערן מיט דער צײַט. פאַרלאָז זיך אַף מיר.

— אַ דאַנק פאַר אַ גוט וואָרט, אַלעקסיי איוואַניטש.

— דאָ מאַכסטו שוין אַ טאָעס, גריגאָרי סאַ־מוילאָוויטש. באַ מיר זײַנען ניטאָ קיין גוטע ווערטער. אַרבעט פאָדערט ניט גוטסקײַט, נאָר בייזקײַט.

דער שאַרף־אויגיקער בריגאַדיר איז געווען, זעט אויס, ניט פון די, וואָס וואַרפן זיך מיט ווערטער. קושנירן האָט מען אַריבערגעפירט אַף אָן אַנדער ווערקשטעל, און צו דער צײַט, ווען די מילכאָמע האָט געהאַלטן באַם סאָף, איז ער אַפן זאַוואָד געווען פאַררעכנט ווי אַ פאַכמאַן, צו

וועלכן מע האָט שוין צוגעפּעסטיקט ניי־אָנקומענדיקע, ער זאָל זיי לערנען.

אַז מע האָט אין איינעם אַ פרימאָרגן צו אים געבראַכט אַ נייַע שילערן, האָט ער זיך ניט נאָכגעפרעגט, ווער און פונוואַנען זי איז, און פון ערשטן מאָל, ווי זייַן שטייגער, אַפילו איר פאַמיליע ניט פאַרגעדענקט. געדולדיק האָט ער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל באַוויזן דער שילערן, וויאַזוי זי דאַרף זיך נעמען פאַר דער אַרבעט, וואָס זי האָט צו טאָן, דערבייַ האָט ער מער געקוקט אויף אירע הענט, ווי אין די אויגן.

דערפאַר האָט זי פון אים די אויגן ניט אַראָפּגענומען, ברייט־צעעפנטע קינדעריש־נייַגעריקע אויגן, וואָס האָבן אַרייַנגעזען גאָר זייער ליכטיקייַט און טמימעס אין דער צייַט, ווען דער קערפּער איז שוין צעבליט און פול מיט מיידלשער קראַפט. אינעם כיינעוודיק־פאַרגייגטן שטעל פונעם קאָפּ מיט די שטייף אויף ביידע זייַטן פאַרקעמטע גלאַטע קאַשטאַנעווע האָר איז געווען עפּעס, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ טויב. זי האָט זייער אויפמערקזאַם געהערט, ווי קושניר רעדט צו איר, נאָר, אַפּאַנעם, דערבייַ געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש. אויסגעהערט אַלץ ביזן סאָף, האָט זי געבעטן:

— דערקלערט עס מיר נאָכאַמאָל, גריגאָרי סאַמוילאָוויטש. איך האָב ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען.

און ער האָט ווידער אָנגעהויבן פון אָנהייב.

די לערע האָט זי דאַפקע ניט שלעכט באַנומען, ווי ס׳האָט זיך נאָכדעם באַ דער אַרבעט אַרויסגעוויזן. אירע באַוועגונגען זייַנען געווען באַטראַכט, פאַר יעדער פאַראַנטוואָרטלעכער טוּונג האָט זי שעפּטשענדיק איבערגעכאַזערט פאַר זיך די אָנווייַזונגען, אין מינוטן פון אָנשטרענגונג אַרויסגעשטעקט דורכן לינקן ווינקל מויל אַ שפּיצל צונג, טיף אָפּגעזיפצט, טאָמער האָט זיך איר עפּעס ניט אײַנגעגעבן. שפּעטער האָט זי אין גאַנג פון דער אַרבעט אָנגעהויבן אַרייַנשטעלן ווערטלעך, מערסטנטייל אויף ייִדיש, אַשטייגער: „אָט האָסטו דיר", „אַ שיינע מייַסע", „גוט־מאָרגן, געליע, רעטעך טראָג איך"...

קושניר האָט זיך לעכאַטכילע ניט אָנגעשטויסן, אַז ס׳איז אַ ייִדיש קינד. איצט האָט ער עטוואָס פאַרכידעשט צוגעלייגט אַן אויער. נאָר קיין שום אַנדערע סימאָנים פון פאַרינטערעסירטקייַט ניט אַרויסגעוויזן.

— פאַרוואָס פרעגט איר ניט, ווער איך בין, ווי קום איך אַהער? — האָט דאָס מיידל איינמאָל פירגעהאַלטן קושנירן, אָנקוקנדיק אים מיט אירע מילדע אויגן.

— טאַקע אַן אַוולע, — האָט ער ערנסט מוידע געווען, — דו ביסט פון פּאָדאָליע?

— יאָ, פון פּאָדאָליע. ווער האָט אייַך געזאָגט?

— איך האָב געהערט, ווי דו רעדסט צו זיך אַליין. אונדזער לאָשן.

— און צו וועמען זאָל איך ריידן, אויב ניט צו זיך אַליין? איר קוקט ניט אויף מיר.

ער האָט זי אָנגעקוקט אַ ווייַלע.

— ווי אַלט ביסטו? — האָט ער געפרעגט.

— איינגיכן ווערט מיר זעכצן. און מייַן נאָמען ווייסט איר? קיינמאָל רופט איר מיך ניט באַם נאָמען.

— ווי הייסטו? איך ווייס טאַקע ניט.

— מוסיע הייס איך. איצט וועט איר שוין וויסן? אוי, ווילט זיך אַמאָל עמעצן אַלץ דערציילן!

אַ טיף גערירטער און אַ פאַרשעמטער, האָט ער זיך אָנגערופן:

— דערצייל, מייַן קינד, דערצייל. קוק ניט אויף דעם, וואָס איך בין אַזאַ...

בייס די האַפּסאַקעס און נאָך דער אַרבעט האָט מען זיי איצט אָפט געזען צוזאַמען. ער — אַ שווייַגנדיקער, דער גרויער קאָפּ עטוואָס אַראָפּגעלאָזט. און זי — אַ קליינינקע, אַ קינדעריש־ליכטיקע, ווי זי וואָלט ניט געוווּסט פון קיין בייז. זי רעדט, און ער הערט. פון דער זייַט האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז זי דערציילט אַ כאַלעם אָדער אַ מייַסע פון אַמאָליקע צייַטן. דערציילט רויִק, אַ ביסל נאָר אַזוי ווי פאַרוווּנדערט: ניט שוין איז דאָס אַלץ מיט איר פאַרלאָפן?

זי איז קיין דרייַצן יאָר ניט אַלט געווען, ווען די דייַטשן האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט. זיי זייַנען איר גלייַך ניט געפעלן געוואָרן. „מאַמע, האָב איך געזאָגט, לאָמיר ערגעץ אַנטלויפן". ס׳איז קיין וואָך ניט אַריבער, איז אַרויס דער באַפעל, אַלע ייִדן זאָלן מיט קלומקעלעך אין די הענט זיך יאַווען אין אוניווערמאַג. פון דאָרטן וועט מען שיקן אויף עפּעס אַן אַרבעט. „מאַמע, האָב איך געזאָגט, לאָמיר ניט גיין". אין אוניווערמאַג זייַנען געווען צוויי טירן. אין איינער איז מען אַרייַן, דורך דער צווייטער איז מען אַרויס אויף אַן אַנדער גאַס. ניט מער פון אַ מינוט האָט געדויערט אַדורכגיין, און פאַר דער מינוט איז אַלעמען שוין קלאָר געוואָרן, וווּהין מע פירט.

ווייַטער זייַנען פאַרגעקומען יענע אומגלייבלעכע זאַכן, וואָס זייַנען דעמאָלט געווען אַזוי געוויינלעך. מע האָט אין זיי געשאָסן. פונעם ראַנד אין יאַר אַרייַן איז דאָס קינד אַ פאַל געטאָן מיט איין אויגנבליק פריִער, איידער די קויל איז אָנגעפלויגן. קיינער האָט עס ניט געלערנט: „עפּעס אַ קויעך האָט מיך אַ שלעפּ געטאָן צו דער ערד". אונטן צווישן די האַרוגים איז מוסיע געלעגן, ביז ס׳איז נאַכט געוואָרן.

אָנדערהאַלבן יאָר איז זי געגאַנגען, דורכגעגאַנגען אוקראַיִנע און ווייַסרוסלאַנד. גענעכטיקט אין ליים־גריבער, אין סקירדעס היי, אויף צווייַגן

פון א בוים. געשפּײַזט זיך מיט יאגעדעס, מיט מערן פון גערטענער, מיט אייעלעך פון מורעשקעס. פון מאָל צו מאָל זיך אָפּגעשטעלט בא גוטע מענטשן אף עטלעכע וואָכן, אף עטלעכע טעג. און ווײַטער געגאנגען. געגאנגען מיט פארוואָרפענע וועגן, אויסמײַדנדיק אײַזנבאנען און שליאכן, ווי א כײַע פון וואלד. קיין טראָט ניט געמאכט, איידער זי האָט אויסגעשמעקט, וואָס ארום איר טוט זיך. מיט איר קינדערשן פארשטאנד אלץ און איטלעכן געשאצט, באשלאָסן, ווען מע דארף זיך באהאלטן, ווען אנטקעגן ארויסגיין. אלעמאָל עפּעס א טערעץ אויסגעטראכט, ווער זי איז, פונוואנען און וווּהין זי גייט. נאָכן רייעך פון דער לופט די טריט פונעם מאלעכהאמאָוועס דערקענט און זיך ניט פארלאָרן, ווען זי האָט אים באגעגנט פּאָנעם צו פּאָנעם. איטלעכן גלײַך אין די אויגן געקוקט מיט קינדערשער טמימעס און ניט קינדערשער זעעוודיקײַט. דורך וואָגל, הונגער און קעלט, דורך טויט־שרעק, דורך מערדערשע הענט דורכגעטראָגן איר קלאָר געמיט, איר צוטרוילעך אויסזען און גוט באהאלטענע וואכיקײַט. זי האָט צום נאר געשטעלט געסטאפּאָוצעס און פּאָליצײַען, געוועקט מיטגעפיל בא בארעמהערציקע פויערטעס, געפונען כיין מיט איר געהאָרכזאמער האָרעפּאשנעקײַט בא הארטע באלעבאָסטעס.

אזוי איז זי דערגאנגען ביז די סמאָלענסקער וועלדער. דאָרט האָט זי א שטיק ווינטער פארבראכט אין א פויערשער שטוב. דורך די באלעבאטים זיך פארבונדן מיט די פּארטיזאנער. „די קליינע מוסיע“ — אזוי האָט זי בא זיי געהייסן. און זי האָט געהאָלפן די פּארטיזאנער! וואָס האָט זי געטאָן? געגאנגען איבער דערפער, געקוקט, פאנאנדערגעפרעגט, אויסגעשנישטערט אלץ, וואָס מע האָט געדארפט. „איך בין א גליקלעכע, — האָט זי געטײַנעט, — קיין איין מאָל ניט ארײַנגעפאלן“. נאָר אָנהייב פרילינג, איבערגייענדיק איבערן אײַז א טײַכל, איז זי דאָך ארײַנגעפאלן אין וואסער ביזן האלדז, קוים זיך ארויסגעגראבלט. נאָכדעם קראנק געוואָרן, און מע האָט זי אף א סאמאָליאָט אָפּגעשיקט אף דער „גרויסער ערד“. צוריק האָט מען זי שוין ניט געלאָזט. „איך בין נאָך א מינדעריעריקע, האלטן זיי“, — האָט זי מיט א שמייכל געזאָגט, און ס׳איז ניט קלאָר געווען, צי קומט עס איר אויס קרום, צי נעמט זי עס אָן פאר ליב. זי איז געשטאנען פאר קושנירן, און אירע פרימאָרגנדיק־פרישע ווייך־פארקײַלעכטע גלידער האָבן געעטעמט מיט דער שטילקײַט פון א רוענדיק וואסער צווישן ווערבעס. קושניר האָט געקוקט אף איר. ער האָט געזוכט אף איר פּאָנעם, אין איר בליק עפּעס שפּורן, צייכנס פון דעם, וואָס איז געווען, און זיי ניט געפונען.

— איז דאָס אלץ, מײַן קינד, מיט דיר געשען? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, דאָס אלץ, און ניט נאָר דאָס, דיאדיע גרישע.

5

פרילינג איז געקומען מיט א פארשפּעטיקונג, דערפאר מיטאמאָל און פון דער ברייטער האנט. אין יענער אויסערגעוויינלעכער נאכט האָט די שטאָט באנײַס אָנגעצונדן אלע אירע פײַערן. טויזנטער מענטשן, מישפּאָכעס גאנצע מיט ווײַב און קינד, מיט אייפעלעך אף די הענט, זײַנען ארויס אונטערן אָפענעם הימל, ניט אימשטאנד צו באהאלטן זייער פרייד צווישן ווענט. דער האמוין האָט זיך באוועגט אומגעאָרדנט אין פארשיידענע ריכטונגען, ערטערווײַז אזוי ענג, אז מע האָט זיך קוים געקאָנט דורכשטופּן. נאָר ס׳איז ניט געווען צו הערן קיין בייז וואָרט, קיין אופגערעגט קאָל, קיין אויסדרוק פון באליידיקונג און פארדראָס. דאָס איז געווען א שטילקײַט פון מעכטיקע, גערעאם און רויִק פליסנדיקע וואסערן. א גרויסע גוטסקײַט האָט איבערגעפולט די מענטשן און איז ארויס אין רוים צווישן זיי.

ניט אָפּלאָזנדיק מוסיעס האנט, האָט זיך קושניר פּאמעלעך באוועגט צווישן די מענטשן. א ווייך פרילינג־ווינטל האָט געשטראָכן זײַנע גרויע האָר — ער איז געווען אָן א היטל. הונדערטער פּענעמער זײַנען פאר זײַנע אויגן געשווּומען, מאנצבלען און פרויען, יונג און אלט, און ס׳האָט זיך אים געדאכט, אלע זײַנען זיי באקאנטע און אייגענע, פון לאנג, פון שטענדיק אָן. ערגעץ האָבן זיי געלעבט איטלעכער אף זײַן אָרט, איצט זײַנען זיי דאָ, ארום אים. טרויער און פרייד פילט אָן זייערע הערצער, ווי זײַנס.

דעם זעלבן זומער, 1945, האָט זיך קושניר אומגעקערט קיין מאָסקווע. ווען מע פרעגט אים, צו וואָס ער טוט עס, וואָלט ער ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. דאָס ביסל מעבל, וואָס ער האָט אין זײַן דירע איבערגעלאָזט און א שכיינע פארטרויט די האזשגאָכע אף דעם, האָט אים איצט ווייניק געקימערט, מיטן זאוואָד זיך צעשיידן איז אים געווען ניט גרינג. און פונדעסטוועגן האָט ער עס געטאָן. ווי טויזנטער אנדערע, האָט ער זיך אונטערגעוואָרפן עפּעס אן אינערלעכן מוז, וואָס איז שטארקער פון כעזשבוינעס.

די שכיינע האָט צוגעגרייט די דירע. אלץ איז געווען אפן אָרט. נאָר קיין מענטשן זײַנען ניט געווען.

קושניר איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט א האַנט אָן א ברעג פונעם טיש. אַלץ ניט געקאָנט אויסקומען מיטן געדאַנק, אַז אַזוי וועט עס שוין זײַן, ווי עס איז. ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט געלעבט אין א טאָעס, ערגעץ טיף אינווייניק פאַרטײַעט אַן אומפאַרשטענדלעכע האָפענונג, אַז דאָס, וואָס מיט אים איז געשען, איז אַף דערווײַל, ווי די מילכאָמע אינגאַנצן. מיטן אָנקומען פונעם פרידן וועט זיך אַלץ אומקערן צום פריערדיקן. און אָט איז שוין פרידן. און ער איז ווידער אין דער היים, און דאָס, וואָס איז געשען, איז שוין אַף שטענדיק. און ער דאַרף דערמיט לעבן ווײַטער. ער האָט זיך אויפגעהויבן מיט א באַשלוס — טייקעף זיך נעמען צו דער אַרבעט. קיין טאָג, קיין שאָ ניט וואַרטן. אַף איינעם פון די מאָסקווער זאַוואָדן האָבן געדינט מענטשן, וואָס האָבן אים געקענט. אַהין איז ער אַוועק.

ווי עס ענדערט זיך דאָס געמיט פונעם וועגמענטש, ווען ער טרעט אַרײַן אין א וואַלד, אַזוי האָט קושניר אין דעם טאָג, באַטראַכטנדיק די טעריטאָריע פון זאַוואָד, דערשפּירט, ווי טיף אין אים קומט פאָר אַן ענדערונג. ס'גייט אָפּ די צערודערטקײַט און די קלעמעניש, און אין האַרצן גיסט זיך אַרײַן קלאָרקײַט און רו. ער האָט דעם דאָזיקן זאַוואָד געזען צום ערשטן מאָל און נאָך קיין שײַכעס צו אים ניט געהאַט, נאָר אָן א שיר קלייניקײַטן זײַנען אים שוין געווען קענטלעך — די אָרדענונג באַם אַרײַנגאַנג, די אויפשריפטן אַף די טירן און אפילע די פענעמער פון די מענטשן, ווי ס'האָט זיך אים געדאַכט. ער האָט זיך שוין פאָרויס דערפילט אײַנגעשלאָסן אין דעם גרויסן און גאַנצן, א טייל פון יענער מאַכט, וואָס איר היילנדיקע ווירקונג האָט ער אין די יאָרן דערקענט אַף זײַן לײַב, און נאָך איידער ער האָט זיך צוגעפּגערעדט, האָט ער שוין געוווּסט, אַז אָט דאָ בלײַבט ער, ער דאַרף ניט קיין אַנדער אָרט.

באַלד ווי ער האָט זיך אײַנגעאָרדנט, האָט ער אָנגעשריבן צו מוסיען א בריוו. אַף וויפל ער ווייסט, האָט זי ניט קיינעם, און אים איז אויך צו לאַסט די פּוסטע שטוב. זאָל זי קומען. ער וואָלט זייער געוואָלט זי צושרײַבן פאַר א טאָכטער, אויב דאָס איז איר צום האַרצן. נאָר טאָמער ניט, קאָן זי וווינען באַ אים אַזוי. סײַוויסײַ וואַרט ער אַף איר און שיקט איר גלײַך אַרויס די נייטיקע פּאַפּירן און געלט אַף הויצאָעס.

ער האָט זי באַגעגנט באַם אַרויסגאַנג פון וואָקזאַל־הויף. זי האָט געהאַלטן פּעקלעך אין ביידע הענט. און אַזוי־אָ, שטייענדיק פאַר אים, זיך א טיצע געטאָן מיט די ליפּן אין זײַן ברייטער שטעכיקער באַק, דערנאָך אַף א רעגע זיך צוגעדריקט צו אים מיט אַן אַקסל. ער האָט זי באַפרײַט פונעם שווערן קלומעק, האָט זי אים אָנגענומען פאַר אַן אַרבל און אַזוי אים געהאַלטן, ביז מע האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין טראַמוויַי.

— איך האָב געוווּסט, אַז ס'וועט אַזוי זײַן.

דאָס זײַנען געווען קימאַט די ערשטע ווערטער אירע, ווען זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער נײַער וווינונג.

— פונוואַנען, מײַן קינד, האָסטו עס געוווּסט?

— מיסטאַמע, ווײַל איך האָב זייער געוואָלט.

ווען מע האָט אָפּגעגעסן, באַם טיש, האָט זי געזאָגט:

— איך רעכן, מע דאַרף גלײַך אָנקומען אַף א זאַוואָד.

און זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אירע ליכטיקע צעעפנטע, קלוימערשט סטאַם נײַגעריקע, גאָרניט פאַרלאַנגענדיקע אויגן.

— ניין, מײַן קינד, — האָט ער געענטפערט, — דאַרפסט זיך לערנען. כאָטש וויפלניט־איז אָניאָגן, וואָס דו האָסט פאַר די יאָרן דורכגעלאָזט.

— יאָ? איך וויל טאַקע. איך וויל זיך לערנען. זייער! — האָט זי מיט א שמייכל באַלד מודע געווען.

זי האָט איבערגענומען אין אירע הענט די שטוב. איר האָט ער אָפּגעגעבן דעם גרעסטן טייל פון זײַן פאַרדינסט, און זי האָט עס פאַרווענדט לויט איר פאַרשטאַנד. אַלץ האָט זי געטאָן רויִק און באַטראַכט. באַם טיש געזעסן, ווי א יונגע צופרידענע באַלעבאָסטע, דעם מילדן טויבן־קאָפּ שטיל אָנגעבויגן, אַף די ליפּן — א שמייכל. ער האָט זיך געהאָרכזאַם אונטערגעגעבן דער אָרדענונג, וואָס זי האָט אײַנגעפירט. אין פרײַע שאָען זײַנען זיי געגאַנגען צוזאַמען שפּאַצירן. איר איז פריִער קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זײַן אין מאָסקווע. אַלץ איז איר דאָ געווען נײַ. ער האָט געמוזט גיין מיט איר אַפן רויטן פּלאַץ, ווײַזן איר די שענסטע סטאַנציעס פון מעטראָ. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער אַליין קען די שטאָט זייער ווייניק. אינגיכן האָט זי שוין געוווּסט א סאַך מער פון אים און אַלעמאָל די אויגן אים געעפנט אַף זאַכן, וועלכע ער האָט פריִער ניט באַמערקט. זי האָט אים געפירט אין קינאָ און אין פּלאַנעטאַרי, אַף דער טראָפּייען־אויסשטעלונג און אין זאָאָפּאַרק. ווי מיד ער איז ניט געווען צומאָל, האָט ער זעלטן ווען איר אָפּגעזאָגט. ס'איז אים געווען גוט צו גיין לעבן איר, שווײַגן און הערן, מיט וויפל טאַם און פאַרשטאַנד זי דערקלערט איטלעכע זאַך.

ס'איז, אייגנטלעך, גאָרניט געשען. צו מוסיען האָבן אָנגעהויבן אַרײַנקומען כאַווערטעס. אַמאָל פלעגט זי בעטן א דערלויבעניש ערגעץ גיין

מיט עמעצן פון זיי. אין שטוב האָט זי, ווי פריִער, געטאָן אַלץ, וואָס מע דאַרף, נאָר די צוזאַמענדיקע אַרויסגענג מיטן פאָטער, ווי זי האָט שוין איצט קושנירן גערופן, אין די שטילע אָוונטשאָען צוזאַמען עסן זאַלבעצווייט באַם טיש — זײַנען געוואָרן אַלץ זעלטענער.

איינמאָל, אומקערנדיק זיך פון דער אַרבעט אַהיים, האָט ער דערזען מוסיען. זי איז געגאַנגען אַפן צווייטן טראָטואַר מיט נאָך אַ מיידל און אַ ייִנגל. די בוזעמס האַרכאָוועדיק אויסגעשטעלט, די קעפּ אויפגעהויבן, די בליקן געווענדט ערגעץ איבער דער גאַס אין רוים, צום זוניקן זומער־טאָג, האָבן זיי געשפּאַנט זאַלבעדריט פאַרפלאַמטע און פריידיקע, ווי אונטער די קלאַנגען פון אַ באַפליגלענדיקער ליד. מיט פײַכטע אויגן האָט קושניר אַף זיי געקוקט. „אָט אַזוי גייט עס. פּונקט ווי אַלטעלע אין איר צײַט. אַ יונג קינד, זי זוכט זיך איר גלײַכן“.

צי ווײַל דאָס שפּאַצירן איז שוין בײַ אים געוואָרן אַ שטיקל געוווינשאַפט, צי עפּעס אַן אַנדערע טיפערע אינערלעכע באַדערפעניש האָט אים באַוועגט דערצו, נאָר אין די אָוונטן, ווען ער האָט געהאַט צײַט, אָדער זונטיק האָט ער ליב געהאַט אויך זיך דורכגיין איבער דער שטאָט אַ שאָ, צוויי און אַפילע מער. פון זײַן ליקל נידערט ער אַראָפּ צום נאָגין־פּלאַץ, און פון דאָרט מיטן כינעזישן דורכפאָר — ביזן טײַך. ווײַטער גייט ער מיטן ברעג ביזן טשורהונענעם בריק און מיטן בריק — אַף דער צווייטער זײַט, און ווידער אַף רעכטס, לענגויס דעם וואַסער. באַטאָג דערגייט ער אַמאָל ביזן פּאַרק. דאָרט רוט ער אָפּ און לאָזט זיך צוריק. פאַרבײַגייער קוקן זיך אום אַף זײַן מאַסיוורגרויסער, עטוואָס אײַנגעבויגענער פיגור, וואָס מאַכט אים ענלעך צו אַ שטאַרק געעלטערטן שווערגעוויכטיקן אַטלעט.

ער איז פאַרטאָן אינעם גאַנג. קוקט זיך קימאַט ניט אום, נאָר זאַפּט אײַן אַלץ מיט די אויגן, ווי מע זאַפּט אײַן מיט די לונגען די לופט. קינדער באַמערקט ער גיכער, ווי דערוואַקסענע. אַ סאַך מוטערס מיט קינדער אַרום. אַ יונגער פילקווילעסדיקער געהילך שטייט אינדערלופטן. קושניר הערט אים. איינצײַטיק הערט ער אויך דעם מאָטאָר־גערויש, וואָס שטראָמט פון די אַרומיקע גאַסן אַמאָל אָפּפאַלנדיק, אַמאָל אָנוואַקסנדיק, זידנדיק נאָכאַנאַנד, ווי אַ קעסל. און דורך אָט די אַלע קלאַנגען קומט צו אים אָן נאָך עפּעס אַ געברום, ווי פון אַ באַסאָווער סטרונע, נידעריק, קוים צו פאַרנעמען, און דאָך געדיכט און מעכטיק, אַז עס דרינגט דורך דעם גרעסטן געפּילדער. קושניר האָט געוווּסט — דאָס איז דער ניגן פון דער שטאָט, פון איר ריזיק לעבן. ער האָט זיך דאָרשטיק אין דעם ניגן אײַנגעהערט און געשפּירט, ווי ער גייט דורך זײַן האַרץ.

לידער, אָנגעשריבענע ניט אין דער היים

בא דער סען

אונטערוועגנס, — ניט אין וואנדער,
נאָר באם אויסקוקן א וועלט, —
האָב איך היינט מיט אלץ־אנאנדער
בא דער סען זיך אָפּגעשטעלט.

אויסגעוועזן שוין וויפל ערטער
אין אבסטראקטן ייִדיש־לאנד;
ווּ געטאָגט, דאָרט ניט גענעכטיקט,
ניט דערפאָרן צו קיין ראנד.

ס׳טראָגט דער וואָגן שנעל זיך טאקע
(איינגעשפּאנט אין אים א הירש) —
מיטן דישעל אין מאָנאקאָ,
מיט די רעדער אין פּאריזש.

ערשט ארויס פון א נעסיִע,
בין איך ווידער נאוועגאד,
ווערסטן ציִען זיך און ציִען,
און דער וועג — ער איז ניט גלאט.

אונטערוועגנס, — ניט אין וואנדער,
נאָר אין אויסקוקן א וועלט, —
האָב איך היינט מיט אלץ־אנאנדער
בא דער סען זיך אָפּגעשטעלט.

פּאריזש, 1965

מיט מארק שאגאלן אין שטעטל סען־פּאָל דע וואנס

1. באם מיטללענדישן יאם

א סוואָרע, דאָס אָרט איז מיר קענטלעך,
געקומען אהער כ׳בין ניט סטאם.
אינמיטן א יאם מיט לענדער
ליגט דער מיטללענדישער יאם.

באם ברעג פון אן אנדער מעדינע
עס פאלט אריין אזוי רייך
אין יאם האטיכוין — די דווינע,
מארק שאגאלס טייך.

און פּונקט ווי דער ברעג וואָלט
געהיט עפּעס
אזוינס, וואָס פארטרויט אים מע האָט, —
באהאלט ער אין אלפּן־בערג וויטעבסק,
מארק שאגאלס שטאָט.

איך דארף זיין שטארקער פון אייזן
ניט אויסצונוצן דעם שאנס —
אוועקטראָגן אזש קיין רייסן
דאָס שטעטל סען־פּאָל דע וואנס;

אין פרעמדע בערג א פארוויקלטן,
ברענגען שטיל, ווי געהיים,
אזוי ווי א קינד צום וויגל,
מארק שאגאלן אהיים.

2. די בערעזע

אין סאָד בא מארק שאגאלן פעלט
א הורבע שניי,
א פראָסט,
א פרישע קעלט...

באם פלאנצן ביימער אף דער הארטער רויערד
איז וויפל וועסנעס שוין אין סאָד פארטאָן
אליין די באלעבאָסטע וואלענטינע[1]
(סע שפּאסט שאגאל: די פלאנצן פאָלגן דאָך
א יעפּאסטויער...)
און טאקע: אלע ביימער,
אויסער דער בערעזע,
צוויטען שוין און גרינען,

בלויז די בערעזע נעמט זיך דאָ ניט אָן,
מיט יעדער וועסנע פלאנצט מען זי
באנייס א קאָן.

[1] וואלענטינע — מארק שאגאלס פרוי.

ס׳האָט וואַלענטינע שוין די ערד צעדרויבלט
ארום ביימל
און אָנגעפּויעט עס, פאַרשטעלט פון ווינט,
געזאָגט: „ראַסטי, ראַדנאַיאַ״ אזוי היימיש, —
קאָן דוכטן, אז ס׳וועט זײַן שוין גוט אַצינד:
דאָס באַסיעכידקעלע אין סאָד בא וואַלענטינען,
דאָס בלאָנדע ביימעלע אַליאָנושקא — עס וועט
אימירצעשעם א מאָקעם דאָ געפינען,
און האָבן וועט עס זאַפטן אויך צו זעט...

גייט דורך א וואָך, און די ברעזקע צאַנקט.
איר קאָרע — געל,
דאָס שטענגל — קראַנק.

די צווײַגלעך טונקעלע, פאַרטריקנטע
זיך ברעכן.
און ס׳זאָגט שאַגאַל צו וואַלענטינען:
„דו באַרעכן —
אונטער דער הויט עס האָבן אויך
בערעזעס א פּיגמענט,
און ווו זיי זאָלן וואַקסן, איז געווענדט
אין זייער ביימערשן כאַראַקטער.
דער וואָרצל באַם בערעזקעלע —
ווײַזט אויס, פון דער פאָגאָדע דאָ ער בראַקנעט.
און הערסטו, ס׳איז די זאַך אין דעם,
וואָס אין דעם סאָד אין אונדזערן עס פעלט
א הורבע שניי,
א פראָסט,
א פרישע קעלט״...

3. א ראַמאַנטישע געשיכטע, דערציילט פון מארק שאגאלן

אין אכצנטן יאָר אין הארבן
עס האָט ניט געפעלט קיין סאַך,
כ׳זאָל ווערן פון אַלע פאַרבן
אין רוסלאַנד דער קאָמיסאַר.

געהאַט א מאַנדאַט כ׳האָב טאַקע
פון לונאַטשאַרסקין אַליין
(מײַן קראַנקער, אָרעמער טאַטע
פון פרייד צי פון שרעק האָט געוויינט...)

„אף אָנפירן, — איז געמאָלדן אין יענעם
מאַנדאַט, — מיטן קלאַל וויטעבסקער פרײַע
מאָלער באַשטימט מען דעם כאַווער שא־
גאַל...״

אין אָנהייב א רוף א שאַרפן
געדרוקט אין דער שטאָטישער בלאַט:
„וויטעבסקער קינסטלער! מיר דאַרפן
האָבן אַצינד דעם פלאַקאַט!
וויטעבסקער קינסטלער! אָקטאָבער
ווערט אַלט שוין א קײַלעכיק יאָר,
ער וויל ניט די פאַרב פון לאָרבער,
קיין שווארצע אויך ניט, און גאָר.
אָקטאָבער וויל פאַרבן בונטע —
די רויטע פריִער פאַר אַלץ,
די ברוינע פאַרב די געזונטע,
די פאַרב פון ברויט מיט זאַלץ.
לעמאַנהאַשעם אויך די בלויע:
אָן הימלען עס איז ניטאָ
ניט קיין פרייד, ניט קיין טרויער,
ניט קיין טויב, ניט קיין קראָ.
אין הימל, אָף די פלאַקאַטן
מאָלט דעם מענטשן, אזוי ווי ער פליט.
איבער דעכער מײַן אָרעמען טאַטן
לאָזט אויך מאַכן א צוויי־דרײַ טריט.

אין זיבעטן טאָג פון נאָיאַבער מאָנאַט
מיר דאַרפן באַפּוצן דעם יאָמטעוו דאָ הי.
כ׳האָב געהערט, אז איר פרעגט זיך אָנעט:
ווער באַצאָלן וועט פאַר דער מי? —
די רעוואָליוציע וועט צאָלן.
בײַטן די פאַרב — אין דעם איז די קונץ.
זאָלן אַלע מאָלער מאָלן! —
מארק שאגאַל. קאָמיסאַר פון קונסט״.

האקיצער, אוועק איז אָן ארבעט.
אין סטודיע בא אונדז האָט געדאַכט:
פון אונדזערע רויטע פאַרבן
וועט אָנצינדן זיך דער דאַך!

יאָ, ס׳איז דער יאָמטעוו געווען שוין
באַפּוצט מיט פלאַקאַטן ניט שלעכט:
פליִענדיקע מענטשן
אַף פליִענדיקע פערד!
איבער די קאָלאָנעס —
פליִענדיקע נעשאָמעס!
העכער
פון די דעכער
פליט אונדזער געלעכטער!
אונדזער פרייד —
פליִענדקערהייט!
פערד — בודיאָניס,
דאָס לעבן — נײַ,
פליִען קאָן עס
פראַנק־און־פרײַ!

— — — — — — — — — —

געווען בין איך יונג — א מעכײַע!
קיין שעם אף דער וועלט ניט געהאַט.
געטרויִמט: אין דעם רויטן כאַיל
זײַן א רויטער סאָלדאַט.

נאָר וואָס זאָל איך לאַנג דאָ ברײַען? —
אין צײַטן ארום, אין פאַריזש,
געוואָרן איך בין א מין „דײַען"
אין אטעליע לאַ־ריש.
געפּאַסקנט סײַ קונסט, סײַ מידעס
אין אונדזער באָהעמישן קרײַז,
געהאט פאר די אויגן וויטעבסק,
דערמאָנט זיך באַנײַס און באַנײַס,
אז דעמלט, אין יאָר אין הארבן
(עס איז ניט געווען קיין געדאַכט),
איך האָב זיך גערעכנט
פון פארבן
אין רוסלאַנד א קאָמיסאַר.

פראנצויזישע ריוויערע, 1968

ווי א היגער

זעט: אין דער פּאמפּע[1] מיך פאָלגן
אײַערע פערד די פּאטלאַטע,
ווײַל כ'האָב געבראַכט פון דער וואָלגע
טרײַשאַפט צו דער לאַ־פּלאַטע.

נײַן, ניט דער טײַך איז דער איקער, —
אַלץ איז מיר ליב דאָ און טײַער,
פּונקט ווי געווען כ'וואָלט א היגער,
פּאָשעט — אן אורוגווײַער.

כ'דריי זיך ארום אין דער פּאמפּע
מיט די פארברוינטע יונגאטשן,
טו זיך מיט זיי אויך אן אמפּער
וועגן אן אייסעק פון גאוטשן.[2]

און אפּדערנאַכט, שוין פארמאַטערט,
זעץ איך זיך צו אין די גראָזן,
טרינק א געוויינלעכע מאטע[3]
רעד אף א שפּאַניש א פּראָסטן.

נײַן, ניט דער טײַך איז דער איקער, —
אַלץ איז מיר ליב דאָ און טײַער,
פּונקט ווי געווען כ'וואָלט א היגער,
פּאָשעט — אן אורוגווײַער.

מאָנטעווידעאָ — פּײַסאַנדו, 1965

א פּרעסע־קאָנפערענץ אף דער „יידישער גאס"

די „גאס" איז צו מיר נײַגעריק,
מע שטייט קעפּ־אף־קעפּ:
„זעט, ער האָט קיין דײַגעס ניט!"
„כײַ געלעבט"...
אָדער, פארקערט, ראַכמאָנעסלעך,
אײַנגעוויקלט אין א יידישער בלאַט,
טראָגט מען, ווי שאַלעכמאָנעסן,
פון „צאַד" צו „צאַד":
דער טויבן־צאַד צום שפּארבער־צאַד,
דער „לינקער" צאַד צום רעכטן צאַד,
דער גערעכטער צאַד צום שלעכטן צאַד...

אין אָנגעלאָף, אין ברומגעוואָרף
מע טוט א פרעג מיך:
זאָג דײַן וואָרט.
וואָס מאכסטו פאר א לעבן דאָרט,
ווי לעבסטו דאָרטן, אף אן אָרט?

עס לויפן אָן „געוועזענע",
און „לײַטישע", און „מעסיקע",
זיי זײַנען צופיל שלאַבעריק
צו ריידן מיט א געדאַנק:
— איר לעבט דערווײַל נאָך, כאַווערל?
— מע לעבט. און איר?
— א דאנק...

זאָג איך צו זיי:
— מיר זײַנען געזונט ווי א מאָוער,
מיר זיצן בא הויכע ברעגן,
מיר קוקן אף אײַך, ווי אף אונדזער אָוואַר,
מיר האָבן אויך אײַך וואָס צו פרעגן!

גיבן זיך א שאָט ארײַן
די שאָדן־לײַט, די שלעגער.
א מעהומע... וואָס וועט זײַן?
זידלערײַ, — צי ערגער?
זיי נעמען שטעלן קלאָצקאַשעס,
און גיסן אויס פּאָמויניצעס,
און ווארפן מיט די פויסטן אויך,
און שפּילן אָפּ קאַדאָכעסן.

זאָג איך צו זיי:
— איך מאַך מיר א קליינעם צימעס...

— — — — — — — — — — — — — — —

עס האָט די גאס זיך אײַנגערעדט,
אז זי אַליין אין יושער לעבט.
און דאָך — וואָס איז זי נײַגעריק?
וואָס שטייט זי קעפּ־אַף־קעפּ?

לאָנדאָן, 1966

[1] פּאַמפּע — דער סטעפּ אין לאַטײַן־אַמעריקע; [2] גאוטשן — באַטראַקעס בא רײַכע גוטבאַזיצערס; [3] מאַטע — א געטראַנק, וואָס מע רופט אויך „פּאַראַגווײַער טיי".

אזא, ווי ער איז געווען

דער אינסטיטוט פון מאַרקסיזם־לעניניזם האָט צוגעגרייט צום דרוק 5 בענדער דערינערונגען וועגן וו. אי. לענינען. אין ערשטן באַנד גייען אַרײַן די דערינערונגען פון נ. ק. קרופּסקאַיאַ, א. אי. אוליאַנאָוואַ, מ. אי. אוליאַנאָוואַ און ד. אי. אוליאַנאָוו.

אין אָט דעם באַנד ווערט צום ערשטן מאָל פּובליקירט דער פולער טעקסט פונעם דאָקומענט, וועלכן נ. ק. קרופּסקאַיאַ האָט אָנגערופן „מײַנע ענטפערס אויף דער אַנקעטע פונעם געהירן־אינסטיטוט אין 1935“. די אַנקעטע גופא האָט זיך ניט פאַרהיט, אָבער לויט די ענטפערס קאָן מען זיך אויך פאָרשטעלן די פראַגעס, וועלכע מ'האָט געשטעלט נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונען.

מיר דרוקן דאָ די דאָזיקע ענטפערס.

ענטפערס פון נ. ק. קרופּסקאַיאַ אויף אַן אַנקעטע

קיין שוואַכער איז ער ניט געווען, אָבער אויך ניט קיין באַזונדערס קרעפטיקער. מיט קיין פיזישער אַרבעט זיך ניט פאַרנומען. עפשער נאָר אויף אַ שאַבעסניק. נאָך געדענק איך: ווען מיר זײַנען געווען אין פאַרשיקונג, האָט ער צורעכט געמאַכט דעם פּלויט. אויף די שפּאַצירן פלעגט ער ניט זייער גיך אײַנגעמאַטערט ווערן. געווען אַ באַוועגלעכער. מער ליב געהאַט גיין. אין דער היים שטענדיק אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, געשווינד פון איין ווינקל צום צווייטן, צומאָל — אויף די שפּיץ פינגער „פון ווינקל צו ווינקל“. באַקלערט עפּעס־וואָס. פאַרוואָס אויף די שפּיץ פינגער? איך מיין, אַז טיילווײַז, קעדיי ניט צו באַאומרויִקן, דערין אין עמיגראַציע, ווען מיר פלעגן דינגען אַ צימער, ניט צו באַאומרויִקן די באַלעבאַטים פון דער דירע. אָבער דאָס איז בלויז טיילווײַז.

אויסער דעם, געוויס נאָך אויך מאַכמעס דעם, ווײַל מיט אַזאַ מין געשווינד גיין, שטיל אויף די שפּיץ פינגער, פלעגט זיך שאַפן נאָך אַ גרעסערע קאָנצענטרירטקייט.

באַשטימט ניט ליב געהאַט צו ליגן.

קיין געצווימטקייט אין די באַוועגונגען איז ניט געווען. די באַוועגונגען — ניט קיין ווייכע, זיי זײַנען אָבער אויך ניט געווען קיין שאַרפע, קיין האַמעטנע.

גיין פלעגט ער גיך. בעשאַסן גיין — זיך ניט געהוידעט און מיט די הענט איבעריקס ניט באַוועגט.

קיין שווערוואָגיקער איז ער ניט געווען, גיכער אַ רירעוודיקער.

קיין כאַאָטישקייט און קיין האַוועניש איז אין די באַוועגונגען ניט געווען.

אויף די פיס זיך געהאַלטן זייער פעסט.

מיט גימנאַסטיק זיך ניט פאַרנומען. געשפּילט אין „גאָראָדקי“. געשווומען, גוט געפאָרן אויף גליטשערס, ליב געהאַט צו פאָרן אויף אַ וועלאָסיפּעד. אין פאַרשיקונג פלעגט ער פאָרן אויף גליטשערס איבערן טײַך, לענגאויס דעם ברעג. די ערטער בײַ דער וואָלגע, וווּ ער האָט געלעבט, זײַנען ניט רײַך מיט שוואָמען. ווען איך בין געקומען צו אים אין דער פאַרשיקונג, פלעגן מיר אָפט גיין אין וואַלד קלײַבן שוואָמען. די אויגן זײַנען בײַ אים געווען גוטע, און ווען ער האָט (גיך) זיך אויסגעלערנט זוכן און געפינען שוואָמען, האָט ער עס געטאָן מיט אַזאַרט. געווען אַן אַזאַרטער שוואָמען־קלײַבער. ליב געהאַט גיין אויף יאַגד מיט דער ביקס, ביכלאַל שרעקלעך ליב געהאַט צו שפּאַצירן אין וואַלד.

מיט קיין שום מײַסטרעווען, מיט האַנטווערקערײַ זיך ניט באַשעפטיקט, אויב ניט רעכענען דאָס שרײַבן מיט „כימיע“.

אָנגעטאָן און אויסגעטאָן זיך געשווינד. ווען ער איז געווען קראַנק, האָט ער זיך געסטאַרעט האַלטן בײַ איינער און דער זעלבער פּראָצעדור, טאַקע קעדיי אַלץ אָפטאָן געשווינד.

זײַנע באַליבטע זשעסטן און געוווינטע באַוועגונגען — בעשאַסן ריידן באַוועגונגען מיט דער

רעכטער האַנט פאָרויס און אױף רעכטס. דאָ ניט לאַנג האָב איך געזען איליטשס א בילד מיט דער אויסגעשטרעקטער רעכטער האַנט (בעשאַסן ריידן): מיט דעם אַקסלביין פאָרויס, אָבער דער אַקסל איז צוגעדריקט צום קערפּער — דאָס איז ניט ריכטיק, אַזוי פלעגט ער ניט טאָן, — די האַנט פלעגט גיין פאָרויס, אויסציִען זיך אָדער מיט א רונדהאַפטיקער באַוועגונג און אָפּגיין פונעם קערפּער.

אַזעלכע זשעסטן, ווי קלאַפּן מיטן פויסט אין טיש אָדער דראָען מיטן פינגער, זײַנען קיינמאָל ניט געווען.

קיין מאַנירלעכקײַט, געקינצלטקײַט, אויסטערלישקײַט, טעאַטראַלישקײַט, אַפעקטירטקײַט זײַנען אין די באַוועגונגען ניט געווען.

די מימיק און זשעסטיקוליאַציע זײַנען שטענדיק געווען אויסדריקלעך. זיי זײַנען געוואָרן באַשטימט לעבהאַפטער, ווען ער איז געווען קראַנק. זייער אָפט געשמייכלט. א גוטער שמייכל, קיין גיפטיקער און „העפלעכער" איז דער שמייכל ניט געווען.

און, ווי ער האָט עס געקאָנט לאַכן. ביז טרערן. בייסן לאַכן פלעגט ער אָפּוואַרפן זיך אױף צוריק.

ניט קיין אַזויגערופענער העפלעכער שמייכל אָדער געלעכטער, ניט קיין אָנגעצויגנקײַט. זיי זײַנען שטענדיק געווען זייער נאַטירלעך.

די שטים איז געווען א הויכע, אָבער ניט קיין שרײַענדיקע, א ברוסטיקע. א באַריטאָן. געזונגען. דער רעפּערטואַר:

«Нас венчали не в церкви», «Я вас люблю, люблю безмерно», «Замучен в тяжелой неволе», «Варшавянка», «Вставай, подымайся, рабочий народ», «Смело, товарищи, в ногу», «День настал веселый мая», «Беснуйтесь, тираны»[1], « Vous avez pris Elsass et

[1] רוסישע ראָמאַנסן און רעוואָליוציאָנערע לידער: „ניט אין קלויסטער האָט מען אונדז צו דער כאַסענע געפירט", „איך האָב אײַך ליב, מײַן ליבע האָט קיין גרענעץ", „פאַרמוטשעט אין פינצטערער טפיסע", „וואַרשאַוויאַנקא", „שטיי אױף צום קאַמף, אַרבעטס־פאָלק", „מוטיק, כאַ־ווײרים", „דער טאָג דער פרייִלעכער פון מײַ איז געקומען", „ווילדעוועט, טיראַנען".

Lorraine », « Soldats dix-septieme »[1], גערעדט האָט ער גיך. די סטענאָגראַפיסטן פֿלעגן שלעכט פֿאַרשרײַבן. און מעגלעך, אַגעוו, אַז ניט מאַכמעס דעם, וואָס גיך, אָדער ניט אַזוי איבער דעם, נאָר ווײַל 1) די סטענאָגראַפיסטן זײַנען דעמאָלט געווען בײַ אונדז שלעכטע און 2) די קאָנסטרוקציע פֿון די פֿראַזעס איז בײַ אים אַ שווערע.

אין דער זאַמלונג „לעף"[2] איז פֿאַראַן אַן אַרטיקל, אין וועלכן די אויטאָרס, אַנאַליזירנדיק די סטרוקטור פֿון לענינס שפּראַך, קומען צום אויספֿיר, אַז די קאָנסטרוקציע פֿון זײַן שפּראַך (פֿון די פֿראַזעס) איז אַ לאַטײַנישע.

איליטש האָט מיר אַנומלטן געהאַט געזאָגט, אַז זײַנערצײַט איז ער זייער געווען פֿאַרכאַפּט פֿון לאַטײַן.

די שטים — אַן אויסדריקלעכע, ניט קיין מאָנאָטאָנע. באַזונדערס אויסדריקלעך אויך אין פּראַט פֿון מאָדוליאַציע זײַנען געווען זײַנע (zwischenrufe)[3]. איך הער זיי ווי הײַנט.

די שפּראַך איז געווען אַ פּאָשעטע, אָן פֿלײטערלעך און ניט קיין טעאַטראַלע, ס'איז נישט געווען ניט די „נאַטירלעכע קינסטלעכקײַט", די „זינגעוודיקע" שפּראַך פֿונעם פּראָװינציזישן טיפּ (ווי בײַ לונאַטשאַרסקין, אַשטייגער), ס'איז אויך ניט געווען די טרוקנקײַט, די האַמעטנעקײַט, די מאַנאָטאָנישקײַט פֿונעם ענגלישן טיפּ — אַ רוסישע שפּראַך, וואָס געפֿינט זיך אינדערמיט צווישן אָט די עקסטרעמקײַטן. און אַזאַ איז זי געווען בײַ איליטשן — אינדערמיט — אַ טיפּישע רוסישע שפּראַך. זי איז געווען עמאָציאָנעל אָנגעזעטיקט, אָבער ניט טעאַטראַליש, ניט אויסגעקינצלט; נאַטירלעך־עמאָציאָנעל. די מאָדוליאַציעס זײַנען ניט געווען אײַנאַרטיק־שטאַמפּירט און סטערעאָטיפּיש.

[1] „איר האָט פֿאַרכאַפּט עלזאַס און לאָטאַרינגיע, אָבער טראָץ דעם, פֿאַרבלײַבן מיר פֿראַנצויזן..." — אַן עלזאַסער ליד, וואָס וולאַדימיר איליטש האָט געהערט אין פּאַריזש פֿון אַן אויפֿראַמערן אַ פֿראַנצויזן.

„אַ גרוס אײַך, סאָלדאַטן פֿונעם זיבעצעטן" — אַ ליד פֿון מאָנטעגיוס, — אַ זון פֿון אַ קאָמונאַר, — אַ טאַלאַנטפֿולער אויטאָר און אויספֿילער פֿון רעוואָלוציאָנערע לידער. לענין איז פּערזענלעך געווען מיט אים באַקאַנט. די דאָזיקע ליד איז אַ ווענדונג צו די סאָלדאַטן פֿונעם 17־טן פּאָלק, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שיסן אין די שטרײַקנדיקע.

[2] אַ זשורנאַל, וועלכן ס'האָט אין 1925—1923 אַרויסגעלאָזט די ליטעראַרישע גרופּע „לעף" (לינקער פֿראָנט פֿון דער קונסט), וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיטן פֿוטוריזם און מיט אַנדערע פֿאָרמאַליסטישע שטרעמונגען.

[3] צווישנרופֿן.

אַ פֿליסעוודיקע און אַ פֿרײַע[1]. ווערטער און פֿראַזעס האָט ער אויסגעקליבן פֿרײַ, ניט פֿילנדיק קיין שוועריקײַטן. עמעס, ער האָט שטענדיק זייער זאָרגפֿעליק זיך געגרייט צו די אַרויסטרעטונגען, אָבער גרייטנדיק זיך, האָט ער געגרייט ניט קיין פֿראַזעס, נאָר דעם פּלאַן פֿון דער רעדע, באַקלערט דעם אינהאַלט, באַקלערט די געדאַנקען.

שטענדיק גערעדט מיט באַגײַסטערונג — צי איז דאָס געווען אַן אַרויסטרעטונג, צי אַ שמועס. עס פֿלעגט אָפּט טרעפֿן — ער איז געווען זייער עמאָציאָנעל, — גרייטנדיק זיך צו אַן אַרויסטרעטונג, גייט ער אַרום איבערן צימער און שעפּטשעט דאָס אַרטיקל, אַשטייגער, וואָס ער גרייט זיך אָנצושרײַבן. בײַס אַ שפּאַציר, פֿלעגט טרעפֿן, גייט ער שווײַגנדיק, קאָנצענטרירט. דעמאָלט רייד איך אויך ניט, איך לאָז אים פֿאַרבלײַבן מיט די אייגענע מאַכשאָווע. דערנאָך פֿלעגט ער אָנהייבן ריידן אויספֿירלעך, גרינטלעך און זייער ניט ליב געהאַט קיין פֿראַגעס אינמיטן די רייד. נאָך שטרײַטן, דיסקוסיעס, ווען מיר פֿלעגן זיך אומקערן אַהיים, איז ער אָפּט געווען כמורנע, שווײַגנדיק, אויפֿגערודערט. איך האָב קיינמאָל ניט פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט — ער פֿלעגט דערנאָך אַליין דערציילן, אָן פֿראַגעס.

בעשאַס די שפּאַצירן זײַנען אָפּט געווען פֿאַלן, ווען עפּעס אַן אומדערוואַרטע רעפּליק פֿלעגט באַווײַזן, אַז ער האָט, שפּאַצירנדיק, קאָנצענטרירט און אָנגעשטרענגט געטראַכט, באַקלערט אַזוי.

„קלעטערט אַף אַ וווּנדער־שיינעם באַרג, און טראַכט גאָר ניט וועגן באַרג, נאָר וועגן די מענשעוויקעס" (זע די דערינערונגען פֿון עסען („זווער")).

אין דעם זעלבן איז טאַקע באַשטאַנען דער אומגליק בײַסן אָנהייב פֿון דער קרענק. ווען די דאָקטוירים האָבן פֿאַרווערט לייענען און ביכלאַל אַרבעטן. איך מיין, אַז דאָס איז געווען ניט ריכטיק. איליטש פֿלעגט מיר אָפּט זאָגן: „זיי (און איך אַליין אויך) זײַנען ניט אימשטאַנד צו פֿאַרווערן מיר טראַכטן".

די באַדערפֿעניש זיך אַרויסזאָגן, קלאָר מאַכן איז בײַ אים שטענדיק געווען בוילעט אויסגעדריקט.

קיין פֿאַלן פֿון פֿאַרגעסן ווערטער, פֿראַזעס, דעם זאַץ־בוי צי ניט פֿאַרשטיין דעם זין און דעם באַטײַט פֿון די ווערטער פֿונעם מיטשמועסער זײַנען ניט געווען. פֿאַרקערט, ער האָט אויסערגעוויינלעך גיך אויפֿגעכאַפּט דעם זין און דעם באַטײַט. זײַנע פֿאַרנאָטירונגען — אָפּט מיט איין וואָרט, מיט איין פֿראַזע.

[1] ס'גייט אַ רייד וועגן לענינס שפּראַך.

אין דער היים, אויב ס׳האָט אים שטאַרק געַרעגט עפּעס א פראגע, האָט ער שטענדיק גערעדט שטילערהייט.

זייער א מונטערער, אן אײַנגעשפּאַרטער און אן אויסגעהאַלטענער מענטש געווען. אן אָפּטימיסט.

אין טפּיסע — געווען די פארקערפּערונג גופא פון אויסגעהאַלטנקייט און מונטערקייט. בעשאַס דער קרענק איז געווען א פאַל, ווען איך האָב אין דער אָנוועזנהייט פון דער מעדשוועסטער אים געזאָגט, אז אָט, הייסט עס, דו זעסט, דאָס לאָשן קערט זיך אום, אָבער לאַנגזאַם. קוק אָף דעם אזוי, ווי דו זאָלסט צײַטווײַליק זיך געפינען אין טפּיסע. די מעדשוועסטער זאָגט: „נו, וואָס זשע פאַר א טפּיסע איז דאָס, וואָס רעדט איר, נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ?“

איליטש האָט פארשטאַנען: נאָך דעם דאָזיקן געשפּרעך האָט ער אָנגעהויבן באַשטימט זיך מער האַלטן אין די הענט.

האָט ליב געהאַט אונטערצוזינגען און אונטערצופײַפן.

ער האָט געשריבן שרעקלעך גיך, מיט פאַרקירצונגען. געשריבן מיט אן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט, א סאַך און גערן. צו די פאָרטראָגן פלעגט ער שטענדיק פאַרנאָטירן דעם געדאַנק און דעם פּלאַן פון דער רעדע. בײַזײַענדיק אָף פאָרטראָגן, פלעגט ער פאַרנאָטירן די געדאַנקען און רעדעס פון די פאָרטרעגער און אָראַטאָרס. אין די דאָזיקע נאָטיצן איז אַלדאָס גרינטלעכסטע שטענדיק געווען אויפגעכאַפּט, קיינמאָל ניט דורכגעלאָזט.

דער קסאַוו פלעגט ווערן בוילעטער, ווען ער האָט געשריבן עפּעס אזעלכס (אין בריוו, אַשטייגער), וואָס האָט אים באַזונדערס אינטערעסירט און גערעגט.

דאָס געשריבענע איז געווען געבונדן און לאָגיש קאָנסעקווענט. זייער אָפט פּראַקטיקירט פאַרקירצונגען פון בוכשטאַבן (פון די וואָקאַלן אָפּט) און זילבן, קעדיי צו פאַרשנעלערן דאָס שרײַבן.

די מאַנוסקריפּטן האָט ער שטענדיק געשריבן גלײַך אָף ריינעם. אויסבעסערונגען — זייער ווייניק.

קיין איבערוואָג פון דער מינדלעכער אָדער שריפטלעכער שפּראַך איז ניט געווען. לויט מײַן מיינונג, איז סײַ די, סײַ יענע געווען שטאַרק אַנטוויקלט. ער האָט לײַכט און פרײַ אי געשריבן, אי גערעדט.

סטאַטיסטישע טאַבעלן, ציפערן, אויסצוגן האָט ער שטענדיק געשריבן אויסערסט דײַטלעך, מיט א באַזונדער פלײַס, — דאָס זײַנען „מוסטערן פון קאַליגראַפיע“. ער פלעגט זיי ארויסשרײַבן גערן, שטענדיק אי אין ציפערן, אי אין גראַפיקעס, אי אין דיאַגראַמעס, אָבער קיינמאָל ניט אין בילדער־דיאַגראַמעס (אין דער פאָרם פון געמעלן).

סטאַטיסטישע גראַפיק האָט ער אויסגענוצט ברייט, געצייכנט אליין און זייער דײַטלעך. ער האָט אָף קיין שום אויפן און קיינמאָל גאָרנישט ניט געמאָלט.

געלייענט האָט ער אויסערגעוויינלעך גיך. געלייענט אין זיך. אין דער הייך האָבן מיר, ניט איך אים, ניט ער מיר, קיינמאָל גאָרנישט ניט געלייענט, דאָס איז בא אונדז ניט געווען אײַנגעפירט: דאָס פאַרלאַנגזאַמערט דאָך שטאַרק.

בעשאַסן לייענען צומאָל שטילערהייט געזאָגט, וואָס ער האָט געטראַכט אין שײַכעס מיטן לייענען.

פונדערווײַטנס האָט ער געזען גוט. ער מיט דער מאַמען (מיט מײַנער) פלעגן אָפּט זיך פאַרמעסטן דערין.

די אויגנמאָס איז געווען בא אים א גוטע — געשאָסן גוט און אין „גאָראָדקי“ געשפּילט ניט שלעכט.

קאָלירן און שאַטירונגען אונטערשיידט זייער גוט און ריכטיק.

דער וויזועלער זיקאָרן א גלענצנדיקער. פּענעמער, זײַטלעך, שורעס פאַרגעדענקט זייער גוט. גוט אויפגעהיט אין זיקאָרן און אָף לאַנג דאָס געזעענע און די פּראָטים פונעם געזעענעם.

שרעקלעך ליב געהאַט די נאַטור. ליב געהאַט די בערג, דעם וואַלד און די זון־פאַרגאַנגען. זייער געשעצט און ליב געהאַט די באַהעפטונגען פון פאַרבן. אָף זײַן קליידונג געווענדט ווייניק אַכט. איך מיין, אז צום קאָליר פון זײַן שניפּס איז ער געווען גלײַכגילטיק. און צום שניפּס אליין זיך אויך באַצויגן ווי צו אן אומבאַקוועמער נויטווענדיקייט.

גוט געהערט אָף בײדע אויערן. גוט געהערט, ווען מ׳האָט גערעדט שעפּטשענדיק. זיך גוט אָריענטירט אין אן אומבאַקאַנט אָרט. דעם מעהאַלעך און די ריכטונג האָט ער לויטן געהער אויך פעסטגעשטעלט גוט.

ער האָט זייער גוט פאַרגעדענקט און זייער גוט אויפגעהיט אין זיקאָרן דאָס געהערטע. פלעגט עס שטענדיק איבערגעבן פּינקטלעך, זיכער און פרײַ. איך מיין, אז דער וויזועלער און דער געהער־זיקאָרן זײַנען לויט דער אַנטוויקלונגס־שטופּע געווען בא אים, אן ערעך, אַלצייגע.

בייסן גרייטן זיך צו ארויסטרעטונגען און ביכלאַל בייס דער אַרבעט ליב געהאַט אונטערצושטרײַכן, מאַכן צייכנס, אויסצוגן און קאָנספּעקטן און אָנגעווענדט זיי אָפּט און א סאַך. זיי זײַנען אָפּט געווען לאַקאָניש און אויסדריקלעך. אָבער בעשאַסן לייענען האָט ער מורמלענדיק גערעדט בלויז וועגן דעם, וואָס ער האָט געלייענט. שטיל געמורמלט זײַנס אן אַרטיקל.

הערן, ווי א צווייטער לייענט, — דאָס איז בא אונדז ניט געווען אײַנגעפירט.

זייער ליב געהאט הערן, ווי מע דערציילט. געהערט ערנסט, אופמערקזאם, גערן. עס איז פאראן א דערינערונג פון א גרופע ארבעטער, וועלכע האָבן אים באזוכט נאָך דער קרענק. זיי שרײַבן, אז איליטש האָט גערעדט מיט זיי. אינדערעמעסן האָט ער בלויז געהערט.

זייער ליב געהאט הערן מוזיק. אָבער ער פלעגט דערבײַ שרעקלעך מיד ווערן. געהערט ערנסט. זייער ליב געהאט וואגנערן. אלס קלאל פלעגט ער נאָכן ערשטן אקט אוועקגיין א צעבראָכענער.

קיין רויש ביכלאל ניט ליב געהאט (איך רעד ניט וועגן דעם רויש פון א באלעבטער גאס, פון א האמוין, פון א גרויסער שטאָט). נאָר אָט אין שטוב האָט ער ניט ליב געהאט קיין גערויש.

מוזיקאליש. דער מוזיקאלער זיקאָרן — א גוטער. ער האָט פארגעדענקט גוט, מע קאָן אָבער ניט זאָגן, אז זייער גיך. מער פון אלץ ליב געהאט פידל. ליב געהאט פיאנע. אן אבסאָליוטער געהער? כ׳ווייס ניט. וועגן אקאָרד — ווייס איך אויך ניט. ריטם? נאָטן? צי האָט ער זיי געקענט לייענען? איך ווייס ניט.

אָפערע האָט ער מער ליב געהאט, איידער באלעט.

ליב געהאט די „פאטעטישע“ סאָנאטע און „אפאסיאָנאטע“.

ליב געהאט די ליד פון טאָרעאדאָר. אין פאריזש גערן באזוכט קאָנצערטן. אָבער דאָס אלץ איז אין אונדזער לעבן געווען זייער ווייניק. טעאטער האָט ער זייער ליב געהאט — שטענדיק האָט עס געמאכט אף אים א שטארקן אײַנדרוק.

אין דער שווייץ זײַנען מיר מיט אים געגאנגען קוקן „זשיוואָי טרופ“[1].

פאר קיין הויכקײַט ניט מוירע געהאט — אין די בערג געגאנגען „באם סאמע ראנד“. ליב געהאט דאָס האסטיקע פאָרן.

שרײַבן, בייס מע רעדט, האָט ער ניט געקאָנט (ניט ליב געהאט), ס׳איז נייטיק געווען אבסאָליוטע שטילקײַט.

ער האָט גאנץ געהאָרכזאם געגעסן אלץ, וואָס מ׳זאָל ניט געבן. א געוויסע צײַט האָבן מיר יעדן טאָג געגעסן פערדן־פלייש. ער און אינאָקענטי האָבן געהאלטן, אז ס׳איז זייער געשמאק.

אין דער יוגנט און אין דער טפיסע האָט ער געליטן פון א קאטאר פון דעם מאָגן און פון די קישקעס. דערנאָך, איבערגעגאנגען אף היימישער שפײַז, וועלכע האָט געלינדערט די דאָזיקע קאטארן, האָט ער אָפט געפרעגט: „און איך מעג דאָס עסן?“ פעפער און זענעפט ליב געהאט. ניט געקאָנט פארדייען קיין פילינצעס (אידיאָסינקראזיע).

ער האָט מיט פארגעניגן געגעסן זויערמילך. דער כוש־האטאם און דער כוש־האָרייעך זײַנען ביכלאל געווען שוואך אנטוויקלט. רייכעס האָט ער, פארשטייט זיך, אונטערשיידט, אָבער קיין שום נייגונג סײַ צו זיי ביכלאל, סײַ צו אומגעוויינלעכע איז ניט געווען.

ער האָט ניט געקאָנט פארלײַדן אין צימער קיין גאָרטן־בלומען. אָבער ליב געהאט אין צימער פעלד־בלומען און גרינס. זייער ליב געהאט די פרילינגדיקע רייכעס. גאָרטן־בלומען און באזונדערס מיט א שטארקן אראָמאט פלעגט ער אויסמײַדן.

איך געדענק, אין 1922 פלעג איך אים טרעפן בא אזא מין באשעפטיקונג: ער האָט אונטערגעגאָסן ווארעמע וואסער אינעם קריגל, אין וועלכן מיר האָבן ארײַנגעשטעלט צווײַגלעך מיט אָנגעקוואָלענע קנאָספן (פרילינג־צײַט איז דאָס פאָרגעקומען).

אן אָפטימיסט. אין סיביר און אין פראנקרײַך איז ער ביכלאל געווען פיל נערוועזער. געליטן פון שרעקלעכער שלאָפלאָזיקײַט. די פרימאָרגנס זײַנען בא אים שטענדיק געווען שלעכטע, ער פלעגט שפעט אײַנשלאָפן און שלעכט שלאָפן. אין דער שווייץ האָט זייער ארויסגעהאָלפן די געמאָסטנקײַט פונעם שווייצארישן לעבן, און אין פראנקרײַך האָבן מיר געלעבט קאפויר. שפעטע שמועסן און שטרײַטן ביז אין דער נאכט ארײַן (אין סיביר און אין אויסלאנד). אין סיביר האָט ער א געוויסע צײַט פארן סאָף פון דער פארשיקונג שרעקלעך זיך געערגערט, אז מ׳קאָן פארלענגערן, — ער איז געווען דעמלט באזונדערס נערוועז און פלעגט לײַכט אופגערעגט ווערן. אפילע א טעל געוואָרן.

קיין מעלאנכאָליע, אפאטיע איז ניט געווען. די ענדערונגען פון דער שטימונג האָבן ביכלאל שטענדיק געהאט א קלאָרע סיבע און זײַנען געווען אדעקוואט. ס׳האָט אים זייער נערווירט די אויסלענדישע סקלאָקע, די קריגערײַען און שטרײַטן מיט פלעכאנאָוון און מיט די וופּעריאָדאָווצעס.

ביכלאל זייער עמאָציאָנעל. אלע איבערלעבונגען זײַנען געווען עמאָציאָנעל.

די געוויינלעכע, פרעוואלירנדיקע שטימונג — אָנגעשטרענגטע קאָנצענטרירטקײַט.

א לוסטיקער און א וויציקער.

קיין אָפטע ענדערונג פון דער שטימונג איז ניט געווען. ביכלאל אלע ענדערונגען זײַנען שטענדיק געווען באגרינדעט.

זייער גוט געקענט זיך באהערשן.

ווען ער האָט גערעדט, אויב מ׳האָט צוליב דער אָדער יענער סיבע ניט באדארפט זיך צוימען, האָט ער שטענדיק שארף געשטעלט

[1] „דער לעבעדיקער מעס“.

די פראַגעס, זיי פאַרשאַרפט „ניט געקוקט אַף קיין פּערזאָנען“.

אין די שמועסן מיט מענטשן, וועלכע ער האָט געכאַוועט, געווען זייער טאַקטיש. עמפּפינדלעך. רעאַגירט זייער שטאַרק.

אין בריסעל נאָך א צוזאַמענשטויס מיט פלעכאַנאָוון האָט ער טייקעף זיך אוועקגעזעצט שרייַבן גיפטיקע באַמערקונגען אַף פלעכאַנאָווס גיפטיקע באַמערקונגען, ניט געקוקט דערויף, וואָס כ׳האָב אים אייַנגערעדט גיין שפּאַצירן: „קום קוקן דעם קאַטעדראַל“.

פלעגט בלייך ווערן, ווען ער האָט זיך געערגערט.

א באַגייַסטערנדיקע לייַדנשאַפטלעכקייַט בייסן ריידן, זי האָט זיך געלאָזט פילן אפילו דעמלט, ווען ער האָט גערעדט אויסערלעך רויִק.

פאַר יעטווידער אַרויסטרעטונג זיך זייער באומרויִקט: געווען קאָנצענטרירט, קאַרג אַף א וואָרט, אויסגעמייַדט געשפּרעכן אַף אַנדערע טעמעס, מ׳זעט לויטן געזיכט, אַז ער באומרויִקט זיך, אַז ער טראַכט דורך. אומבאַדינגט געשריבן דעם פּלאַן פון דער רעדע.

זייער שטאַרק איז געווען אויסגעדריקט די שטרעבונג פאַרטיפט, פאַרשעריש צוגיין צו פראַגעס.

אין שושא, צום בייַשפּיל, האָט א פויער אין מעשעך פון 2 שאָ אים דערציילט, וויאַזוי ער האָט זיך צעקריגט מיט זייַניקע דערפער, וואָס זיי האָבן אים ניט מעכאַבעד געווען אַף א כאַסענע. איליטש האָט אויסערסט אופמערקזאַם פאַנאַנדערגעפרעגט, באַמיִענדיק צו באַקאַנען זיך מיט דעם שטייגער און מיט דעם לעבן.

שטענדיק עפּעס אַן אָרגאַנישע פאַרבינדונג מיטן לעבן.

קאָלאָסאַלע קאָנצענטרירטקייַט.

זעלבסטקריטיש, זייער שטרענג זיך באַצויגן צו זיך. אָבער די גריבלעניש און דעם פייַנלעכסטן זעלבסט-אַנאַליז אין דער נעשאָמע געהאַסט.

ווען ער איז געווען זייער צערודערט, פלעגט ער נעמען א ווערטערבוך (צום בייַשפּיל, מאַקאַראָווס) און געקאָנט אים שאָענלאַנג לייענען.

ער איז געווען א קאַמפערישער מענטש.

אַדאַראַטסקין האָט ער ביז דעטאַלן דערציילט, ווי ס׳וועט אויסזען די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע.

אַזאַרט בייס דער יאַגד — פויזעניש אַף אַלע פיר נאָך די ענטלעך. קיין אומזיסטע ריזיקע — צוליב ריזיקע — ניטאָ. אין וואַסער זיך געוואָרפן דער ערשטער. קיין מוירע, קיין פּאַכעד. דרייסט און געוואַגט.

איבערגעזעצט פון רוסיש — י. טשיטשעלניצקי

ה י ר ש ב ל אָ ש ט י י ן

לעניִן איז מיטגעגאַנגען אַף די פאַרהערן

סאָף זומער 1930 איז אין אַרגענטינע פאָרגעקומען א מיליטעריש-פאַשיסטישע איבערקערעניש. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ. א גרויסע צאָל אַקטיוויסטן פון די פּראָגרעסיווע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס און קולטור-אַנשטאַלטן זייַנען אַרייַנגעוואָרפן געוואָרן אין די טפיסעס. ניט אויסגעמיטן די רעפּרעסיעס האָט אויך דער אַוטאָר פון די דאָזיקע שורעס.

עטלעכע טעג נאָכן אַרעסט האָט מען מיך ווידער אַרויסגערופן צום אויספאָרשער. „אַרויסגערופן“ הייסט: מע האָט מיך אַזייגער צוויי באַנאַכט אופגעהויבן פון מייַן געלעגער — פון די אויסגעשפּרייטע צייַטונגען אַפן פייַכטן צעמענט (קיין בעטלעך אָדער נאַרעס זייַנען אין דער טפיסע ביכלאַל ניט געווען), — און מע האָט מיך בוכשטעבלעך אַרייַנגעקוועטשט אין איינעם פון די נידעריק-שמאָלינקע קאַבינקעלעך אין דער גרויסער מאַשין-שטייַג פון דעם „אָרדען סאָסיאַל“ (טאַקע נאָר אַף כויזעק: „געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג“...) — דער אַרגענטי-

נער פּאָליטישער געהיים־פּאָליציי. אין דעם פּערטל שאָ, וואָס עס האָט געדויערט דער וועג פון דער „וויזשאַ־דעוואָטאָ“ (אזוי האָט געהייסן די טפיסע) ביז צו דער געבײַדע פונעם „אָרדען סאָסיאַל“, האָב איך מיך געמיט אויסמאָלן אין דימיען דעם אויסזען פונעם אויספאָרשער, צו וועלכן איך ווער איצט גערופן, און די ערשטע מעגלעכע פראגעס זײַנע און מײַנע ענטפערס. נאָר דער גדאנק האָט געארבעט אזוי פיבערדיק, און דערצו האָט אויך די פּאָזע אין קאבינעטשטײַגל דערמאָנט אין די צײַטן פון דער אינקוויזיציע, אז דאָס הארץ איז ניט געלעגן צו שעפערישקײַט...

ווי האָט אויסגעזען „מײַן“ אויספאָרשער? איך וואָלט געזאָגט, אז קיין באזונדערע, כאראקטעריסטישע פראָפעסיאָנעלע שטריכן סײַ אין זײַן באנעמען זיך, סײַ אין די רייד האָט ער ניט פארמאָגט. אזעלכע פּענעמער און אזא פירונג גייען דרײַצן אף א טוץ. אזא פארשוין קאָן זײַן א מיטעלער אָנגעשטעלטער אין א באנק, א בוכהאלטער, א קאָמיוואָיאזשאָר, א פארקויפער אין א גרויסן מאגאזין. א מיטלווּקסיקער, דאַרער, אָבער שטײַפער „אויסגעמושטרירטער“ מענטש אין די דרײַסיקער, א נאקעטער קײַלעכיקער קאָפּ, וואָס דו ווייסט נישט, ווו דער שטערן ענדיקט זיך. ברילן אין דיקע טונקעלע רעמלעך, און אונטער די גלעזער — קליינע גרויע אויגן. זיי שמייכלען העפלעך, דינסטגרייטיק, באם באגעגענען אײַך. קענטיק — א גוט אײַנגערעפּעטירטער שמייכל. לויט דעם שמייכל האָט ער, אגעוו, געקענט גאנץ גוט אראָפּגיין פאר א קעלנער אין אן „אריסטאָקראטישן“ רעסטאָראן. בא מײַן ארײַנגיין צו אים אין קאבינעט האָט ער זיך אופגעשטעלט, זיך פארנייגט, פאָרגעלייגט שווארצע קאווע און ערשטסאָרטיקע סיגארעטן, איבערגעכאזערט בא יעדער פראזע „סעניאָר עסקריטאָר“ („הער שריפטשטעלער“), אונטערגעשטעלט מיר דעם שטול צו זעצן זיך. אָבער... ווען איך האָב מיך פונעם פאָרגעלייגטן „קיבעד“ קאלט אָפּגעזאָגט און בין נאָך אלץ געשטאנען, האָט אים שוין דער טאָן פאראטן: אין זײַן לעצט מאָל זאָגן צו מיר „זעצט זיך“ האָט זיך שוין געהערט דער פּאָליצייִשער באפעלערישער אויסרופצייכן. איך האָב מיך געזעצט.

ווער איז געווען מײַן אויספאָרשער? אן אלטער געהיים־פּאָליציאַנט צי פון די נײַע, וואָס זײַנען געקומען ארבעטן אין „אָרדען סאָסיאַל“ שוין נאָך דער פאשיסטישער איבערקערעניש? מיט יאָרן שפּעטער האָט איינער אן ארגענטינער כאווער, ווען איך האָב אים אויסגעמאָלט דעם אויספאָרשער, מיר געזאָגט: „אויב דאָס איז טאקע דער, וועמען איך מיין — און לויט אײַער מאָלן איז ער זייער ענלעך אף דעם, וועמען איך מיין, — איז ער א געוועזענער לערער פון געשיכטע און א ראפינירטער סאדיסט...“

■

— איך בין דאנקבאר דעם צופאל, וואָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקײַט זיך מיט אײַך צו באקענען, — האָט ער אָנגעהויבן מיטן זעלבן שמייכל. — א שאָד נאָר, וואָס בא אזעלכע אויסערגעוויינלעכע אומשטענדן... אין דעם היסטאָרישן מאָמענט, וואָס אונדזער לאנד לעבט איבער, ווערט אויך דאָס אויסערגעוויינלעכע — געוויינלעך... איר זײַט דער ערשטער שריפטשטעלער אין מײַן פראקטיק... איך בין דאנקבאר דעם צופאל!

— לײדער, קאָן איך דאָס ניט זאָגן וועגן זיך...

— פארגעסט נישט, סעניאָר עסקריטאָר, אז איר האָט פאר זיך אײַערן א פארערער.

— ?

— איך האָב מיך באקאנט (עמעס, אין ניט גאָר קיין קוואליפיצירטע איבערזעצונגען) מיט א טייל מאנוסקריפּטן אײַערע, וואָס אונדזערע טוער האָבן בא אײַך עלימינירט (ארויסגענומען), בייס זיי האָבן געהאט די ערע אײַך צו וויזיטירן... און כוץ דעם... בלויז אן איבערגעגעבענער פארערער אײַערער האָט געקאָנט צונויפזאמלען אזא קאָלעקציע פון אײַערע פּאָטאָגראפיעס, אין פארשיידענע ערטער, בא פארשיידענע געלעגנהײַטן...

פון זײַן שלאנגען־צונג האָט שוין איצט אָפּן אראָפּגעטריפט א מוטנע שנירעלע גיפט. זײַנע אויגן האָבן זיך עטוואָס פארזשמורעט און נאָך קלענער געוואָרן, די נאָז האָט זיך געקאָרטשעט, געקנייטשט, ניט געקאָנט אײַנהאלטן דאָס נערוועז־אופגערעגטע פיבער־ציטערל. ער האָט זיך מיט זײַנע קאלטע שטאר־קוקנדיקע אויגן אײַנגעקלאמערט אין מיר. צי האָט ניט אמאָל דער דאָזיקער פארשוין אין דער פריִער יוגנט געמאכט היפּנאָז־פּראָבעס?..

פון איינעם פון די עטלעכע פּאפירן־האלטערס, וואָס זײַנען געלעגן אפן טיש, האָט ער ארויסגענומען א פּעקעלע פּאָטאָגראפיעס, צוזאמענגעשטײַפטע מיט א גומי־שנירעלע. ער האָט זיי אויסגעלייגט אין צוויי רייען, איינע אונטער דער אנדערער. ער האָט א רעגע פארביסן די אונטערשטע ליפּ — און ווידער מיטן שמייכעלע:

— איר האָט די געלעגנהײַט בײַצוזײַן אף אן אוניקאלער אויסשטעלונג פון אײַערע בילדער... איר אנערקענט זייער אויטענטישקײַט? אויב אײַער זיקאָרן איז, עפשער צוליב די לעצטע געשעענישן אין אײַער לעבן, געוואָרן א ביסל אָפּגעשוואכט, קאָנען מיר אײַך העלפן אים צוריק אופשטעלן...

ביז דער פאַשיסטישער איבערקערעניש איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון אַרגענטינע (ק. פּ. א.) געווען לעגאַל, געהאַט אירע צײַטונגען און זשורנאַלן אַף עטלעכע שפּראַכן, צווישן זיי אויך אַף ייִדיש, ווי אויך קלובן, קולטור־צענטערס, פּראָפּאַרייִנישע לאָקאַלן. די פּראָגרעסיווע ליטעראַרישע אָוונטן, טעאַטראַלע אופטריטן, דיסקוסיעס, פאַרשיידענע פאָרומס פלעגן צוציִען א גרויסן אוילעם. מאָלע ווער עס פלעגט פאָטאָגראַפירן די מיטינגען אָדער גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, אַף וועלכע איך פלעג זײַן צווישן די רעדנער.

— זײַט אזוי ליבנסווירדיק, זאָגט ניט אָפּ מיר צו העלפן זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין אָט דער־אָ פאָטאָ: ווער איז אָט דער, וואָס שטייט דאָ ניט ווײַט פון אײַך און ווײנט?

אַף דער פאָטאָ איז געווען דער פּרעזידיום פון א פײַערלעכן מאַסן־אָוונט, געווידמעט דעם פינפטן יאָרטאָג פון וולאַדימיר איליטש לענינס טויט. ניט ווײַט פון מיר איז געשטאַנען מיט א היפּש טיכל בײַ די אויגן איינער פון אונדזערע אַקטיווע כאַוויירים. דאָס טיכל האָט פאַרשטעלט א גרויסן טייל פונעם פּאָנעם.

— שווער צו זאָגן, ווער עס איז דער מענטש, וואָס ווײנט. נאָך לענינען האָט, דוכט זיך, דער גאַנצער זאַל געוויינט...

— אָבער דער ווער איז? ער איז דאָך געווען אין פּרעזידיום און לעבן אײַך?

— ניט איך האָב דעם פּרעזידיום צונויפגעשטעלט, ניט איך האָב אים פאַנאַנדערגעזעצט...

— און איר האָט דאָ קיינעם ניט געקענט?

— פאַרוואָס? א טייל האָב איך געקענט...

— אונדז אינטערעסירט דער. די אַנדערע קענען מיר אָן אײַך. און דעם קענט איר אויך...

— קאָן זײַן, אז איך קען אים. הייסט אים אַראָפּנעמען דאָס טיכל פון פּאָנעם...

דאָס ערשטע מאָל האָט ער איצט א ווילד־בייזן קוק געטאָן אַף מיר, זיך א הייב געטאָן פונעם פּאָטעל, זיך צוריקגעזעצט:

— ווילט איר אונדז ניט זאָגן? נו, גוט. פונדעסטוועגן איז מײַן אייצע: איידער איר ענטפערט, באַטראַכט פריִער, צי אײַער ענטפער, אײַער אויפירונג וועלן אײַך ניט ברענגען מער שאָדן ווי נוצן... און דערווײַלע קומט מיט מיר, סעניאָר עסקריטאָר, אַף נאָך איין אויסשטעלונג...

ער האָט מיך דורכגעלאָזט פאָרויס און איז אַרײַן נאָך מיר אין א דערבײַיִק צימער. דאָס צימער איז געווען אײַנגאַנצן אָן אינווייניקס — אָן פענצטער, אָן זײַטיקע טירן. און קימאַט אָן מעבל. אינמיטן נאָר איז געשטאַנען א לאַנגער טיש, פאַרדעקט מיט א גרינעם טוך. און אַפן טיש...

איך האָב די אויסשטעלונג נאָך פונעם שוועל דערקענט: דאָס זײַנען געווען די ביכער, זשורנאַלן, בראָשורן, צײַטונגען, וואָס מע האָט בײַ מיר צוגענומען בעשאַס דער אונטערזוכונג. צוזאַמען מיט קאָמפּלעקטן פון די פּראָגרעסיווע זשורנאַלן, וואָס איך האָב רעדאַגירט — „דאָרעם־אַמעריקע", „נײַ־וועלט", — איז דאָ געווען „יונגוואַלד" פון מאָסקווע, „פּראָליט" פון כאַרקאָוו, „שטערן" פון מינסק, עקזעמפּליאַרן פונעם „עמעס", „דער האַמער" פון ניו־יאָרק, „דער קאַמף" פון טאָראָנטאָ (קאַנאַדע), „ליטעראַרישע טריבונע" פון פּוילן. געווען דאָ אויך א פּאָר מײַנע לידער־ביכער: „לידער פון קאַמף", „אַרבשולאָרג".

— דאָס איז אַלץ אײַערס?

— דערלויבט מיר, איידער איך ענטפער, זיך מעיאַשעוו צו זײַן מיט מײַן אייגענער פּאָר אויגן...

— וואָסי? איר גלייבט אונדז ניט?

— איך גלייב נאָר אין דעם, וואָס איך זע. ביפּראַט, אז אָט דאָס, וואָס עס ליגט דאָ אַפן טיש, קאָן נאָך מיט דער צײַט באַקומען דעם נאָמען „וועזנטלעכע באַווײַזן"...

באַקוקנדיק די „אויסשטעלונג", האָב איך דערזען: אַלע נומערן פון די זשורנאַלן זײַנען געווען צעעפנט אַף די זײַטלעך, וווּ, צוליב דער אָדער אַנדער געלעגנהײַטס־דאַטע, איז געווען דער פּאָרטרעט אָדער א קינסטלערישע צייכענונג פון לענינען. ס'האָט זיך באַקומען א גאַנץ היפּשע גאַלעריי לענין־פּאָרטרעטן און צייכענונגען פון פאַרשיידענע מאָלער — סאָוועטישע, אַרגענטינער, אַמעריקאַנער, קאַנאַדער, פּוילישע...

— נו?

— דערווײַלע, — איך האָב באַטאָנט דעם דערווײַלע, — איז דאָס אַלץ מײַנס.

דאָס האָט אים ענדלעך אויפגעריסן:

— איר האָט שוין צופיל האָזע, סעניאָר! איר מיינט, מירן זיך דערשרעקן פאַר אײַער פּען... איז ניט אזוי גיך וועט זי זײַן אַף דער פרײַ...

ער איז זיך דורכגעגאַנגען א פּאָר מאָל איבערן צימער און זיך אוועקגעזעצט. מיך האָט ער געלאָזט שטיין: אין צימער איז געווען בלויז איין שטול. איך האָב געזען, אז מײַן אויספאָרשער האָט זיך שוין אויסערלעך באַרויִקט. ער האָט געבלעטערט פאַמעלעך א שפּאַנישן זשורנאַל, האָב איך מיך געווענדט צו אים:

— איר וועט מיר דערלויבן אײַך צו שטעלן א פראַגע?

— יאָ... פראַגן שטעלן מיר. איר דאַרפט בלויז ענטפערן. נאָר עס טרעפן אויסנאַמען...

— אײַך דוכט זיך ניט, אז דאָס איז א ספּעציִעלע לענין־אויסשטעלונג, וואָס וואָלט זיך ניט שלעכט געפּאַסט פאַר אונדזערן א קלוב... האַלט איר, אז מײַן „פאַרברעכן" באַשטייט אין דעם, וואָס איך האָב געהאַלטן בײַ זיך לענין־פּאָרטרעטן — אין דער לעגאַלער צײַט?

— דאָ איז אַן אַנדער באַוויַיז: איר זעט דורך לענינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט סאָוועטרוסלאַנד און מיט זיינע אָרגאַניזאַציעס אין א סאַך אַנדערע לענדער. מיר באַשולדיקן איַיך ניט, גאָט באַהיט, אין האַלטן לענינען אָפּן פּאַפּיר... נאָר דאָס, וואָס איר ווילט אים אונדז אָנבינדן, איַינפירן בא אונדז זיינע כאַלוימעס...

— אָנבינדן? איבערגוואַלד? כאַלוימעס, מיינט איר? סאָוועטנפאַרבאַנד — א כאַלעם?

אַף דער פראַגע האָט ער ניט געענטפערט. לויט דעם, ווי ער האָט פּלוצעם האַלב צעעפנט דאָס מויל, אזש דער שפּיץ צונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, לויט דעם, ווי די אויגן זיינע האָבן א פּאָר מאָל א פינטל געטאָן הינטער די גלעזער, און נאָכדעם האָט ער מיך א רעגע, נישט פינטלענדיק און מיט א שטייף פאַרמאַכט מויל, אָנגעקוקט, האָב איך פאַרשטאַנען, אז ס'איז אים איַינגעפאַלן עפּעס א נייער געדאַנק, און ער אַליין האָט ניט באַמערקט, ווי ער האָט א פּאָר מאָל צו זיך א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף „יאָ"... און אָנשטאָט צו ענטפערן אַף מיין פראַגע, האָט ער געזאָגט:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, מיר ווילט זיך זייער א קאַווע און עפּעס איבערכאַפּן... איר וועט צוּוואַרטן אַף מיר א ווילע אָט דאָ. וואָס צו לייענען האָט איר. אַגעוו, בלייבט איר ניט אַליין, — ער האָט מיט א פינגער אָנגעטייט אַף עטלעכע לענינס פּאַטאָס... — מיט אים איז איַיך דאָך אומעטום געמיטלעך?

איך האָב אַליין ניט באַמערקט, ווי בא מיר האָט זיך אַרויסגעכאַפּט:

— סי, סעניאָר... (יאָ, מיין הער).

ער איז האַסטיק אַרויס און פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר. וועגן ניט די „אויסשטעלונג", וואָלט דאָס צימער באַלד געוואָרן אַן איינצלקאַמער, דערצו נאָך אָן א פענצטערל...

■

די „קאַווע" זיינע האָט ער געטרונקען גאַנץ לאַנג — קימאַט צוויי שאָ. אומגעקערט האָט ער זיך אין א הייטערער שטימונג, מיטן שמייכל און מיט רויִקע באַוועגונגען. איך האָב ניט געקאָנט פעסטשטעלן, צי האָט ער ערגעץ אין א זייטיקן צימער געכאַפּט א דרעמל, צי האָט ער זיך געטראָפן מיט עמעצן פון זיין אָנפירונג און באַהאַנדלט דעם אויפן פון פירן ווייטער דעם פאַרהער. ער האָט מיך געגומען צוריק אין קאַבינעט אַריין.

א פּאָר מינוט האָט געדויערט דאָס אויסקלאָרן אזא מין פראַגע:

— וועגן וואָס האָט איר זיך דורכגעשריבן מיט די „קאַמפּאַניעראָס" (כאַווירים) פון סאָוועטרוסלאַנד, אַמעריקע, קאַנאַדע?

— מיט די דאַרטיקע שרייבער, מיינט איר?

— פירט מיך ניט אַראָפּ פון וועג. אין דעם פאַל איז „שרייבער" דער אַדעקוואַט פון „קאָמוניסטן", — ער האָט שטיל א לאַך געטאָן: אים איז, ווייזט אויס, געפעלן געוואָרן, וואָס ער האָט געקאָנט אַריינבראַקן אין זיינע רייד אזא „אינטעליגענט" וואָרט, ווי „אַדעקוואַט".

— איך האָב מיך מיט זיי דורכגעשריבן ווי א רעדאַקטאָר מיט שרייבער.

— אָבער איַיערע זשורנאַלן זיינען דאָך געווען קאָמוניסטישע! אָך, יאָ, איך האָב פאַרגעסן: אָט דער זשורנאַל איַיערער איז געווען ניט קיין קאָמוניסטישער, נאָר א רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסטישער...[1] ער האָט איראָניש זיך צעשמייכלט: — געטראָפן וועמען צו נאַרן! מיר האָבן אויך עפּעס געלייענט, מיר פאַרשטייען אויך עפּעס... א סימען: איר זיצט בא מיר, ניט איך בא איַיך... איז וועגן וואָס האָט איר זיך מיט זיי דורכגעשריבן?

— נו, וועגן יאַמב און כאָריי... די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ איז דאָך בא איַיך.

— זייערע בריוו, אָבער וואָס האָט איר געשריבן?

— דאָס, וועגן וואָס זיי האָבן געענטפערט...

— נו, רעכט... איר מאַכט שוין אַלגעברע־פאָרמולעס... לאָמיר איבערגיין צו א מער אינטערעסאַנטער פראַגע... א פילאָסאָפישער אין א געוויסער מאָס... — ער האָט פאַררייכערט, פאַרלייגט א פוס איבער א פוס, זיך געמאַכט באַקוועם. — איר זייט רעליגיעז?

— ניין.

— פאַרוואָס זשע זייט איר אַן אָנהענגער פון קאָמוניזם?

כ'האָב א קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען:

— איך פאַרשטיי ניט איַיער פראַגע, סעניאָר.

ער איז געוואָרן הייטערער, מונטערער. דאָ, האָט זיך אים געדוכט, איז ער פעסט אין זאָטל.

— אין פאַקטן גלייבט איר דאָך? וועלן מיר איַיך באַווייזן מיט איַיזערנע פאַקטן, אז קאָמוניזם איז א רעליגיע און לענין איז דער סאַמע הייליקסטער הייליקער פון אָט דער רעליגיע.

דאָס ערשטע מאָל פאַרן גאַנצן פאַרהער האָב איך מיך איצט שטיל צעלאַכט. עפּשער נישט וועלנדיק, רעפלעקטיוו. ער האָט זיך א ביסל אָנגעכמורעט:

— לאַכט ניט, סעניאָר. ביכלאַל, איַילט זיך ניט מיטן לאַכן און פאַרגעסט אויך ניט, ווו איר געפינט זיך. — ער האָט פאַררייכערט. — א כאַראַקטער־שטריך פון יעדער נייער רעליגיע איז דער מעשוגעדיקער קעמפערישער פאַנאַטיזם פון אירע אָנהענגער, זייער גרייטקייט

[1] אין קעפּל פונעם זשורנאַל „נייוועלט" איז געשטאַנען: „רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסטישער זשורנאַל".

אפילע צו אָפּפערן מיט זיך, אבי נאָר צו קריגן נײַע פּראָזעליטן. דערמאָנט זיך, ווי האָבן אָנגעהויבן זייער „קאָנקיסטא“ (דעראָבערונג), זייער זיגערישן מאַרש דאָס קריסטנטום, דער איסלאַם... קנייטשט ניט, איך בעט אײַך, מיט די אַקסלען! נאָר דעם קאָמוניסטישן מאַרש וועלן מיר פאַרהאַלטן.

איך האָב מיר דערלויבט א רעפּליקע:

— ווי מיינט איר: דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, גאַליליי און נאָך א סאַך אַזעלכע „פאַנאַטיקער“ זײַנען געווען אָפּאָסטאָלן פון א רעליגיע צי פון דער אופוואַכנדיקער וויסנשאַפט?

— איר טרעט דאָ ניט ארויס אויף אײַערן א מיטינג! פאַר אײַך וועט בעסער זײַן, אויב איר וועט ווייניקער ריידן און מער הערן... איך האָב דאָ אָט ניט לאַנג צוריק דורכגעפירט אַזאַ מין עקספּערימענט... ווי א שרײַבער, מעג דאָס אײַך אינטערעסירן... איך האָב ארויסגערופן צו זיך צען אײַערע „קאָמפּאַניעראָס“... „טאָוואַרישאָס“... פון פאַרשיידענעם עלטער, פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, פון פאַרשיידענע קולטור־שטאַפּלען. געשמועסט, פאַרשטייט זיך, מיט יעדן באַזונדער, אונטער פיר אויגן, ווי מיר דאָ מיט אײַך... דאָ, אַז מיר ריידן זיך צונויף, קריגט נאָכדעם אפילע קיין האָן ניט... אויפן טיש בײַ מיר איז געלעגן לענינס פּאָרטרעט... אַנטשולדיקט מיר, בײַ די רוסן, דאַכט זיך מיר, הייסט עס אי־קאָ־נאַ... איר לאַכט שוין ווידער? הערט מיך אויס מיט קאָפּ: איך האָב יעדן פון זיי באַזונדער פאַרגעלייגט איינס... פאַרשטייט זיך, ניט מיט די זעלביקע ווערטער, נאָר יעדערן לויט זײַן געזעלשאַפטלעכער לאַגע, בילדונג אַאַוו.: „איר ווילט גיין אהיים, צו ווײַב און קינד, צו טאַטע־מאַמע? נעמט אָט דאָס בילדל, צערײַסט עס אויף שטיקלעך און וואַרפט עס אַרײַן אהער — אין קויש. קיינער וועט דערפון ניט וויסן. און איר ווערט באַלד פרײַ“. איז וויפל, מיינט איר, האָבן אויף דעם אײַנגעשטימט?

— קיינער ניט!

— ניין, איר האָט ניט געטראָפן. איינער האָט יאָ אײַנגעשטימט. און דאַפקע דער סאַמע קולטורעלער, אַן אינטעליגענט. ער קומט אָפּט אין אײַערע קרײַזן, די יידישע מיין איך... איר וועט דאָך מיך ניט בעטן, איך זאָל אָנרופן זײַן נאָמען...

— ניין, איך וועל ניט בעטן. דערלויבט מיר אין דער עקזיסטענץ פונעם צענטן צווייפלען.

איך האָב ניט באַוויזן צו ענדיקן מײַן געדאַנק; ער האָט זיך שאַרף א הייב געטאָן פונעם אָרט, און דער באַס זײַנער איז איבערגעגאַנגען אין א הייזעריקן אַלט:

— וואָס צערעמאָניע איך זיך דאָ מיט אײַך, צום טײַוול! מיט רעליגיעזע פאַנאַטיקער קאָן זיך דערריידן נאָר די אינקוויזיציע.

איך האָב ניט אויסגעהאַלטן — אים איבערגעשלאָגן:

— וועגן וואָס, צום בײַשפּיל, ווילט איר זיך מיט מיר דערריידן?

— איך וויל, איר זאָלט פאַרשטיין, אַז לענין איז ניט פאַר אונדז, ניט פאַר אַרגענטינע. איינמאָל פאַר אַלעמאָל: ניט פאַר אונדז! — ער האָט די לעצטע דרײַ ווערטער צעצויגן און דעם אויסרופצייכן אוועקגעשטעלט מיט א קלאַפּ פונעם פויסט אין טיש... — פאַר רוסלאַנד איז ער עפּשער גוט, פאַר אונדז — ניט. די רוסן זײַנען רעליגיעז און האָבן ליב זיך צו גריבלען אין גאָט און אין זיך... מיר האָבן פײַנט צו פילאָסאָפירן. מיר האָבן קיין דאָסטאָיעווסקיס און קיין טאָלסטאָיס ניט ארויסגעגעבן... בײַ אונדז איז א וואַרעמער קלימאַט... מיר האָבן ליב צו לעבן... פוטבאָל האָבן מיר ליב, פרויען... היינט לעבן מיר, מאָרגן שטאַרבן מיר... יעדער שאָ איז טײַער... א מענטש דאַרף בלויז לעבן, האַנאָע האָבן און וואָס ווייניקער טראַכטן...

ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און פאַרגעזעצט:

— איר ווייסט וואָס, סעניאָר, מיר איז שוין דערעסן אײַער קנייטשן מיט די אַקסלען, צי דאָס איז בײַ אײַך א געוווינהײַט אַזאַ? רעדט שוין בעסער, אויב איר האָט עפּעס רעכטס צו זאָגן... לענין איז א ספּעציפיש־רוסישער הייליקער... און אין אַלגעמיין, איך בין שוין מיד פון אײַך...

— איר פון מיר? איך וועל זיך באַנוצן מיט אײַער דערלויבעניש עפּעס צו זאָגן... איר מיינט, אַז אַן אַרגענטינער אַרבעטלאָזער, בייס ער זוכט שטיקלעך ברויט אין מיסטקאַסטן, באַרוועס און נאַקעט, מיט צעטראָטענער מענטשנווירדע — האַלט ער אויך, אַזוי ווי איר, אַז „לענין איז ניט פאַר אונדז“? צי דער „וואַרעמער קלימאַט“ פאַרבײַט אים ברויט, א דירע, אָנטועכץ, בילדונג — ער וויל א וואַרעמען קלימאַט אין דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג...

דער אויספאָרשער האָט אַרופגעלייגט די האַנט אויפן טעלעפאָן־אַפּאַראַט, און איידער ער האָט אַראָפּגענומען דאָס טרײַבל, האָט ער געזאָגט סטאַם אין דער וועלט אַרײַן: „סי, סעניאָר, א וואַרעמער“... — ער האָט געקוקט אויף מיר און געזאָגט א פּאָר ווערטער אין טרײַבל. איך האָב מיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס רעדט ער זיך .צונויף וועגן אָפּפירן מיך אין מײַן „רעזידענץ“, אויפן נאַקעטן צעמענט.

ער האָט א קוק געטאָן אויפן האַנטזייגער:

— מיר האָבן נאָך א מינוט צען — פופצן. איך וועל באַווײַזן מיט אײַער הילף אויסצוקלאָרן א קלייניקע פּראַגע. — פון איינער פון די פּאַפּקעס האָט ער ארויסגענומען א בלעטל פּאַפּיר און מיר פאָרגעלייענט לאַנגזאַם אַן איבערזע־

צונג אין שפּאניש פון מײַנער א לׂיד, וואָס די געהיים־אגענטן האָבן צוגענומען בא מיר צוזאמען מיט נאָך מאנוסקריפּטן. אין דער לׂיד האָט זיך דערציילט, ווי א פארפאָלגטער דורך דער פּאָליציי קאָמוניסט גייט ניט אהיים נעכ־טיקן, נאָר ער דרייט זיך ארום אינעם סאמע באַלעבטן צענטער פון דער שטאָט, און „בויט זי איבער" לויט זײַן פּלאַן — ער פּאסט די נײַע רעוואָליוציאָנערע אנשטאלטן ארײַן אין אנסאמבל פון אריסטאָקראטישן צענטער:

...דאָ — „רעווקאָם"

און דאָ — „רעוושטאב" און „נארקאָמאט"

און באם העכסטן פּאלאץ אפן גאָרגל —

אפן טורעם —

נאָכן שטורעם

קריץ איך אויס — „פּראָפּראט"...

— ס׳איז אײַערס?

— יאָ.

— מיך אינטערעסירט דאָ איין קלייניקייט: דער נאָמען פונעם ארכיטעקטאָר, וועלכער האָט אײַך אזוי געהאָלפן איבערבויען אונדזער הויפּט־שטאָט. איך ווייס, אז אין אײַערע ספערן זײַנען פאראן א פּאָר ארכיטעקטאָרן — דאפקע נאָענטע מיט אײַך פּערזענלעך, נאָר איך וויל הערן דעם נאָמען פון אײַער מויל... גלייבט מיר, ער וועט קיינע אומאָנגענעמלעכקייטן ניט האָבן...

איך האָב בא זיך א טראכט געטאָן: „פּאָרט ניט קיין פּראָפעסיאָנאל" — און אָנגערופן דעם נאָמען פונעם ארכיטעקטאָר:

— לענין...

מ׳האָט אָנגעקלאפּט אין טיר. די מאשין נאָך מיר איז אָנגעקומען. מײַן אויספאָרשער האָט זיך גראָב אויסגעזידלט.

מאָטל הארצמאן

בא לענינס מאַוזאָליי

א ווײַסע נאכט, א שײַנענדיקער שניי,
אזוי ווי ווײַסע טויבן־פליגל.
דער רויטער פּלאַץ איז ווי א שפּיגל.
פונווײַטן לויכט דער מאַוזאָליי.
עס הילכן טריט. דער וועכטער שפּאנט
בא ציינדלדיקער קרעמל־וואנט.
און איבער טורעם אין דער הייך,
ווו וואָלקנס זילבער־נעצן שפּינען,
א גרויסער פּורפּור־שטערן לויכט
מיט רויט־געשליפענע רובינען.

דער פּורפּור פון רובינען־וועלט
באשײַנט די הימלען פון דער וועלט.

האלב־נאכט. דער קרעמל־זייגער
קלינגט —
עס הערט די גאנצע ערד די קלאנגען.
עס שלאָגט שוין צוועלף. ווער שלאָפט
אצינד,
פון בלינדער פינצטערניש געפאנגען?
האלב־נאכט. א גאָלדענער געזאנג,
פון טורעם פאלט דער לעצטער קלאנג...

שירע גאָרשמאן

אלערלײ דערצײלונגען

א טאָטעריש הארץ

די קאזאכסטאנער סטאנציע אריס האָט געשוויבלט מיט מענטשן. די, וואָס האָבן געקאָנט, האָבן זיך אין וואָקזאל געראטעוועט פונעם קאלטן דרויסן, ווו אָט האָט געגאָסן אן עסעריקער רעגן, אָט האָט געשאָטן מיט געדיכטע שניי־פליטערס. דער גאנצער פּעראָן איז געווען אָנגע־פּראָפּט. קינדער האָבן געוויינט, מאמעס האָבן זיי אײַנגעשטילט, פאריינס פארשאָלטן דאָס פּאשיסטישע געביין.

א יונגער צעטומלטער מאנצבל האָט זיך צוגעבויגן צו די פארצאָרעטע מענטשן אַף די פּעק, איבערגעכאזוערט איין פראגע:

— עפשער זײַט איר פון ביאליסטאָק? עפשער האָט איר ערגעץ באגעגנט א פרוי מיט צוויי מיידעלעך? מײַנע מיידעלעך, אונדזערע מיידעלעך, א צווילינג, אין בלויע קליידעלעך, רויטע סטענגעס אין די צעפּלעך... ניין, ניט באגעגנט? איר פארשטייט, איך גיי מאָרגן אוועק אפן פראָנט, — פלעגט ער צוגעבן, וואָרעם אלע אויגן האָבן אַף אים געקוקט מיט פאָרוואורף, וואָס ער, א יונגער מאנצבל, דרייט זיך דאָ ארום...

ער איז צוגעגאנגען צו כאנען אויך. זײַנע ווערטער האָבן זיך ווייטעקדיק ארײַנגעשניטן אין איר הארצן. זי האָט געטוליעט צו זיך איר דרײַיאָריק יינגל, וואָס האָט געברענט ווי א העליש פײַער, שטײַף צוגעהאלטן די פּאָלעס פון איר הארבסטיקן מאנטל, אז דער שניי און דער רעגן זאָלן ניט פאלן אַף איר מעסוקן קראנק קינד. טרערן האָבן זיך נאָכאנאנד געקײַקלט פון אירע אויגן אַף אירע באקן, זיך אויסגעמישט מיט דעם רעגן־ און שניי־וואסער. דער יונגערמאן האָט ניט באמערקט, אז זי וויינט. ער האָט גענומען איבערכאזורן זײַן פראגע.

— ניין, איך בין ניט פון ביאליסטאָק, און זינט איך שלעפּ זיך ארום איבער די וואָקזאלן, האָב איך ניט באגעגנט אזא פרוי מיט אזוינע מיידעלעך, ווי איר מאָלט אויס. זעצט זיך צו אָט אָ־דאָ אפן פּאק, קרעפּטיקט זיך, איר וועט זיי געוויס געפינען, — האָט כאנע אים געטרייסט. „ער איז א לײַטישער מענטש“, — האָט זי א טראכט געטאָן און געזאָגט: — מײַן קינד איז זייער קראנק, כ׳וויל ערגעץ צולויפן, עפשער וועל איך עפּעס קריגן פאר אים, האָב איך אײַך געוואָלט בעטן...

ער האָט גענומען דאָס קינד, זיך געזעצט אַף כאנעס אָרט. זי האָט ארופגעוואָרפן אַף אים מיטן קינד איר מאנטל און איז אוועק.

כאנע איז קוים ארויס פון געדראנג און אוועקגעלאָפן אהינטער דעם וואָקזאל צו די ווײַסע שטיבלעך. בא איינס אזא שטיבל איז אונטער דעם ברייטן אָפּדאך געזעסן א פרוי און האָט מיט א העלצל אויסגערייניקט די קערנער פון קוקורוזע־קאטשאנעס. כאנע איז צוגעגאנגען צו איר און דערציילט: אזוי און אזוי...

— גיכער, ברענגט אײַער קינד, וואָס שטייט איר? גייט. מײַן קינד שלאָפט אין שטוב, אניט וואָלט איך מיט אײַך געגאנגען.

כאנע האָט פאַר פרייד קוים געפונען דאָס אָרט, ווו זי האָט איבערגעלאָזן דעם יונגגמאַן מיטן קינד. טאַקע ער, דער יונגערמאַן, האָט געהאָלפן כאַנען צוטראָגן די זאַכן. אין א ווײַלע ארום איז כאַנעס ייִנגעלע געלעגן אין א קלאָר־ווײַס בעט. כאַנען האָט עס אויסגעזען אזוי אומגעדאַכט, אז זי האָט זיך געבעטן:

— נעמט אראָפּ דעם לײַלעך מיט די ציכלעך.

— וואָס רעדט איר! טויזנטער מענטשן זײַנען געבליבן אָן א דאַך איבערן קאָפּ, און איר זשאַלעוועט מײַן לײַלעך מיט מײַן ציכל. דער, וואָס האָט געבראַכט די זאַכן, איז אײַער מאַן?

— ניין, מײַן מאַן איז אפן פראָנט. דער האָט מיר געהאָלפן נאָר צוטראָגן די זאַכן. — און כאַנע האָט דערציילט, ווי זי האָט זיך באַקענט מיטן יונגגמאַן.

די באַלעבאָסטע האָט אופגעזאָדן מילך, כאַנעס ייִנגעלע האָט אויסגעטרונקען און איז אײַנגעשלאָפן. דער באַלעבאָסטעס ייִנגעלע איז אופגעשטאַנען, ער האָט זיך אראָפּגעשאַרט פונעם בעטל, אומגעלאָפן מיט די שטײַפע טונקעלע פיסלעך איבער דער פּאָדלאָגע. ערשט איצט האָט כאַנע דערזען, אז די פרוי איז שוואַרצכיינעוודיק, אז זי האָט שאַרפע קינבאַקן, קרום־געשטעלטע אויגן, און אז איר פריש מויל שמייכלט קעסיידער...

— אײַער מאַן איז אפן פראָנט? — האָט כאַנע געפרעגט.

— מײַן מאַן איז דער נאַטשאַלניק פונעם פּאָליט־אָפּטייל דאָ אף דער באַן־סטאַנציע.

— ווען קומט ער פון דער ארבעט? — האָט כאַנע געפרעגט, קוקנדיק אף דער לוזשע, וואָס איז אָנגערונען פון אירע פעק אף דער ריינער פּאָדלאָגע.

— זײַט רויִק. מײַן מאַן וועט קומען, וועט ער מיר געבן א גוטן כיילעק, פאַרוואָס איך האָב אים ניט אָנגעזאָגט, אז מיר האָבן געסט, — האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט און דערלאַנגט כאַנען א טעלער מיט רײַז־קאַשע.

כאַנע האָט זיך מאַמעש געוואָרגן מיט דער קאַשע, ווײַל בייס זי האָט אויסגעטאָן איר ייִנגל, האָט זי דערזען, אז זײַן בײַכל איז אָפּגעשאָטן מיט ראָזלעכע קליינע פלעקן. זי האָט פאַרשטאַנען, אז דאָס קינד מאָזלט, און זי האָט זיך אופגעגעסן, וואָס זי איז דאָ געבליבן. די גאַרדינעס אפן פענצטער, די אויסגעשטעלטע שטולן בא דער וואַנט, די קלאָרע אויסגעווײַסטע ווענט האָבן אויסגעזען אזוי פאַרמילכאָמעדיק, אז כאַנע האָט געטראַכט: „מענטשן האָבן געוווסט וועגן גרויסן אומגליק פון די צײַטונגען, האָב איך זיי אַרײַנגעשלעפּט דעם אומגליק אין שטוב“.

ס'האָבן זיך דערהערט טריט. ס'איז אַרײַנגעגאַנגען א געזעצטער מאַנצבל אין א רעגנ־מאַנטל. ער האָט א קוק געטאָן מיט די שוואַרצע אויגן אף כאַנען, צו דעם בעט, ווו איר ייִנגעלע איז געלעגן, ער האָט עפּעס שטיל געפרעגט בא זײַן ווײַב און נאָכדעם גיך ארויס פון שטוב.

כאַנע איז געווען זיכער, אז זי דאַרף אַנטרונען ווערן. זי איז צוגעלאָפן צום בעט און האָט א נעם געטאָן דאָס קינד. די באַלעבאָסטע האָט זיך געשטעלט צווישן כאַנען און דעם בעט, אוועקגעלייגט כאַנעס ייִנגל, אים אײַנגעדעקט און געזאָגט:

— דאָס קינד וועל איך אײַך ניט געבן. מײַן מאַן האָט זיך געבייזערט ניט אף אײַך, נאָר אף מיר. ער וועט באַלד קומען מיט א דאָקטער. איר מיינט, מיר, טאָטערן, האָבן קיין האַרץ ניט? פאַרוואָס באַליידיקט איר אונדז?!

כאַנע האָט זיך אוועקגעזעצט באַם טיש, און זי האָט מאַמעש געפילט, אז מע האָט זי אויסגעפּאַטשט. אזוי איז זי געזעסן, ביז עס איז אַרײַן דער באַלעבאָס מיט א הויכער פרוי. די פרוי האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, איז צוגעגאַנגען צום בעט, ארופגעשאַרט דאָס העמדל אף כאַנעס קינד און זיך צעשריִען:

— ווי האָט איר געוואַגט אַרײַנצונעמען עוואַקויִרטע פונעם עשעלאָן? דאָס קינד מאָזלט. איר פאַרשטייט, וואָס איר האָט געטאָן?!

דער באַלעבאָס האָט שטיל געזאָגט:

— איר זײַט געקומען היילן א קראַנק קינד אָדער מיך לערנען, וואָס איך דאַרף טאָן? איך זע, אז איך האָב אומזיסט זיך געווענדט צו אײַך.

כאַנע האָט א פאַרגאַפטע געקוקט, ווי דער באַלעבאָס דערלאַנגט דעם מאַנטל דער דאָק־טערן, ווי ער עפנט האַסטיק די טיר, ווי ער פאַרהאַקט זי.

דעם גאַנצן כוידעש, וואָס כאַנע איז געווען בא אָט דער מישפּאָכע, האָט זי קיין איין רעגע ניט געפילט, אז זי איז איבעריק אָדער פרעמד, און זי איז געווען גליקלעך, וואָס די באַלעבאָ־טעס ייִנגעלע האָט זיך ניט אָנגענומען מיט קיין מאָזלען.

אין טיפן הינטערלאַנד

די מילכאַמע האָט פאַרוואָרפן כאַווען מיט איר מיידעלע קיין פרונזע. כאַווע איז געווען אַ ביבליאָגראַף. איצט האָט זי געאַרבעט אין שטאַט־ביבליאָטעק. איר פאַרדינסט איז געווען איינס מיט דעם, וואָס זי האָט געקראָגן לויטן אַטעסטאַט, וועלכן דער מאַן פלעגט צושיקן פונעם פראָנט, האָט געקלעקט קוים צום לעבן. צו דער שווערער אויסקומעניש, צו די טראַכטעניש וועגן מאַן, צום שטענדיקן פּיַינלעכן וואַרטן אויף זיַינע אַ בריוו איז נאָך צוגעקומען דער גרויסער ווייטעק, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז אירע טאַטע־מאַמע זיַינען אומגעבראַכט געוואָרן אין קיִעוו. דאָס וואָלט שוין גענוג געווען? איז נאָך צו דעם אַלעמען איר מיידעלע קראַנק געוואָרן. די דאָקטערן האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ נירן־אָנצינדונג. און נאָך האָט די דאָקטערן געזאָגט:

— מער דאַרפט איר מיך ניט אַרויסרופן, איך וועל קומען יעדן טאָג, ביז דאָס קינד וועט זיך פאַריכטן.

כאַווע איז געווען דאַנקבאַר דער דאָקטערן, וואָס יענע האָט ניט געגעבן קיין אייצעס וועגן דיִעטע. זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווען די דאָקטערן האָט געזאָגט:

— די פאַשיסטישע לאַפּעס גרייכן אַזש אַהער, — און שוין שטייענדיק בא דער שוועל, — ס'וואָלט ניט געשאַט אויסהייצן.

אָבער וועגן הייצן איז ניט געווען וואָס צו טראַכטן. אַ בינטל האָלץ האָט געקאָסט זעכציק רובל, אַ קילאָ קאַרטאָפל — נאָך טיַיערער. כאַווע פלעגט זיך דראַפּען צו די טאַפּאָלן און אָנ־ריַיסן עטלעכע אונטערשטע צוויַיגן. ווי שלעכט זיי האָבן ניט געברענט, האָט כאַווע פונדעסטוועגן אַמאָל עפּעס אויסגעקאָכט. ווי אויף צולאָכעס זיַינען געשטאַנען גרויסע פרעסט. יעדער צוואָק אין וואַנט, אין פאָדלאָגע, אין טיר איז געווען ווי באַזילבערט. אַלע טאָג פלעגט קומען די דאָק־טערן. קיין רעפּועס האָט זי קימאַט ניט אויסגעשריבן. אָפט פלעגט זי אַרויסנעמען אַ דין פּע־נעצל וויַיס ברויט און זאָגן:

— יעווּאַ דאַווידאָוונאַ, גיט עס איַיער לענאָטשקען; איך בין היַינט געווען אין שפּיטאָל, האָב איך דאָרט גוט איבערגעביסן...

כאַווע האָט שוין געוווּסט, אַז די דאָקטערן רופט מען נאַטאַליאַ וויקטאָראָוונאַ, אַז זי איז פון לענינגראַד, אַז אירס אַ יינגעלע איז אומגעקומען מיט איר מאַנס עלטערן בייס דער בלאָ־קאַדע, אַז אַ טעכטערל ליגט בא איר קראַנק אין שפּיטאָל. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס כאַוועס מיידעלע איז שוין קימאַט געזונט געוואָרן, האָט די דאָקטערן ניט אופגעהערט קומען אַלע טאָג. זי פלעגט זיצן בא דער קאַלטער פּליטע, שאָקלען מיטן קאָפּ, ווען כאַווע האָט אויף אויסוויניק געלייענט טיוטשעוון, בלאָקן, יעסענינען. און אַז נאַטאַליאַ וויקטאָראָוונאַ פלעגט זי פאַריכטן, איז כאַווע געווען צופרידן און פאַרווּנדערט, וויַיל זי איז געווען זיכער, אַז מעדיקער זיַינען אָפּגעפרעמדט פון דיכטונג. זיי זיַינען שוין געווען אַזוי באַפריַינדעט, אַז זיי פלעגן זיך אפילע אָפט אַמפּערן. נאָר אַלציינס פלעגט נאַטאַליאַ וויקטאָראָוונאַ קומען. עמעס, די לעצטע צײַט איז זי געווען זייער פאַרומערט, אָבער אויף כאַוועס פראַגן האָט זי בלויז געענטפערט:

— אַ מענטשלעכער גורל איז אַ קופּערט אָן אַ דנאָ. פונוואַנען זאָל מען נעמען גרינגן היימלעכן געמיט?..

נאָר אָט איז שוין עטלעכע טעג, ווי נאַטאַליאַ וויקטאָראָוונאַ קומט ניט. כאַווע האָט געקוקט דורכן פענצטער, אפילע עטלעכע מאָל אַרויסגעלאָפן אין דרויסן — ניטאָ. גראָד היַינט האָט כאַווען דאָס מאַזל צוגעשפּילט. זי האָט געהאָלפן דער שכיינע איבערקליַיבן קאַרטאָפל, און יענע האָט איר אָנגעשאָטן קימאַט אַ פול טעפל מיט קלייניטשקע קאַרטאָפעלעך און אין פאַלע פון רעגנמאַנטל — עפּשער צוויי גלעזער קוקורוזע־מעל. טרוקענע טאָפּאָל־צוויַיגלעך האָט כאַווע געהאַט, האָט זי אויסגעקאָכט אַ פול פענדל מיט אַזאַ געדיכטער זופּ, אַז דער לעפל האָט זיך געבויגן. זי האָט אָנגעהאָדעוועט דאָס מיידעלע, אָבער אַליין ניט געגעסן... איַינגעוויקלט די מיכיע אין וואַטניק, אוועקגעשטעלט אויף דער לעבלעכער פּליטע, זיך אוועק־געזעצט אַפּן געלעגער לעבן דעם מיידעלע און געוואַרט אויף נאַטאַליאַ וויקטאָראָוונען. עס איז שוין גוט טונקל געוואָרן, ווען יענע איז ענדלעך געקומען.

— מאַלאָדעץ, נאַטאַליאַ וויקטאָראָוונאַ, איך האָב היַינט אַ זעלטענע וועטשערע!

— דאָס איז וווּנדערלעך, אָבער איך וועל ניט עסן. איך וויל היַינט זיַין איַיער גאַסט אויף נאַכטלעגער.

כאַווען איז דאָס אויסגעקומען מאָדנע, אין צימערל איז געווען איין געלעגער. כאַווע האָט שוין אויך ניט געגעסן. זי האָט צוגערוקט דעם טיש צו דער פּליטע. וואָס מע האָט געקאָנט,

האָט זי אויסגעבעט אפֿן טיש. באַנאַכט האָט כאָוועַ געזען, ווי נאַטאַליאַ וויקטאָראָוונאַ זיצט אפֿן טיש און שאָקלט זיך. ס׳איז נאָר טאָג געוואָרן, איז די דאָקטערן אראָפּגעשפּרונגען פֿון איר געלעגער.

— וווהין? — האָט כאָוועַ פֿאַרוווּנדערט געפֿרעגט.

— אין שפּיטאָל.

— וואָס אַזוי פֿרי? איך וועל ארויסלויפֿן אָנברעכן צווייַגלעך, איך האָב קאַרטאָפֿל.

— איצט וועט איר גיין מיט מיר, און צווייַגלעך וועט איר אָנברעכן, ווען מיר וועלן צוריק קומען, איר דאַרפֿט אויך גיין מיט מיר.

כאָוועַ האָט געוואָלט זאָגן — איך דאַרף גיין אַף דער אַרבעט. נאָר ווען זי האָט אַ קוק געטאָן אַף נאַטאַליאַ וויקטאָראָוונען, האָט זי שוין פֿאַרשפּאָרט עפּעס זאָגן און פֿרעגן.

נאַטאַליאַ וויקטאָראָוונאַ האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין בייַשטידל און ווי ארויסגעיאָמערט:

— נעכטן איז מייַן טעכטערל געשטאָרבן. קומט.

נייַע צייַטן — נייַע צאָרעס

כאַטש אין סאָראָקע איז „מאַדאַם" זייער אַ גאַנגבאַר וואָרט, דאָך איז אַ ביסעלע קאָמיש, וואָס מענוכע רופֿט מען מאַדאַם גאָרפֿינקל. אַז מענוכע לאָזט זיך אַרייַן אין איר מייַנעלאָשן, הייבט זי אָן פֿון גאָר ווייַט, און קלינגען קלינגט עס אַזוי:

— בייס באַ מייַנעם איז, ניט פֿאַר קיינעם געדאַכט, דער יאַכנעקאָק אַרייַן אין די לונגען, האָט מען אים, ניט פֿאַר הייַנט געדאַכט, געפֿירט קיין קעשענעוו צו דער אָפּעראַציע. מאָלט איַך, איך בין שוין מיט אים געוועזן אַף יענער וועלט! ווען ניט לאַפּסקער, וואָלט איך עס ניט אַריבערגעטראָגן. ער האָט מיר טאַקע געלײַען אַ הונדערטער. ער האָט צו מיר געזאָגט: „זיצט אין שטוב מיט אייַערע קינדער. עס וועלן זייַן סיסטעמנטן צו דער אָפּעראַציע אָן איַך". אָבער ער איז יאָ געפֿאָרן אַהין, און ביז איך האָב געקראָגן די טעלעגראַמע, אַז ס׳איז בלאַגאָפּאָ־לושנע, האָט זיך באַ מיר געשיידט די נעשאָמע מיטן גוף. דאָס איז דאָך לאַפּסקער, אַ מענטש אַזוינס ווי אַזעלכס!.. אַז מייַנער האָט זיך אומגעקערט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעדרע מיטן פֿלעמעניק, וואָרעם מייַן שוועסטער, וואָס וווינט אין פֿלאָרעשטע, האָט אוועקגעמאַכט מיטן האַנט דאָס לערנען. אַז איר יינגל האָט געענדיקט דעם זעקסטן קלאַס, האָט זי געזאָגט, ער זאָל גיין אַרבעטן. זאָג איך צו מייַנעם: „מיר האָבן דרייַ, וועט דער פֿלעמעניק זייַן אַ פֿערטער, זאָל ער קומען צו אונדז". איר דאַרפֿט וויסן, אַז מייַנער אַרבעט סאַכאַקל סלעסאַר־מעכאַניק אין אווטאָ־גאַראַזש. ניט צו פֿאַרזינדיקן, איך קום אויס. איך וויל זיך ניט באַרימען, אָבער באַ מיר איז ניטאָ כאַפּ, וואָס מע גיט, איך קויף נאָר דאָס, וואָס איך דאַרף! פּונקט ווען מייַן פֿלעמעניק האָט געענדיקט די צען קלאַסן, איז געוואָרן אַזאַ אָנגעלויף אין די אינסטיטוטן מיט די טעכני־קומס, אַז איך קאָנטשע זיך. לויף איך ווידער צו לאַפּסקערן. זאָגט ער: „אייַער פֿלעמעניק האָט גענומען זילבער?" זאָג איך: „געוויס!" זאָגט ער: „פֿאָלגט מיך, זאָל אייַער פֿלעמעניק פֿאָרן קיין סאַראַטאָוו". ס׳האָבן זיך געפֿונען נאָך אַזוינע, ווי מייַן פֿלעמעניק. מע איז זיך צעפֿלויגן קיין נאָוואָסיבירסק, קיין איוואַנאָוואָ, קיין קראַסנאָיאַרסק. וואָס זאָל מען טאָן, אַז אין קעשענעוו זיצן האַרטע פּראָפֿעסאָרס!.. אַז מייַנע קינדער האָבן געקאָנטשעט, זייַנען זיי אויך אוועק קיין סאַראַ־טאָוו. ביז איך האָב דערלעבט צו זען מייַנע קינדער מיט דיפּלאָמען...

הייַנט האָבן זיי אַלע שיינע שטעלעס מיט אַזוינע אָקלאַדן, אַז בייס מע האָט אונדז געגעבן די דירע אַף נייַ־סאָראָקע, האָט דער עלטערער צוגעשיקט אַ כאָלאָדילניק, און דער פֿלעמעניק האָט געטאָן בעסער פֿון אַלעמען — ער האָט צוגעשיקט אַ פֿערעוואָדל אַף צוויי מיט אַ האַלבע מייעס מיט אַ צושריפֿט אַף דער לינקער זייַט: „דיאַדיע אי טיאָטיע, קויפֿט וואָס איר דאַרפֿט".

ער איז פֿאַראַיאָרן זומער געוועזן באַ מיר צוגאַסט מיט זייַן ווייַב און מיט זייַן קינד, האָט איר זיי שוין געמעגט אָנקוקן. ער אַליין — אין זייַן פּאָנעם ניט צו קוקן, אַ וווקס — אַף וווּנדער, זייַן ווייַב — אַ קראַסאַוויצע, כ׳האָב נאָך אַזוינס ניט געזען, זייער יינגעלע — אָן אָפּנעמער קאָפּ. מיר זאָל זייַן פֿאַר זייַן כּיעס! מייַנע בײדע זין זייַנען אויך געקומען מיט די ווייַבער און קינדער. ס׳איז געוועזן אַ צוגאַסט, אַלע מייַנע ליבע זאָלן אַזוינס דערלעבן. אַלץ וואָלט געוועזן גוט, ווען ניט מייַן מיזינקע, מייַן ריוועטשקע. זי אַרבעט אין קעשענעוו, אַ גלאַוובוך אַף אַ גרויסער פֿאַב־

ריק, האָט באַ אָנדערהאַלבן מייעס, א פּרעמיע פאַלט אויך אַריַין. פאַראיאָרן האָט זי געענדיקט זאַאָטשנע אף די מאשינעס, וואָס קאָנען כעזשבענען. זאָג איך, גענוג, ריוועטשקע, רו אָפּ. שטעקט זי מיך ארום מיט פעדערן און דערלאַנגט סעקרעטנע אין אספּיראַנטורע. זיצט טאָג און נאַכט באַ די ביכער, און וואָס פון דעם וועט אַרויס, קאָן מען דערוויַיל ניט וויסן, וואָרעם מע זאָגט, אַז דער אָפּאָנענט, וואָס גיט אַכטונג אף די אַספּיראַנטן, האָט א קנויל וואָל אָנשטאָט א האַרץ. וואָס זאָל איך איַיך לאַנג בריַיען, איך ווייס ניט, אַף וואָסער וועלט איך בין! מיַינער נעמט זיך ווינציק צום האַרצן, פונזיַינטוועגן איז רעכט, אַז זיַין טאָכטער זאָל לאָזן די אַספּיראַנטורע אין העלפט וועג. אָבער מיר דערלאַנגט עס ביסקל דער זיבעטער ריפּ. עס גייט מיר ניט אַרויס פון זינען, וואָרעם ריוועטשקע ליגט אוועק דאָס גאַנצע כּיעס. איז איַיך ווינציק? איז באַ מיַין על־טערן זון א ייִנגל — האָט זיך באַ אים פון דער העלער הויט אַרויסגעטאַנצט פידל שפּילן. צוויי יאָר נאָכאַנאַנד איז ער געפאָרן קיין לענינגראַד און ניט אויסגעהאַלטן דעם קאָנקורס אין דער קאָנסערוואַטאָריע. ערשט היַינטיקס יאָר האָט אים אָפּגעגאָלטן. מיַין זון האָט מיר דערציילט, אַז דער אייניק האָט אַזוי געשפּילט, אַז מע איז זיך צונויפגעלאָפן פון אַלע קלאַסן. איצט, ווען איך ווער שוין געהאָלפן מיט דער מיזינקע, זי זאָל שוין האָבן די אַספּיראַנטסקע אַף דער האַנט און סע זאָל זיך מאַכן דער גוטער שידעך, וואָלט איך מיט מיַין כאַימען געעפנט די אויגן!..

היַינטיקע קינדער

רייזע — ראָזאַליא דאַווידאָוונא — זיצט אף דער טאַכטאַ און זיפצט. איר מאַן, פיַיוול — פיליפּ מאַטווייעוויטש — שפּאַנט איבערן צימער און טיַינעט:

— וואָלסט ווינציקער געפעסטעט מיט מאַנדאַרינקעלעך, ווינציקער געטאַפּט זיַין שטערן, ניט געקויפט קיין טופליעס פאַר פערציק רובל, ניט געזוכט קיין דזשעמפּער דאַפקע פון ענג־לאַנד, וואָלט ער ניט דערציילט קיין באָבעמיַיסעס. אין שווים־באַסיין גייט ער! דיִאַמאַט האָט ער א גאַנצע נאַכט געלערנט מיט א כאַווער!

— גוט. אָבער ווו ביסטו געווען? וואָס האָסטו געשוויגן, בייס איך האָב געפעסטעט? וואָס שריַיסטו אף מיר? דאָס ערשטע מאָל, אַז ער קומט ניט נעכטיקן?

— ער קומט ניט נעכטיקן! און אַז ער קומט שוין יאָ, קומט ער פריִער ווי נאָך צוועלף? איך וועל אים געבן א גוטע גאָב, ער וועט באַ מיר כאַפּן, אַז ער וועט פאַרגעסן, וואָס פאַר א טאַם פרוכט האָט! האָב דיר מיני־באַרישניעס, אָבער א מאַמע — איז א מאַמע, א טאַטע — איז א טאַטע, זיַי ניט קיין שאַלאָפּיַי!

— ער איז שוין א שאַלאָפּיַי אויך?

— עך! אַלע זיַינען זיי שאַלאָפּיַיעס, ווינטנטריַיבער, דער מאַמעס קינדערלעך! זיי ווייסן, וואָס הייסט ניט האָבן קיין קאָפּעקע אַפן טראַמוויַי, אומגיין ווינטער אין שיך, וואָס בעטן קאַשע? זיי האָבן אַמאָל פאַרזוכט הירזשענעם קוליש מיט קאַנאָפּליע־בוימל?! זיי זיַינען געלעגן אין אָקאָפּעס?

— הער אוף! זאָלן זיי קיינמאָל ניט וויסן פון דעם!

— ביסט גערעכט, אָבער זאָל אונדזער זון, דיַין ליאָוועטשקע, פאַרשטיין, אַז מיר זיַינען ניט קיין טיפּשים, ניט קיין אויסגעוועפּטע אוויוורבאָטלס!

— מיילע, מיר קאָנסטו זאָגן, וואָס דו האָסט אַפן האַרצן, אָבער אף אים פאַל ניט אָן. היַינט וועט ער געוויס קומען, וואָרעם אַז ער קומט ניט, קלינגט ער אַלעמאָל אָן, מיר זאָלן אף אים ניט וואַרטן.

— ער טוט א טויווע, ער קלינגט!

— גענוג אף היַינט, איך גיי זיך לייגן. אין קיך אַפן טיש האָב איך אָנגעגרייט אָוונטברויט.

רייזע איז אוועק. פיַיוול האָט געשפּאַנט הין און צוריק, ער האָט געשפּאַנט, געגרייט די גאָב פאַר ליאָווען. די גאָב איז פּונקט געווען פאַרטיק, ווען ליאָווע איז געקומען.

— וואָס אַזוי פרי, ערשט נאָך צוועלף?

— איך קאָן אוועק און קומען שפּעטער.

— עס איז א פראָסט, קיין היטל טראָגסטו ניט, וועסט צוקילן דיַין הומאָר.

— דער הומאָר פאַרבײַט מיר ניט קיין היטל.

— וועדטלסט זיך! אין קיך אפן טיש האָט די מאמע צוגעגרייט פאַר דיר אָפּעסן, זי האָט מוירע, אַז זאָלסט ניט אַ טעל ווערן. דערנאָך וועלן מיר זיך דורכריידן.

— אויב אין אַ פרײַנטלעכער אַטמאָספער, וואָלט געוועזן געווונטשן פאַרן עסן.

— ווילסט אַזוי, איז הער! מיר פאַרשטייען, אַז דו שווימסט שוין צו אָפּט. צום גליק, האָבן מיר אַנדערש פאַרבראַכט די צײַט. מיר זײַנען געווען יונג, נאָר דײַן עלטערער ברודער, וואָס האָט אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אפן פראָנט, האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז מיר דאַרפן ניט איבער־טראַכטן, ווו ער איז. שפּעטער ווי האַלב עלף איז ער אין שטוב ניט געקומען. דו טוסט, ווי דו ווילסט, אָבער אַלץ האָט אַ שיר. פאַרוואָס זאָלסטו אונדז ניט באַקאַנען מיט דײַן באַרישניע? האָסט מוירע, מיר זאָלן דיך פאַרשעמען, צי עפּשער האָבן מיר ניט די זכיה?!

— דאָס אינגאַנצן? צו וואָס אַזאַ פרעמד וואָרט, ווי זכיה? מיר וואָלטן אַלציינס געקומען. זי וויל שוין פון לאַנג זיך באַקאַנען מיט דער מאַמען און מיט דיר... — און ליאָווע איז אוועק אין קיך.

אַזוי האָט ער פאַרשפּאַרט זײַן טאַטן אַן אַרבעט, ווײַל מער ווי אַ העלפט פון דער גאַב, וואָס איז געווען בא פּײַוולען צוגעגרייט, איז אוועק אין ניוועץ. רייזען האָט ער אויך פאַרשפּאַרט איבערכאַזערן דעם שמועס, וואָרעם ווי נאָר ער האָט געפרעגט: „האָסט געהערט?“, האָט זי זאַכלעך באַמערקט:

— איך הער, וואָס די שכיינים ריידן בא זיך, זאָל איך ניט הערן, ווי דו האָסט זיך אויס־געטײַנעט? צו וואָס האָסטו געדאַרפט אונדזער מאַריקן, אַלעוואַשאַלעם, דערמאָנען? דו מיינסט, אַז ליאָווע האָט אים פאַרגעסן?

אַף מאָרגן איז ליאָווע געקומען מיט זײַן מיידל.

דאָס מיידל איז געווען אַ דינס, אַ מיטלוווקסיקס. אירע שוואַרצע, געשווירענע, געדיכטע האָר זײַנען געפאַלן אַף די אַקסלען. אירע טונקעלע אויגן האָבן אַ גיכן קוק געטאָן אַף רייזען, אַף פּײַוולען, אפן געגרייטן טיש. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט:

— מע רופט מיך סאָניע.

— איר ווילט עפּשער וואַשן די הענט? — האָט רייזע פאָרגעלייגט.

— אַ דאַנק. איך בין דאָך געווען אָנגעטאָן אין הענטשקעס.

— פילט זיך היימיש, פילט זיך פרײַ. איר ווילט אַ שטיקעלע אופּשניט אָדער הון? — איז פּײַוול געווען גאַספרײַנטלעך.

— איך וועל זיך אומבאַדינגט פילן פרײַ. אַ דאַנק, איך וועל אַליין נעמען.

— נעמט זשע, אַלץ איז אײַער פריש. עפּשער קעז, סמעטענע, אַ שטיקעלע סעווריוגע?

— איך וואָלט גענומען, נאָר מיר האָבן אָפּגעטאָן אַ מוירעדיקע נאַרישקײַט, מיר זײַנען געווען זייער הונגעריק און זײַנען ארײַן אין אַ קאַפע. איר וועט אונדז אַנטשולדיקן. מיר זאָלן ניט געווען אָפּעסן, וואָלטן מיר קיין כאַראַטע ניט געהאַט!

— אָבער פּרוכט קען מען עסן זאַטערהייט, באַלד ברענג איך, — האָט פּײַוול געזאָגט און איז אוועק אין קיך. ליאָווע האָט זיך אַ הייב געטאָן פון שטול און אוועק נאָך אים.

— פאַפּאַ, דו האָסט נעכטן אַ ביסל איראָניש געזאָגט „באַרישניע“, ווײַל איך, דו זאָלסט וויסן, אַז סאָניע איז אַן ערנסטער מענטש, זי האָט געהאַט ניט קיין גרינגע קינדהײַט. באַליידיק זיך ניט, אָבער... — האָט ליאָווע זייער שטיל געזאָגט, — און הויך, — פאַפּאַ, גיב מיר די וואַזע.

סאָניע האָט גענומען אַן עפּל. זי האָט געגעסן, געקוקט אפן סערוואַנט מיטן גלאָזוואַרג, געהערט, ווי רייזע פרעגט:

— שוין לאַנג זײַט איר באַקאַנט מיט ליאָווען?

— צי דען האָט אײַך ליאָווע ניט דערציילט, ווי איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט? איך זע, עס שטייט אַזוי רויִק אַ הויכער באָכער, פרעג איך אים, עפּשער האָט ער אַן איבעריקן בילעט? זאָגט ער: „יאָ“. דאָס איז געווען מיט צוויי יאָר צוריק, אין טעאַטער אַף טאַגאַנקע.

— ווען מיר פרעגן, וואָלט ער דערציילט. ווו לערנט איר זיך, וואָס טוען אײַערע עלטערן?

— מײַנע עלטערן? צום גרויסן באַדויערן, טוען זיי שוין גאָרנישט.

סאָניע האָט אוועקגעלייגט דעם עפּל, וואָס זי האָט נאָך ניט באַוויזן אופּעסן, ווײַל פּײַוול און רייזע האָבן געוואָלט זיך דערוויסן וועגן אַלץ מיטאַמאָל.

— איז ווו לערנט איר זיך, מיט וועמען וווינט איר? — האָט איבערגענומען דעם שמועס אין זײַנע זיכערע הענט פּײַוול.

— איך האָב געענדיקט דעם פּאָליגראַפישן אינסטיטוט. פריִער האָב איך געווינט מיט מײַן מומען. איצט...

— איר זײַט פאַרעגיסטרירט?! — האָט רייזע, אַנשטויסנדיק זיך, וואָס דאָס מיידל דערזאָגט ניט, אויסער זיך אויסגעשריִען.

— דערוויַיל ניט, מאמע, איך פרילינג וועלן מיר עס טאָן, — האָט ליאָווע פאַרזיכערט.

— פיַין, פיַין, זייער פיַין. איך וויל האָפן, אז מיר וועלן זיַין צווישן די אײַנגעלאַדענע... — האָט פּיַיוול צוריקגעהאַלטן געזאָגט, נאָר ווען ער האָט זיך אופגעהויבן פון שטול, האָט ליאָווע פאַרשטאַנען, אז באַלד וועט זיַין א הילכיקער זאַלפּ. ער האָט דעריבער א זאָג געטאָן:

— פּאַפּאַ, זעץ זיך. — אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט.

— אזוי, אזוי? זעלבשטענדיקיַיט. א מעציִע טאַטע־מאַמע! וויפל מיידלעך וואָלטן גליקלעך געווען צו לעבן איניינעם מיט אונדז? מיר זײַנען ניט פון די לעצטע אין מאָסקווע! איך ווייס ניט, צי האָט אײַך ליאָווע געזאָגט, אז מיר זײַנען...

נאָר פּיַיוולען איז ניט אויסגעקומען צו דערציילן „וואָס מיר זײַנען", וויַיל סאָניע האָט זיך אופגעהויבן פון שטול. זי האָט א צי געטאָן אַף אראָפּ דאָס קורצע קליידל, צוגעגלעטט אירע אזוי אויך גלאַטע האָר און שטיל איבערגעשלאָגן פּיַיוולען:

— איך צווייפל ניט אין דעם, אז א סאך מיידלעך וואָלטן גליקלעך געווען, נאָר איך וויל לעבן, ווי איך האָב געלעבט ביז איצט. דו האָסט עפּעס צו זאָגן, ליאָוושקאַ?

א רעכטע וויַילע האָט געהערשט שטילקיַיט.

דערנאָך האָט ליאָווע באמערקט:

— וואָס עס איז קלאָר, פאָדערט ניט קיין אופקלערונג.

— נעם אראָפּ פון טיש, גאָב־געבער! — האָט רייזע געזאָגט פאַרביטערט, ווען סאָניע מיט ליאָווען זײַנען אוועקגעגאנגען.

דער טרעגער

לייזער איז א קאָלווירטניק. ווינטער, ווען אין קאָלווירט איז פאַראַן ווייניק ארבעט, ווערט ער א טרעגער. ער שלעפּט איבער אַף זײַנע פּלייצעס די גאנצע מאסע, וואָס ווערט געבראַכט אין יישעוו. ער וויסט גענוי, ווייפל זעק צוקער, גרויפּן, ווייפל פעסלעך הערינג דער ראַיטאָרג שטעלט צו אין די צוויי היגע קלייטן, ווייפל טאָן מעל די בעקערײַ פאַרנוצט אַף ברויט. אָבער איצט איז סאָף זומער, דער יישעוו איז פאַרטאָן אין ווײַן מאכן, אפן גאס ליגן בערג שאָלעכץ פון אויסגעקוועטשטע וויַינטרויבן, א הארבער רייעך פון יוירונג שלאָגט איבער אלע יישעוו־גערוכן. אלע, אלע מאכן וויַין, און לייזער איז פאַרטאָן אין ארבעט. ער קײַקלט פעסער, טראָגט וואסער, שלעפּט פולע קוישן וויַינטרויבן, און עס איז עמעס, אז ער זאָגט:

— פּאַניאַטנע, נעם איך קיין וואסער אין מײַן מויל ניט דעם גאנצן סעזאָן.

אָט קײַקלט ער א פאַס וואסער צו בריַינקעס שפּײַכלער, ער טוט א טאַנץ אונטער אַף דעם לינקן פוס, און מיט דעם רעכטן, אויסגעצויגענעם, גיט ער א באַץ אין פאס אזוי, אז זי שטויסט זיך אָן אין דער טיר פונעם שפּײַכלער.

— בריַינקע, פאַריאַדאָק! גיב, דו ווייסט שוין וואָס! — שריַיט ער ארוף, וואָרעם דער שפּײַכלער שטייט נידעריקער פון דער שטוב.

בריַינקע, א פרוי פון א יאָר עטלעכע און פערציק, טראָגט ארויס אַף דער טעראַסע א ליטערדיקן סלוייִק וויַין. לייזער נעמט אים, לייגט צו דאָס גרינלעכע גלאָז צו זײַנע פולע ליפּן, פאַרמאַכט די אויגן און בעט מיט א שמייכל:

— פאָר איין ליידיקן צוויי פולע...

בריַינקע קוקט, ווי ער טראָגט דעם דריטן סלוייִק צום מויל, און באמערקט:

— נאָך דיַין טרינקען נאָך פּאַסטו גאָר ניט פאַר אונדזער קאָלכאָז.

— דערציייל בײַקעס, דײַן טאַטע און דײַן זיידע, נעבעך, קאָנען ניט ארײַנגיסן! — זאָגט לייזער און קוקט אַף בריַינקעס פולע הענט, וואָס איר סאראפאן האָט אזוי פריַי־רייצנדיק אנטבלויזט.

ער קוקט, זײַן פּאָנעם איז אָנגעשטרענגט, די אויגן גלאַנצן. מיטאָמאָל טוט ער זיך א דריי אויס, זײַנע מעכטיקע, צעשפּרייטע הענט קלאַמערן זיך אײַן אין דער לײַסט, וואָס איז צוגע־קלאַפּט צו די פּאַניר־ווענטלעך פון דער טעראַסע, אָט וועט ער, דוכט זיך, אַרויסרײַסן די לײַסט אינאיינעם מיט די ווענטלעך און וועט זיך אַוועקטראָגן, ווי אויף פליגל, פון דער טעראַסע, וואָס שטייט אויף הויכע, דינע קלעצלעך. אָבער ער פליט ניט אַוועק. ער גיט זיך א צי אונטער אויף די הענט, טוט א הוידע מיט די פיס, א שפּרײַז, און ער זיצט שוין אויף א מיטלסדיק טרעפּל פון דער לאַנגער טעראַסע.

— ברײַנקע, וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט? ציילסט נאָך אַלץ די סלויִקלעך, וואָס איך האָב אויסגעליידיקט, ס׳א פּוסטיאַק, דער ווײַן שפּילט נאָך ניט!

— איך האָב ניט געציילט, א גאַפּקעמינע, נעם רייניק דורך דעם שלאַנג, זיץ ניט!

— מיר פאַר דײַנע ביינדעלעך, ווו האָסטו געזען, א מענטש זאָל טרינקען אָן פאַרבײַסעכץ? פאַרוואָס איז בא דיר אַזא פאַרשיווע מאָדע, אַז דו האָסט א יויך מיט לאָקשן, האַלטסטו דאָס נאָר פאַר זיך? דו דאַרפסט דעם שלאַנג, איך דאַרף לאָקשן!

זי דערלאַנגט, א ברירה האָט זי? אין א ווײַלינקע אַרום טוט ער א וואָרף אונטער דעם ליידיקן טעלער, שרײַט אויס:

— נאַ, קיין ספּאַסיבע זאָג איך ניט. פּריצע, קום אין פּאָדוואַל!

עס הערט זיך, ווי פּעסער קײַקלען זיך, ווי ער רייניקט דעם שלאַנג, עס הערט זיך אויך, ווי ברײַנקע טוט א געשריי:

— ניטע, דו־ו־ו!

ברײַנקע גייט האַסטיק אַרויס פונעם שפּײַכלער, פאַריכט די פּאַטשיילקע, פאַרשאַרט די האָר. דערנאָך גייט אַרויס לייזער. ער איז בלייכלעך, פון זײַן שטערן רינט שוויס. ער זעצט זיך אַפּן סאַמע אונטערשטן טרעפּל פון דער טעראַסע, קוקט אַרויף צו ברײַנקען, זאָגט:

— האָסט אײַז אין דײַן האַרצן! איך קאָן אויף דיר ניט קוקן. מיינסט, דײַנער אין מאַלעוו פּאַסט?

— קוק אויף דײַן ווײַב, כאַרפּעסניק.

— פאַר איר דײַגע ניט, זי וועט בא מיר ניט זײַן זשעדנע!

— דײַן ייִנגל גייט שוין אין פינפטן קלאַס, אָן־אָ גייט דײַן עלטער־שוויגער, אַז ווײ איז דיר!

לעם די נוסנביימער גייט די אַלטע באָבע פּערל. אונטערן אָרעם האַלט זי א לעבל ברויט, אין דער רעכטער האַנט א פלאַש בוימל, זי קוקט גאָר ניט אַהין, ווו לייזער זיצט, אָבער זי האָט אים שוין דערזען פונדערווײַטן.

— אוי, איז דיר לאַנג דער וועג אַהיים! די אייגענע באַלעבאַטישקײַט ליגט דיר אין פּיאַטע. וויפל האָסטו הײַנט אַרײַנגעגאָסן אין דײַן טרעמבעכע, טאַכשיט?!

— וואָס אַרײַנגעגאָסן, איז שוין אין פּעסל ניטאָ, באָבעשי, איר ווייסט עס פּאָ סעבע! — בלײַבט איר לייזער ניט שולדיק.

ברײַנקע לאַכט. לייזער לאָזט זיך אַראָפּ פון די טרעפּלעך, טרייסלט אָפּ די הויזן און גייט.

— ווען וועסטו קומען? איך האָב קיין קויעך ניט צו רירן די פּעסער פון אָרט, — זאָגט ברײַנקע.

— איך וועל קומען, איך גיי גרוזיען טרויבן, דער קאָלכאָז איז מער מעיוכעס! — זאָגט ער און שפּאַנט איבערן שטויביקן וועג אין די צערעפּעטע סאַנדאַליעטן. ער דעריאָגט די באָבע פּערל, נעמט זי אַרום. זיי לאַכן ביידע.

ברײַנקע טרייסלט אויס דעם טישטעך און שמועסט זיך דורך מיט דעם באָנדערס ווײַב, וואָס שטייט אין דער אָפענער טיר פון איר שטוב.

— איר האָט געהערט, ווי פּערל האָט אים געצוואָגן? — פרעגט ברײַנקע.

— אַזוי זאָגט זי, אַז אירע אויגן זעען ניט, אָבער לייזערקען דערזעט זי גלײַך, עס איז אים קאַרג די שוויגער, איז ער געבענטשט מיט אַן עלטערשוויגער!

— זי האָט שוין די הונדערט?

— מע זאָגט, זי האָט הונדערט מיט א מיטוואָך! — ענטפערט די שכיינע און פאַרשווינדט אין שטוב.

עס פאָרט אָן א לאַסטמאַשין מיט קעסטלעך ווײַנטרויבן, צווישן די קעסטלעך שטייט לייזער, ער פּאָכט מיט די צענומענע הענט, זײַן מויל איז אָפן, מיסטאָמע זינגט ער, נאָר וואָס ער זינגט, הערט מען ניט, ווײַל די מאַשין הודזשעט זייער.

ביז הונדערט צוואנציק

די שכיינים זאָגן, אַז זי האָט אַ גוטע עלטער. זי אַליין זאָגט גאָרניט, נאָר ווער עס הערט, ווי דער איידעם זאָגט „מאמע״, ווער עס זעט, ווי ער דערלאַנגט איר די שפּאַקולן, ווי ער טראָגט צו די געקעסטלטע שאַל און דעקט צו אירע ביינערדיקע פּלייצעס, איר געבויגענעם רוקן, — דעם איז אַלץ קלאָר. אַפילו פון שפּיטאָל קומט ער אויך אַמאָל אינמיטן דער אַרבעט אַ קוק טאָן, וואָס זי מאַכט, צי האָט זי איינגענומען די רעפואס, וואָס ער האָט איר געהייסן טרינקען. די אַלטע ווילצלט זיך:

— האָסט שוין ווידער געלאָזט די יונגע כאָלאָים מיט די פּריש־געבאַקענע עסקולאַפּן. גיי דיר אין שפּיטאָל אַריין, דאָקטער.

— מייַנע פּאַציענטן פאַלגן, דו הערסט מיך ווי דעם נעכטיקן טאָג, פאַרוואָס האָסטו ניט גענומען דעם שלאָפטרונק? דו ביסט דאָך געווען אַ פּראָוויזאָר, ווייסטו, אַז דאָס שאַט ניט צום האַרץ.

— נעם יאָ, נעם ניט. די אויגן זאָגן סיי־ווי איין מאָל נייַן!

— באַלזאַק שרייַבט, אַז אַלטע לייַט שלאָפן קנאַפּ, ווייַל זיי האָבן ניט ווייניק געזינדיקט.

— דאָס האָט ער געמיינט דייַנע אווייַרעס, ווען דו ווערסט זייַן אין מייַנע יאָרן!

זיי צעלאַכן זיך, ער גייט אוועק.

ער גייט אוועק, די טאָכטער גייט אַרייַן.

— מאמע, האָסט אופגעגעסן דעם האָניק מיט לימענע?

— אופגעגעסן. זאָג בעסער, וואָס מאַכט דער כוילע, וואָס מע האָט נעכטן געבראַכט?

— דערווייַל ווי געווען. פריִער אַ ביסל וואָלט גרינגער געווען צו פאַרכאַפּן די קרענק.

— אַז אַן עלטערער מענטש ווערט קראַנק, האָבן די קינדער צייַט. עס איז דאָך דאָ אַ ווערטל — אַן אַלטער מוז שטאַרבן, אַ יונגער וועט שטאַרבן!

— מיילע, מויכל דאָס ווערטל, איך האָב אָנגעריבן מערן, עס, דאָס איז גוט צו די אויגן. איך לויף. דו גיי אַרויס צום דניעסטער, הייַנט איז וואַרעם.

די אַלטע טוט אָן דאָס ברוינע קלייד, די גרויע שוואַרצע זייַדענע פאַטשיילקע אין די שוואַרצע אַרבעסלעך, אָבער צום דניעסטער גייט זי ניט, ווייַל ס׳איז געקומען גענריִעטאַ רווימאָוונאַ.

די אַלטע באַזעצט דעם גאַסט, פרעגט:

— אַ קאַווע וועט איר טרינקען?

— אַ דאַנק, — זאָגט יענע, זופּט פונעם קליינעם קריגעלע, ווישט די צעקנייטשטע ליפּן און באַקלאָגט זיך: — איך וואָלט אוועק פון מייַן איידעם מיט מייַן טאָכטער, ווו די אויגן טראָגן! איך האָב זיי אויסגעהאָדעוועט דאָס קינד, איז עס ניט בעסער פון זיי!

די אַלטע שאָקלט מיטן קאָפּ, קנייטשט דעם שטערן, הייבט די פּלייצעס, זי האָט עס שוין ניט איין מאָל געהערט.

נאָר גענריִעטאַ רווימאָוונאַ דאַרף זיך אויסריידן:

— איר שווייַגט, איר וווּנדערט זיך? און איך וווּנדער זיך אויף אייַער איידעם. אַ זון איז זעלטן אַזוי געטרייַ צו אַ מאַמען, ווי ער צו אייַך. אַזאַ עלטער, ווי אייַערע, — אויף אַלע מייַנע ליבע געזאָגט געוואָרן. קיין קינדער האָט איר ניט געניאַנטשעט.

די אַלטע ציטערט אַזש אויף, זי האָט געהאַפּט, אַז זי וועט האָבן אייניקלעך. איצט איז אָפּגעהאַפּט. איר טאָכטער מיטן איידעם וואָלטן שוין געקאָנט זייַן אויף פּענסיע, כאָטש זיי אַרבעטן נאָך. ווען דער גאַסט וואָלט ניט אַ זאָג געטאָן „איר האָט קיין קינדער ניט געניאַנטשעט״, וואָלט די אַלטע עפּשער גאָרניט געזאָגט, אָבער איצט קאָן זי ניט שווייַגן.

— ווער עס האָט געניאַנטשעט, דער זאָל האָבן נאַכעס, ווער עס האָט ניט געניאַנטשעט, יענעם דאַרף מען ניט מעקאַנע זייַן. מייַן איידעם איז מיר טאַקע געטרייַ, נאָר פון מיר האָט ער אויך קיינמאָל קיין קרום וואָרט ניט געהערט. ווען ער האָט כאַסענע געהאַט מיט מייַן נינעטשקען, האָט ער געהאַט אַ טעווע ניט אויסקלייַבן אַ וואָרט, עס האָט אַפילו געטראָפן, ער איז געווען גאָר ניט איידל צו מיר. האָט אים דאַן נינעטשקע געזאָגט: „אויף מיר קאָנסטו אָנשרייַען, ווערסטו דערנאָך זען, וואָס איך וועל טאָן, אָבער אויף דער מאַמען זאָלסטו ניט סמייַ־ענען!״ איך האָב אים אויך פאַוואָליע געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויב ער איז גרייט מיך פייַנט האָבן נאָך דערפאַר, וואָס איך בין זייַן שוויגער, לעבט ער אין טאָעס.

— עס איז אייַך גרינג צו זאָגן, אַז איר האָט אַזאַ טאָכטער!

— מײַן טאָכטער איז אזא, װײַל איך האָב געװאָלט, זי זאָל זײַן אזא, ניט קײן אנדערע! אײַער טאָכטער װאָלט אויך געקאָנט זײַן צו אײַך אנדערש. מיט קינדער דארף מען װיסן, װי זיך צו באַגײן. מע דארף אמאָל פארבײגן, זיך מאכן ניט הערנדיק.

— עס קאָן זײַן, נאָר מיר װײַזט זיך אויס, אז כאָטש מײַן אײדעם איז אויך א דאָקטער, האָט ער גאָר קײן סײכל ניט צו פארשטײן, װוּ איך װעל פארגלעטן!

— מאַלע װאָס אײַך װײַזט זיך אויס! א קלײנע סימכע, װאָס דער שװיטע איז יונג, א גרעסערע סימכע, װאָס דער אלטער איז ניט קײן שװיטע... אזוי איז דאָס, געגנרישטע רװוי־מאָװנא.

װען דער גאסט איז אװעק, איז די אלטע שוין אין ערגעץ ניט געגאנגען. זי איז געזעסן א פארטראכטע, אן אומעטיקע.

— מאמע, איר פילט זיך ניט גוט? — האָט געפרעגט דער אײדעם, קומענדיק פון דער ארבעט.

— איך פיל זיך אמבעסטן, איך װונדער זיך נאָר אף די מענטשן, װאָס מײנען, אז א גוטע עלטער פאלט אראָפּ פון הימל, — האָט די אלטע געזאָגט.

זי טאָר שוין ניט

א געזעצטער יאָדערדיקער מאָלדאװאַן, מיט א גרויסן פולן גראפין װײַן אין אײן האנט, מיט א גלאָז אין דער צװײטער, איז געגאנגען איבער דער גאס. װעמען ער האָט באגעגנט, האָט ער אָפּגעשטעלט און מעכאבעד געװען. דאָס איז געװען דער קאַלעס פאָטער. דערװײַל האָבן שכײנים — מעכוטאָנים ארײַנגעגראָבן פיר גראָבע סטויפעס אײנמיטן גאס. צו די סטויפעס האָט מען צוגעשלאָגן דינע שטענגלעך. אף זײ האָט מען אָנגעצויגן ברעזענטן. אזוי איז אויסגעפארטיקט געװאָרן א גרויסע כאסענע־בויד.

די בעהײמעס, װאָס זײַנען געגאנגען פון פעלד, האָבן פאר שרעק זיך געלאָזט פארבײַ דער בויד מיט אופגעהויבענע עקן. אף דעם אָרט, װוּ די בויד איז געשטאנען, איז שטענדיק געװען גלאַט און פוסט. דער גאנצער סאָראָקער טראנספאָרט האָט זיך געקװעטשט צום פארקן.

ס'איז געװען ניט צו פארשטײן, װי קאָן מען אויסזעצן געסט, װער רעדט נאָך מעכוטאָנים, אין דער דאָזיקער כאלאבודע מיט די ברעזענטענע קויטיקע װענטלעך? איז דאָך דאָ א װערטל, אז קײן האַלבע ארבעט זאָל בעסער א נאר ניט אָנקוקן — מע האָט אויסגעהאנגען אף די ברעזענטענע װענטלעך גרויסע טעפיכער. יעדער טעפּיך האָט אף זיך געהאַט אַלץ, װאָס די מאָלדאװישע ערד מאכט װאקסן — בונטע קװײטן האָבן געשרײַען אף שװארצן גרונט, גאָלדיקע זון־רױזן האָבן זיך געטוקט אין מאטעװער גרויקײַט. מע האָט ארײַנגעשטעלט אין דער בויד לאַנגע טישן, זײ באדעקט מיט סערװעטן, אַלע שטולן און בענק ארום די טישן האָט קאַלעס צאד פארשפּרײט מיט אַלערלײ האנט־ארבעט. באם פארקן לעבן דער שטוב האָט זיך אף א באנק אויסגעזעצט די בלאָז־קאַפּעלע.

פון כאָסנס צאד איז נאָך קײנער אף א רעפּוע ניט געװען. אָבער די קאַפּעלע האָט שוין געארבעט אף אַלע קײלים. די טרומײטן האָבן טרומײטערט, די פלײט האָט געזיפצט, די פויק האָט געפויקט. שװײס איז גערונען פון אונטער די שטרויענע קאַפּעליושן בא די קלעזמער. זײ האָבן אויסגעטאָן די העמדער, די שלײקעס פון די בלויע גאַליפע האָבן זיך געהאלטן אף די נאקעטע אקסלען. די שװארצע שטיװל האָבן געשפּיגלט. װארמעס־צײַט האָבן זיך באװיזן די ערשטע מעכוטאָנים פון כאָסנס צאד. זײ זײַנען אַלע פארשװוּנדן אין דער שטוב, װאָס איז געשטאנען אין פארשאָטנטן סאָד, נאָכדעם זײַנען זײ ארויס פון דאָרטן ארומגעגארטלטע מיט לאַנגע האנטעכער. דאָס זײַנען געװען אויסגענײטע האנטעכער, מיט קונציק־אויסגעשטריקטע שפּיצן. זײ זײַנען גרויסארטיק אראָפּגעהאנגען ביז צו דער ערד. נאָכדעם איז געקומען די יוגנט. די מײדלעך זײַנען געװען אויסגעפּוצט אין געבלימטע דורכזיכטיקע קורצע קלײדלעך. די געפּאַקטע פּולקעס, די רויטע איקרעס, די קני — יעדערע װי א האַלבער קאַװן — האָבן פרײַ זיך געלופטערט. די יונגעלײַט — קימאט אַלע אין נײלאָנעװע קלאָר־װײַסע העמדלעך אף פארביקע מײַקעס. אַלע אין לאַקירטע טופּליעס.

פון דער מאָלדאװאַניאַסקע האָט געהודזשעט די ערד. דער שטויב האָט געגרײכט ביזן הימל, די טרומײטן האָבן געטרומײטערט, די פלײט האָט געװײנט, די פויק האָט געפויקט.

א באַיאָרטע מאָלדאוואנקע, ארומגעוויקלט אין האנטעכער, אזוי ווי אַן אויפֿל אין א וויקלשנור, האָט ארויסגעטויכט פון שטויב און אויסגעשריִען: „צום טיש!" אלע זיינען פאר־שוווּנדן אין בויד, מע האָט זיך אויסגעזעצט בא די טישן, מע האָט גוט אריינגעהאָרעוועט בא די בערג גרינס, פעטע האָלובצעס, פעטשא פון אָף. וויין האָט זיך געגאָסן ווי וואסער.

און ווידער צום טאנץ. די הויכע פריזורן בא די מיידלעך האָבן זיך געזעצט. די באָכערים האָבן אראָפּגעוואָרפן די קלאָר־ווייסע העמדלעך מיט די מייקעס. זייערע מעכטיקע פּלייצעס האָבן געגלאנצט אנטקעגן זון־פארגאנג. די עלטערע מאָלדאוואנקע, וואָס האָט גערופן צום טיש, האָט זיך געדרייט מיטן כאָסן אין ראָד. דאָס איז געווען די זיך־מוטער, די אזויגערופענע נאנאשקע. די לעוואָנע איז אופגעגאנגען, די שטערן האָבן דערשראָקן זיך גערייעט אין הימל־געוועלב. א סאך מעכוטאָנים זיינען שוין, נעבעך, געווען אָפּגעשוואכט, זיך קוים געהאלטן אף די פיס. א יונגער מאָלדאוואן האָט געפירט בא דער האנט א מיידל מיט צעפּאטלטע האָר אין שאָטן אונטער די נוסנביימער. די פלייט האָט געוויינט, די פּויק האָט געפּויקט.

— די קאלע, די קאלע ווו איז? — האָט זיך דערהערט פון אוילעם.

— די קאלע טאָר שוין ניט טאנצן. זיי האָבן זיך צוגעיילט... איר שפּילט זיך מיט היינטיקע יונגעלייט, — אזוי האָט קלאָר געמאכט דעם איניען די זיך־מוטער און איז פארשווּנדן צווישן די מעכוטאָנים.

יאָריקע

זי איז אלט געווען א יאָר צען. איר צעריסענע פאטשיילקע איז ווי געשטאנען אף אירע געדיכטע האָר, די לענגלעך געשניטענע אויגן זיינען געווען טיף־שווארץ, די ווייסלעכער — קלאָר, אזש בלוילעך. איר גאנצער אָנבליק האָט געהאט א מאָדנעם אויסדרוק, וואָס איז געווען אויסגעמישט פון אומשולד, קינדערישקייט, האָזע און אפילע רייפקייט. אָנגעטאָן איז זי געווען לויט דער העכסט ציגיינערישער מאָדע: דאָס ברייטע ציצענע קלייד האָט זיך געדיכט געפאל־דעוועט ארום אירע מאָגערע קליינע פיס, א שמוציקער פארטעך האָט זיך ווי אופגעבלאָזן אף דער טאָרבע, וואָס איז געהאנגען צווישן אים און קלייד.

— קום מיט מיר, איינער א פעטער וועט דיך מאָלן.

— כ'האָב קיין צייט ניט.

— דו זיצט דאָך בעמיילע אף דער באנק.

— איר זעט דאָך, אז דאָ איז די בודקע פון מאָראָזשענע.

— איז וואָס?

— זיך איך און איך קוק, ווי אלע עסן מאָראָזשענע, — האָט זי געזאָגט, זיך אראָפּ־געגליטשט פון באנק, גענומען שפּרינגען אף איין פוס, און איר לאנג קלייד האָט אופגעהויבן א מוירעדיקן שטויב.

כ'האָב געקוקט, ווי זי שפּרינגט, און כ'האָב זיך געשלאָגן מיט דער דייע: זאָל איך איר זאָגן וועגן געצאָלטס, צי ניט? און ס'האָט זיך בא מיר ארויסגעכאפּט:

— קום מיט מיר. אז דער פעטער וועט דיך אָנמאָלן, וועט ער דיר געבן געלט, און דו וועסט זיך קויפן מאָראָזשענע.

— וויפל געלט? — האָט זי באהאוונט געפרעגט.

— אויב דו וועסט רויִק זיצן, א רובל.

זי האָט א קנאק געטאָן מיטן צינגל, פלינק זיך א דריי געטאָן אף איין אָרט, האָט אויסגעשריִען: „איך לויף זאָגן מיין מאמען". איך האָב געפרעגט: „וועסט ניט אָפּנארן?" — „ערלעך פּיִאָנערסקע. אז ניט, זאָל מיך די ערד איינשלינגען", — האָט זי אויסגעשריִען און איז אוועקגעלאָפן.

איצט בין איך געזעסן אף דער באנק און האָב געהאט די געלעגנהייט צו זען, ווי א פעטע האנט מיט גילדענע רינגען אף די קורצע פינגער שטעקט זיך ארויס פון בודקע־פענצטערל, נעמט פארשוויצטע מאטבייעס פון קינדערשע הענטלעך, ווערט פארשווּנדן אף א רעגעלע, שטעקט זיך ארויס מיט א פעקעלע מאָראָזשענע, וואָס איז איינגעוויקלט אין א געל־גרין סאם־

האמאָועס פאַפּירל. איך בין געווען זייער פאַרוואונדערט, ווען כ'האָב דערזען, ווי דאָס מיידעלע לויפט.

ביז מיר זײַנען געקומען צו דער שטוב, האָב איך שוין געוווּסט, אַז דאָס מיידעלע רופט מען יאַיריקע, אַז איר טאַטע מיט די עלטערע ברידער מאַכן באַראַנעס, אַז איר מאַמע אַרבעט אין קאַלדרע־אַרטעל, און זי האָט אַ פּיטשינק שוועסטערל, וואָס זייגט נאָך, שרײַט אַ גאַנצע נאַכט.

יאַיריקע איז געזעסן ווי זי האָט געקענט: דאָ איז דער קאָפּ בײַ איר געווען לינקס, דאָ רעכטס. אָט האָט זי די פּיס באַהאַלטן אונטער דעם לאַנגן קלייד, אָט האָט זי זיי אַרויסגעשטעקט, די הענטלעך האָבן אויך „שפּאַצירט", ווי זיי האָבן געוואָלט. דער מאָלער האָט געצייכנט, געמעקט מיט דער גומקע, ווידער געצייכנט, זײַנע ליפּן זײַנען געווען אַזוי צונויפגעפּרעסט, אַז זײַן מויל האָט אויסגעזען ווי אַ שמאָלער, בלייכער שניט. ער האָט אוועקגעוואָרפן דעם בלײַער און גענומען אָנוואַרפן מיטן פּענדזל ברייטע פּאַסן פאַרב, און בײַס יאַיריקע האָט דערזען דעם עטיוד, ווו זי זיצט מיט אַ בוקעט אַסטרעס, האָט זי צופרידן געלאָזט וויסן:

— כאַראָשע פּאָטאָ־קאַרטאָטשקאַ!

נאָכדעם האָב איך איר געגעבן אַ גרויסע באַר, און דאַן האָב איך דערזען דעם וויכטיקן פּראַט פון איר טואַלעט: זי האָט אַרײַנגעלייגט די באַר אין טאָרבע, וואָס איז געהאַנגען אונ־טערן פאַרטעך. ווען זי האָט שוין געהאַלטן דעם רובל אין האַנט, האָט זי זיך ניט געײַלט אוועקצוגיין. זי האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן פּלויט אַף דר'ערד, האָט מיט אַ טרוקן ריטל געשויבערט דאָס גראָז. איך האָב געפרעגט:

— גייסט אין שול?

— יאָ.

— אין וועלכן קלאַס?

— אין דריטן.

— לערנסט זיך גוט?

— איינע פינפן.

— דרײַען האָסטו אויך?

— יאָ.

— ווילסט עסן?

— אַ דאַנק, יאָ.

איך האָב איר אַרויסגעטראָגן אַ בולקע, וואָס איז גלײַך אוועק אין טאָרבע צו דער באַר.

— פאַרוואָס עסטו ניט?

— אָן אַ טפילע טאָר מען ניט עסן.

— ווער טוט מיט דיר טפילע?

— די מאַמע.

— וויפל מאָל אַ טאָג?

— איין מאָל אין טאָג — פאַרן שלאָפן.

— און וויפל מאָל אַ טאָג עסטו?

— איין מאָל אין טאָג — פאַרן שלאָפן.

— אַ גאַנצן טאָג עסטו ניט?

— פאַרוואָס? איך עס, אויב איך פאַרדין.

— וויאַזוי פאַרדינסטו?

— אַמאָל גיט מען מיר, אַמאָל נעם איך.

— ווער גיט דיר, ווו נעמסטו?

— דאָס האָב איך געזאָגט אומיסטן, אַז מע גיט מיר. בעסער נעם איך אַליין עפּל פון די מאַשינעס, וואָס שטייען גאַנצע טעג לעבן קאָנסערוון־זאַוואָד, און די שאָפערן זיצן אין סטאָ־לאָווע די גאַנצע צײַט, אָדער זיי עסן אָדער זיי טרינקען. און עפּל נעם וויפל דו ווילסט!

— איצטער דערצייל מיר, ווי טוסטו טפילע?

— איך מאַך נאָר מיט די ליפּן, און מײַן מאַמע זאָגט. קימאַט אַלעמאָל זאָגט זי: „גאָטעניו, וואָס האָסטו אָפּגעקערט דײַן האַרץ פון אונדז, פערד־און־וואָגן האָסטו בײַ אונדז צוגענומען, פאַר פוסגייער אונדז געמאַכט, נאָר אַף פייסעך עסן מיר אַ שטיקל הון, די מענטשן באַהאַלטן פון אונדז די הענט, אַפילו די ווײַבער זײַנען קליגער געוואָרן און ווילן ניט קיין גאַדאַלקעס".

מער האָט יאַיריקע גאָרנישט ניט געזאָגט. כ'האָב זי אַרויסבאַגלייט פונעם טויערל, פאַרבײַ די צוגעבונדענע הינט, און איך האָב געקוקט, ווי זי גייט אַזאַ קליינע, אַ דאַרע צווישן די הויכע טאָפּאָלן.

אַ פֿינצטערע דאָליע

זיי האָבן זיך באַקאַנט, בייס זי איז געגאַנגען אָנרײַסן אַ ביסל פּעטרישקע. ער האָט זיך פּלוצעם באַוויזן פֿון הינטער די אַקאַציע־צווײַגן מיט זײַן קלאָגעדיקער מאַרע, מיט די פֿאַראַיאָריקע קאָלטענעס וואָל. אַ גלײַכגילטיקער, אַ דערשלאָגענער. ער האָט געקוקט אויף איר אָן האָפֿענונג. זי האָט אַ וואָרף געטאָן די פּעטרישקע, איז האַסטיק אַוועק, האָט זיך אומגעקערט מיט אַ שטיק ברויט און מיט אַ טעפּעלע מילך. זי האָט מיט אַ לאָפּוך אויסגערייניקט דאָס צעבויגענע בלעכענע שיסעלע, פֿון וועלכן מע פֿלעגט אים געבן עסן. ער איז געשטאַנען פֿונדערווײַטן און האָט געקוקט, ווי זי טוט עס. דערנאָך אַ שפּרונג געטאָן, מיט איין שלונג אויפֿגעגעסן דאָס, וואָס זי האָט געבראַכט.

עס איז קלאָר געווען פֿאַר איר, אַז קיין שום לעבעדיק באַשעפֿעניש וועט מיטן אייגענעם ווילן זיך ניט נעמען אַזאַ פּײַן... און ערשט דאַן האָט זי דערזען די קייט, מיט וועלכער ער איז צוגעבונדן צו דער אַקאַציע. די קייט האָט קיין קלאַנג ניט אַרויסגעגעבן, ווײַל אַלע רינגעלעך זײַנען געווען פֿאַרקלעפּט און פֿאַרשטאָפּט מיט פֿאַרטריקנט מיסט. זײַנע נאָענטע שכנים, וועלכע ער האָט געהיט, — די צוויי קאַבאַנעס, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג געפֿרעסן און געכרייקעט, האָבן אָנגעמאַכט אַזאַ קוויטיקײַט, אַז עס האָט געגרייכט אַזש ביז דער אַקאַציע.

די אויסגעפּאַשעטע באַלעבאָסטע דאָמנע האָט גוט געוווּסט, אַז עס וועט קומען אַ צײַט, ווען די דאָווּעראַכערס וועלן ווערן וווּרשט און באָרשטש, און געשטופּט אין זיי, וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. וועגן הונט האָט זי פֿאַרגעסן...

וואָס אַ טאָג ווײַטער האָט די באַקאַנטשאַפֿט צווישן אים און דער געקומענער, וואָס האָט דאָ געדונגען אַ צימער, זיך געשטאַרקט. איצט, ווען זי פֿלעגט פֿאַר אים ברענגען עסן, פֿלעגט ער בילן פֿרײַנטלעך און היימלעך, זײַנע אויגן האָבן גענומען גלאַנצן. ער פֿלעגט זיך דרייען אַרום איר, אונטערשפּרינגען, זיך שטעלן אויף די פֿעדערשטע פֿיס, לעקן אירע הענט און איר פּנים. בייס זי פֿלעגט אַרונטערקריכן אונטער די אַקאַציע־צווײַגן, האָט זי זיך געוווּנדערט, ווי בעריִש ער האָט זיך אָפּגעזונדערט פֿון זײַנע „שכנים“. ער האָט אויסגעגראָבן אַ טיף גריבל, די ערד ניט פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿן, נאָר צונויפֿגעשאַרט אַרום גריבל, אַזוי אַז דאָס קויט האָט צו אים ניט אַרײַנגערונען.

אין אַ כוידעש אַרום איז אים שווער געווען צו דערקענען. די פֿאַראַיאָריקע קודלעס וואָל זײַנען אַראָפּגעפֿאַלן, זײַן שוואַרצע פֿעל האָט געגלאַנצט, זײַן עק איז געווען צעפּעכערט, און דער ווײַסער פֿלעק אויפֿן שטערן האָט געגלאַנצט אויף דער זון.

פֿאַרן אַוועקפֿאָרן איז זי אַרומגעגאַנגען און האָט שטיל געפֿרעגט בײַ די באַלעבאַטים פֿון די דערבײַיִקע הײַזער: „עפּשער דאַרפֿט איר אַ הונט?“ — און זי האָט אים געלויבט און דערציילט, וואָס פֿאַר אַ גוטער וועכטער ער איז. ווען עס האָט זיך געפֿונען אַזאַ באַלעבאָס, האָט זי באַנאַכט דעם הונט אָפּגעבונדן און אים אַוועקגעפֿירט אַהין, וווּ זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט מער קיין הונגער ניט לײַדן.

אינדערפֿרי האָט דאָמנע זיך אַרומגעדרייט אין גאָרטן, געטאַפּט די קייט, וואָס האָט זיך געשלענגלט לעבן דער אַקאַציע, געשאָקלט מיטן קאָפּ, הויך געשריִען:

— אויסגעכאַפּט זאָלן ווערן די גוטע שכנים! אַ דוואָרניאַגע זאָל מען אַוועקפֿירן!

אומגערן אויף צולאָכעס

עפּשער זײַנען זיי גאָר ניט שולדיק, וואָס זיי זײַנען אַזוי בייז און כאַפּן איינע די אַנדערע באַם האַלדז, ווען מע טרײַבט זיי אַרײַן אין דעם אַרומגעצוימטן שטיקל הויף. דאָמנע, זייער באַלעבאָסטע, וואָלט געוויס געקאָנט אַוועקשטעלן נאָך אַ שיסל מיט וואַסער, אָבער זי טוט עס ניט, ווײַל די גענדז זײַנען פֿאַר איר נאָר פֿליישיקס — נאָר אין טאָפּ אַרײַן... ניט גענוג, וואָס זי האַלט זיי אויף דער יאַבאָשע, שטעלט זי אַוועק פֿאַר זיי אין איין קיילע וואַסער, און טוט וואָס איר ווילט!.. גרויסע גענדז פּאָכן מיט די צעשפּרייטע פֿליגל, גראַגערן, קלעמען אײַן אין די ברייט־צעעפֿנטע שנאָבלען, ווי אין אַ צוואַנג, דעם האַלדז פֿון די שוואַכערע, וועלכע רײַסן

זיך צו דער וואסער. אָבער מער פון אַלעמען כאַפּט אַרײַן דאָס יונגע גאָנערל. פון אַלע זײַטן פּיקט מען עס, אַלע שטופּן עס. עס קאָן זיך בעשום־אויפן ניט דערשלאָגן צו דער שיסל. די אַלטע גענדז טרינקען זיך אָן, נאָכדעם נעמען זיי אָן וואסער אין די שנאָבלען און רייניקן זיך. דאָס געדויערט לאַנג. זיי פּוצן אונטער די פּאַכוועס, פּוצן די וואָליעס, נעמען ווידער וואסער, זייערע בייגעוודיקע העלדזער גרייכן אין אַלע פאַרבאָרגענע ערטער. דאָס גאָנערל וואַרט.

ענדלעך זײַנען שוין אַלע אויסגעפּוצט, אויסגעזעצט זיך, באַהאַלטן די שנאָבל אונטער די פליגל, דרעמלט מען אײַן און מע גראַגערט זיך דורך שטיל פון שלאָף. דאַן לאָזט זיך דאָס גאָנערל צו דער וואסער. ווי נאָר עס טוקט אַראָפּ דעם שנאָבל, טוען עטלעכע גענדז זיך א לאָז צו אים. מע שלאָגט מיט די פליגל, מע צופּט מיט די אָפענע שנאָבלען, מע צעטרעט עס שיר ניט. דאָס יונגע גאָנערל בלײַבט אָן אן אָטעם. זײַן אָפענער שנאָבל בלאָזט פון זיך אַרויס א מאָדנעם טויבן זיפּץ.

פון פרייד לעבט מען ניט, פון פּײַן שטאַרבט מען ניט. אָף דער פּאַשע האָט דאָס גאָנערל אויפגעלעבט, עס איז אונטערגעוואַקסן, געוואָרן א גאָנער. אין איינעם א פאַרנאַכט, ווען די גאַנצע טשאַטע איז געקומען פון דער פּאַשע, איז דער יונגער גאָנער אוועק צו דער שיסל. די איבעריקע נאָך אים. ס'האָט זיך אַזש אויפגעהויבן א שטויב פונעם רוגזעדיקן פּאָכן מיט די פליגל. מע האָט אים געשטופּט, געשטויסן, ער האָט זיך ניט געקאָנט אַרויסדרייען, און ער האָט זיך אַרײַנגעקוליעט אין דער שיסל...

די ערשטע רעגעס האָט ער געפּאַטשט מיט די פליגל, דאָס וואסער האָט געשפּריצט אין אַלע זײַטן, נאָר ער איז גיך צו־זיך געקומען, האָט זיך געכאַפּט צום סייכל, אַראָפּגעלאָזן דעם שנאָבל אינעם שמאָלן פּאַסיק וואסער צווישן זײַן גוף און דעם ווענטל פון דער שיסל און געטרונקען, געטרונקען...

די גאַנצע טשאַטע האָט זיך געטאָפּטשעט אַרום דער שיסל, געגראַגערט, אים געפּיקט, אָבער ער איז פון שיסל ניט אַרויס. זיי האָבן הויך געגראַגערט: „אַזאַ חוצפּה, אַזאַ אַזעספּאַנעם!" און ער, דער יונגער גאָנער, האָט זיך גערייניקט און ווי ניט באַמערקט דעם גאַנצן טומל. עס קאָן זײַן, ער האָט אויך געוווּסט, אַז זײַנע אָוועס האָבן געראַטעוועט רוים! פון דאַן אָן האָט ער, קומענדיק פון דער פּאַשע, זיך גלײַך געלאָזט מיט צעשפּרייטע פליגל צו דער שיסל...

קנאַפּער געשלאָפן—מער געזען ————————

בלוילעכע שטראַלן שפּינען און שפּינען דעם קישעף־שלייער. דיביימער האָבן פאַרוויגט אַלע בלעטער. עס זעען זיך ניט קיין באַזונדערע צווײַגן, עס שטייען שטילע, געדולדיקע, פּיל־געפּרוּווטע ריזן. די שטערן־שטראַלן פלעכטן קרוינען אָף זייערע שפּיצן. דער אַרום איז ענדלאָז. די ערד איז ליבהאַרציק און ברייט. קראָפּעווע, וועג־בלעטער, פּאָלין, ווילדע מאַלוועס בלייכן זיך אין דער בלויער שײַן מיט די צעבליטע שעלכלעך. זיי וואַקסן לעם די ווײַנשטאָקן, פּאַפּשויעס, זונרויזן. אין בלוילעך־זילבערנעם פלאַטער זײַנען זיי פאַרשפּונען און צונויפגעגאָסן.

עפּעס שורשלט האַרט אין די ווילדגרעזער. עס קריכן די נישטיק־קלייניטשקע באַשעפענישן, ווײַל די פייגל — זייערע פאַרטיליקער — שלאָפן איצט. עס שורשלט און פּויזעט דער, וואָס וואַגט ניט צו ווײַזן זיך בא דער העלער ליכט.

עס שלאָפן די פאַרכאָלעמטע אָפּגעקאַלכטע שטיבער. עס שטרעקן זיך די טעלעוויזיע־אַנטענעס אומעכטיק צו די שטערן, וואָס לעשן זיך שוין. עס רוט דער פאַרטאָגיקער וועג. בלייך־ראָזלעך ליגט ער צווישן די פּאַרקנס. עס ראָלן ניט קיין לאַסטמאַשינעס, קיין טראַקטאָרס, קיין בולדאָזערס. אָף די בענק בא די פּאַרקנס, ווו עס זיצן אין די פאַרנאַכטן ווײַבער, רוען איצט שאָטנס. עס לויפט איבער די שאָטנס א דינער פלעק־געפלעכט, בייס דאָס ווינטל טוט א ווײ איבער די ביימער. די ביימער שאָקלען זיך פון ווינטל. זיי שאָקלען זיך און מורמלען עפּעס שטיל, ווי דיכטער, וואָס לייענען פאַר זיך נאָרוואָס געבוירענע פערזן.

■ ■ ■

פאר קליין און גרויס

א נאָדל

כ'האָב ניט געוווסט
און ניט פארשטאנען,
אז מע טאָר אמאָל א מענטשן
א נאָדל ניט דערמאנען.

א פּאָשעטע נאָדל,
וואָס האָט אונדז באקליידט,
כאסענע־קליידער
מײַן מאמען גענייט,

די נאָדל, וואָס האָט
אין א ווינטער־באנאכט
„א לייטערל צום הימל"
אויסגעטראכט.

אָט זיצט ער, מײַן פרײַנט,
געזונט זאָל ער זײַן,
אף די שפּיץ־פינגער זיצט ער
בא זײַן אייוועלע שײַן,

מיט זײַן איינציק פארמעגן,
וואָס איז אים פארבליבן, —

דעם העפּטעלע לידער,
מיט בלוט אָנגעשריבן.

זיצט ער און ווארפט אלץ
מיט פאכעד א בליק
אף דער נאָדל, וואָס לויפט
אהין און צוריק.

יוערט שארף, ווי די נאָדל,
זײַן מאָגער געזיכט,
די נאָדל, מיט וועלכער
א ריס איך פאריכט,

דעם ריס אף זײַן רעקל,
פון לינקס אף דער ברוסט...
און איך האָב גענייט
און גאָר ניט געוווסט,

אז זײַן ליבע, זײַן איינציקע
פרייד
אינעם וואָגלען,
האָבן דײַטשישע ראָצכים
פארמוטשעט מיט נאָדלען.

א טרײַ־לײַ־לײַ

קיינער קלאַפּט ניט
אין מײַן טיר,
קיינער בענקט שוין ניט
נאָך מיר.
נאָר א שמאטניק
מיט זײַן זעקל
האנדלט אײַן
מײַן יאָמטעוו־רעקל.
ער באטראכט עס
אף דער שײַן,
צי קען נאָך עפּעס
פון דעם זײַן.
טוט א שמייכל,
טוט א ווונק מיר,
ס'איז שוין, זאָגט ער,
ניט קיין סכוירע,
ס'איז שוין, זאָגט ער,
טרײַ־לײַ־לײַ...

אוי, בין איך אמאָל
געווען א יונג א שיינער,
א יונג מיט ברייטע פּלייצעס
און מיט שטארקע ביינער.
אויב געגעסן — איז געגעסן
פון א טיפן טעלער,
אויב געטרונקען — איז געטרונקען
אין א טיפן קעלער.
אויב געפּאטשט — איז געפּאטשט
ביז אײַנברעכן די ריפּן.
אויב א מיידעניו געקושט —
איז אײַנשלינגען די ליפּן.
און הײַנט בין איך,
און הײַנט בין איך
שוין אײַ־אײַ־אײַ.
און הײַנט בין איך,
און הײַנט בין איך
א טרײַ־לײַ־לײַ.

דער לערער

לייב כאַדאַרקאָווסקיס אַנדענק

אָט זע איך א ווינטער־פרימאָרגן,
א דאָרף, ווי א קנײַלעכל וואָל,
און זיך מיט א פעקעלע העפטן
אינדערמיט פון א ליכטיקן טאָל.

פרישע געפאלענע שנייען,
ביימער אין פראָסטיקן צוויט,
איך טרעט אין די גרייטע גריבלעך
פון מײַן לערערס געמאָסטענע טריט.

און ס'דאכט זיך מיר הײַנטיקן טאָג,
ווען ס'זײַנען שוין גראָו מײַנע האָר,
אז איך גיי אים פאמעלעכן נאָך
אָן ערעך שוין זעכציק יאָר.

א וויגליד

באם שווארצן יאם
האָט מיר דערציילט
די ווײַסע מעווע,
וואָס שוועבט אין לופט,
אז דער יאם אליין
איז מיר מעקאנע
אף מײַן גילדן פישעלע,
וואָס ליגט און שלאָפט.

באם שווארצן יאם
עס גרינען סעדער
און בלומען פרעכטיקע
דאָרט וואקסן אויס.

נאָר יעדעס בלעטעלע
איז מיר מעקאנע,
וואָס ס'וואקסט בא מיר
אזא מין רויז.

באם שווארצן יאם
פיל קלאָרע קוואלן,
נאָר מיר האָט אײַנגערוימט
בעסאָד דער ווינט,
אז ס'איז ניטאָ
אזא מין קוועלכל,
וואָס מורמלט פריילעכער
ווי דו, מײַן קינד!

א גוטע וואָך

ווען א מענטש דערזעט
אף א בערגעלע אש
פון נאפט צי פון בוימל
א צעבראָכענע פלאש,
וואָס זשע זעט ער וואָס
אין די שטיקעלעך גלאָז?
דאָרט זעט ער זײַן מאמע
באם פענצטערל שטיין,
דאָס גלעזל פון לעמפל
שוין אויסגעווישט ריין —
„אָט־אָט וועט א שטערנדל
קומען צו גיין...“
איז הייבט ער זיך אוף
פונעם בערגעלע אש,
אין איין האנט א זעקסער,
אין דער צווייטער א פלאש,

און לאָזט זיך שוין, דאכט זיך,
א באָרוועסער לויפן,
א פלעשל מיט נאפט
פאר דער מאמע צו קויפן...

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

זײַנען די סטעזשקעס,
די וועגן פארוואקסן.
מע הערט ניט קיין וויאָקען,
קיין סקריפען פון אקסן.
ניטאָ שוין דאָס פענצטער,
אוועק מיט די פלאמען —
ניטאָ וועמען זאָגן:
„א גוטע וואָך, מאמע!“

א יאָר מיט א שפּאלט

בא הײַנטיקן טאָג
איז מײַן אייניקל אַלט,
ווי זאָגן עס מענטשן,
א יאָר מיט א שפּאַלט.

נאָר פראַגעס פאַרמאָגט ער
אזא מין־אָ סטאָס —
א זאַק מיט א קלומעק
מיט נאָך עפּעס וואָס.

זאָג איך אים יענץ,
פרעגט ער מיך: דאָס?
זאָג איך פאַר ווען,
פרעגט ער: פאַרוואָס?

זאָג אים און זאָג אים
און נאָכאמאָל זאָג —
א בוידעם מיט בארלעך —
א געכטיקער טאָג!

דערצייל איך אים מײַסעס
פון טיוטקעלעך ראַבע,
אז דער איז א זיידע,
און די איז א באבע,

אז די הייסן פעטערס
און די הייסן מומעס,
און קויף אים דערצו נאָך
א פערדל א גומענס.

דאכט זיך, שוין גוט —
גוט א מעכײַע.
האָט ער ערשט נאָכדעם
א פראַגע א נײַע.

און ס'העלפט מיר ניט, קינדער,
קיין טײַנעס, קיין ריידעס,
קיין פעטערס, קיין מומעס,
קיין באָבעס, קיין זיידעס.

„ווען וועסטו שוין, זיידע,
א בופלאַקס מיר ווײַזן?"
אז איך האַלט פון אים אויס,
בין איך שטאַרקער פון אײַזן.

מײַן טאַטע איז אין קאַס

איינמאָל איז מײַן טאַטע
געוואָרן זייער בייז
און אָנגעהויבן זוכן
א צוועקעלע א קליינס.

אָט וועל איך א צוועקל
א וויזיקל געפינען
און צוקלאַפּן פּאַוואָליע
דײַן ציגעלע צום גומען.

עפּשער וועסטו, באַכער,
ניט פּלאַפּלען אָן א שיר,
איך גיי אַרום פאַרטשאַדעט
א גאַנצן טאָג פון דיר.

געגנישטערט האָט דער טאַטע
אין קאַסטן, נאָר אומזיסט.
געפונען האָט ער צוועקעלעך,
וועלכע נאָר דו ווילסט.

א צוועקל פאַר א פאַרקן,
א צוועקל פאַר א טיר —
און טאַקע ניט געפונען
קיין צוועקעלע פאַר מיר.

געפעלט האָט דאַן א גאַרניט —
א קערל אָפּצושיילן,
כ'זאָל קיינמאָל אײַך ניט קאָנען
קיין מײַסעלע דערציילן.

א טיר בא א טיר

מײַן כאַווערטע מײַע
איז אַלט א יאָר פיר,
מיר וווינען בישכיינעס
א טיר בא א טיר.

אויב ס'פעלן מיר בלעטלעך
פון ביכלעך פון נײַע,
איז ווייס איך, דאָס שפּיצל
האָט אָפּגעטאָן מײַע.

באדארף זי א בלײַער,
גלײַך קומט זי צו מיר,
זי דראקעט מיר איבער
א בארג מיט פּאפּיר.

אָט מאָלט זי א מענטשן,
איר פּענעמל פלאַמט.

נאָר, מײַע, פארוואָס גאָר
א מענטש מיט איין האנט?

באטראכט זי מיך, מײַע,
און ענטפערט מיר אָפּ:
איך מאָל מיר מײַן —
טאטן...
אוי, מיר פאר איר קאָפּ.

ווידער ווינטער

ווידער שניי
און ווידער קעלט,
ווידער ווינטער
אף דער וועלט.

ווער א קלענערס,
ווער א גרעסערס,
ווער אן ערגערס,
ווער א בעסערס.

רוקט זשע אָן
די היטעלעך,
פירט ארויס
די שליטעלעך,

ווידער שניי
און ווידער קעלט,
ווידער ווינטער
אף דער וועלט.

א זון מיט א רעגן

א זון מיט א רעגן
אין דרויסן אצינד,
דערמאָנט מיר דער הימל
מײַן פּיצעלע קינד.
די טרייסט פון מײַן עלטער,

די אייניקלעך מײַנע,
קאָנען אויכעט איינצײַטיק
אי וויינען,
אי שײַנען.

פרעגט די וועלט...

מיט א ניגן, אָן א ניגן — עפּטערס מיט א ניגן אָן ווערטער — פרעגט די וועלט אן אלטע, אוראלטע קאשע...
פרעגט די וועלט. ענטפערט זי אויך?

— —

נײַן דערוואקסענע — מענער און פרויען פון פארשיידענעם עלטער — און א צענכאדאָ־שימדיק קינד ווארטן אפן טויט אין אן ארעסט־שטיבל פון א קליין ליטוויש שטעטעלע.

ווארטן אפן טויט. וועגן אויפעלע קאָן מען עס, אייגנטלעך, ניט זאָגן. וואָס פארשטייט עס? עס ליגט פארטײַעט אינעם קינדער־וועגעלע, וואָס די וואכלײַט האָבן אינעם געדראנג און אין דער פינצטערניש, אפּאָנעם, ניט באמערקט און געלאָזט עס די מענטשן ארײַנפירן מיט זיך. דאָס קינד ליגט און שווײַגט, ווי עס וואָלט געשפּירט, אז מע טאָר איצט קיינעם ניט דער־קוטשען.

אלע שווײַגן. אייניקע האָבן, אָנשטרענגענדיק די לעצטע קויכעס, דערטאפּט אין דער פינצ־טער א נארע און זיך אײַנגעמאָסטעט אף איר. די אנדערע, אינגאנצן אויסגעשעפּטע, האָבן זיך אראָפּגעלאָזט פּאָשעט אפן דיל. און אזוי זײַנען אלע געבליבן ליגן — שטום פארגליווערט. בלויז איינער, עפּעס א מאנצבל אין א פאנאנדערגעשפּיליעט העמד סטארטשעט באם איינציקן פענצ־טער פון דער טפיסע־קאמער. די פאנאנדערגעשפּרייט־אופגעהויבענע הענט אײַנגעקלאמערט אין די גראטעס, הינטער וועלכע ס'איז געבליבן די אָקאָרשט פארלאָזטע וועלט, — אן אײַנגעהילטע אין די געוועגטער פון א מילדער, סאמעט־ווייכער זומער־נאכט. אינעם פענצטער איז א שײַבל צעבראָכן. ציט דער מאנצבל הילכיק אין זיך די ארײַנשטראָמענדיקע כיעסדיקע לופט, ווי וועלנדיק אָנעטעמען זיך אף דער גאנצער צײַט, וואָס איז נאָך געבליבן צו לעבן.

אויסגעשעפּטע, טויט־מידע... און דאָך וואכן אלע, ווארטן, מע זאָל זיי קומען ארויספירן צום לעצטן גאנג... נאָר קיינער ברענגט ניט ארויס די דאָזיקע מאכשאָווע איבער די ליפּן. עמעצער דערוועגט זיך אפילע צווייפלען, צי זייער גוירל איז טאקע געכאסמעט, כאָטש מע האָט זיי ארײַנגעטריבן אהער ווי פארורטיילטע צום טויט: אלץ צוגענומען, אפילע די נאָזטיכלעך און שוך־שנירלעך, בא די מענער — די הויזן־שלייקעס, די רימענס...

דער אדוואָקאט, וואָס געפינט זיך צווישן די פארשפּארטע, וואָלט געקאָנט אופקלערן, אז אזוי איז מען זיך נויהעג מיט איטלעכן, וועמען ס'איז באשערט פארשפּארט צו ווערן הינטער גראטעס. נאָר ווער וועט זיך לאָזן בארויקן? היטלער האָט פארכאפּט ליטע, רײַסט זיך ווײַטער אין דער טיף פונעם סאָוועטנפארבאנד, און זיי, וואָס האָבן געפּרוּווט אנטלויפן פון זײַנע אָנגרײַ־פערישע כאיאָלעס, זײַנען ארײַנגעפאלן אין די לאפּעס פון די פּאָליציאנטן.

„ווער ס'איז געלאָפן מיט די באָלשעוויקעס, וועט שטרענג באשטראָפט ווערן!", — שרײַען די מעלדונגען פון דער נײַער מאכט צו דער אָרטיקער באפעלקערונג. זיי זײַנען געלאָפן. דערצו זײַנען זיי יידן...

זיי האָבן ניט אף וואָס צו האָפן. איידער מע האָט זיי ארײַנגעשטופּט אין דער טפיסע־קאמער, האָט איינע פון די פרויען געפּרוּווט בעטן א טרונק וואסער, האָט א פּאָליציאנט אויס־געשריגן: „אף יענער־וועלט וועסטו זיך אָנטרינקען!"

ס'איז קורץ די זומער־נאכט. דורכן טפיסע־פענצטער זעט זיך דער אופהעלנדיקער מיזרעך: א ראָזלעכער — באם האָריזאָנט, געלבלעך־פיאָלעט — א ביסל העכער, גרין־בלוילעך — נאָך העכער. דער הימל איז מעקאבל־פּאָנעם די אופגייענדיקע זון, מאכנדיק איר א פארבנרײַכע ווארע.

„צי מוז מען שיסן מענטשן דאפקע בא זונען־שײַן? — טראכט דער מענטש באם פענצטער. — עס זאָל נאָך שווערער זײַן דאָס שיידן זיך מיטן לעבן...“

אין דער וועלט, וואָס איז געבליבן פון יענער זײַט פענצטער, באגעגענען פייגל דעם אופגייענדיקן טאָג מיט אן אומרויִקן געצוויטשער. מענטשן וואָלטן אויך געדארפט דערוואכן, זיך פעדערן, אופשטיין, אָבער די פארשפארטע אינעם ארעסט־שטיבל וועלן דאפקע איצט פארכאפט פון א זיסן דרעמל — דעם זיסטן אין זייער לעבן. וואך זײַנען בלויז די מוטער באם קינדס וועגעלע און דער מאנצבל באם פענצטער. פון הינטער די גראטעס זעט ער, ווי דער נײַער טאָג, אזא פריש־אופגעטשוכעטער, אומשולדיקער, לאָזט זיך אראָפּ אף דער ערד.

אין דער פרימאָרגן־דעמערונג נעמען זיך אויסטיילן די קעגנשטאנדן אין דער טפיסע־קאַמער. דער וואכנדיקער מאנצבל רײַסט ארויס פון זײַנעם א שוך דאָס טשוועקל, מיט וועלכן ער האָט אונטערוועגנס געהאט צוגעקלאפט די אָפּגעריסענע זויל, און הייבט אָן עפּעס אויסקריצן אינעם וואנט־טינק לעבן פענצטער. צוערשט מיט געשריבענע אויסיִעס איין וואָרט, זײַן פאמיליע — „עווענטאָוו“. דאן גייט ער אָפּ אין א זײַט, און אזוי הויך, ווי עס גרייכט די האנט, קריצט ער אויס מיט געדרוקטע אויסיִעס שוין צוויי ווערטער — „נאָכעם עווענטאָוו“, אין א זײַטיקן ווינקל פון דער קאמער ווידער — „נ. עווענטאָוו“, עס זאָלן ווען־ניט־איז דערוויסן זיך זײַן פרוי, זייער טעכטערל, ווען מען אָפּטרעטנדיקע אף מיזרעך סאָוועטישע מיליטערלײַט האָבן געהאט ארופגענומען צו זיך אף א מאשין, ווו ס׳איז אהינגעקומען דאָס געביין פון זייער מאַן און פאָטער. זאָל מען ביכלאל וויסן, ווו ס׳איז אומגעקומען דער זשורנאליסט נאָכעם עווענטאָוו... צו זײַן נאָמען און פאמיליע דערשרײַבט ער דאן: „20 יול 1941“. ער פירט א כעזשבן פון די טעג און ווייסט גענוי די הײַנטיקע דאטע.

דאָס קינד שלאָפט. די מוטער, וואָס זיצט אפן ראנד פון א נארע, שפארט אָן דעם קאָפּ אינעם וועגל, דרעמלט אײַן, אופצוקנדיק יעדע ווײַלע. אליין דער מאנצבל, דער זשורנאליסט עווענטאָוו, וואכט נאָך אלץ באם פענצטער. ווי פריִער — דאָס העמד אָפּגעשפיליעט, די האָריקע ברוסט אנטבלויזט, די הענט אײַנגעקלאמערט אין די גראטעס און דאָס פּאָנעם צוגעשפארט צום אָרט פונעם ארויסגעזעצטן שײַבל. אָן אופהער ציט ער און ציט אין זיך ארײַן דעם כּיִעס פון דער פרײַהײַט, טראכטנדיק דערבײַ: „ווער־ווער, נאָר איך האָב ניט אף וואָס צו האָפן. מײַנע ארטיקלען קעגן די נאציס, קעגן פאשיזם... פאר מיר איז אָט די נאכט זיכער די לעצטע“.

הינטערן פענצטער — גערטענער, סעדער, ווייך באפארבטע מיטן פורפור פון דער אופגייענדיקער זון. ס׳איז קענטיק, אז דאָס ארעסט־שטיבל איז אין עק שטעטל. ס׳איז אן אלט, נידעריק הײַזל, וואָס מע האָט איצט, „אויס נויט“ — צוליב דער גרויסער צאָל ארעסטן — פארוואנדלט אין א טפיסע. אפן צעשפּאָלטענעם און זיך־ברעקלענדיקן טינק זײַנען פאראן סימאָנים פון אָנגעמאָלטע בלומען. צוויי פענצטער זײַנען פארקלאפט מיט ברעטער, דאָס דריטע — פארשטעלט מיט גראטעס. דורך אָט די גראטעס זעט ער די וועלט און פון צײַט צו צײַט — אן אײַלנדיקן מענטשן. ווּהין אײַלט ער? מיט וואָסערע קאוואָנעס אײַלט ער?

„ער אײַלט אוודע טאָן שלעכטס זײַנעם א שאָכן, זײַנעם א ברודער, בארויבן, מאָרדעווען מענטשן...“ — ביטערע, ווייטעקדיק־שארפע געדאנקען אקערן דעם מויעך. און דער פארדראָס, האלעמײַ ס׳איז אויסגעקומען צו לעבן מיט מענטשן אונטער איין הימל און אף איין ערד, בריט, סארפעט דאָס הארץ.

ענדלעך קערט זיך עווענטאָוו אָפּ פון דער וועלט, וואָס שפּארט זיך דורך די גראטעס צו אים אין טפיסע ארײַן. ער שארט זיך אוועק פאזע דער וואנט און נעמט באטאפן די ברעטער, מיט וועלכע ס׳איז פארשלאָגן איינס פון די פענצטער. שוואך זײַנען זיי צוגעקלאפט, די ברעטער, זיי וויגן זיך. פאלט אים אײַן: „מע וואָלט געקאָנט אָפרײַסן עטלעכע פון זיי און אנטלויפן. די וואכלײַט דרעמלען אוודע אינעם פירהויז, און ס׳זעט זיך ניט, א פּאָסטן זאָל זײַן אין דרויסן. מע וואָלט געקאָנט פרווון לויפן. נאָר ווּהין, צו וועמען? ווער וועט דיך איבער דער שוועל אריבערלאָזן? ווער וועט אויסשטרעקן א האנט? אָט פארוואָס דאָס ארעסט־שטיבל ווערט ניט באוואכט פון דרויסן...“

פלוצעם פארשטעלט עמעצער דאָס פארגראטעוועטע פענצטער. דורכן ארויסגעזעצטן שײַבל רוקט זיך ארײַן אן אין דער לענג איבערגעשניטענער האלבער לאבן ברויט. עווענטאָוו טוט אינסטינקטיוו א כאפּ דאָס ברויט. און אָט איז אויך די צווייטע העלפט פונעם לאבן אין זײַנע הענט, דאן — א פלאש מילך. נאָך א פלאש. און פונעם פענצטער, זעט ער, אנטלויפט א פרוי אין א זומערדיק קליידל, מיט א טיכל אפן קאָפּ.

— מענטשן! ברויט, מילך! — נעמט עווענטאָוו א צעטומלטער וועקן די שלאָפנדיקע.

— שוין! — שפּרינגט אוף פון דער נארע א מיטליאָריקער מאנצבל, און זײַן פּאָנעם ווערט צעקרימט פון ענדלאָזן ווייטעק.

— אַט איז ברויט, מילך, — באַרויִקט עווענטאַוו די מענטשן, וואָס זײַנען זיך צונויפגעקומען ארום אים. — עפּעס א פרוי האָט דורכן פענצטער אונדז דערלאַנגט.

— אונדז? — פאַרוואונדערט זיך עמעצער.

— יאָ, אונדז, — שטעלט פעסט עווענטאַוו.

אַלע אין דער טפּיסע־קאַמער — צעפּאַלאַשעטע, מיט צעשויבערטע האָר און צעקנאַדערטע מאַלבושים — זײַנען אַף די פיס. זיי אַלע דערפילן פּלוצעם דעם הונגער, וואָס איז איבער די איבערלעבענישן געווען ביז איצט פאַרטויבט, דערשטיקט. צעבראָכט מען ווי־ניט־איז דאָס ברויט אַף צען כאַלאָקים, מע שלינגט זיי אײַן, און יעדערער פאַרטרינקט מיט א זופּ מילך פון איין פלאַש. די גאַנצע צווייטע פלאַש און א ביילעך ברויט לאָזט מען פאַרן קינד.

לאַנג פילט זיך אין דער טפּיסע־קאַמער דער רייעך פון פרישן קאָרנעם ברויט און אָקאָרשט אָנגעמאָלקענער מילך. ס׳ווערט אַלץ העלער און העלער, און די פּענעמער פון די מענטשן — שוין וויפל טעג ניט־געוואַשענע, אויסגעצערטע און פאַרייִעשטע — ווערן נאָך בלייכער, אויסגעצויגענער און מאָרעשכוירעדיקער.

— און איר האָט זיך געהאַלטן פאַר סמערטניקעס¹, — וויל דער אדוואָקאַט אופהײַטערן די שטימונג. — זעט איר, מע זאָרגט זיך וועגן אונדז. ווער איז עס, אייגנטלעך, געווען?

— עפּעס א פרוי, — ענטפערט קורץ עווענטאַוו. ער האָט דאָך בעעמעס מער קיין זאַך ניט געוווּסט וועגן דער ווילטוערן.

די מענטשן קריכן אוועק איטלעכער אין זײַן ווינקל, איטלעכער מיט זײַנע מאַכשאָוועס און איבערטראַכטענישן. און ווידער ווערט דאָ שטיל.

— ווי שפּעט קאָן איצט זײַן? — פאַלט עמעצער ארײַן אין דער שטילקײַט.

— נעכטן אין דער צײַט וואָלט יעדערער פון אונדז געענטפערט אַף דער דאָזיקער ניט־קאָמפּליצירטער פראַגע, — רופט זיך אָפּ א מענער־שטים פון דער נאַרע. — יאָ, נעכטן וואָלט איך טייקעף געענטפערט...

— און הײַנט וואַרטן מיר אַפן טויט, — פאַרענדיקט די פראַזע עמעצער א צווייטער.

— צו וואָס? צו וואָס אַזוי? — רײַסט איבער דעם דאָזיקן געשפרעך אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט און גענומען אַלעמען ארומקוקן.

זי זאָל אפילע ניט געווען זיך ארײַנמישן, וואָלט דער געשפּרעך סײַווי איבערגעריסן געוואָרן. אין דער טפּיסע־קאַמער איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואָקסן א הויכער מאָגערער פּאַרשוין אין דער אוניפאָרם פון דער אמאָליקער ליטווישער בורזשואַזער פּאָליציי — א טונקל־בלויען שטײַפן מונדיר מיט צוויי רייען גאָלדענע קנעפּ און א האַרט אופגעשטעלט קעלנערל. זײַן קײַלעכדיק פּאָנעם — בלוילעך אויסגעבלייכט, טונקעלע זעק אונטער די אויגן, די קינבאַקן באַוועגן זיך אָן אופהער, ווי זיי וואָלטן עפּעס געהאַלטן אין מאָלן און איבערמאָלן. כמורנע באַקוקנדיק אַלעמען, רוקט ער ארײַן מיט ציטערנדיקע פינגער אין מויל א סיגאַרעט, צינדט זי ווי־ניט־איז אָן, נעמט דאַן ארויס פון קעשענע א דינינק בלײַערל און א בלאָקנאָטל. גרייט אין אים עפּעס צו פאַרשרײַבן, לאָזט ער זיך פּלעגמאַטיש לאַנגזאַם אוועק מיט א געררייד, צו וועלכן, ס׳האָט אויסגעזען, עס וועט גאָר קיין סאָף ניט נעמען:

— זאָל יעדערער צוגיין צו מיר און מעלדן... נאָר וואָגט ניט זאָגן ליגן! מעלדעט, וויפל מע האָט צוגענומען בא יעדערן פון אײַך געלט, אין רובלס אָדער אין אַן אנדער וואַליוטע, לאָמיר זאָגן, אין דאָלאַרן אָדער פונטן סטערלינג. וויפל האָט מען צוגענומען זייגערלעך און פון וועלכע פירמעס זײַנען זיי געווען, וויפל רינגען, כאַסענע־רינגען אָדער מיט ווערטפולע שטיינער, וויפל בראַסלעטן, גאָלדענע, פאַרשטייט זיך, און אוירינגלעך, און ביכלאַל — אַלע ווערטזאַכן; אויסער דעם, וויפל און וועלכע פּערזענלעכע קליידער־שטיק זײַנען אָפּגענומען געוואָרן בא אײַך זינט דעם מאָמענט פון פאַרהאַלטן און ביזן פאַרשפּאַרן אײַך אין דער טפּיסע. אויב איר וועט אַלץ פּינקטלעך און געוויסנהאַפט מעלדן, וועט עס זײַן צום גוטן פאַר אײַך...

אויסגערייכערט עטלעכע סיגאַרעטן, אויסגעפרעגט אַלעמען און עפּעס פאַרשריבן, טוט ער זיך וואַקלענדיק א קער אויס צום ארויסגאַנג און באַמערקט דאָס קינדער־וועגעלע. ער באַטאַפּט עס, טוט עס א פיר אַהין־אַהער, גיט זיך א ריִע אינעם בעטגעוואַנט, ווי זוכנדיק פאַרבאַהאַלטנס. ער פאַרשרײַבט ווידער עפּעס אין זײַן נאָטיצביכל, טוט א קלאַפּ מיטן בלײַערל עטלעכע מאָל אינעם הענטל פונעם וועגעלע און גייט ארויס א פאַרטראַכטער.

די פאַרשפּאַרטע צעזעצן זיך שווײַגנדיק לענגויס די נאַרעס. שטיל און פּאָרכטיק נעמט זיך דאַן וועבן א געמורמל צווישן זיי.

— איך פאַרשטיי. איצט פאַרשטיי איך...

---

¹ פאַרורטיילטע צום טויט.

— וואָס פאַרשטייט איר?

— איך פאַרשטיי אויך, פאַרוואָס מע האָט אונדז נעכטן ניט צו...

— האָט ניט מוירע, פאַרענדיקט — צעשאָסן...

— אוואדע האָט מען געקאָנט פאַרענדיקן מיט אונדז די מאַכזאָקעס נעכטן אין אָוונט.

— געוויס, אוואדע, נאָך דעם, ווי מע האָט אונדז פאַרהאַלטן און באַרויבט.

— קלאָר, אַז זיי האָבן עס געקאָנט אָפּטאָן אינעם וועלדל און קיין האָן וואָלט ניט געקריייט. און ווי אונטערצייענדיק אַ סאַכאַקל פון אַלעמענס רייד, זאָגט דער אַדוואָקאַט:

— זיי האָבן עס געקאָנט, נאָר ניט געוואָלט טאָן אין דער אָנוועזנהייט פון איידעס. דערמאָנט זיך, ווען זיי האָבן אונדז, דראָענדיק מיט די פּיסטאָלעטן, באַפוילן אויסזעצן זיך אויף דער לאָנקע, געהייסן האַלטן די הענט אויף די קעפּ און גענומען אונדז איינציקווייז באַזוכן, האָט ניט ווייט דערבײַ עפּעס אַ פֿויער געקאָסיעט היי... און עפּשער האָבן זיי געהאַט אַ באַפעל אונדז ברענגען אַהערצו... אָט דעם נײַ־אויסגעבאַקענעם פּאָליציי־שעף האָבן זײַנע מעשאָרסים צוגעוואָרפן עטלעכע זייגערלעך, אַ קעדושן־רינגעלע, עטלעכע געלט־באַנקנאָטן, די ווערטפולערע זאַכן האָבן זיי געוויס איבערגעלאָזט פאַר זיך. איז טאַקע זייער שעף כוישעד, אַז מע האָט אים מיִעס אָפּגענאַרט. נאָר, ווי מיר קאָנען מישפּעטן לויט זײַן אויסזען, האָט ער די נאַכט געשיקערט און געשוויגן. אײַלן זיך האָט ער ניט געדאַרפט. מיר וועלן ניט אַנטלויפן. און הײַנט, באַם אָנהייב פון זײַן אַרבעטס־טאָג, הייבט ער אָן מאַכן אַ טאַלק... איצט וועלן זיי איינער דעם אַנדערן, ווי מע זאָגט, אַרײַן אין די האָר...

— אונדז ווערט עס זײַן לעטויווע? — פרעגט אַ יונגערמאַן, אופשטייענדיק פון אָרט, און נעמט אומגעדולדיק שפּאַנען איבער דער טפיסע־קאַמער.

„לעטויווע... מע ווערט אָפּשיסן מיט עטלעכע שאָ שפּעטער", — ענטפערט אים עוווענטאָוו אין די געדאַנקען. נאָר אָט דריקט עמעצער אויס דאָס זעלבע אַפן קאָל:

— די גאַנצע טויווע, וואָס אונדז איז אויסגעקומען צו באַגעגענען נאָך איין זון־אופגאַנג. מיר האָבן אופגעגעסן נאָך עטלעכע ביסנס ברויט און פאַרטרונקען מיט אַ זופּ מילך...

די עלטערע פרוי, וואָס פאָלגט נאָך אָנגעשפּיצט נאָך דעם געשפּרעך, טוט אַ קרעכץ:

— עך, טויווע, לעטויווע... אָט, ווען מע וואָלט... סייכל דאַרף מען האָבן! איך האָב געזאָגט — לויפן, לאָמיר לויפן, באַהאַלטן זיך אין וואַלד...

אַלעמען איז קלאָר, וואָס זי האָט אין זינען.

די יונגע מוטער, ווישנדיק די טרערן, נעמט ווי פאַרענטפערן זיך:

— שולדיק זײַנען יענע אויגן. ווער וואָלט געגלייבט, אַז אַזוינע אויגן... אַז דאָס זײַנען אויגן פון אַ מערדער!

„ווי זעען אויס מערדער־אויגן? זײַנען עס ניט די זעלבע אויגן פון מענטשן?" — זוכט עוווענטאָוו אין די געדאַנקען אַ טשוווע אויף דער פראַגע און זאָגט אַפן קאָל:

— בעעמעס, זײַנע אויגן זײַנען געווען אַזוינע העלע, וואַרעמע. אַזויפיל מיטלייד געווען אין זיי, מיטלייד צו אונדז — געיאָגטע און געפּלאָגטע, אויסגעשעפּטע וואַנדערער... בעעמעס אַ שיינער באָכער...

— און ווי העפלעך ער האָט דערקלערט, ווו דער וועג איז קירצער, זיכערער, — רופט עמעצער זיך אָפּ.

— כ'בין געווען איבערצײַגט, אַז אַזוינע אויגן קאָנען ניט אויסגעבן, — באַדויערט די יונגע מוטער. — און זיי האָבן פונדעסטוועגן אויסגעגעבן. מע האָט טאַקע געדאַרפט לויפן, באַהאַלטן זיך.

— אַזוי שנעל אונדז דעריאָגט, — באַמערקט מיט כידעש די עלטערע פרוי.

— זיי זײַנען דאָך אָנגעקומען אויף וועלאָסיפּעדן, — דערקלערט דער אַדוואָקאַט.

— און מיט ווײַסע אָרעמבענדער. אַ צייכן אַזאַ, צי וואָס? ווען זיי האָבן אַרויסגעצויגן די רעוואָלווערן, — גרוילט עס אויף די יונגע מוטער, — איז שוין געווען שפּעט. אויך דער העלאויגיקער — מיט אַ ווײַסן אָרעמבאַנד און אַ רעוואָלווער.

— און איך קאָן ניט פאַרגעסן דעם פויער, וואָס האָט זיך געייסעקט מיטן היי, — מישט זיך אַרײַן דער יונגערמאַן, וואָס איז אַרומגעגאַנגען פאַרמאַרעשכוירעט איבער דער קאַמער. — איך קאָן ניט, פאַרשטייט איר מיך. דאָ וואַרפן אָן די באַנדיטן אַ הויפן צוגערויבטע זאַכן, און דאָרט שאַרט דער שניטער צונויף אַ הויפן היי...

עמעצער פאַרשטעלט ווידער דאָס פענצטער. עס רוקט זיך דורך אַ האַנט מיט אַ קריגעלע, און אַ פּרויען־שטים טוט אַ מורמל:

— נעמט האַסטיק צו, ס'איז פאַרן קינד...

עווענטאָוו אײַלט א כאַפּ צו טאָן דאָס קריגעלע און דעריקער — א קוק טאָן אַף דער פרוי, אַרײַנקוקן איר אין די אויגן... אָבער יענע פארשווינדט טײקעף.

„א גליק, וואָס די וואַכלײַט שטעקן נאָך אַלץ אינעם פּאָדערציִמער, זויפן אוואָדע צי שפּילן אין קאָרטן, — טוט א טראַכט עווענטאָוו. — און די אַלטע זאָגט, אַז סייכל דאַרף מען האָבן. סייכל איז זיך סייכל, אָבער א ביסעלע גליק, מאַזל, הייסט עס, שאַט קײנמאָל ניט".

— הערט אויס, — רודערט זיך אוף דער אַדוואָקאַט, — מע טאָר ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. מע וואָלט עפּשער געדאַרפט צונויפשטעלן א דעקלאַראַציע, א דערקלערונג אָנשרײַבן. מיר דאַרפן פּאָדערן, מע זאָל אונדז אויסהערן, מע זאָל די זאַך אופקלערן, אויספאָרשן. וואָס איז עס פאר א ווילקיר!

— דאָס איז פּאַשיזם, — טוט ביטער א שמייכל עווענטאָוו, פארוקט זיך אין א ווינקל און בלײַבט דאָרט שווײַגנדיק זיצן.

— איך ווייס, איר זײַט עפּעס אַנדערש, — קאָן דער אַדוואָקאַט מער ניט אײַנהאַלטן אין זיך די אופרעגונג. זײַנע רייד אַדרעסירט ער צו עווענטאָוון: — איר האָט געשריבן... אַלע ווייסן עס... וואָס איז אָבער שולדיק דאָס קינד אין וויגל? און וואָס איז שולדיק מײַן פרוי, מײַן זון? מיט פּאָליטיק האָבן זיי זיך קײנמאָל ניט פאַרנומען.

— און זייער ראַסע?.. און פון היטלערן זײַנען זיי געלאָפן, — באַמערקט עמעצער גיפטיק.

דעם שטרײַט, וואָס האַלט שוין אין פאַנאַנדערפלאַקערן זיך, רײַסן איבער קוילעס און געשרייען אין דרויסן, א גערויש אינעם פּאָדערציִמער. מיט א גרילץ פראַלט אוף די טיר, און אין דער טפיסע־קאַמער ווערט אַרײַנגעשלײַדערט א שרײַענדיקער מאַנצבל.

— און איר רופט זיך מענטשן! — הערט ער ניט אוף צו שרײַען אין ליטוויש. — איר רופט זיך ליטווינער! ווײַל איך דאַן ניט זײַן ניט קײן מענטש און ניט קײן ליטווינער! איר הערט, אויסוואורפן!

דער מאַנצבל איז שטאַרק צעשלאָגן. אַן אַרבל, א לאַץ פונעם רעקל באַמבלען זיך אָפּגעריסענע, זײַנע בלאָנדע האָר — צעפּודלט און פאַרבלוטיקט. פון א ווונד אין קאָפּ רינט בלוט איבערן פּאָנעם.

מע האָט אים אַרײַנגעשלײַדערט מיט קויעך, ליגט ער איצט א צענעריקטער אין א ווינקל און קאָן ניט אופשטיין.

לאַנג האַלט אָן אין דער טפיסע־קאַמער א שווערע, אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע שטילקײַט. די פון פריִער פאַרשפאַרטע לאָזן ניט אַראָפּ זייערע צעשראָקענע בליקן פונעם נײַעם אַרעסטאַנט. און יענער קאָן, אַפּאָנעם, לאַנג ניט שווײַגן. ער הייבט אוף זײַן קאָפּ און שיפּעט הייזעריקלעך:

— אויסוואורפן! בלוט־הינט! נעכטן האָבן זיי דערשאָסן אַפן מאַרק־פּלאַץ עפּשער א האַלב שטעטל. ייִדישע מאַנצבלען — אַלע אָן אויסנאַם! און הײַנט זאַמלען זיי שוין נײַע קאָרבאָנעס... נייִן! דאָס וועט מער ניט געשען! איר וואָלט געזען, ווי אַלע זײַנען אופגעבראַכט געוואָרן, דעררעדנדיק, אַז אין אַרעסט־הויז זאַמלט מען ווידער מענטשן. עס פּלאַצט דאָס געדולד. און א קינד דערצו! איר פאַרשטייט, ס'געפינען זיך היטלעריסטישע מעשאָרסים. נאָר איך זאָג אײַך, מער וועט עס ניט זײַן! וואָלט איר געזען, ווי אַפילע די מוטער פונעם פּאָליציי־שעף קערט וועלטן, זי שרײַט, אַז ניט קײן קינד, נאָר א שלאַנג האָט זי געבוירן... זײַן פרוי וואַרט אַף א קינד. זאָגט זי, אַז זי וועט אים קײן קינדער ניט געבערן...

דער אַדוואָקאַט שעפּטשעט אַרײַן עווענטאָוון אין אויער:

— זײַט פאָרזיכטיק. אָט דער טיפּ... אַן אַלטער פּאָליציייִשער מעטאָד אַרײַנצוואַרפן צו אַרעסטירטע זייערן א מענטשן...

„אָט א באַשעפעניש — דער מענטש! — טוען זיך א צאַפּל עווענטאָווס געדאַנקען. — א מענטש! וואָס ליגט אין זײַן נאַטור? און ווער באַקומט אַף אים די אויבערהאַנט — דער מאַלעך צי דער סאָטן, וואָס זיצן אין אים? פאַר פּילאָסאָפן — א גרענעצלאָז פעלד צום דענקען. אָבער פאַר זשורנאַליסטן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט אויסנפּאָליטישע פראַגן, ווי איך?"

ער וויל ניט מער טראַכטן. אים איז נײטיק אַן אָטעם־פויזע.

פון יענער זײַט טפיסע איז שוין לאַנג אַרײַן אין זײַנע רעכט א הייסער זוניקער טאָג, אָבער די אַרעסטירטע קעלטערט דאָ. זייערע אויגן קלעפּן זיך. ניט ליב איז זיי די זון, ניט ליב די וועלט, אַן אײַנגעטונקענע אין שײַן, ווי אין צעשמאָלצענעם בורשטין.

שווערער, שטילער צײַט־אַפּפלוס. דריקנדיקע כמימע און דריקנדיקע שטילקײַט. אין איר פאַלט ווידער אַרײַן עמעצנס א פראַגע אין ליטוויש. זי איז געווענדט צום נײַעם אַרעסטאַנט:

— ווען, זאָגט איר, האָט מען צעשאָסן — פון אָוונט אָדער אינדערפרי?

— אינדערפרי, אין פריִען באַגינען, — ענטפערט ער טײקעף.

מיט קאָלערליי צייכנס, אַף האַלב שטומלאָשן וואָרנט אַלעמען דער אַדוואָקאַט זיך ניט אַרײַנצולאָזן מיט דעם אומבאַקאַנטן אין דיבורים. אַליין מאָסטעט ער זיך אײַן לעבן זײַן פרוי און געוויקסיקן זון, ווי וועלנדיק מיט איין מאָל איבערײַסן מיטן אַרום און קיינמאָל, קיינמאָל זיך ניט שיידן פון זײַנע אייגענע. צי קאָן ער אָבער בלײַבן גלײַכגילטיק, בייס ער הערט זאַכן, אין וועלכע ס׳איז אומעגלעך צו גלייבן? האַלט ער זיך ניט אײַן און טוט אַ זאָג צום פרעמדן:

— הערט אויס, פּאַני, גענוג צו שרעקן מענטשן!

— ווער שרעקט? — שפּאַרט זיך אָן אַף די עלנבויגנס דער מענטש, אַ באַליידיקטער, האַלעמײַ מע האָט צו אים ניט קיין צוטרוי. — איך זאָג בלויז דעם עמעס. צוליבן עמעס בין איך אַהער אַרײַנגעפאַלן. נעכטן האָט מען געשאָסן אינדערפרי, הײַנט קאָן מען פון אָוונט...

קיינער פרעגט שוין מער קיין זאַך ניט. איינע זיצן, אַנדערע ליגן אויסגעצויגן אַף די נאַרעס, וועלכע פאַרנעמען אַ האַלבן צימער, און שווײַגן. שווײַגן.

די יונגע מוטער און איר מאַן, וואָס האָט די גאַנצע צײַט קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט, זיצן איצט ביידע אָנגעשפּאַרט אינעם קינדער־וועגעלע. דער אַדוואָקאַט טוליעט זיך נאָך אַלץ צו זײַן פרוי און זון. בלויז עוועגטאָוו איז איינזאַם. דאַפקע דערפון איז ער צופרידן. ער פרייט זיך אַזש: זײַן פרוי און טעכטערל זײַנען אויסער געפאַר, זיי וועלן בלײַבן לעבן... ס׳וועט בלײַבן זײַנער אַן אָפּשפּראָץ...

אַוועק באַלד דער טאָג, און זיי האָט מען ניט צעשאָסן. און אָט איז שוין דער פאַרנאַכט.

— איך וויל גלייבן, אַז דאָס מאָל וועט מען ניט שיסן אויך אין אָוונט, — צערעדט זיך אומדערוואַרט דער נײַער אַרעסטאַנט, ווי ער וואָלט פאַרגעזעצט שפּינען דעם איבערגעריסענעם פאָדעם פונעם פריִערדיקן געשפּרעך. דאַן ווערט ער אויך אַנשוויגן. מיסטאָמע דרעמלט ער אײַן.

די דושנע שטילקײַט קלעפּט עוועגטאָוון די אויגן. פאַרקלעפּט זיי, פאַרליאַפּעט אים אינגאַנצן. אַ לײַכטער דרעמל פרישט אים אָפּ אַ קאַפּ. גענוג! ניט שלאָפן. די לעצטע געציילטע שאָען פון לעבן דאַרף מען ניט פאַרטאַכלעווען אָפּן שלאָף. שוין בעסער זיך גריבלען אינעם ראַי געדאַנקען וועגן קאָמפּליצירטן דענקענדיקן וועזן, דעם קרוין פונעם באַשאַף און דעם וועלט־באַהערשער — דעם מענטש, וואָס באַדינגט זײַן אייגענעם גורל, דאָס לעבן און דעם טויט. אַזויפיל ווידערשפּרוכן און טעמפּע ווינקלען, אַזאַ לאַבירינט... און ניין, ניין, ניט די אויגן שפּיגלען אָפּ דעם טאָך פונעם מענטשן, און ניט אָפּן מאַזל זאָל מען זיך פאַרלאָזן... סייכל דאַרף מען האָבן! אין מויל דערפילט ער דעם וווּנדערלעכן טאַם פונעם לעצטן ביסן ברויט, און ס׳ווערט אַזוי באַנג... ווער איז עס די פרוי, וואָס האָט דאָס ברויט געבראַכט, וואָס האָט געוואַגט? און ווער איז עס דער אויסטערלישער, שרײַענדיקער און זייער אופגעשרויפטער נײַער אַרעסטאַנט? צי דען אונטערגעשיקט?.. ניין, מע טאָר ניט פאַרשלאָפן די לעצטע שאָען לעבן. נעמט עוועגטאָוו שפּאַנען איבער דער טפיסע־קאַמער. און אינווייניק אין אים נעמט עס ברומען, מיט רוגזעדיק־האַרטנעקיקער דוויקעס צעטײַנעט זיך אין אים דער ניגן פון זײַן באַליבטער ליד „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קאַשע: טײַדי־רידי־רידי־ראָם...“

און ס׳פאַרשווינדן די אויסמעסטונגען פון רוים און צײַט.

דער לאַנגער זוניקער טאָג גייט ענדלעך אויס, ווי אַ כיילעוונע יאָרצײַט־ליכט. אין דער מײַרעוו־זײַט צינדט זיך אָן דער הימל... די מענטשן, וואָס וואַרטן אָפּן טויט, דערמאָנען זיך: נעכטן אין אָט דער צײַט האָט מען זיי געהאַט געכאַפּט. נאָך דעם, ווי דער סוינע האָט זיי איבערגעיאָגט, האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין וועלדער, געבלאָנדזשעט אַף זײַטיקע וועגן און שטעגן, געגעכטיקט אין היי־סטויגן, אין טוווע־שײַערן, באַ פּויערים, וואָס האָבן, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, זיי צוגעטוליעט, אָנגעקאָרמעט, געוויצעט, ווי ווײַטער צו וואַנדערן, און אַדורכגעפירט זיי אַזוי, זיי זאָלן זיך ניט אָנשטויסן אין פאַשיסטישע לאָקערונגען. אָבער נעכטן האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן...

באַלד ווערט אַ מעסלעס, ווי מע האַלט זיי פאַרשפּאַרט, און זייער שיקזאַל איז נאָך אַלץ ניט געלייזט. מעגלעך, אַז אינעם אָנקומענדיקן כוישעך וועט עס געשען... די אויסגעמאַטערטע און אויסגעהונגערטע מענטשן נעמט אַדורך אַ קאַלטער פיבער: באַנאַכט וועט עס זיכער געשען...

אָט איז עס. נאָך איידער די נאַכט איז צוגעפאַלן. די טיר פראַלט אוף מיט אַ ייִרגאָזן. דער הויכוווקסיקער פּאָליציי־שעף איז ווידער דאָ. ער שטייט קוים אײַן אַף די פיס. אַוואַדע — שיקער. אין דער דעמערונג קאָן מען קוים פאַנאַנדערקלײַבן זיך אינעם אויסדרוק פון זײַן פּאָנעם. ער פאָכעט מיט אַ פּעקל פּעסער און דאָקומענטן און צערעדט זיך אומגעדולדיק־בייז:

— צו אַלדי רוכעס, וואָס שלעפּט איר זיך אַרום איבער זײַטיקע וועגן? וואָס האָבן גאָר צו זוכן באַ אונדז שטאָטלײַט?

— פון באָמבעס, גנעדיקער האַר, זײַנען מיר געלאָפן, פון באָמבאַרדירונגען, — דערקלערט אים האַכנאָעדיק די עלטערע פרוי.

דער פּאָליציײַ צעהירזשעט זיך:

— כאַ, כאַ, פון באָמבעס! דער פראָנט איז שוין לאַנג פאַרבײַ. דער קריג ענדיקט זיך, און זיי באַהאַלטן זיך, לויפן. מאָרגן וועלן צען טויזנט עראָפּלאַנען מיטאַמאָל באָמבאַרדירן מאָסקווע, און אַ סאָף צו די קאָמוניסטן מיט איין קלאַפּ! אַזוי, אַזוי, זײַט עס וויסן! און מיר, דער טײַוול זאָל אײַך נעמען, האָט איר אָנגעקאַכט די עמעסע קאַשע. אָן עמעסער אומגליק מיט אײַך. און מיט יענע אײַערע זאַכן... מײַנע ווײַבער האַלטן אין איין מאָלן מיט די ציגנער...

דער ביטערער טראָפּן בינדט אים פאַנאַנדער די צונג, און ער ברײַעט ווײַטער, צוזעצנדיק זיך אָף אַ נאַרע:

— כע, כע, עס געפעלט זיי ניט, די ווײַבער מײַנע, ווי עס גייט איצט צו בא אונדז... האָבן זיי מיר אין שטוב אַן עמעסן געהענעם געמאַכט... און אין שטעטל... מײַן ווײַב זאָגט, אַז זי וועט מיט מיר ניט לעבן. מיילע, וועט מען עפּטער דאַרפן גיין צו פרעמדע מוידן... נאָר איצט וועלן זיי זיך שוין באַרויִקן, מײַנע ווײַבער. אָט זײַנען אײַערע דאָקומענטן. איך האָב זיי קאָנטראָלירט. אין זיי איז ניט פאַרשריבן, עמעצער פון אײַך זאָל זײַן אַ קאָמוניסט אָדער פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק. נעמט, צעטיילט צווישן זיך די דאָקומענטן. און אַז ס׳וועט ווערן אינגאַנצן פינצטער, ציט אָפּ פונדאַנען אינדערשטיל, קיינער זאָל ניט באַמערקן. מײַנע וואַכלײַט וועלן אײַך אַרויסלאָזן. טראָגט זיך אָפּ, עס זאָל פון אײַך קיין שפור ניט איבערבלײַבן. האָט ניט קיין מוירע, איך טו אַלץ געזעצלעך. צעשיסן אַזאַ כאַליאַסטרע, ווי איר, איז די זאַך פון דער דײַטשישער אײַנזאַץ־קאָמאַנדע. כ׳האָב געוואַרט אַ גאַנצן מעסלעס, און ניטאָ פון איר קיין שפור. פאַרשטייט איר, נעכטן האָבן מיר דאָ אַרומגערייניקט זיך, אײַלט זי ניט צו קומען. פאַראַן אַ סאַך אַרבעט אומעטום, שטעקט זי אַנדערשוו. איז עס שוין אײַער גליק און אויך מײַנער. די ווײַבער וועלן פאַרשטומט ווערן...

עס שעפּט זיך ענדלעך אויס דער קוואַל פונעם באַריידעוודיקן נעפעש. ער עפנט די טיר, און הויך, אַלע זאָלן הערן, באַפעלט ער זײַנע וואַכלײַט אַרויסבאַגלייטן די אַרעסטאַנטן הינטערן שטעטל, בייס עס וועט פינצטער ווערן. ער באַפעלט אויך ברענגען וואַסער צום טרינקען, אַ ביסל ברויט, אויב עס וועט זיך געפינען. אויך זאָל מען באַזאָרגן פאַר די מענער רעקלעך אָדער אַנדערע אָפּגעניצטע בעגאָדים. ווי וועלן זיי אויסזען — אין איינע העמדער?..

די טיר פאַרמאַכט זיך. דער פאָרשטייער פון דער מאַכט פאַרשווינדט הינטער איר.

— אַ פאַסטקע, אַן עמעסע פאַסטקע, — וואָרנט אַלעמען מיט אופרעגונג דער אַדוואָקאַט. — ס׳איז דאָך פון זון־אונטערגאַנג ביז זון־אויפגאַנג פאַרבאָטן יעטווידע באַוועגונג אָף די וועגן. ער לאָזט אונדז אַרויס, ס׳הייסט אין די אויגן פון די מענטשן שפּילט ער דעם נאָבעלן מאַן, אָבער פאַר די, וואָס באַלעבאַטעווען אָף די וועגן, קאָן ער דאָך ניט טראָגן קיין אַכרײַעס... איך וועל אײַך דערקלערן, פאַרוואָס ער האָט אונדז אָפּגעגעבן די דאָקומענטן: ווען מע וועט אונדז צעשיסן אָף די וועגן, זאָל ניט בלײַבן קיין סימען, אַז מע האָט אונדז געהאַט פאַרהאַלטן, וועט ער ניט דאַרפן יענע פײַנע לײַט פון דער אײַנזאַץ־קאָמאַנדע געבן אַ כיילעק פונעם רויב... אָט פאַרוואָס ער האָט אונדז פרײַגעלאָזט. אַלץ איז קלאָר ווי אָף דער דלאָניע...

— טאָ וואָס שלאָגט איר פאָר? — פרעגט עמעצער מיט ציטער. — וואָס זאָלן מיר טאָן? נאָר דאָ קומט ווידער אַרײַן דער פּאָליציײַ.

— דאָס קינדער־וועגעלע זאָלט איר לאָזן, — וואָרנט ער. — מיר וועלן עס באַדאַרפן... אָפּגעזאָגט, טראָגט ער זיך אָפּ.

אַלע אין דער טפיסע־קאַמער זײַנען אָף די פיס.

— אַרויסגיין! וואָס גיכער אַרויסגיין! די שיסער־קאָמאַנדע קאָן טאַקע אָנלויפן. אַרויסגיין פון הינטער די גראַטעס! ניטאָ וואָס צו פאַרלירן! — ס׳איז די שטים פון נײַעם אַרעסטאַנט.

די נאַכט — אַ מילדע, אַ צערטלענדיקע, בלויז זיי, די געוועזענע טויט־קאַנדידאַטן, שלעפּן זיך איבער דער אויסגעשטאָרבענער שטעטלשער גאַס. איצט זײַנען זיי צען דערוואַקסענע און איין אויפל באַם פאָטער אָף די הענט. ס׳באַגלייטן זיי צוויי וואַכלײַט. לאַנג וועלן זיי באַגלייטן? ניט לאַנג. באַם סאָף שטעטל נעמען זיי אָפּשטיין און פאַרשווינדן.

אויס יִשעוו. ניטאָ קיין פּלויט, קיין שטיבל. און אָט איז גאָר אַ וואַלד. אַ פינצטערע, אומהיימלעכע ביימער־וואַנט פון לינקס, פון רעכטס. אויבן — אַ פאַס טינט־בלויער הימל, באַשפּרענקלט מיט שטערן. די אַרויסגעלאָזטע פון טפיסע האַלטן זיך קוים, וואַקלען זיך. פונדעסטוועגן גייען זיי, גייען. וווהין? וואָס דערוואַרט זיי?

און, בעעמעס, מע וואַרט, ווײַזט אויס, אָף זיי. אין דער ווײַט — צוויי שוואַרצע סילועטן מיט ביקסן.

— אַהאַ, האָב איך ניט געזאָגט! — רײַסט זיך אַרויס באַם אַדוואָקאַט.

— באהערשט זיך! — וואָרנט דער צוגעקומענער צענטער אומגליק־ברודער. — דאָרט, ווו די ביימער דערגייען אזש ביזן וועג, לאָמיר זיך צעלויפן אין די זײַטן. שרעקט זיך ניט, אין וואלד וועלן יענע ניט קריכן.

און מאכמעס אלע בלײַבן שטיין אָפּהענטיקע, אינגאנצן פארלוירענע, נעמט ער אנטשיידן אָפּגעבן פאראָרדענונגען:

— מיר צעטיילן זיך — ווער אף לינקס, ווער אף רעכטס. אין וואלד באהאלטן מיר זיך ביזן באגינען. דאן זוכן מיר זיך אוף. איך וועל אופזוכן. כ'וועל אויסרופן א פאנאנדערגעצויגע־נעם „אאו־אאו", ווי געוויינלעך מע רופט זיך צונויף אין וואלד, איר וועט מיר ענטפערן „אאו". מיר געפינען זיך, און איך פיר אײַך ארויס אף אן אנדער וועג. דאָרט איז עפשער זיכערער...

א שיסערײַ, פארפאָלגנדיק די געלאָפענע, נעמט בלאָנדזשען אינעם וואלדיקן כוישעך, פארלירט זיך אין אים און גייט אויס. קיינער לויפט זיי ניט נאָך. מע קאָן געפינען באנאכט אין וואלד אן עמעסן מאָקעם־מיקלעט. אן אומהיימלעכן, איימעדיקן, אָבער זיכערן.

קורץ זײַנען די זומער־נעכט. א קילער באגינען נעמט וועקן די באהאלטענע מענטשן פונעם אויסלייזנדיקן שלאָף, אין וועלכן זיי זײַנען געווען ארײַנגעזונקען, ווי אין א טיפן, פון אלדאָסבייז שיצנדיקן ברונעם.

מיט עווענטאָוון איז געווען דאָס פאָרפאָלק מיטן קינד. דאָס אויפל האָט די גאנצע צײַט געשוויגן. איצט נעמט עס וויינען. עפשער איז דעם קאלט? און עפשער איז עס דאָרשטיק, הונגעריק? די רעשט מילך אין פלאש איז זויער געוואָרן. פונדעסטוועגן בארויִקט עס דעם קליינעם, נאָך ניט־איבערקלײַבעריש געוואָרענעם וועלט־בירגער.

די זון גייט פאמעלעך אוף, צעטרײַבט די גרויע פארטאָג־נעפלען. מע מעג זיך שוין באוועגן איבער גאָטס ערד. מע מעג. ווער מעג?

וועט ענדלעך די קאלטע זונען־שײַן צעווארעמען די פארגליווערטע איוורים און מע וועט קאָנען שטעלן א טראָט? ניט בלויז די איוורים, אויך דאָס הארץ איז פארקלעמט אין דער ארומיקער קעלט. בלויז די אויגן, זיי זוכן, זיי לאָקערן. עווענטאָווס בליק פארהאלט זיך אפן טאטן מיטן קינד. גרין איז דאָס פּאָנעם פונעם טאטן, באוואקסן, ווי מיט יאָדלע־נעדעלעך. עפּעס א צעשמאטעט רעקל פון די, וועלכע מע האָט זיי צוגעוואָרפן פארן ארויסלאָזן פון דער טפיסע, הענגט איבער זײַנע פּלייצעס. הינטער די פּאָלעס האלט ער דאָס קינד, עס זאָל דעם ווארעמער זײַן, עס זאָל זײַנע קוילעס דעמפן. ווי לאנג קאָן מען אזוי? מע מוז זיך רירן פון אָרט. עווענטאָוון קומט אָן מיט יעסורים יעדער טראָט — יעדער קלאפּ אינעם נײַעם טאָג ארײַן. מיט מי קלײַבט ער זיך ארוף אף א קליין בערגל, פון וועלכן מע קאָן אויסקוקן דעם מענטש, וואָס האָט צוגעזאָגט ארופירן אף א זיכערן וועג. וועט ער קומען? וועט זיך באווײַזן דער, אף וועמען מע וועט קאָנען זאָגן „עקצע האָמאָ" — דאָס איז א מענטש? און אז זיי וועלן זיך שוין ארויסבאקומען פונדאנען, וואָס דערוואַרט זיי ווײַטער? מע וועט דאָך ווידער ארײַנפאלן אין א קעסל־גרוב, אין א געווירבל... און ווידער אין דער געמיינשאפט פון מענטשן... צווישן גוטע? שלעכטע?

ביז איצט האָט ער זיך באשעפטיקט מיט וועלט־פּאָליטישע פראגן... א באנומענער פון גאָר נײַע מאכשאָוועס, פון פאָרגעפילן און ספייקעס, גייט ארום עווענטאָוו איבערן געפונענעם אויסקוק־בערגל אהין און אהער, אהין און אהער. צו אלדי רוכעס! וואָס זיצט, שליסלעך, אינעם, מענטש — א מאלעך צי א טײַוול? פאראן א פילאָסאָפיע, ווייסט ער, וואָס וויל באהויפטן, אז דער מענטש איז בעטעווע שלעכט, פיל ערגער, ווי ער זעט אויס. אפן סמאך פון זײַן דערפארונג וואָלט עווענטאָוו געקאָנט שטרײַטן מיט אזא קאטעגאָרישער אײַנשטעלונג. און ניט ווילנדיק נעמט ער ברומען דעם ניגן פון זײַן באליבטער ליד, דער אלטער ייִדישער ליד: „פרעגט די וועלט אן אלטע קאשע: טײַדי־רידי־רידי־ראַם..."

וואָס פאר א קאשע די וועלט פרעגט איצט, ווייסט ער. ענטפערט זי אויך?

יעכיעל שרײַבמאַן

טעג אין בענעס לעבן

א

גאַנצע זעקס מעסלעס האָט דער מעס געפּוילט אונטער א שווארצער זײַדענער דעק און ניט געקומען צו קוורע.

נאָך מיטוואָך, באַלד נאָכן טויט, איז געקומען צו פאָרן די עלטסטע טאָכטער, הוליע, און שוין פארבליבן דאָ ביז איבער דער מוטערס לעווײַע. מארטען און בענען האָט זי מיטן זעלבן אוטאָמאָביל אהיים געשיקט צו זיך. א טרער האָט מיטגענומען און צעשמירט איבער אירע באקן ס׳שווארצס פון די וויִעס. מיטן שאָפער האָט זי דעם מאַן אירן אָנגעזאָגט דרײַ זאכן:

ער זאָל די קינדער אופנעמען שיין.

ער זאָל איר טייקעף איבערשיקן א שווארץ וואָלן קלייד מיט א צווײ פּאָר שווארצע זײַדענע זאָקן.

און זאָל ווארטן אף א טעלעגראמע.

דער טעלעפאָן האָט די גאנצע צײַט ניט גערוט. ווו פינכעס איז, האָט קיינער ניט געוווּסט, און מ׳האָט אים דעריבער ניט געקענט מודיִע זײַן. אלע דרײַ דינסטן זײַנען באפאלן הוליען, געצייִלעמט זיך, געכליפּעט אף מעשונעדיקע קוילעס און אלע מיטאמאָל דערציילט, וויִאזוי דאָס איז פאָרגעקומען:

— געזעסן באם עסן... פלוצעם א געשריי געטאָן: „פינכעס!“... אוועקגעפאלן, ווי א בינטל שטרוי... געכאָרכלט מיט אן אָפן מויל... און אָט איז דאָס מויל שוין אף אייביק געבליבן א צעעפנטס!

הוליע האָט געהייסן ברענגען בלומען און ליכט. אליין האָט זי אָנגעשריבן זעקס דעפּעשעס און זיי אוועקגעשיקט אפן פאָטערס אדרעסן אין זעקס אייראָפּעיִשע הויפּטשטעט. די נאקעטע עלנבויגנס האָט זי באהאלטן אונטער דער מוטערס אן אלטמאָדישן שווארצן שארף און מיט א קיינדל געענטפערט אין טעלעפאָן, אז באקענטע מעגן שוין קומען מיט טרויער־וויזיטן.

פאָרלעכווײַז האָבן אָנגעהויבן ארײַניאוועז זיך דער טויטערס אלע גוטע שוועסטער; עלטערע צעקנייטשטע פּענעמער, וואָס זײַנען פון צופיל שמינק און פודער קימאט ענלעך געווען איינס אפן אנדערן. פּארפּום. בלומען. שוויס. טשאד און טויט. אין דרויסן, לעבן דער הינטער־טיר, האָבן בעטלער געקנוילט זיך ווי ווערעם. אין שטוב, לעבן מעס, האָט געשמעקט מיט יאָמקיפּער, מיט כאלאָשעס־טראָפּן און מיט רעכילעס.

באנאכט איז פון פינכעסן אָנגעקומען א לאנגע פארדרייטע טעלעגראמע. באם מעס איז געזעסן די אלטע קעכנע, געשאָקלט מיטן קאָפּ, געוויינט, און באוויינט גאָר א זון אירן, וואָס איז אוועק אף דער מילכאָמע און איז שוין מער ניט צוריקגעקומען.

— שטארק, ווי א דעמב, און גוט, ווי די זון! — האָט די אלטע מיט א נאָגנדיק ניגנדל געטײַנעט צו די אויסגעצאנקטע שטיקלעך ליכט.

די טעלעגראמע האָט געציטערט אין הוליעס הענט. ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אז זי זעט ניט די אויסיִעס. זי האָט אָנגעצונדן אלע לעמפּ אין צימער און די טעלעגראמע אלץ ניט פארשטאנען. אין די עטלעכע און דרײַסיק ווערטער האָט זיך גערעדט וועגן עפּעס א סרייפע, וואָס האָט מיט דער מאמעס טויט קיין שום שײַכעס ניט; וועגן דעם, אז מע זאָל זיך צווײַלן מיט דער לעווײַע, און אז ער קומט ערשט שאבעס באנאכט מיטן שנעלצוג.

ארויסגעשיקט איז די דעפּעשע געווען פון בודאפּעשט.

הוליע האָט אָנגעשאָלטן די קעכנע און זי פֿאַרטריבן אין קיך אַרײַן. אין שטוב איז שטיל און דושנע. אַרום מעס האָבן עטלעכע פֿליגעלעך זיך צעזשומעט און געפֿערטלט די שטילקײַט. הוליע האָט צעעפֿנט אַ פֿענצטער און אַ גאַנצע נאַכט געבליבן אַ וואַכנדיקע. נאַקעט, אין הוילן העמד, איז זי אומגעגאַנגען איבער דער גאַנצער שטוב, אומעטום אָנגעצונדן די לעמפּ און מיט פּורפּור־ראָזער ליכטיקײַט געטריבן דעם פּאַכעד פֿון צימער צו צימער. דורכן אָפֿענעם פֿענצטער האָט זיך געהערט, ווי די בעטלער בײַ דער טיר כראָפּען און ריידן פֿון שלאָף.

הוליע האָט באַשלאָסן צו וואַרטן מיט דער לעווײַע ביז זונטיק, ביז דער טאַטע וועט קומען. אַזוי־אָ אַ נאַקעטע איז זי אַנדרעמלט געוואָרן אַף אַ בענקל און אַ פּאָנעם געהאַט, ווי אַ מעס זיצנדיק.

פֿאַרטאָג איז, ווי פֿון דער ערד אַרויס, פֿלוצעם אויסגעוואַקסן פּינכעסעס עלטערער זון, הערש, וואָס וואַלגערט זיך שוין עטלעכע יאָר, איבער אַ מאַכלויקעס מיטן פֿאָטער, אַלעמאָל אַף אַן אַנדער באַן־סטאַנציע, ווײַל ניט אַהיים קומען און ווײַל ניט כאַסענע האָבן. דעם פֿרישן קראַכמאַלעטן אַדוואָקאַטן־דיפּלאָם האָט ער דעמלט צעפּיצלט אַף שטיקלעך און די שטיקלעך אַ שמיץ געטאָן דעם טאַטן אין פּאָנעם אַרײַן. פּינכעס האָט די גאַנצע צײַט הערשס נאָמען אַף די ליפּן ניט געבראַכט. נאָר שטילערהייט, קעדיי אויסצומײַדן בושעס, איז אַמאָל־אַמאָל געשיקט אַ טשעק אַף אַ פֿרעמדן אַדרעס און אין ניט געכאַסמעטע בריוו געבעטן אים אַהיים קומען. הערש פֿלעגט דעם טשעק צונעמען, אַף די בריוו אָנצייכענען אַ מענטשל מיט דער צונג אין דרויסן, אַ מענטשל מיט אַ פֿײַג צווישן די פֿינגער און זיי צוריקשיקן דעם טאַטן. פֿינקטלעך, ווו ער געפֿינט זיך, האָט קיינער ניט געוווּסט. נאָר אַז פּינכעס פֿלעגט אַמאָל זיך אַ ווערטל טאָן מיט עמעצן, האָט יענער פֿלוצעם זיך דערמאָנט אין אַ גרוס, וואָס הערש האָט געהאַט איבערגעשיקט אַהיים: ער האָט אים ערגעץ באַגעגנט, הערשן, ער געדענקט שוין ניט ווו, און צוויי זשאַנדאַרן האָבן אים, דאַכט זיך, געפֿירט מיט אַ גנייווע.

הוליע האָט דעם ברודער ניט דערקענט. אַזוי פֿאַרעלטערט און פֿאַרביטן איז ער געווען. אין די האָר — שטיקער זילבער. קויטיק. פֿאַרכוישעכט. צוויי שאַרפֿע פֿינצטערע רינגען אַרום די אויגן האָבן דערציילט וועגן ניט אויסגעשלאָפֿענע נעכט, וועגן נעמען זיך ס׳לעבן, וועגן שיקרעס און שיגאָען.

ס׳ערשטע האָט הערש אָפּגעגעבן דער מאַמען אירס. מיט אַ פֿאַרקלעמטער און פֿאַרקרימטער ליפּ האָט ער אָפּגעהויבן די דעק פֿון איר פּאָנעם און אַ פּאָר מינוט אַזוי פֿאַרקלעמט און פֿאַרקרימט געקוקט אַף איר בלאָוו צעעפֿנט מויל. דערנאָך האָט ער זי צוריק צוגעדעקט, איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און אויסגעשאָסן אַן איבערנאַטירלעך גרויס געוויין. דאָס האָט ער אַזוי באַוויינט דעם אייגענעם כויזעק און אייגענעם פּוסטן נאַווענאַד. אַרום די פֿענצטער איז מען זיך צונויפֿגעלאָפֿן. בעטלער האָבן געסלינעט אין די שויבן און געקנייטשט די צורעס.

ס׳איז אָבער קיין רעכטע שאָ ניט אַוועק, און הערש איז געוואָרן אַן אַנדערער. אַ גאַנצן טאָג האָט ער מיט הוליען אַ וואָרט ניט גערעדט. קיין אָרט זיך ניט געקאָנט געפֿינען. ווו דער פֿאָטער איז, האָט ער ניט געפֿרעגט און ניט געוואָלט וויסן. ער האָט אויסגעטאָן דאָס רעקל, אַראָפּגעוואָרפֿן די שיך און אין די הוילע זאָקן אַרומשפּאַצירט איבער דער שטוב און אַלעמאָל זיך צוגעלייגט אַף אַן אַנדער קאַנאַפּע. די ווענט, ס׳מעבל, און דעריקער די פֿאַרשלאָסענע שופֿלאָדן, האָבן אין אים ווידער אָפּגעפֿרישט יענעם זונטיק, ווען דער טאַטע האָט פֿון אים גלעזער בלוט געצאַפּט. דער פֿאָטער האָט געוואָלט באַם אייגענעם זון אַרויס מיט רעוועך. די טויטע מאַמע דאָ איז ניט ווערט געווען די פֿריִערדיקע טרערן. צו וואָס איז ער גאָר אינגאַנצן איצט געקומען אַהער? און אַז זי איז טויט, איז וואָס? זי האָט דעמלט געדאַרפֿט האַלטן מיט אים. זיך קעגנשטעלן פּינכעסן און אויך מאָנען בײַ אים כעזשבן. וואָס וועט ער טאָן, דער אויוווערבאָטל, מיט אַזאַ אשירעס?

די כאַווײרים זײַנע האָבן אין יענעם זונטיק געפֿרייט זיך, געשיקערט, געפּאָכעט מיט די קאַנאַקנדיקע דיפּלאָמען, געקושט זיך אַף די גאַסן. און אים האָט מען דאָ, ווי טאָמיד, אופּגעגנומען מיט טײַנעס, מיט מוסער, מיט געשריי. ער האָט דעמלט, געדענקט ער, די כאַווײרים פֿאַרבעטן צו זיך. פֿאַר אַלעמען אין די אויגן האָט דער פֿאָטער אים באַליידיקט, געשריגן, אַז פֿאַר זײַן געלט האָט ער זיך אויסגעלערנט, און געמאָנט אַ באַוואָרעניש, אַז זעקס יאָר דורכאַנאַנד זאָל ער אים זײַנע פּראָצעסן אויסלאָדן. און זי, די מאַמע? זי האָט טאַמעוואַטע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און נאָך דערנאָך די כאַווײרים זײַנע געטריבן פֿון שטוב.

ווי פֿון אַ מעסוקענער בויך־גרימעניש, אַזוי האָט הערש געקאַטשעט זיך אַף די קאַנאַפּעס און געביסן זיך די ליפּן. פֿאַר די אויגן מישן זיך פֿינצטערע מיִעסע בלעטלעך. אין מויעך — שוואַרצע געדאַנקען. עלטערן און סינע. פֿאַרברעכן און וואַלגערניש. אַ בלאָוו סטודענטן־היטל און צוויי געגאַנוועטע רענצלעך. נעכטן, ווען ער האָט דערהערט, אַז די מאַמע איז טויט, האָט

אים מיטאמאָל גענומען באנק טאָן אפן גאנצן אקשאָנעס און אפן גאנצן ביסל לעבן, וואָס ער האָט געפּאַטערט צוליבן אקשאָנעס. ער איז געלאָפן און דעם וועג באגאָסן מיט טרערן. אצינד אָבער האָט ער מער אף גאָרנישט ניט כאראָטע. פארקערט: עס קאָרטשעט זיך אין אים עפּעס און טײַנעט, אז דאָס אלץ איז נאָך ווייניק. ער וואָלט געדארפט דאָ אָפּטאָן אזוינס, וואָס זאָל דעם פאָטער אייביק ווי טאָן. און טאָן דארף ער דאָס שוין ניט צוליב זיך, נאָר צוליב די אנדערע צווי קינדער. צוליב מארטען און בענען. פארוואָס זײַנען זיי איצט נישטאָ? ער וואָלט זיי געראָטן באצײַטנס אנטלויפן פונדאנען, אוועק ווי פון א מאגייפע. ער וואָלט זיי, אשטייגער, געהייסן אנידערשטעלן זיך לעבן דער טויטער און אויסשיסן א געלעכטער, ארויסשטעלן די צונגען.

— און זאָל זי וויסן!.. — האָט ער אָנגעהויבן טײַנען אף א קאָל. — גוט אזוי! א מיצווע! זאָל זי אצינד ליגן דאָ איינע אליין אָן א פּרײַנט און אָן א גויעל!

הוליע האָט פאר הערשן זיך דערשראָקן.

שטילערהייט, אין א זײַטיק צימער, האָט זי אפן טעלעפאָן דורכגעשמועסט זיך מיט עמעצן, באפוילן דערנאָך א דינסט ברענגען א מאשין און איז אוועק אין שטאָט ארײַן. דאָס איז זי געלאָפן איבעריידן מיט גוטעפרײַנט און מישטאדל זײַן זיך בא דער כעוורע קאדישע, מע זאָל די מאמע וואָס גיכער צונעמען: ביז זונטיק, ביז דער טאטע וועט קומען, קאָן נאָך דאָ דער מעשוגענער ווער ווייסט וואָס אָנארבעטן.

די שטוב איז געבליבן אליין. הערש האָט געקײַט די אייגענע פינגער, און די ליכט לעבן מעס האָבן געקנאקט, געשפּריצט, ווײַס געמאכט די שווארצע זײַדענע דעק.

שפּעטער האָט אין שטוב זיך ארײַנגעיאוועט א קלײַנדיק מאָגער ייִדל, דערשראָקן, ווי א מויז, געטענצלט אף די שפּיץ פינגער איבער די ווייכע טעפּיכער, שטיין געבליבן, ארומגע־קוקט זיך אין אלע זײַטן און מיט א פּאָר ברייטע האָריקע נאָזלעכער געזוכט דעם מעס.

דער שטיקנדיקער כיילעוו, די פארפלעקטע דעק און די בעסאלמען־שטילקײַט ארום דער טויטער האָבן דאָס ייִדל באלד איבערגעביטן. ער איז געוואָרן היימישער און אזוסדיקער, דערפילט זיך אין די אייגענע וואסערן. ביז וואָס־ווער האָט ער ארײַנגערוקט א פּעקל ליכט אין בוזעם ארײַן און ארויסגעשלעפּט א געל סייפערל פון א כאַליעווע. ער האָט אויסגעטאָן דעם קאפטן און אזוי־אָ אין הוילן זשילעט אוועקגעזעצט זיך בא דער טויטער צוקאָפּנס, צעשאָקלט זיך און אָנגעהויבן זאָגן הויך אף א קאָל, ווײנענדיק און זינגענדיק, פּאָסעק נאָך פּאָסעק.

אין דרויסן האָבן די בעטלער פארלוירן דאָס געדולד און אָנגעהויבן קריגן זיך איינער מיטן אנדערן. אין שטוב האָט די קעכנע צוגעשארט זיך צום טילים־ייִדל, מיט א שפּיץ פארטעך אָנגעריבן די אויגן און אויסגעריבן פון זיך אזא יעלאָלע, וואָס האָט קאָנקורירט מיט די שטארקסטע וויינענדיקסטע טפילעס.

צווישן די בעטלער האָט זיך צעטראָגן א קלאנג, אז מע דארף ווײנען:

— בא זיי גיט מען קײנמאָל ניט אומזיסט!

— אפילע אין קייווער ניט!

— א סרייפע איר אין די טויטע קישקעס ארײַן!

איינער האָט א שפּאר געטאָן די הינטער־טיר, און די גאנצע כאָפּטע שנאָרערס איז ארײַן אין שטוב ארײַן. פארבלאָטיקטע לעכעריקע שטיוול האָבן געטרעטן אף קרענץ בלומען. קרעציקע הענט האָבן צערוקט שטיקער מעבל, פרײַ געמאכט א פלאץ לעבן דער טויטער. די בעטלערס האָבן געוויינט. צונויפגעקנוילט זיך אלע ארום טילים־ייִדל און געוויינט א געוויין א פאלשס, א געמאכטס, א געוויין פאר א פּאָר גראָשנס. א בעטלערן מיט א צעשויבערט קינד בא דער האנט איז צוגעפאלן צו דער שווארצער דעק און געשיט מיט טײַנעס, ווי פון א מײַנעלאָשן ארויס. ס'קינד האָט פארשטאנען די מאמע און צוגעהאָלפן מיט א דין פייגלש קעלעכל. אין איין רעגע האָט די שטוב זיך א רוק געטאָן אף צענדליקער יאָר צוריק. פון די רייכערנדיקע ליכט זײַנען ארויסגעוואקסן שווארצע און בלאָווע רינגען. און אין די רינגען — קינעס, שוואָכים, כאניפע. זיסע רייד און מיִעסע געדאנקען.

אין צווייטן צימער, אף דער קאנאפּע, האָט הערש אלעמאָל אָנגעהויבן א נײַעם כעזשבן. קיינמאָל האָט ער ניט געטראכט אזויפיל וועגן אייגענעם לעבן, ווי איצט, ווען ער איז געקומען אהער צוליב דער מאמען, געקומען אהער טראכטן וועגן טויט.

הוליע איז אָנגעלאָפן א צעקאָכטע און זיך צעשריגן אף די דינסטן, פארוואָס זיי האָבן די בעטלער ארײַנגעלאָזט אין שטוב. מיט דער כעוורע קאדישע האָט זי ניט געקאָנט דורכקומען. זיי האָבן מיט פינכעסן א כעזשבן און ווילן זיך ניט נעמען צום מעס ביז זונטיק, ביז ער אליין וועט ניט זײַן דערבײַ.

מיט א טעלער עסן אין דער האנט האָט זי זיך פּאוואָליִנקע צוגעזעצט לעבן הערשן און אָנגעהויבן מיט גוטן. א פּאַרשנורוועט מײַלכל האָט אויסגעצײלט געקליבענע גאָלדענע ווערטער: פּאַרוואָס איז הערש אַזוי, ווי ער איז? דער טאַטע וואָגלט אין דער פרעמד. נעכטיקט ניט דאָרט, ווו ער טאָגט, און טאָגט ניט דאָרט, ווו ער נעכטיקט. די טויטע מאַמע, וויפל טרערן האָט זי פאַרגאָסן אַף אים, אַף הערשן.

ווייכע פינגער האָבן געקעמט א צעשויבערטן קאָפּ, געגלעט דאָרט די שטיקער זילבער:

— פאָלג מיך, הערש, ווילסט ניט דאָ, קום צו אונדז... ווּעסט באַ מײַן מאַן אויך האָבן וואָס צו טאָן. גענוג האָט די וועלט געשטאָכן די אויגן. ס׳שאַט דעם טאַטן. ס׳שאַט אונדז. ס׳שאַט בענען מיט מאַרטען!

הערש האָט זיך א הייב געטאָן פון דער קאַנאַפּע. דער טעלער עסן איז אוועקגעפאַלן מיט א בריאזג און צעוויקלט אַרום מעבל גראָע קנײַלעכלעך פאַרע.

ער האָט א כאַפּ געטאָן די שיך און דאָס רעקל. אין די אויגן — רעציכע. די האָר — צעפּאַטלט. צעכראַסטעט. פאַר שרעק האָט הוליע זיך צעקוויטשעט און קעדיי מע זאָל ניט וויסן, וואָס ס׳איז דאָ פאָרגעקומען, אַרײַן אין צווייטן צימער, צום מעס, און די קוויטשן דאָרט שוין פאַרענדיקט. ס׳האָט געהייסן: דרײַ טעג האָט די טאָכטער דער מאַמעס טויט קיין טרער ניט געשענקט, נאָר האָט זי זיך פּלוצעם צעיעכצט, טוט זי דאָס מיט אַלע קויכעס. מיט דערשרעק און היסטעריע. צווישן בעטלערישער אָפּגעריסנקײַט האָט דאָס שוואַרצע זײַדענע טיכל אַף אירע אַקסל באַקומען מערער בליאַסק און מערער זײַד. א צעקנייטשטע פּאַרקרימטקײַט אַף דער צורע האָט געמאַכט פון הוליען אַן אַלטע זויערע ייִדענע. א ייִדענע מיט אויסגעמאַלטע ברעמען און אָנגעפאַרבטע באַקן.

— מאַמע, מי דיך, מאַמע! — האָט די טאָכטער ניט געהאַט קיין סאַך ווערטער פאַר דער מאַמען.

אין איין האנט ס׳רעקל, אין דער אַנדערער די שיך, אַזוי איז הערש אומגעלאָפן אָפּ און אוף איבערן צימער און געפיבערט פאַר רעציכע: „ס׳שאַט דעם טאַטן... א וועלט שטעכט די אויגן“. האָט, הייסט עס, יאָ א זין די אַקשאָנעס. גוט אַזוי. זאָל מען זען, וואָס פּינכעס האָט געמאַכט פונעם אייגענעם זון. זאָל די וועלט דעם שיינעם פּינכעסן זען.

איבערן מעס, איבער די געוויינען, איבער הערשס שיגאָען האָט דערווײַל אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט. אַט־אַט, און עס ווערט פינצטער. כאַשכעס.

די פינצטערניש שטעכט דער שטוב די אויגן אויס.

הוליען האָבן די דינסטן אָפּגעריסן פון דער מאַמען, אוועקגעפירט אין שלאָפצימער, אויסגעטאָן און אַרײַנגעלייגט אין בעט אַרײַן.

די בעטלער האָבן סאָפּקאָלסאָף אופגעהערט וויינען. אונטערטעניק, אַף אַלע פיר, האָבן זיי זיך גערוקט פון צימער צו צימער, געעפנט א טיר נאָך א טיר, געזוכט די קיך, שטומערהייט געמאָנט דעם סכאַר פאַרן ביסל אוילעמהאַבע, וואָס זיי האָבן דעם נעגידישן פאַריינזאַמטן מעס מיטגעגעבן אַף יענער־וועלט.

הערש איז אַרײַן אין קיך אַרײַן.

דערוואָרגן בעטלעריש וואָרטשערײַ האָט הערשן פאַרשטעלט דעם וועג. געשוואָלענע בלאָווע פינגער ציִען זיך צו אים, צוימען אים אַרום, ווי גראַטעס, ווי שפּיזן:

— אויסגעוויינט פון זיך די גאַל!

— א ליכטיקן גאַניידן אויסגעוויינט!

— ווער דען, אַז ניט ער, דער עלטסטער זון?

הערש האָט א נישטער געטאָן אין די קעשענעס. ער האָט געוואָלט אָפּטרייסלען פון זיך די דאָזיקע באַנדע שנאָרערס און אונטערלעקערס, וואָס קאָרטשען די רוקנס זייערע צוליב נישטיק קליינגעלט, קנייטשן הין און הער די רייד זייערע, קנייטשן דאָס גאַנצע לעבן זייערס צוליב נישטיק קליינגעלט. די קעשענעס זײַנען געווען ליידיק. מיט איין שפּרונג איז הערש געשטאַנען לעבן א פאַרשלאָסענער גלעזערנער שאַפע און פאַרמאָסטן זיך אַף אירע שלעסער. א שויב האָט אָפּגעטאַנצט מיט א קוויטש. פאַרשימלטע אַלטגעבאַקענע שטיקער לעקעך, פאַרדאַרטע פערטעלעך אַף, זילבערנע לעפל, בעכערס, פּאָרצעלײַ איז געפלויגן איבער דער קיך, געפּלאָנטערט זיך צווישן קעפּ, און די בעטלערס געשטעלט אַף די קני, אויסגעלייגט זיי אַפּן פּאָל, צעקאַטשעט זיי איינעם אַפּן אַנדערן, איינעם אַפּן אַנדערן.

פאַרטיק געוואָרן, האָט הערש פאַרוואָרפן ס׳רעקל אַף אַן אַקסל, א שפּײַ געטאָן און איז אַרויס אין דרויסן אַרויס.

מיט אָנגעשטופּטע בוזעמס האָבן זיך אויך די בעטלערס אַרויסגערוקט. זײַנען אוועק

טײַלן די גזײַלע ערגעץ אונטער א פלויט, רײַסן זיך און בײַסן זיך; און דערנאָך, אין קרעטשמעס — א פרייד: א מעס געגומען הײַנט אפן זיכער.

לעבן דער צענעריקטער שאפע איז געשטאנען די אלטע קעכנע, געשאָקלט מיטן קאָפּ און באַנײַס זיך צעכליפּעט. פונקט אזוי איז זי געשטאנען צוקאָפּנס דער טויטער באלעבאָסטע:

— שטארק, ווי א דעמב, און גוט, ווי די זון!

הוליען האָבן אלע דרײַ דינסטן געריבן הענט און פיס און יעדעס מאָל אונטערגעטראָגן אָן אנדער קאָמפּרעס. ס'טילים-יידל, אײנער אליין אפן יאריד, איז אנשלאָפן געוואָרן אינמיטן ווײנען און אינמיטן זינגען. ס'איז גוט נאכט געוואָרן. א נײַע נאכט, וואָס שפריצט מיט כײלעוו און שמעקט נאָך בארמינען.

אף דער גאס האָט זיך הערש אָפּגעשטעלט און פארטראכט:

— וווּהין גייט מען?

דאָס רעקל וווּליונגיש פארוואָרפן אפן אקסל. אין קאָפּ, ווי קוילן, גליִען שווארצע גע־דאנקען. די אויגן, די הענט, דער גאנצער הערש — פול מיט סינע.

— אף וועמען לאָדט מען אויס אָ־די סינע?

א צעבאלעוועט באאוולט ייִנגל איז ארויס אין מילכאָמע קעגן אייגענעם טאטן, איז ארויס אין מילכאָמע קעגן פארשלאָסענע פולע שופלאָדן. האָט אָבער דאָס צעבאלעוועטע ייִנגל גע־טראָגן אין זיך דעם טאטן, געטראָגן אין זיך די פארשלאָסענע שופלאָדן. ער האָט זיך אליין אַנגעצונדן, געוואָלט מילכאָמע האלטן מיטן קויעך פונעם אייגענעם פײַער און איז אין פײַער אליין פארברענט געוואָרן.

הערש איז אוועק אין דער נאכט ארײַן. איז אוועק אף קײנמאָל מער ניט צוריקצוקומען.

ב

ווינטער.

דער יאנואר ליגט אף די שויבן.

בענעס טאטע, פינכעס, דרייט זיך אום אין די צימערן און פלאָטערט פאר קעלט: פאלט אָפּ א קאלענדאר־בלעטל, קומט צו א פראָטעסטירט וועקסל. יעדער וועקסל מאכט דעם יאנוואר קעלטער, די פראָסט־בלומען מוירעדיקער, די אייגענע פרעמדער.

די שוועסטער בענעס קלאַפּט אויס אף דער פיאנע א בארויגעזן ניגן. איבערן פארעלטערטן געמעל פון די וואנט — דער שאָטן פון דער פיאנע. אירע פינגער זײַנען דאָרט לענגער, באוועגן זיך פויל און אָפּגעלאָזט. אין גלאנצנדיקן פּאָליטור שפּיגלט זיך די פארקרימטקײַט פון איר אַנגעפארבט מויל. א ווײַסער פראָסטיקער אָוונט האָט אין דרויסן פארוועבט די פענצטער.

אָט איז דער טאטע שטיין געבליבן הינטערן מיידלס שמאָלער פּלייצע. צוויי פינגער קלעמען א וואָנציע. איצט הערט ער דײַטלעך יעדן פערטל טאָן. צוויי פינגער בארירן אָן אקסל. ווּ איז די שטרענגקײַט אין די גראָע וואָנציעס?

— מארטע, מארטע!

מארטע ענטפערט ניט. דעם אלטנס קאָל ווערט טיפער, הייזעריקער. דער מויעך — ליידיקער, שווערער. וואָס זאָל אים מער ערגערן — מארטעס רוגזע, צי זײַן וויזיט־קארטל אף דער פאראדנער טיר, ווו עס ווערן וואָס א טאָג אלץ פארשטויבטער די גאָלדענע אויסיִעס?

— אלע, אלע האָט איר מיר אָנגעהויבן ווי טאָן. בענע נישט ווייניקער פון דיר. דו נישט ווייניקער פון בענען. ער וויל כאָטש גאָרניט. דו ווילסט צופילן! קום, כאַפּ אליין א קוק אין די ביכער. זע אליין. וואָס וועט דיר העלפן דײַן מאָרעשכוירעדיקער ניגן? כ'וויל דען ניט? כ'ווייס, דארפסט א סאד. כ'קאָן דאָך אָבער ניט! די מיסכאָרים מײַנע קאָנען ניט.

זי האָט ווידער ניט געענטפערט. אירע אקסלען נאָר האָבן יעדעס מאָל א ציטער געטאָן. די פיאנע האָט פאר איר גערעדט. בייז און אָפּגעהאקט. ערשט ניט לאנג פלעגט זי גלעטן דעם פאָטערס נאקעטן פליך, זיצן אף זײַנע קני און אים צערטלען די פארשפּיצטע וואָנציעס. אצינד פילט זי, אז זי האָט אים פײַנט. איצט קאָן זי אין זײַן פּאָנעם ניט קוקן. ווו איז אהינגעקומען זײַן אָפּענע האנט? וועמען וויל ער נארן מיט ווייכע ווערטער, מיט ליגנעריש־ראכמאָנעסדיקע שטיק?

זי האָט זיך מיטן פּיאַנע־בענקל אַ האַסטיקן דריי געטאָן. אירע שוואַרצאַפּלען האָבן זיך צעפֿלאַמט. די פּאַנעם־מוסקולן האָבן זיך אָנגעצויגן. אויף אירע ליפּן האָט זיך אַ שטעל געטאָן אַ קרומער שמייכל.

„בענע וויל גאַרניט, — האָט זיך דער שמייכל אין איר אַלץ מער פּאַרקרימט, — בע־נעלע... ס'מיזיניקל. וואַרט, וועסט נאָך איבער אים די שטוב פּאַרזעצן!"

אינדערעמעסן, אויך דער פּאָטער האָט אָפּטמאָל געטראַכט, אַז בענעס שטילע וועגן זײַנען אַ סאַך געפּערלעכער, ווי אירע אָפֿענע קאַפּריזן. מאַרטעס ניט וועלן רעכענען זיך מיט גאַרניט האָט אים זיכער ווי געטאָן. ער האָט דאָס אָבער פּאַרשטאַנען. קיינמאָל האָט ער ניט געטראַכט וועגן אַזאַ צײַט, ווען ס'וועט אויסקומען רעכענען זיך מיט איר איבער אַ פּאָר נישטיקע קליידלעך. ער אַליין האָט דאָך זי צו אַזאַ כעזשבן ניט דערצויגן. בענע אָבער, דער סאַד אַרום אים, זײַנע שווײַגנדיקע כאַווירים — דאָס האָט אים פּאַשעט געשראָקן. ער האָט געפֿילט, אַז דאָס שמעקט מיט מער, ווי פּאַרלירן דאָס פּאַרמעגן. פּונדעסטוועגן האָט ער אַליין ניט געוווּסט, וועלער ס'איז אים טײַערער. אַדרעבאַ, ער האָט אָפּטמאָל געפֿילט, אַז ער האָט בענען מער ליב. וואָס מער ער האָט אָנגעהויבן צוגעוווינען זיך צום געדאַנק, אַז ער ווערט אָרעמער, פּאַרלאָזטער, אַלץ נעענטער איז אים בענע געוואָרן, אַלץ כאָשעווער. בענע, פֿילט ער, וואָלט זיך אַזוי ניט געקרימט. אין אים איז נישטאָ אַזאַ סינע.

זײַנע הענט האָבן אָנגעהויבן שאַרן אין די קעשענעס. מאַרטע האָט זיך צו אים אויסגע־דרייט מיט דער פּלייצע און האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף די פּיאַנע־ביינדלעך. אָט האָבן זײַנע פֿינגער דערטאַפּט אין אַ קעשענע אַ טאַקערל. ער ווייסט, אַז ער וואָלט דאָס געדאַרפֿט אַ וואָרף טאָן איר אין פּאַנעם אַרײַן, אויסזידלען זי און פּײַנט באַקומען. ביז הײַנט האָט ער דאָס קיינמאָל ניט געטאָן. ער אַליין פֿלעגט דאָך זען, מע זאָל אין שטוב זיך נאָר ליב האָבן. ער האָט דאָס פּאַפּירל אַרויסגענומען, שטיל, קימאַט ביגנייווע, אוועקגעלייגט לעבן מאַרטען, און, ווי פּריִער, אָנגעהויבן אומדרייען זיך הין און הער איבערן צימער און פּלאַטערן פּאַר קעלט. אין זײַנע אויגן איז געשטאַנען אַ קראַנקע מידקײַט. אין קאָפּ האָט זיך געהאַלטן אין איין אונטערציִען דער סאַכאַקל פֿון זײַן גאַנצער בוכהאַלטעריע.

אין די פּענצטער איז די נאַכט דערוויילן טרויעריקער געוואָרן. דער סאַכאַקל אין קאָפּ — נאָך טרויעריקער. ער האָט אָנגעהויבן זוכן די סיבעס, פּאַרוואָס פּעטע וואַגאַנעס אויף פּאַר־וואָרפֿענע באַן־סטאַנציעס, פּאַרפּוצטע האָטעלן אין פּרעמדע הויפּטשטעט זײַנען פּאַרביטן גע־וואָרן אויף פּראָטעסטירטע וועקסלען, אויף פּוסטע ווינטער־טעג. ער האָט די סיבעס ניט געקאָנט געפֿינען. פּונוואַנען זשע האָט זיך אונטערגערוקט אָט דער באַרג־אַראָפּ אינמיטן גלײַכן וועג? ווען ס'האָט אַ רעגע אים זיך אויסגעדאַכט, אַז שולדיק אין דעם קאָנען אויך זײַן די אָפּטע מאַכלויקעסן דאָ אין שטוב, און דעריקער מאַרטע, די פּאַפּירלעך, וואָס ער לייגט אוועק לעבן איר אויף דער פּיאַנע, האָט ער כיישעק געהאַט צוצופּאַלן צו איר, אָנכאַפּן זי בײַ די אָנגע־קרויזטע האָר, אַרויסשלעפּן זי אין דרויסן אַרויס און אַ יעכץ טאָן, די וועלט זאָל הערן:

— שלעכטער נאַר, אייגענער. קוק, וואָס דו מאַכסט פֿון מיר!

אין שטוב איז אָבער אַרײַנגעקומען בענע. אַ פּאָר לעבעדיקע גוטע אויגן. אַ וואַרעמער שמייכל. אונטער אים איז שטיין געבליבן אַ פּאַרוואַקסן־קויטיקלעכער באָכער. בענע האָט אַ שמעק געטאָן צו דער שטילקײַט, וואָס האָט געגלייווערט אַרום מעבל, און דער שמייכל האָט אָנגעהויבן רעדן צום יינגל, וואָס איז געשטאַנען אַן אומבאַהאָלפֿענער, זיך געפֿילט דאָ אין שטוב, ווי ערגעץ בײַ אַ דירעקטאָר אין אַ פּאַבריק־ביוראָ.

— דאָס איז מײַן טאַטע! און דאָרט־אָ בײַ דער פּיאַנע, זעסט, אַ שוועסטער.

דערנאָך זײַנען זיי ביידע אַרײַן אין זײַטיקן שלאָפֿצימער. אין דער פּינצטער האָט דער פּרעמדער זיך געפֿילט היימישער און פּרײַער. קויטיקע שיך האָבן געטראָטן אויף האַריקע טע־פּיכער, האַרטע הענט האָבן אָנגעטאַפּט געבעטע שטיקער מעבל. בענע האָט געמאַכט ליכטיק. דאָס ראָזעווע ליכט האָט זיך צעצונדן אַרום אַ פּאָר דעמבענע בעטן, צעסאַרפּעט זיך צווישן געשטיקטע גאַרדינען, אַרום אייל־בילדער אויף די ווענט און באַם פּרעמדן באָכער צעפֿלאַמט צווײ פּײַערלעך אין די אויגן:

— נו, בענע, האָסט צו געבן, גיב! האַלט מיך ניט דאָ!

— יאָ, יאָ, באַלד! דאָ אין שאַפֿע, זעסט. אָט נעם איך נאָר דעם שליסל!

דער שליסל איז אָבער ניט געווען. בענע האָט אים אומעטום אַ זוך געטאָן און ניט געפֿונען. ער איז צוגעגאַנגען צו מאַרטען און זי רויִק געפֿרעגט:

— ווו איז דער שליסל פֿונעם וועש, מאַרטע?

— ער איז דאָ. וואָסי, וואָס דאַרפֿסטו אים?

— כ׳דאַרף אים!
— ווער איז דער מענטש דאָרט, בענע?
— אַ כאַוער מײַנער. כ׳וויל אים געבן אַ העמד.
— וואָס? ווידער אַ כאַווער? ווידער העמדער?

זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום שלאָפּצימער. אויף אירע ליפּן האָבן אַ יאָטער געטאָן אַ פּאָר נאַרישע קלאַלעס. בענע איז אַוועק נאָך איר. אין אים האָט עפּעס אָנגעהויבן זידן. אויף דער הייסער מינוט האָט ער פאַרגעסן, אַז ביז הײַנט פלעגט אים פאַר מאַרטען אַלצדינג ווי טאָן. איר פּוסטע רוגזע האָט ער פאַרשטאַנען און מיטגעפילט. ער האָט זיך נאָך אָפטמאָל געפרעגט און קוים זיך געקאָנט אויף דעם ענטפערן, כאָטש זיי האָבן זיך ביידע אויפגעכאַוועט אין איין קינדער־צימער, זיך געשפּילט מיט די זעלבע שפּילעכער, פאַרוואָס זשע איז ער אַזוי אַנדערש און זי... ער האָט טאָמיד אין זינען געהאַט איר אומרו און אומצופרידנקײַט. ער האָט געוווּסט, אַז סאָפּקאָלסאָף וועט זי אָנהייבן פאַרשטיין דעם פּאָטערס יערידע, וועט אַלץ אָנהייבן פאַרשטיין, און ס׳וועט גרינגער ווערן מיטצונעמען זי אַהין, וווּהין ער איז אַוועק. שטענדיק פלעגט ער דערייבער אויף איר בייזקײַט ענטפערן מיט אַ שמייכל, אויף אירע נאַרישע אָנפאַלן — מיט מילדע געדולדיקע ווערטער. איצט האָט ער דערפון ניט געטראַכט, דאָס לאַכלוטן פאַרגעסן. איצט האָט ער נאָר געזען פאַר זיך, דאָ — איר אומגעלומפּערטע ווילדקײַט, און דאָרט, אין שלאָפּצימער, — דעם אַרבעטסלאָזן כאַווער, וואָס האָט שוין לאַנג קיין העמד ניט געביטן.

— מאַרטע, באַליידיק ניט קיין מענטשן! גיב אַהער דעם שליסל!

אין איר האָט די קרענקלעכע פאַרביסנקײַט זיך אַ רוק געטאָן אין די אויגן אַרײַן, אַרויסגעשפּאַרט דורך טונקעלע פלעקן אויפן פּאָנעם. גאַנצע טעג, אַז מע צאַפּט פון איר דאָס כײַעס אויס. אומברענגען וויל מען זי. אַ, נאָר דאָס ניט! די שטוב וועט מען איר ניט פאַריפּעשן. מיט קיין גאַסן־יונגען וועט איר ברודער זיך ניט כאַווערן. הײַנט ברענגט ער זיי אין שלאָפּצימער, מאָרגן וועלן זיי זיצן אויבנאָן באַם טיש, און איבערמאָרגן וועט מען זיך מיט זיי עפּשער מוזן מעשאַדעך זײַן. און אַז דעם טאַטן גייט אַ ביסל שלעכט, איז וואָס? און אַז זי איז ניט מער ווי אַ שוואַכע פּרויענצימער, איז וואָס? אָ, ניין!

זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אים. אירע איידעלע צאַרטע פינגער, די שפּיציקע פּאָלירטע נעגל זײַנען באַלד אַרײַן אין זײַנע צעשויבערטע האָר, אין די מאָגערע באַקן זײַנע. פענעמער האָבן געסאַרפּעט, געקרימט זיך פון ווייטעק. שאַרפע זידלווערטער, אויסגעמישט מיט שטילן ברומען, מיט געשטיקטן אָטעם, האָבן אָנגעפילט די צימערן, געריסן זיך דורך די פאַרוועבטע פענצטער אַרויס, צוגעפּרעסט דעם טאַטנס אויסגעמוטשעטן מויעך.

אַ רעגע איז דערנאָך בענע געבליבן אַ פאַרטומלטער. דאָס פּאָנעם — אַ צעדראַפּעטס. די נעשאָמע — אַ צעוווּנדיקטע. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? פאַרוואָס איז דאָס אַזוי, ווי ס׳איז?

אין דער טיר פונעם שלאָפּצימער איז געשטאַנען דער פרעמדער באָכער. אַ בלייכער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, האָט ער ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. בענען האָט עס אַ טראַג געטאָן. מיט איין שפּרונג איז ער געווען אין שלאָפּצימער, האָט אויפגעריסן די שאַפע, צעוואַרפן דאָס וועש איבער דער שטוב און זיך צערעוועט, אַז די ווענט האָבן אַזש געציטערט:

— כאַווער מײַנער, זײַ מיר מויכל! וואָס? שעם זיך ניט! וואָס שטייסטו? נעם! נעם, ווִיפל דו ווילסט! איינס, צוויי, פיר!..

שפּעטער איז בענעס טאַטע, פינכעס, געשטאַנען באַם פענצטער און געקוקט אין דער פראָסטיקער נאַכט אַרויס. ער האָט ניט געוווּסט, מיט וועמען ער זאָל האַלטן, ווער ס׳איז דאָ גערעכט. ס׳האָט אים ווי געטאָן אי בענעס צעבלוטיקט פּאָנעם, אי דאָס וואַרפן און טרעטן מיט די פיס זײַן וועש, אי מאַרטע. דאָס גאַנצע לעבן זײַנס האָט אים ווי געטאָן.

מאַרטע האָט מוירעדיק געכליפּעט. דאָס פּאָנעם אירס האָט זי באַהאַלטן אין די געטאָקטע מאַניקירטע פינגער, ווי מע באַהאַלט אַ ליגן אין שיינע ווערטער.

און בענע?

בענע האָט פאַרשפּיליעט אויף זיך דעם מאַנטל. אַ מינוט פריִער האָט דער זייגער אין שטוב אויסגעקלונגען צען און אים דערמאָנט, אַז ער דאַרף אַוועקגיין: ערגעץ אין אַן ענג בוידעםשטיבל וואַרט מען אויף אים.

ווען ער איז אַרויס אויף דער גאַס, האָט ער שאַרף דערפילט, ווי דער יאַנוואַר האָט זיך אײַנגעשניטן אין זײַן צעדראַפּעט פּאָנעם.

ל

ווידער א ווײַסער פראָסטיקער יאַנוואַר־טאָג.

א טאָג אין דער לענין־וואָך.

שוין העכער צען טעג, אַז די פאָן ליגט א פּאַרטיק־אויפגענייטע. ס'האָט זיך באַקומען א וווּנדערלעכע פאָן. א גרויסע. א טונקל־רויטע. א זײַדענע. מאַריִע האָט דאָס זײַדנס אַרומגע־שטעפּט אױף דער מאַשין, צעלייגט עס אױף איר שויס און אָנגעהויבן אויסנייען אויסיִעס. דאָס זײַד האָט געשורשקעט, געכוואַליעט זיך, און אין מאַריִעס אויגן האָבן זיך געצונדן יאָמטעוו־דיקע פֿײַערלעך. פאַמעלעך האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן אױף די כוואַליעס אָס נאָך אָס, וואָרט נאָך וואָרט: „לענין", „רעוואָליוציע". בענע איז געשטאַנען באַם פענצטער און ניט געוואָגט זיך א ריר צו טאָן, א וואָרט אויסצורײדן. מאַריִעס פינגער זײַנען געלאָפן גיך־גיך איבערן זײַדנס, פון די וויִעס זײַנען איר געפאַלן איבער די באַקן לאַנגע שפּיציקע שאָטנס. בענע איז געשטאַנען באַם פענצטער, געקוקט אױף איר און א שמייכל געטאָן: שוין זעקס כאָדאָשים, אַז זיי אַרבעטן ביידע אין איין אונטערערדישן אוטעטשע־קעמערל[1], וויאַזוי זשע האָט ער ביז אַצינד ניט געזען, אַז זי איז אַזוי כיינעוודיק, מאַריִע?

שוין העכער צען טעג.

הײַנט באַנאַכט, ערעוו דעם איין־און־צוואַנציקסטן, ערעוו לענינס יאָרצײַט, האָבן זיי ביידע ערגעץ־ווו אין שטאָט די פאָן געזאָלט אופהענגען.

איז אָט:

יענע וואָך האָט מען מאַריִען אַרעסטירט. קימאַט דער גאַנצער לאָקאַל־קאָמיטעט זייערער איז דורכגעפאַלן. די שטאָט האָט געראַשט. ניט אומעטום, פאַרשטייט זיך, האָט מען די דאָזיקע פּאַסירונג אויפגענומען גלײַך. דער פאַבריקאַנט ווײַנבערג, לעמאָשל, האָט אין דער קאַרשול, ווו ער איז ערן־גאַבע, בעסאָד־סוידעס דערציילט זײַנע נאָענטע, אַז דאָס מאָל איז די קאָמוניסטישע באַסע קאָמאַנדע אינגאַנצן צעקלאַפּט. שיינע באַלעבאַטים פון דער מיזרעך־וואַנט, נעגידים מיט צילינדערס אױף די קעפּ האָבן נאָכן דאַוונען אַרײַנגענומען דעם גאַבע זייערן אין א רעדל אַרײַן און אים געבעטן דערציילן פּראַטים. ווײַנבערג האָט דערציילט. ער האָט א סמאָטשקע געטאָן דאָס זײַדענע טאַלעסל זײַנס, צונויפגעלייגט עס אין טאַלעס־זעקל און האַלב אױף יידיש, האַלב אױף דײַטשמעריש געגעבן אָנצוהערן, אַז ער האָט יעדיִעס, וויאַזוי מ'האָט פון די דאָזיקע „אויס־געלאַסענע מוידן" פיר טעג נאָכאַנאַנד געשניטן פּאַסעס, געטאָן זיי אַזוינס, וואָס ער קאָן עס גאָר פון זײַן מויל אין א מאָקעם־קאָדעש ניט אַרויסברענגען.

— איַ, איַי... — האָט א ייד מיט א מאָדערנער פראַנץ־יאָזעף־באָרד, א באַלעבאָס פון א טריקאָטאַזש־פאַבריקל, פאַרקנייטשט דעם שטערן, — ניט קעדײַ געווען אינגאַנצן זיי צו דער־מאָנען דאָ. אָרנקוידעש. סייפערטוירעס.

א דאַר בערזע־יידל האָט אַרויסגעצויגן א לאַנגן אָדערדיקן האַלדז פונעם הויכן קראַכמאַ־ליעטן קאָלנער אַרויס:

— און ס'איז יידישע קינדער?

ווײַנבערגן איז אַרײַן דאָס בלוט אין פּאָנעם:

— יידישע, ניט יידישע. אָט דאָס הייבט זיך אָן מיט אונדז. און יידישע קינדער דאַרף מען שוין ניט אויסלערנען?

— אוואַדע. אוואַדע! — האָבן די שיינע מיזרעך־וואַנט־באַלעבאַטים נאָכגעפּאַטאַקעוועט דעם ייכעסדיקן גאַבע זייערן.

בענע קאָן זיך די לעצטע עטלעכע טעג קיין אָרט ניט געפינען. יעדע נאַכט נעכטיקט ער ערגעץ אַנדערש. די פאַרבינדונג מיט דער אָרגאַניזאַציע האָט ער פאַרלוירן. אין דער קאָנט־ראָל־שאָ איז קיינער ניט אַרויסגעקומען. פּאַווליוקן, דעם לאָקאָמאָטיוו־הייצער, האָט ער שוין א פּאָר מאָל אָפּגעוואַרט בא דער דעפּאָ, געזוכט אים צווישן די אַרויסגעקומענע אַרבעטער און אים ניט געזען. אַראָפּגיין צו מאַריִעס עלטערן? סיגוראַנצע־אַגענטן אױף די ראָגן באַשמעקן געוויס איטלעכן באַזונדער, וואָס גייט נאָר דורך די גאַס, ווו מאַריִע וווינט.

בענע גייט אום א פאַרזאָרגטער און ניט קיין אויסגעשלאָפענער. די פאָן האָט ער שוין א פּאָר מאָל איבערגעטראָגן פון איין אָרט אױף אַנדערן. צום איין־און־צוואַנציקסטן איז נאָך גע־בליבן איין מעסלעס, און ער ווייסט אַפילע ניט, ווו מע דאַרף זי אופהענגען, די פאָן. אױפן האַרצן רוקט זיך אָן אַזא ווייטעקדיקער פאַרדראָס. אין מויעך — א שווערע ליידיקײַט. פאַראַיאָרן אין דער לענין־נאַכט האָט ער צום ערשטן מאָל אין לעבן פאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַ־

[1] אוטעטשע — קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד (רומעניש).

ציעס. דער פראָסט האָט געריסן שטיקער. דער שניי אונטער די פיס האָט געסקריפּעט. ווי אפצולאָכעס, איז די נאכט געווען א ווייַסע, א ליכטיקע. נאָר קיין איין טויער אין קווארטאל איז ניט פארבליבן אָן קיין פראָקלאמאציע. וואָס פאר א דערהויבענע רעגעס ער האָט דעמלט דורכגעלעבט: צוגעטראָגן דעם ארבעטער־קווארטאל לענין־פראָקלאמאציעס פונקט צו לענינס יאָרצייַט.

לענין...

בענע וויל זיך אים פאָרשטעלן א לעבעדיקן, א היימישן, א נאָענטן. ביכער זייַנע האָט ער ביז הייַנט נאָך ניט געלערנט, ניט געהאט דערווייַל די מעגלעכקייַט אפילע אָנצוקוקן. די כאוורעטע פונעם צענטער איז מיט אים, מיט מאריִען און מיט פּאווליקן דורכגעגאנגען אָף אויסווייניק, רעזומירנדיק בלויז, אייניקע טיילן פון זייַנע ווערק. ווען זי האָט גערעדט וועגן לענינען, האָט דאָס קאָל אירס באקומען אַן אנדער פארב. דאָס פּאָנעם — אנדערע שטריכן. די אויגן זייַנען בא איר, דאכט זיך, געוואָרן בלויער, העלער. דער לאָקאָמאָטיוו־הייצער פּאווליק, א פארסאזשעטער פון דער ארבעט, האָט זיך דעמלט, געדענקט ער, א הייב געטאָן פונעם בענקל, א רעגע אראָפּגעקוקט צו זייַנע פארהאָרעוועטע הענט, וואָס זייַנען געלעגן צעשפּרייט אפן טיש, און א זאָג געטאָן:

— איַי, ווי ער האָט אונדז ליב געהאט! מיט דער גרעסטער ליבשאפט!

בענע און מאריִע האָבן פייַערלעך און דערעכערעצדיק געשוויגן. זיי האָבן געקוקט אָף לענינס בילד, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער אונטערערדישער צייַטונג, און אין בענעס מויעך האָט זיך פארקריצט א הויכער פארטראכטער שטערן און אויגן אזעלכע טיפע און אזעלכע נאָענטע. „מיט דער גרעסטער ליבשאפט"... — ווי גוט פּאווליק האָט עס דעמלט א זאָג געטאָן.

מאריִע האָט דערנאָך צוגעזאָגט פארשאפן ערגעץ לענינס א פּאָר ביכער און זיי אייניגעם מיט בענען שטודירן.

די בסורע, אז דער לאָקאל־קאָמיטעט האָט זיי ביידן באשטימט צוצוגרייטן א פאָן און זי אייניגעם אופהענגען, די דאָזיקע בסורע האָט אים געבראכט א סאך פרייד. ער האָט מאמעש געציילט די קאלענדאר־בלעטלעך. די פאָן האָט זיך באקומען א גרויסע, א טונקל־רויטע, א זייַדענע.

נאָר אָט איז שוין מאָרגן דער לענין־טאָג. הייַנט באנאכט האָט די פאָן זיך געדארפט צעפלאטערן.

פון דעם גאנצן קעמערל זייערן איז ער איינער, דאכט זיך, געבליבן אָף דער פרייַ. נאָר ס'איז א פרייַקייַט א פארפענטעטע, אַן אָפּגעריסענע פון דער אָרגאניזאציע, א פרייַקייַט אַן אומעטיקע. עפּעס קומט אים פאָר, בענען, אז ער איז ארויסגעקלאפט פונעם לעבן.

איבער דער שטאָט האָט אָנגעהויבן שיטן א געדיכטער זאפטיקער שניי.

גרויסע שניי־קווייטן פאלן אָף דעכער, אָף שילדן, אָף לאמטערנס, אָף בענעס וויִעס. געוויינלעכע שניי־קווייטן. נאָר בענע זעט אין זיי אויסיִעס. ווייַסע אויסיִעס. אזעלכע, ווי די, וואָס מאריִע האָט מיט אזויפיל נעשאָמע און מיט אזויפיל כיין אויסגעשטיקט אָף דער פאָן.

— וואָס באטייַט לענין, הא?

הייַנט פארטאָג האָט דער שוסטער האָראָוויץ פונקט אזוי־אָ א פרעג געטאָן. בא האָראָוויצן אין הויף, ערגעץ אין א קאמער, האָט בענע באהאלטן די פאָן. בא אים, בא האָראָוויצן, האָט ער די לעצטע פאָר טעג גענעכטיקט, בענע.

ס'איז נאָך געווען שטאָקפינצטער, ווען האָראָוויץ איז אראָפּ פונעם געלעגער, ארופגעצויגן אָף זיך די פארפאפּטע הויזן זייַנע, אָנגעצונדן ס'לעמפּל און זיך אוועקגעזעצט ארבעטן.

אין שטוב דרייען זיך פראָסטיקע צוגווינטן. הארבע רייכעס פון איבערגעפוילטן לעדער, א נאסע שימל־פארדומפּנקייַט קריכן אין דער נעשאָמע ארייַן, פרעסן די לונגען אוף.

א קינד האָט זיך פּלוצעם אופגעכאפּט און אויסגעשאָסן א דערשראָקן געוויין. די איבעריקע קינדער האָבן דאָס געוויין אונטערגעהאלטן אָף קאָלערלײַ בייַקעלעכלעך.

האָראָוויצס ווייַב האָט אראָפּגעשלייַדערט פון זיך דאָס צודעקעכץ, אופגעזעצט זיך, ארויסגעכאפּט פונעם וויגל דאָס קינד, צעשריגן זיך: „נאט, ציט. ציט דאָס לעצטע ביסל כייַעס ארויס!" און געטאָן א שיק אוועק אזוי זיך, אין דער וועלט, א צעשויבערטע צענגאָרנדיקע קלאָלע.

האָראָוויץ איז זיך געזעסן אפן נידעריקן שוסטער־בענקעלע מיט א פול מויל פלעקלעך, זיך קאלטבלוטיק געהאלטן א שקראב אָף דער קני, פּאמעלעך אים ארומגעקלאפּט און פאר־

צויגן בעשאָס־מײַסע, מערער מיט דער נאָז, ווי מיטן מויל, א דין דריידלדיק ניגנדל פון אייגענער קאָמפּאָזיציע.

בענע האָט זיך אָנגעטאָן, צענומען דאָס „בעט“, וואָס מ’האָט צונויפגעשטעלט פאַרזײַנטוועגן אינמיטן שטוב פון קאַסטנס, א זוך געטאָן די קוואָרט אָף אָפּצוואַשן זיך.

און אָט דעמלט־אָ האָט האָראָוויץ מיטאמאָל א פרעג געטאָן:

— איך וויל פון דיר, בענע, הערסט, — האָט ער אויסגעשיט די פּלעקלעך פונעם מויל אין דער דלאָניע, — איך וויל פון דיר, זאָלסט מיר ענטפערן קורץ און שאַרף, שלוישע דיבורים. מאָרגן האָבן מיר דעם איין־און־צוואַנציקסטן, האַ? וויל איך פון דיר, זאָלסט מיר זאָגן אין א פּאָר ווערטער: וואָס באַטײַט לענין?

בענע האָט געשוויגן. ער האָט די פראגע נישט פאַרשטאַנען.

— איאָ, דו קענסט ניט, האַ? — האָט זיך האָראָוויץ א דריי געטאָן צו אים מיטן בענקעלע. — איך, זעסטו, נעם עס מיר פּאָשעטער. בא מיר איז עס א פּראָסטער גוט־שאבעס. זעסט דאָס דאָזיקע רומל מײַנס, זעסט דעם דאָזיקן יאָמקיפּער מײַנעם? לענין — דאָס איז דער ביטאָכן, אז ניט טאָמיד וועט בא האָראָוויץ שוסטער זײַן אזא רומל, נישט טאָמיד וועט זײַן אזא וויסטער טאָנעס בא האָראָוויץ שוסטער.

און ער האָט זיך צוריק א דריי געטאָן צום ווארשטאט און זיך ווײַטער געצויגן דאָס דינע אייגענע ניגנדל זײַנס.

— א גאנצער פילאָסאָף בא מיר! — האָט האָראָוויצס ווײַב צורו געלאָזט אָף א רעגע די וועלט און זיך גענומען צום מאן אירן. — פאַרמאָגט ניט קיין גראָשן בא דער נעשאָמע און פילאָסאָפירט, זינגט זיך צו א גאנצן טאָג. ס’איז אים ווויל. ס’איז אים גוט. מײַנע סאָנים און אײַערע סאָנים... — האָט זי אָנגעהויבן מאָלן, ווי א מיל, און ציִען פון זיך סטענגעס קלאָלעס, ווי א פּאָקוסניק.

וואָס באַטײַט לענין, האַ?

אָף האָראָוויצס אויפן האָט הײַנט בענע, בא יעדער קלייניקײַט, אלץ זיך געפרעגט און זיך געענטפערט. און גראָד איצט, גראָד איצט, ווען ער האָט זיך ערשט געקליבן דורכצוגיין מיט מאַריִען א פּאָר ביכער לענינס...

אין ווײַסן און פאַרפּוצטן שטאָט־צענטער, לעמאָשל, רײַסן פּאָשעט די אויגן אוף צוויי באָרוועסע מיידעלעך, מיט דינע שטעקלדיקע פיסלעך, וואָס לויפן נאָך א פאַרפודערטן הער אפן טראָטואר, שטרעקן צו אים בלאָווע ציטערנדיקע הענטלעך.

אָדער דאָס דאָזיקע בינטל פויערים בא די ווענט פון דער פרימאַריע. מאַנצבלען מיט זעגן אונטער די אָרעמס, פרויען מיט לאנגע בערשט אין די הענט שטייען דאָ אזוי אלע טאָג אויסגעלאָשענע, דערנידעריקטע, בעטן ארבעט, און קיינער דאַרף זיי ניט.

בענע טראַכט אַצינד מיט האָראָוויצס ווערטער:

— איך נעם עס מיר פּאָשעטער. בא מיר איז עס א פּראָסטער גוט־שאבעס. לענין — דאָס איז דער ביטאָכן, אז אזעלכע באָרוועסע מיידעלעך וועלן אין פאַרשנייטע יאַנוואַר־טעג שטרעקן די הענטלעך אין ווארעמע ליכטיקע קלאסן צום שול־טאָוול. וואָס שײַעך די דאָזיקע באַטראַקעס, וועלן זיי ניט בעטלען קיין ארבעט, נאָר מיט דער ארבעט באַלעבאַטעווען.

בענע איז צופרידן. עפּעס וואָס אלקאָלפּאָנעם האָט ער הײַנט אויפגעטאָן. איינער אליין, אָף דער גאַס, דורכגעגאנגען אָף זײַן שטייגער א קאַפּיטל לענין. די געדאנקען, הייסט עס, אז ער שטעלט זיך פּאָר, ווי אן ארויסגעקלאַפּטער פונעם לעבן, זעען אויס איבערגעטריבענע, קינדערישע.

נאָר דער איקער? די פּאָן? וואָס טוט מען מיט דער פּאָן?

אָט איז דער יאַריד־פּלאַץ. פאַרפרוירענע מאַרק־הענדלערקעס נעמען צונויף די שטעלן זייערע. אן אינוואַליד, אין א צעפליקטן שינעל, מיט א פּאָפּוגײַ אָף אן אקסל, דרייט ארויס א סומנע ניגן פון א קאַטערינקע. און אָט איז די טפיסע.

פון צווישן די פאַרשנייטע שיטערע ביימער אפן פּלאַץ זעט מען זי גוט דורך, די טפיסע. א גראָע. א פאַרגראַטעטע.

קאָן זײַן, אז פון דער סיגוראַנצע האָט מען שוין די כעוורע איבערגעפירט אהער. מאַריִע, צעשלאָגן און פאַרמוטשעט, העלפט מינהאַסטאַם פונדעסטוועגן צוגרייטן אינווייניק אָף מאָרגן לענינס יאָרצײַט. מיט די שווערע טריט זײַנע שפּאַנט פּאַווליוק אום אין אן איינצלקאַמער פון איין וואַנט צו דער אנדערער. דער אלטער רײַנער איז דאָ דאָ. מאַליע. העניעלע.

— די גאנצע אָרגאַניזאַציע איז צעקלאַפּט, — באַרימען זיך די סיגוראַנצע־הינט. „די גאַנצע אָרגאַניזאַציע“, — שמייכלט בענע. נאָר ווו זוכט מען זי אָפּ? בא וועמען פרעגט מען,

ווו דער לאָקאַל־קאָמיטעט האָט באַשטימט אופצוהענגען די פאָן? „וואָס וואָלט לענין געהייסן טאָן?“ — ריַיסט זיך פלוצעם דורך א געדאַנק דורך בענעס מויעך.

ס׳האָט אופגעהערט שנייען. אפן יאַריד־פּלאַץ האָבן זיך מיט איינמאָל געטאָן א צינד אָן אַלע עלעקטרישע לעמפּלעך. עס הערט זיך פונדערוויַיטנס, ווי מע ביַיט איבער אין טפּיסע די וואַך. דער דאָזיקער געדאַנק אין בענעס מויעך הייבט פּאַוואָלינקע אָן ציַיטיק ווערן.

ער דערזעט פאַר זיך א הויכן פאַרטראַכטן שטערן. טיפע, נאָענטע און אַזעלכע גוטע אויגן:

— אופהענגען די פאָן טאַקע דאָ! אנטקעגן דער טפּיסע...

בענע האָט אופגעציטערט. די פרייד האָט א טריַיב געטאָן דאָס בלוט אין אים. ער האָט דערפילט א וואַרעמקיַיט אין די הענט, אף די באַקן, איבערן גאַנצן ליַיב. די טפּיסע זעט ער מיטן קאָפּ אַראָפּ. די לעמפּ אף דער גאַס לעשן זיך און צינדן זיך, צינדן זיך און לעשן זיך. א הונט לויפט פאַרביַי. בענע קנעט שניי־קוילן און שליַידערט זיי אָן א פאַרוואָס אין הונט אריַין.

אָ־דאָ, פונקט קעגן דער טפּיסע, וועט זי הענגען, די פאָן.

ווער וועט זי דערזען דער ערשטער?

פויערים פון די שכיינעסדיקע דערפער וועלן קאַיאָר אף די פורלעך זייערע ציִען די הענט צו די היטלען און פאַמעלעך צונויפלייגן אָס צו אָס מאַריִעס אויסגענייטע ווערטער.

אין די טפּיסע־צעלן וועט מען זיך א ריַיס טאָן צו די פאַרגראַטעטע שיַיבלעך, עס וועט א הילך טאָן דער „אינטערנאַציִאָנאַל“.

איבערגעשראָקענע פּאָליציי־ליַיט וועלן אָנלויפן מיט די רעוואָלווערן אין די הענט.

איבער דער גאַנצער שטאָט וועט א שוועב טאָן דאָס וואָרט לענין.

איצט בליַיבט נאָר איבער איין זאַך: אויסזוכן א פּאַסיק אָרט. דאַכט זיך, אז בעסער, ווי אומעטום, וועט זי הענגען אָ־דאָ, אפן שפּיץ בוים, פונקט אין דער מיט יאַריד־פּלאַץ. א צע־צוויַיגטער הויכער בוים. ס׳וועט נאָר א ביסל זיַין שווער צו דערשלאָגן זיך ביז צום שפּיץ זיַינעם. ס׳וועט אויסקומען קלעטערן אף דינע פאַרשנייטע צוויַיגלעך. נאָר אַזוי איז, דאַכט זיך, בעסער. אָן אויסגעצייכנטער איַינפאַל: באַם אַראָפּגיין וועט ער די צוויַיגלעך אָפּברעכן, צוויַיגל נאָך צוויַיגל — נישט אַזוי גרינג וועט מען שוין דערנאָך צו דער פאָן קאָנען צוקומען.

אין שטאָט איז גוט נאַכט געוואָרן.

בענע האָט געשפּאַנט צום שוסטער האָראָוויץ.

ד

בא די טויערן פון מאַדריד, בעשאַס די בלוטיקע שלאַכטן, איז אוואַדע ניט געווען ניט קיין ציַיט און ניט קיין מעגלעכקיַיט צו שטעלן דעם יוגנט־כּאַוואַר מיַינעם, בענע יאָרגרוי, א מאַציִיווע.

ליבע

רינגען רויך האָבן געזעצט פונעם פאַרלאָשענעם פּרימוס, אָנגעפילט דאָס בוידעם־שטיבל מיט צוגעברענטער קאַרטאָפל, מיט אָנגעהיצטן קעראָסין.

א געדיכטע פּעדעמדיקע בלאָווקיַיט איז געקראָכן אף די קאָסע מאַנסאַרדע־ווענט, איַינגע־הילט די פּאָר שטיקלעך פּראָסט מעבל, געפּלאָנטערט זיך אַרום עסטערן, וואָס איז אָנגעלאָפן א פאַראַשטע, האָט אַפגיך אופגעדרייט די מאַשינקע, צעפּראַלט א דאַך־פענצטערל.

דאָס פענצטערל האָט אויסגעאָטעמט די רויכיקע פינצטערניש. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אויס־וויקלען עסטערס נאַקעטע הענט, אירע אַקסלען, די ליפּן, אירע הייסע שוואַרצע אויגן — איר דריַי־און־צוואַנציקיאָריקיַיט, וואָס האָט זיך געריסן צום לעבן דורך א דין־דורכזיכטיקער שטוב־בלוזקע.

אין שטוב איז געוואָרן גאַנץ ליכטיק. דורכן דאַך־פענצטערל איז געפאַלן א שטיק ערעוו־אָונטיקע זומערדיקע זון און געשווינדלט אף דער פּאָדלאָגע מיט גאָלד־פלעקן און קופּער־פלעקן.

עסטער האָט באַנײַס אָנגעצונדן דעם פּרימוס, באַנײַס אָפּגעשיילט קאַרטאָפֿל. דער וועקזייגער אַף דער ביכער־פּאָליצע איבערן בעטל האָט געוויזן דרײַ פֿערטל זעקס. אין צוואַנציק מינוט אַרום וועט שוואַרצבערג אַהיים קומען א מידער און וועט ניט האָבן וואָס אין מויל צו נעמען. זי איז אַזש רויט געוואָרן פֿאַר פֿאַרדראָס. אין א צווייטער וואָך, ווען ער אַרבעט באַנאַכט און זי באַטאָג, שטייט דאָס עסן לאַנג שוין א פּאַרטיקס און וואַרט אַף איר. די קאַרטאָפֿל זײַנען איר געפֿאַלן פֿון די הענט. ס׳ערשטע מאָל, זינט זי איז מיט שוואַרצבערגן, ווײַל זי, די צײַט זאָל שטיין בלײַבן א ביסל, ער זאָל אָנקומען מיט א האַלבער שאָ שפּעטער.

און ווען די קאַרטאָפֿל האָבן שוין געזאָטן, צעבולבעט זיך מיט א ראַש אין טעפּל, האָט זיך דערהערט, ווי עמעצער גייט אַף די טרעפּ. עסטער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן. די טריט זײַנען געווען פֿרעמדע. באַלד האָט מען אָנגעקלאַפּט אין א שכײנעסדיקער טיר. מ׳האָט זיך אָנגעפֿרעגט אַף איר.

זי האָט גיך צורעכט געמאַכט אַף זיך דאָס קליידל, די בלוזקע, ניט באַוויזן נאָך צוצוקעמען זיך, ווי אין דער טיר האָט געשמייכלט א שוואַרצער באָכער, דאָס פּאָנעם זײַנס — א באַוואַקסנס, די קליידער — אָפּגעטראָגענע, אין די הענט — אַן אָפּגעבליאַקעוועטער וועגמאַנטל.

עסטערן האָט א זעץ געטאָן דאָס בלוט אין פּאָנעם. הענט און פֿיס זײַנען איר אָפּגענומען געוואָרן. שוין אַריבער דרײַ יאָר, אַז זי האָט הערצן ניט געזען. ביז דעמלט איז אין איר דער נאָמען הערץ געזעסן ווי א שטיק הייליקײַט, ווי א טייל פֿון זיך. האַנט־בײַ־האַנט האָבן זיי אײנײנעם געמאַכט די ערשטע טריט אין לעבן. דער „רויטער שילער" אין דער אויעזד־שטאָט, דאָס פֿאַרלאָזן די גימנאַזיע, די אַרבעט אין דאָרף צווישן די פּויערים. זיי זײַנען אין איינע יאָרן. נאָר איר האָט ער טאָמיד אויסגעזען עלטער, קליגער, ערנסטער. ער האָט א סאַך געוווסט. ער האָט איר אויסגעזען דער שענסטער. כאָטש זיי האָבן אײנײנעם געלייענט, ביידע געווען גלײַכע מיטגלידער אין איין אונטערערדישן קעמערל, גלײַך אַף גלײַך פֿאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס — האָט זי טאָמיד געשוויגן, ווען ער האָט גערעדט, צוגעהערט זיך צו אים, ווי מע הערט זיך צו צו א לערער. באַנאַכט האָט זיך איר געכאָלעמט זײַן קאָל, זײַנע קלוגע אויגן, זײַן שמייכל.

מיט דרײַ יאָר צוריק האָט מען הערצן אַרעסטירט.

אין איר זיקאָרן האָט לאַנג געלעבט יענער קאַלטער ווינטער־טאָג אין זייער בעסאַראַבער שטעטל. זשאַנדאַרן פֿירן דורך הערצן א דערשראָקענעם, א פֿאַרלוירענעם.

מ׳האָט דערנאָך אומעטום גערעדט, וויאַזוי הערץ האָט זיך געהאַלטן בײַ די אויספֿאָרשונגען. מ׳האָט, פֿאַרשטייט זיך, א סאַך איבערגעטריבן. נאָר פֿאַר עסטערן איז הערץ באַגאַנגען זעלבסטמאָרד...

שפּעטער, אויב זי האָט זיך אַמאָל אין אים דערמאָנט, איז זיך צערונען דער הערץ פֿון אַמאָל, האָבן זיך אויסגעמעקט די שיינע זומער־פֿאַרנאַכטן, ווען זיי פֿלעגן אײנײנעם שפּאַנען אין דאָרף צו די פּויערים, פֿלעגן אָפּטמאָל פֿאַרברענגען אַפֿן וועג צוריק אין וועלדל.

זי איז אַוועק אין שטאָט, אַרײַן אַרבעטן אין א פֿאַבריק. אים האָט מען געמישפּעט, פֿאַרשיקט קיין דאָפּטאַנע[1].

אויב ס׳האָט אַמאָל א שיינע רעגע זייערע זיך א ריס געטאָן צו איר, געוואָלט זי פֿאַרשיקערן, האָט עסטער אופֿגעציטערט און מיט ווײַטעק אָפּגעטרייסלט זי פֿון זיך, ווי מע טרייסלט פֿון זיך אָפּ א בייזן כאָלעם...

טעג זײַנען געלאָפֿן. טעג, אָנגעפּולטע מיט אַרבעט, מיט אונטערערדישער ראָמאַנטיק, מיט נײַע מענטשן.

פֿאַראַיאָרן האָט זי זיך באַקענט מיט שוואַרצבערגן. אַן אַקטיוויסט. א מעטאַל־אַרבעטער. שוואַרצבערג האָט שוין הערצן אויסגעריסן מיטן שוירעש. אויב זיי פֿלעגן וועגן אים אַמאָל א רעד טאָן, איז דאָס געווען, ווי וועגן א ווילד־פֿרעמדן, קימאַט ווי וועגן א סוינע.

עסטער האָט זיך פֿונדעסטוועגן א נעם געטאָן אין די הענט אַרײַן, באַרויִקט זיך. זי האָט קאַלט געזאָגט:

— נו, קום אַרײַן, וואָס ביסטו שטיין געבליבן אַף דער שוועל?

— כ׳באַטראַכט דײַן באַלעבאַטישקײַט. א גאַנצע באַלעבאָסטע, זע איך.

אין איר האָט זיך ווידער עפּעס אָפּגעריסן. זי האָט אין איר לעבן געהערט אַזויפֿיל רייד זײַנע און ניט געזען אין זיי דעם עמעסן הערצן. און אָט איצט — די ערשטע עטלעכע ווערטער... געשיקט זיך, אַז זי האָט אַמאָל ליב געהאַט דעם דאָזיקן שמייכל?

---

[1] דאָפּטאַנע — א באַוווּסטע טפּיסע פֿאַר פּאָליט־אַרעסטירטע אין דער באָיאַרישער רומעניע.

זי האָט געזאָגט:

— ביסט, הייסט עס, געקומען קריגן זיך מיט מיר, וואָס?

ער האָט זיך געמענטשט:

— כ'האָב סיַיוויסיַי קיין קויעך ניט צו דעם. כ'קום נאָרוואָס פון טפּיסע.

— האָסט נאָך דיַין קויעך אָנגעוווירן פריִער, פאַר דער טפּיסע!

הערצן האָט א האַק געטאָן אין די שלייפן. ער האָט זיך א ליַיכטן וואַקל געטאָן און א רעגע געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די וויִעס. עסטער האָט עס באַמערקט. זי האָט געטראַכט, אַז זי האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. זי טאָר עפשער ניט אין די ערשטע פאָר רעגעס טיפער איַינ־קריצן דעם צייכן אויף זיַין שטערן. צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער ציַיט האָט זי איצט א טראַכט געטאָן, אַז זי טאָר זיך עפשער ניט באַציִען צו אים אַזוי שטרענג, אַזוי טרוקן. ס'האָבן א יאָג געטאָן צו איר אַמאָליקע כאַדאָשים און וואָכן, לויטערע, בענקענדיקע, און זי האָט זיי צום ערשטן מאָל ניט געטריבן פון זיך. וועט אים אָבער מילדע באַציִונג נאָך מערער ניט שאַטן?

הערץ האָט זיך צוגעזעצט. אויף א שפּיץ בענקל. איַינגעשרומפּן. זיַין בליק האָט זיך פאַרצויגן מיט א פיַיכט בלישטשענדיק היַיטל.

אין טפּיסע האָט ער זיך די ערשטע ציַיט געזען אָפּגעזונדערט, פאַרלאָזט. די זשאַנדאַרן אין שטעטל, דערנאָך אין אויעזד־שטאָט די סיגוראַנצע האָבן אים א כוידעש דורכאַנאַנד גע־פּיַיניקט. ער האָט קיינעם ניט אויסגעגעבן, נאָר ער האָט אונטערגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל... דער טפּיסע־קאָמיטעט האָט מיט דער ציַיט אַלץ אופגעקלערט. מ'האָט אים אריַינגענומען אין קאָלעקטיוו. מ'האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט זיך קאָנען רעאַביליטירן. כאָטש עסטער האָט אים די גאַנצע ציַיט ניט געשריבן, האָט ער געטראַכט, אַז דערנאָך וועט ער איר אַלץ קלאָר מאַכן, מיט איר וועט אים זיַין גרינגער, זי וועט אים פאַרשטיין, גלייבן. און דאָ — ניט גענוג, וואָס זי האָט אים אויסגעביטן אויף אַן אַנדערן, טראָגט זי נאָך א פאָר הארטע שטיוול און קנעט אים, טרעט אים.

ער האָט מיט ביטערניש א פרעג געטאָן:

— נו, און דעם כאַווער דיַינעם האָסטו זיך אַליין גענומען, צי...

זי האָט אַזא קוק געטאָן אויף אים, אַז די פראַגע איז געבליבן הענגען אין איבערגעשניטענע. אַן אַנדערן וואָלט זי פאַר אַזעלכע רייד פּאַשעט אויסגעפּאַטשט און אַרויסגעטריבן. הערץ אָבער, זיַין אויסזען, טאַקע אָט דאָס דאָזיקע פרעגן זאָגט, אַז עס שטייט פאַר איר גיכער אַן אומגליקלעכער. אויף וועמען וועט זי דאָ בייז ווערן? געשיקט זיך, אַז איין שלעכטער קער קאָן א מענטשן אַזוי כאַרעוו מאַכן? זי האָט א זאָג געטאָן:

— כ'בעט דיך, רעד כאָטש ניט קיין נאַרישקיַיטן.

— און אַז א מענטש איז שוואַך? — האָט ער זיך מיטאַמאָל א הייב געטאָן פונעם בענקל. — מיט וואָס איז שוואַכקיַיט א פאַרברעכן?

— ניט־ערלעכקיַיט, — האָט זי רויִק געענטפערט, — ניט־ערלעכקיַיט איז א פאַרברעכן.

א רעגע האָבןביידע געשוויגן. די וואונט האָבן זיך אָנגעטאָן אין אומעט. פון דאַך איז אוועק די זון. די גאָלד־פלעקן, די קופּער־פלעקן אויף דער פּאָדלאָגע, זיַינען פאַרשוווּנדן. אויף הערצס שלייפן האָט אומגעטאַנצט אַן אָדערל, אופגעבליצט און פאַרלאָשן געוואָרן, אופגע־בליצט און פאַרלאָשן געוואָרן. ער האָט געערעדט מיט א האַלב מויל:

— און קעגן דיר... אין וואָס האָסטו געזען מיַין ניט־ערלעכקיַיט קעגן דיר?

— קעגן מיר? — האָט זי אונטערגעפּאָמפּעט די מאַשינקע. — וואָלסטו מיך געוואָלט אָפּגע־נאַרט, מיך אַליין, ווער ווייסט, קאָן זיַין, אַז דעם דאָזיקן מיטיק וואָלט איך איצט פאַר דיר צוגעגרייט.

— און אַז מע באַגייט א פעלער, נו, א פעלער? — איז הערץ געוואָרן קינדיש אומבאַ־האָלפן.

— פאַריכט מען אים!

ס'האָט זיך א ריר געטאָן די טיר־קליאַמקע. הערץ האָט אופגעציטערט. זיַינע אויגן האָבן געבעטן דעם שמועס איבערצוריַיסן. סיַיוויסיַי וועלן די דאָזיקע רייד אין ערגעץ ניט דערפירן. אוואַדע וועט ער מיט דער ציַיט דעם פעלער פאַריכטן. נאָר ניט קעגן עסטערן. ער האָט שוין גוט פאַרשטאַנען, אַז גראַד צווישן אים און איר וועט שוין קיינמאָל גאָרנישט ניט פאַריכט ווערן.

אין שטוב איז אריַינגעקומען שוואַרצבערג. א הויכער. א פּאַשעטער. אין איין אויגנבליק האָט עסטער פאַרגעסן אין הערצס פיַיכט געוואָרענע אויגן. שוואַרצבערג האָט אַרויסגעלייגט אויפן טיש א ציַיטונג, אויסגעטאָן דאָס רעקל, ערגעץ אופגעהאַנגען דאָס היטל. עסטער האָט

ארײַנגעבראַכט א שיסל וואסער. און הערץ אין ווינקל איז וואָס אמאָל געוואָרן פארווישטער, טינקעלער, שטומער און אָנגעהויבן אויסזען, ווי א טויט אָפּגעריבן בילד, א בילד אין א שוואַרץ רעמל.

שווארצבערג האָט זיך גענומען וואַשן. אין עסטערס האַלטן זיך האָט ער דערקענט, אז דער פרעמדער איז הערץ.

רעגע נאָך רעגע האָבן אַלע דרײַ געשוויגן.

שווארצבערג האָט זיך געווישט דאָס פּאָנעם מיטן האַנטעך און געכאַפּט א קוק אויף הערצן. ווי אַן אייגענער קאָן עס אזוי פרעמד ווערן! ער האָט געפילט, אז כאָטש הערץ איז עסטערס געוועזענער כאַווער, וואָלט ער פונדעסטוועגן זיך געקאָנט דערפרייען מיט אים, ליב באַקומען אים, א זאָג טאָן:

— כאַווער, בלײַב דאָ. בלײַב שלאָפן בא אונדז.

נאָר ער האָט געשוויגן. און עסטער האָט געשוויגן. און הערץ האָט געשוויגן.

און אַז די שטילשווײַגעניש האָט אָנגעהויבן ווערן געדיכטער, שווערער, האָט אָנגעהויבן וואַקסן, רוקן זיך אויף הערצן, שרײַען — האָט הערץ מיטאַמאָל זיך א כאַפּ געטאָן, אויפגעהויבן זיך און א נעם געטאָן דעם מאַנטל אין דער האַנט.

די אָנגעצויגנקײַט איז זיך פאַמעלעך פאַנאַנדערגעגאַנגען, ווי עס גייט זיך פאַנאַנדער רויך. עסטער און שווארצבערג האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן זיך דערנענטערט איינער צום אַנדערן און געשוויגן. ביידע זײַנען געווען זיכער, אַז זיי האָבן גאָרנישט ניט געזינדיקט. דאָס לעבן איז נאָך אינגאַנצן פאָרויס. הערץ, אויב ער איז גערעכט, קאָן אָנהייבן פון אָנהייב, קאָן נאָך אַלץ דעריאָגן, איבעריאָגן.

עסטער האָט א פיר געטאָן די פינגער איבער שווארצבערגס קאָפּ און געפילט, אַז זי האָט אים ליב. פּאָשעט שטאַרק ליב. ווער ווייסט, עפשער וואָלט הערץ סײַווײסײַ זי געוווּן געטראָפן מיט אים.

ס'האָט איר באַנג געטאָן, וואָס הערץ איז אזוי גיך אַנטלאָפן. עפשער האָט זי אים פונדעסטוועגן נאָך געדאַרפט עפּעס זאָגן, עפּעס פרעגן.

שווארצבערג האָט גענומען די צײַטונג אין די הענט, ארײַנגעקוקט אין איר און קיין אויסיעס ניט געזען.

דורכן מאַנסאַרדע־פענצטערל האָט ארײַנגעבלאָזן א קיל ווינטל און זיי ביידן א גלעט געטאָן איבערן פּאָנעם.

פארשפּילטע יאָרן

ון דער אַקטיאָר זילבערשטיין האָט זיך געגעט מיטן ווײַב, האָבן געקלונגען אַלע קרעטשמעס און אַלע קאַפע־הײַזער. כאָטש ביידע זײַנען גלײַך דערמיט געווען מאַסקים, קיין קלאָלעס האָט מען דערבײַ ניט געהערט און קיין פעטש זײַנען גראָדע דאָס מאָל דערבײַ ניט געפלויגן.

דאָס פאָרפאָלק איז זיך אויף אַן איבערנאַטירלעכן שרעקלעכן אויפן פּאָשעט נימעס געוואָרן. איינער דעם אַנדערן האָט פראָסט אין פּאָנעם ניט געקאָנט קוקן. אויף אזוי ווײַט, מאָלט אײַך, אַז די מיִעסטע, צעפּאָרנסטע כאַריסטקע אין די קוליסן האָט זילבערשטיינען אויסגעזען א סאַך געשמאַקער און פרישער, ווי דאָס אייגענע, בעפּיירעש גאַנץ כיינעווודיקע, ווײַבל זײַנס.

ביידע האָבן דעמלט געשפּילט אין א זומערדיקן גאָרטן־טעאַטערל.

ער, א וואָרטלזאָגער, א פרײַלעכער, האָט דערלאַנגט פּאַטן. זי, א וואָרפנדיקס, א קליינס און א שפּרינגענדיקס, — סובּרעטקעס.

דאָרטן טאַקע, אין די פאַרכווישעכטע קוליסן פון דעם דאָזיקן גאָרטן־טעאַטערל, האָבן זיי זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט, ניט אָנגעהויבן וויסן, פאַרוואָס זיי האָבן זיך פּלוצעם אזוי הייס ליב באַקומען, כאַסענע געהאַט, און אויך שפּעטער ניט געוווּסט, פאַרוואָס זיי האָבן זיך אזוי מוירעדיק פײַנט געקריגן, זײַנען איינער פונעם אַנדערן אזוי אַנטלאָפן.

פאַרגעקומען איז דאָס ערגעץ אַרום נײַנצן הונדערט עלף, נײַנצן הונדערט צוועלף.

פון דעמלט אָן האָט זילבערשטיין אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט. אונגאַרן, גאַליציע, עסטרײַך, פראַנקרײַך, אַמעריקע. אומעטום האָט ער מיט גרויסן „בײַפאַל“ אויפגעטראָטן אין

„מעכטיקע אָפּערעטן מיט פילע גערזענגע". ערגעץ אין א לאַנד האָט ער באַנײַס כאַסענע געהאַט. ס'איז אונטערגעקומען די וועלט־מילכאָמע. איבער א מײַסע מיט א פּאָר פּאַריקלעך איז ער ערגעץ ארעסטירט געוואָרן אַלס שפּיאָן און, ווען ניט דאָס ווײַב, שיר ניט דעם קאָפּ פאַרלוירן. אומעטום געליטן הונגער. נישט געהאַט באַם אָפּפאָרן צו באַצאָלן פאַרן האָטעלכל. זיך געראַטעוועט מיט בענעפיסן. ווײַטער געפלויגן. דערנאָך האָט ער זיך געגעט מיטן צווייטן ווײַב, כאַסענע געהאַט א דריט מאָל און איז גראָ געוואָרן. לעסאָף, ווען ער האָט אָפּגעשפּאָרט א קאַסטן פרעמדע צײַן, צוויי טיפע טונקל־בלאָע רײַפן ארום די אויגן, א ציטערנדיקע האַנט און א רענצל פאַרגעלטע איבערגעשריבענע פּיעסן, האָט ער זיך צוריק אראָפּגעיאַוועט קיין בוקארעשט, אַהיים, צום אמאָליקן היימישן גאָרטן־טעאַטערל.

■

דאָ, אין די דאָזיקע פאַרכוישעכטע קוליסן, האָבן זיך די דרײַ צענדליק יאָר דורכגערוקט אומבאַמערקטע, צונויפגעקנוילטע, גלײַך זיי וואָלטן עמעצן שטאַרק־שטאַרק באַגאַנוועט, אָט די פאַרגאַנגענע יאָרן.

דער זעלבער איבערגעשטאַנענער שווייס, די זעלבע מיִעסע פּעטע כאַריסטקעס, די זעלבע פאַרשימלטע „היסטאָרישע" קאָסטיומען.

דאָ האָט זילבערשטיין ווידער באַגעגנט ראָזאַליען — די ערשטע, אָפּגעגעטע ליבע זײַנע.

זי האָט איר לעבן דורכגעטאַנצט א סאַך נודנער און שטילער. באַלד נאָכן געט האָט זי כאַסענע געהאַט מיט עפּעס אַן עלטערן בײַכיקן אַקטיאָר, א שטיקל טעאַטער־דירעקטאָר. זי האָט אים געקאָכט אָנבײַסנס און אים געשענקט צוויי רויטע געצאַצקעטע מוידן. יאָר־אײַן, יאָר־אויס האָט זי זיך געמוטשעט באַ די זעלבע פּיעסן, אין די זעלבע ראָלן. און זי האָט ניט געפילט, ווי הינטער איר פליצע רוקן זיך די ווײַזערס פון נײַנצן צען אַף נײַנצן צוואַנציק, פון צוואַנציק אַף דרײַסיק, איין און דרײַסיק, צוויי און דרײַסיק, און אַזוי ווײַטער און ווײַטער...

■

איצט שפּילן זיי ווידעראַמאָל אינאיינעם, פּונקט ווי אַמאָל, קושן זיך אַף דער בינע, פּונקט ווי אַמאָל, און פילן, דאַכט זיך, איצטער איינער צום אַנדערן קיין שום סימפּאַטיע ניט.

יעדן באַטאָג, נאָך רעפּעטיציע, זיצן זיי איינער לעבן אַנדערן אין גאָרטן־טעאַטערל, שווײַגן ווי פרעמדע, ווי נײַ־באַקענטע, גלײַך זיי זײַנען גאָר קיינמאָל קיין מאַן און ווײַב ניט געווען, זײַנען זיך קיינמאָל אַזוי שרעקלעך ניט נימעס געוואָרן.

עס זיצט דאָ די גאַנצע כעווורע אַקטיאָרן: צעקנייטשטע, הייזעריקע און אַלטע. מע דערציילט זיך מײַסעס. מע טרײַבט רעכילעס. מע צעקריגט זיך. מע זידלט זיך. מע בעט זיך ווידער איבער, און מע טרײַבט ווײַטער רעכילעס.

זילבערשטיין האַלט אין דער האַנט א שקאַרמיץ, שלעפּט פון דאָרט עלעגאַנט ארויס אַן עפּל, און איבערן גאַנצן גאָרטן קנאַקן זײַנע גרויסע פאַלשע צײַן.

ראָזאַליע איז שרעקלעך מיד. די אויגן אירע קלעפּן זיך, ווי זיי וואָלטן געווען אײַנגעטונקען אין האָניק. זי דרעמלט אײַן. פון ערגעץ, פון אונטער דער בינע, אַפּאָנעם, טוט א קום אָן א שאַרפער רייעך און קיצלט זי אין די נאָזלעכער. אין דרעמל דאַכט זיך איר, אַז זי זינגט די לעצטע סטראָפע פון עפּעס גאָר א פריילעכן קופּלעט. אַף דער בינע איז שוין יאָרנלאַנג אַזוי ליכטיק ניט געווען. אין גאָרטן איז שוין יאָרנלאַנג אַזאַ אוילעם ניט געווען. און אָט שטייט דאָרט איינער א יאָלד מיט א גרויסן בוקעט בלומען אין די הענט, קווענט צו איר מיט א ברייט מויל גאָלדענע צײַן, שטופּט זיך צווישן אוילעם מיט די עלנבויגנס, רײַסט זיך צו איר נאָר אַף דערהאַרגעט צו ווערן.

זילבערשטיין דערמאָנט זיך, אַז ער האָט שוין באַלד אַלע עפּל אויפגעגעסן, די צײַן זײַנען אים שוין אַזש אײַליק געוואָרן, און ראָזאַליע, נעבעך, שנאָרכט אַזוי פאַרשמאַכט מיט דער נאָז. צענעמט ער גיך דעם שקאַרמיץ, זוכט אויס א גרויסן רויטן עפּל, באַנעצט אים מיט דער צונג, קיינער זאָל ניט זען, מאַכט אַף אים א גלאַנץ מיט דער דלאָניע און לייגט איר דעם עפּל ארײַן אין דער האַנט ארײַן.

— ראָזאַליע, — צעטאָרעט ער זי, — ראָזאַליע, פאַרזוכט אַן עפּל, א וואַזשנער עפּל! נעמט צו דעם שלאָף, ווי מיט דער האַנט.

איין אויגנבליק מיינט ראָזאַליע, אז דאָס איז דער בוקעט בלומען פונעם כאָלעם. קוועטשט זי דעם עפל פעסט צו צו זיך, נייגט זיך, שמייכלט, מאכט א כיינדל, ווי פון דער בינע אראָפ. נאָר באלד טוט זי א שווערן זיפץ און שטופט דעם עפל צוריק זילבערשטיינען.

— א דאנק, — מאכט זי א נייַ כיינדל, — א שיינעם דאנק, טאטעלע! כ'האָב הייַנט עפשער צוויי קילאָ עפל אופגעגעסן.

און זי שלינגט דערווייַל אראָפ די סלינע קונציק, גנייוויש, ער זאָל כאָלילע ניט באַ־מערקן.

זילבערשטיין באמערקט שוין אָבער סייַוויסייַ גאָרניט. זילבערשטיין איז שוין ערגעץ העט־העט, אין דער אנדערער זייַט גאָרטן, ווו עס האָט נאָרוואָס אויסגעשאָסן א נייַע קריגערייַ.

זייער אָפט טרעפט, אז די אקטיאָרן אין אלטן גאָרטן־טעאטערל, אויסגעוועפטע, פוילע און אָרעמע, קאָנען צום פאָסעק ניט קומען. דאָס הייסט, דער קאסירער אין דער קאסע זיצט; די פאָר מוזיקאנטן בא דער בינע רימפלען עפעס; דער סופליאָר מיט דער פיעסע אין דער האנט דרייט זיך אום אין די קוליסן אָנגעכמורעט, פרעמד און ווארט. זיי אליין, די אקטיאָרן, אָנגעפארבטע, אָנגעטאָנענע, שטייען אָפגעשמיסענע באם פאָרהאנג, כאפן א קוק דורך א לעכל אף די צעקרימטע בענקלעך און זייַנען גרייט, נאָר דער עולעם — א נעכטיקער טאָג. דער עולעם איז שוין ביז הער־אָ זאט אי מיט „ציפקע פייַער“, אי מיט „קאָלנידרע“, אי מיט דער „קאָשערער שיקסע“, אי מיט ראָזאַליען, אי מיט זילבערשטיינען.

די צוגעקלעפטע בערד פילן זיך אָן מיט טרויער, מיט בייזקייַט, אָט־אָט אויסצושיסן.

די מוזיקאנטן מאָנען די „גאזשע“[1]. בא עמעצן האָט זיך צעשאָטן א שאכטל פודער. בא עמעצן האָט א בורטשע געטאָן אין בויך. ס'איז גענוג, עמעצער זאָל נאָר ארויס מיט איין וואָרט.

ווי בייזע הענער, אזוי טאנצן די אקטיאָרן איינער דעם אנדערן אין פאָנעם אריַין, רייַסן זיך, שרייַען זיך איבער, ווארפן מיט די קליידער, מיטן רעקוויזיט, און קיינער ווייסט ניט, וואָס ער וויל, און קיינער ווייסט ניט, ווער ס'איז שולדיק און ווער ס'איז גערעכט.

— איך שפיל שוין פערציק יאָר טעאטער!

— אנטשולדיקן זי, איך בין עפעס א מאמזער?

— איך קאָן מאכן, מע זאָל וויינען און לאכן!

— מיט ייִנגלעך דארף ער שפילן!

— אויוורבאָטלניק!

— גרייט דיר אָן א פאָר שטיוול אין וועג אריַין!

— איך גיי מיטן יוישער פון פאָרנט!

— ס'געלט, ס'באזש[2] ווו איז?

— די פארעס, ווו זייַנען די פארעס?

ראָזאַליע מישט זיך ניט. זי שמינקט זיך פאמעלעך אויס, כאפט דאָס רענצעלע מיט די זאכן, און אָט טוליעט זי זיך שוין צו די צוויי רויטע מוידן אירע, וואָס נעמען זי אונטער די הענט: טרייסטן זי און צעהירזשען זיך מיט א פארדושעט בלעכענעם געלעכטערל.

זילבערשטיין באמערקט, אז ראָזאַליע „ריטשט“[3], בלייַבט ער עמעצן שולדיק אָן ענטפער, לאָזט אלצדינג איבער אף העפקער און טענצלט נאָך נאָך איר.

— ס'אידען אקטיאָרן? — הייבט ער אָן אפצוקלאָמפערשט טייַנען צו די טעכטער. — לייצים איז דאָס! בעלפערס! כ'בין אויסגעוועזן א וועלט. איך ווייס, וואָס איך רעד. בא אונדז אין אמעריקע...

און ער נעמט דערווייַל איבער דאָס רענצל בא ראָזאַליען.

— פע, — זאָגט ער, — קינדער, וואָס לאָזט איר די מאמע טראָגן אזא שווערקייַט?

דערנאָך פלאפלט ער שוין אזוי דעם גאנצן וועג וועגן זייַנע גרויסע דערפאָלגן אומעטום. דאָס געשעפט דאָ, טייַנעט ער, איז קיין געשעפט ניט. ער האָט אזא־אָ קאסטן מיט פיעסן, איינס און איינס. מע שמועסט מיט אייַך: אמעריקאנער סכוירע! ווען ראָזאַליע, פארענדיקט ער, וואָלט א באלן געוועזן אריַינגיין מיט אים אָט אהער־אָ, צו לופו קרעטשמאר, וואָלטן זיי איבער־געשמועסט זייער א וויכטיקן אינטערעס. א פלאן. א גאָלדענער פלאן. ע, ער ווייסט שוין עפעס! נו, נו. ס'מאכט ניט אויס, די קינדער וועלן איר דאָס מאָל מויכל זייַן!

---

[1] גאזשע — געהאלט; [2] באזש — געלט; [3] „ריטשט“ — גייט אוועק.

ראָזאַליע קוועקלט זיך טכילעס. ס'איז איר פּאַשעט א פינצטערע בושע פאַר די קינדער. זיי ווייסן דאָך די גאַנצע מעשה אירע. נאָר ווען זי זעט, אַז די מיידלעך הירזשען אַלץ מיטן בלעכענעם געלעכטערל זייערן, דערלאַנגט זי זיי דאָס פאַרבאַסע־רענצל און בעט זיך בא זיי מיט א ראַכמאָנעס־שמייכעלע:

— זעט, קינדער, — מאַכט זי, — איר זאָלט כאָלילע ניט אופּוועקן דעם פּאַפּען! ער האָט היינט געהאַט שרעקלעכע קאָפּשמערצן.

■

בא לופּו קרעטשמאַר אין שענקל איז קימאַט ווי אין גאָרטן־טעאַטערל.

א קעלנער איז דאָ, טרינקעכץ איז פאַראַנען, גראַטאַר פּרעגלט זיך, נאָר קונים — אַף א רעפּוּע.

דאָס ערשטע, וואָס זילבערשטיין טוט, איז... א שפּיל טאָן זיך א ביסל אין אַמעריקע.

— היי, באָיטשיק! — גיט ער זיך א זעץ אַוועק מיט א פּאָר צעשפּרייטע פיס און טוט א בייג א פינגער צום קעלנער. — אַנו דערלאַנג נאָר פאַר א פּאָר סענט א קאַפּל פּראָהיבישן! אָבער, אָלרייט!

דערנאָך קאַטשעט ער א גלעזל נאָך א גלעזל. און אַז עס הייבן אים אָן פּלאַמען די באַקן מיט עפּעס א מין באַזונדערער רויטקייט, פאַרגעסט ער אין גאַנצן „וויכטיקן אינטערעס", צעליגט זיך מיט ביידע עלנבויגנס איבערן טישל און הייבט אָן, ווי אין דער און דער מעלאָ־דראַמע, שלוקערצן ראָזאַליען גלייך אין פּאָנעם אַריין:

— רייזל. רייזעלע. איך ליב דיך יעצט נאָך הייסער, ווי בעפאָר!..

זי לאַכט, ווי מיט יאָרן צוריק, יונג, קלינגענדיק, און גלעט אים דאָס גראָע שיטערע שויבערל אַפן קאָפּ:

— ווו זשע ביסטו געווען אַזא לאַנגע צייט?

— כ'בין געווען, — שלעפּט ער שווער א וואָרט, — כ'בין מיר א קאַפּעלע געווען אַף דער וועלט! פאַרברענט זאָל זי ווערן.

— וואָס זשע האָסטו זיך אַזוי לאַנג געזאַמט?

דאָ פאַרגעסט זילבערשטיין אינגאַנצן, ווו ער איז אין דער וועלט, טוט זיך א הייב אונטער אַפן בענקל, פאַלט צוריק און הייבט אָן זעצן מיט די פויסטן אין טישל אַריין:

— וואָס, האָסט עפּשער געוואָרט אַף מיר מיט דער וועטשערע? הייבסט שוין אָן די אַמאָ־ליקע שטיק? געזאַמט־געשמאַמט. ווילסט מיך ווידער פאַרשפּאַרן אין א שטייגל, האַ? סטערווע אַלטע!

און ער צעיאָמערט זיך מיט א שלוקערץ, טעאַטראַל, האַרצברעכנדיק, ווי אין דער און דער מעלאָדראַמע.

ראָזאַליע, א בלייך־געוואָרענע, א דערשראָקענע, פאַריכט אַף זיך דאָס קליידל, די האָר און טראָגט זיך גיך אָפּ, שאַ, שטיל, איר דעך איז דאָ ניט געווען.

זילבערשטיין קערט איבער אין זיך א ניי גלעזל וויין.

און ווען ער ווייסט שוין אינגאַנצן ניט, ווו ער האַלט, נעמט ער אַרויס דעם קאַסטן ציין פונעם מויל, לייגט אים אַריין אין דער גלאָז וויין, צעוויינט זיך ווידעראַמאָל און שלאָגט זיך מיט די קולעקעס אין האַרצן אַריין.

— אַן אַקטיאָר בין איך? — שרייט א מויל אָן ציין. — א וועלט איז עס? א קאַיאָפּע... א פּעל...

לופּו קרעטשמאַר רוקט זיך דעמלט אַרויס פון אונטער דער סטאָיקע, נעמט זילבערשטיי־נען איידל אָן בא די אַקסל, שטעקט אים אַריין דעם קאַסטן ציין אין א זשילעט־קעשענע און שטעלט אים פּראָאַסט אַרויס אין דרויסן אַרויס.

זילבערשטיין פאַלט פון די פיס, קאָרטשעט זיך אינדרייען, פאַרענטפערט זיך:

— וואָס בין איך שולדיק, לופּו טייערער? א כאָכמע שיקער צו ווערן, אַז כ'האָב נאָך היינט אין מיין מויל ניט געהאַט!

דערנאָך, אַף דער גאַס, וואַקלט ער זיך אַזוי ערגעץ בא א פּלויט, א פאַרטומלטער און פאַרלוירענער, און ווייסט ניט, וווהין צו פאַרקערעווען — רעכטס אָדער לינקס.

ערגעץ ווייט איבערן פּלויט צעפּייפּט זיך א סירענע. אין א הויף צעקרייעט זיך א האָן. קרייעט מיט א ניגן, נאַטירלעך, פול מיט מעסיקעס. גליקלעך...

יעכיעל דעם פעטער שעפסלס

דער פעטער שעפסל, דעם טאטנס עלטסטער ברודער, האָט, דערציילט מען, געהאַט א ווײַטן קוק.

ס'הייסט, ניט ווי מע טוט עס אמאָל א זאָג אזוי. נאָר פּאָשעט: ער האָט געהאַט צו א שארפע ריִע, געזען צו ווײַט, מיכוץ לעדערעך האטעווע, ווײַטער פון יעדן איינעם.

ער האָט געקאָנט אָנרופן בא די נעמען מענטשן, וואָס האָבן זיך אנטקעגן, אף יענער זײַט, אין אוקראַיִנישן ראשקעוו, ארומגעראשט אין מארק, און זיך פונדאנען, פון דער־זײַט דניעסטער, אין אונדזער וואָלעכישן ראשקעוו, אָנגעזען פארווישט, אָן פּנעמער, קוים־קוים, שאָטנס, ניט קיין מענטשן, אלקאָלפּאָנעם קליינע־קליינע מענטשעלעך.

ער האָט געקאָנט זאָגן, וואָס ער זעט דאָרט אנטקעגן ווײַט־ווײַט, העט אויבן אף דעם שפּיץ „סקאַלע": א קו מיט געלע פלעקן צי מיט שווארצע פלעקן, א קעלבל צי א לאָשעקל; ווייץ צי קאָרן אוכדוימע אנדערע זאכן, וואָס א מענטשלעך אויג האָט עס אזוי ווײַט ניט געקאָנט דערזען.

אין שטעטל איז די דאָזיקע שארפע ריִע דעם פעטער שעפסלס געוואָרן א שעם־דאָווער. זי האָט זיך צו אים פּאָיאוועט פלוצעם, מיטאמאָל, ווען ער איז שוין געווען א יונגערמאַן מיט א היפּש בערדל, א ווײלערנער, דאכט זיך אפילע נאָכן פארענדיקן ערגעץ א יעשיווע. מענטשן פלעגן קומען צו דער באָבע כאנען קלאָמפערשט עפּעס קויפן אין קלייטל, ווען זיי האָבן געדארפט און ווען זיי האָבן ניט געדארפט, און, ווי אף כידושים, זוכן א קוק צו טאָן אפן פעטער שעפסלס גרויסע, שווארצע, שיינע אויגן, וואָס זײַנען טאקע עפּעס געווען צו גרויס, צו שווארץ און צו שיין, טאקע עפּעס גאָר ניט ווי בא איטלעכן.

ניט דאָס גאנצע שטעטל און ניט עמעצער אין דער מישפּאָכע האָבן געוווסט, צי איז דאָס גוט, צי איז דאָס שלעכט. צי דארף מען מעקאַנע זײַן, צי דארף מען ראכמאָנעס האָבן. מ'האָט נאָר געוווסט, אז ס'איז ניט אזוי, ווי עס דארף זײַן. און פרײַנט האָבן געראטן דער באָבע כאנען צופאָרן מיטן זון צו א גוטן דאָקטער.

אן אויגן־דאָקטער איז נאָר געווען אין שטאָט, אין בעלץ. די באָבע כאנע האָט געדונגען א פורל, איבערגעלאָזט אף העפקער די פּארנאָסע, די פולע שטוב מיט קינדער; בענייבײַ, פאר די עטלעכע קערבלעך, וואָס מ'האָט איר בעסייסער געמאכט, שוין געזען, נעבעך, אײַנ־צוקויפן אין בעלץ א ביסל סכוירע; און דער בעלצער גוטער דאָקטער האָט גוט באטראכט דעם פעטער שעפסלען, אים געקוקט אין די אויגן, אויסגעקלאַפּט די שלייפן, דעם שטערן, דעם גאנצן שארבן, און דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, האָט ער ערשט קוים געזאָגט מיט אן „אָדער". אָדער אזוי — אָדער אזוי.

— די ריִע וואקסט, — האָט ער געזאָגט, — וואקסט פון טאָג צו טאָג. א פענאָמענאלע ריִע. א פענאָמענאל וואקסעניש. אָדער־אָדער. אָדער ס'וועט דערפון אויסוואקסן אזוינס, וואָס וועט זײַן א כידעש אין דער גאנצער וועלט. אָדער דער פעטער שעפסל וועט בלינד ווערן...

און ווי געוויינלעך, בא אזא סאָרט נעוויִעס, איז, פארשטייט זיך, מעקויִעם געוואָרן דער צווייטער „אָדער". פּאוואָליע, מיט דער צײַט, האָט דעם פעטער שעפסלען אָנגעהויבן טונקלען אין די אויגן. די אויגן אליין זיינען געבליבן פונקט אזוי גרויס, און שווארץ, און שיין, און אָפן, ווי ביז אהער, נאָר זען האָט ער שוין נאָר געזען איין זאך, איין־און־איינציקע זאך — שווארצקײַט, הוילע שווארצקײַט.

ערשט איצט האָט קינד־און־קייט אָנגעהויבן קומען קוקן אפן פעטער שעפסלען, ווי אף א בייזווונדער. אין דער באָבע כאנעס קלייטל האָט זיך א גאנצן טאָג געציקעט, דאָס קלייטל האָט געלייזט געלט. ס'איז אויסגעקומען, אז דעם פעטער שעפסלס אומגליק איז גאָר געוואָרן א מין סגולע צו פּארנאָסע.

קיין סאך האָט עס אָבער, פארשטייט זיך, ניט געהאלטן. מיטן פעטער שעפסלס אויס־טערלישער בלינדקײַט האָט זיך דאָס שטעטל אינגיכן צוגעוווינט. מ'האָט אים, ווי יעדן בלינדן, פּאָשעט אָנגעהויבן רופן „דער בלינדער". דאָס ווײַב זײַנס, ער איז שוין דעמלט פון א שטיק צײַט געווען א כאסענע געהאטער, האָט אים באלד נאָכן בלינד ווערן אָפּגעגעט. מענטשן, גוטעפרײַנט, האָבן אײַנגעלייגט וועלטן, געשטעלט אף די פיס שאדכאָנים, צעשיקט בריוו,

אויסגענוצט אַלע זכוס־אָוועס, און סאַפּקאָלסאָף, נאָך עטלעכע יאָר, דעם בלינדן פּעטער שעפּסלען כאַסענע געמאַכט צום צווייטן מאָל. אראָפּגעבראַכט אזש פון קעשענעוו, ערגעץ פון די בעטלער־געסלעך ארום דער אַלטער בריק, א קליין, פּאַרקנייטשט, זויער ווײַבל, וועמען איך געדענק שוין אויך, דאָס איז שוין געווען אין מײַן צײַט, און וועלכע מיר, קינדער, דעם פּעטער שעפּסלס פּלימעניקלעך, פּלעגן עפּעס אָן כיישעק, ווי מיט גוואַלד, רופן „מומע ראָכל". די מומע ראָכל האָט מיט דער צײַט געבוירן דעם פּעטער שעפּסלען א זון. און אין דער מישפּאָכע איז צוגעקומען נאָך א נאָמען נאָכן פרי אוועקגעגאנגענעם פון דער וועלט זיידן אונדזערן אַלעווהאשאָלעם — יעכיִעל, יעכיליקל.

כ׳געדענק דעם פּעטער שעפּסלען אומבלאָנקען אין שטוב צווישן די בענקלעך מיט צוויי אויסגעשטרעקטע הענט, מיט צוויי איבערגעשראָקענע שאַרנדיקע פיס. כ׳געדענק אים זיצן אין די פאַרנאַכטן אין דרויסן בא דער טיר. זיצן און קוקן מיט די אָפענע בלינדע אויגן ערגעץ ווײַט אין א פּינטל איבער די דעכער אריבער.

אינוויייניק, פון יענער זײַט טיר, פלעגט שטיין, ווי א באַהאַלטענע, די מומע ראָכל. ס׳פלעגט פון א ווינקל אין דער אָפענער טיר ארויסשטעקן בלויז דאָס קליינע זויערע פּענעמל אירס.

מיטן קינד, מיט יעכיליקלען, האָבן זיך אָפּגעגעבן די באָבע כאנע, די מומע בונקע. זיי פלעגן אים אָנהאָדעווען, אָנטאָן און אויסטאָן, אָנשרײַען אַף אים, אמאָל אָנפּאַטשן, און אים אָפט קוקן אין די אייגלעך ארײַן.

א פיר־פינף כאדאָשים אין יאָר איז דער פּעטער שעפּסל ניט געווען אין דער היים. ער איז מיט א שוטעף, אַן עלטערן ייִדן, אומגעפאָרן אין די שטעטלעך מיט עפּעס א זאַך אַף אויסצושפּילן: א זייגער, א פּאָר לײַכטער צי א האַלב טוץ זילבערנע בעכערלעך. אַז אַלע נומערן פלעגן אויספּאַרקויפט ווערן, האָט דער פּעטער שעפּסל זיך אומגעקערט אהיים, פּאַר־בעטן א פּאָר פײַנע ראַשקעווער באַלעבאַטים, און אין קליינעם אַלקערל בא דער באָבע כאַנען פלעגט פּאָרקומען די לאָטעריי. פּונקט אַזויפיל וויפיל עס זײַנען געווען פּאַרקויפטע נומערן, אַזויפיל ליידיקע פּירעקעכדיקע שטיקלעך פּאַפּיר פלעגט מען צונויפקאַטשען, און צווישן די אַלע ליידיקע קוויטלעך איז נאָר איינס געווען דאָס פולע, דאָס מאַזלדיקע. דאָס ארויסציִען די פּאַפּירלעך איז פּאָרגעקומען ערלעך, מיט גרויס געדולד, מיט אַלע פּישטשעווקעס, ניט כאָלילע נאָר אַף אָפּצוקומען. דעם בארמאזל, דעם געווינער, פלעגט דערנאָך דער עלטערער ייִד, דעם פּעטער שעפּסלס שוטעף, אָפּפירן דאָס געווינס גלײַך אהיים. און אַז יענער איז געווען א מענטש מיט א קאָפּ אַף זיך, איז אים אַזוי ניט געגאַנגען אין געווינס, ווי אַליין אינעם געווינען, און ער האָט ערשט פאַר דעם דאָזיקן געווינס שיין באַלוינט.

דאָס איז געווען דעם פּעטער שעפּסלס טועכץ. פון די דאָזיקע ארומפּאָרעכצן האָט ער געצויגן פּאַרן ווײַב און קינד די כאַיונע.

און אָט אַזוי־אָ, פון איינער אַזאַ נעסיִע, האָט זיך דער פּעטער שעפּסל מער ניט אומגע־קערט. אין יענעם פרעמדן שטעטל האָט מען אים מעקאַבער געווען. קיינער פון די אייגענע איז צו דער לעוויִע ניט געפּאָרן. מאכמעס מ׳האָט זיך פון דער גאַנצער געשיכטע דערוווּסט העט שפּעטער, ווען דער שוטעף דעם פּעטער שעפּסלס איז אהיים געקומען פונעם וועג. כ׳קאָן אפילע אצינד פּינקטלעך ניט אָנרופן דעם נאָמען פון יענעם שטעטל.

מ׳איז אָפּגעזעסן שיווע, אָפּגעקלאָגט, און טאַקע באַלד נאָך שיווע, אין א וואָך ארום, איז די מומע ראָכל נעלעם געוואָרן פונעם שטעטל. איבערגעלאָזט דאָס קינד, דאָס אַלקערל, די אייגענע און איז זיך צוריק אוועק צו די קעשענעווער בעטלער־געסלעך אירע, צוריק געוואָרן א פרײַער פויגל.

יעכיליקל האָט אופגעהערט הייסן יעכיליקל און אָנגעהויבן הייסן דאָס יאָסעמל. ער איז שוין דעמאָלט געווען א ייִנגל פון א יאָר זעקס. ער האָט באַלד נאָכן פּאַריאָסעמטקײַט, געדענק איך, באַקומען אַן אנדער מין גענגל: אַזא שטאָלץ, כאַשעווודיק גענגל. ער פלעגט צוויי מאָל אין טאָג, גייענדיק אין בעסמעדרעש ארײַן זאָגן קאַדעש, דורכשפּאַנען די גאַס סטאַטעטשנע, גרויס בא זיך, פּאַרפּוצט אין שאַבעסדיקן קאָסטיומל, דרייען אַזוי איבערנעמעריש מיטן קאָפּ, גאָנבערן זיך, אַז מיר, די שוועסטערקינדלעך זײַנע, אפילע די עלטערע פון אים, ס׳זאָל אונדז ניט זײַן צו קיין בושע, פלעגן אים שיר־שיר ניט מעקאַנע זײַן.

די באָבע כאנע איז מעסוקן פּאַרעלטערט געוואָרן. נאָך דעם זיידן יעכיִעל־אווראָמס טויט, וואָס האָט זי געמאַכט פּאַר א יונגער אַלמאָנע מיט אַזויפיל קינדער יעסוימים, נאָך דער מומע פייגע־ביילען, וואָס איז אין א יאָר ארום נאָך דער כאַסענע, און דאַפקע אין א דאָרף, דאַפקע, ווו ס׳איז דאָ א סאַך לופט, געשטאָרבן פון טשאַכאָטקע, איז דעם פּעטער שעפּסלס טויט געווען דער דריטער קלאָפּ. און ווײַל דער דריטער — פּאַרשטייט זיך, דער שטאַרקסטער קלאָפּ.

די באָבע כאנע איז געוואָרן גראָ און אַלט. דערצו האָבן זיך נאָך דעמאָלט אָנגעהויבן אין

דער מישפּאָכע מאכלויקעסן. מאכלויקעסן צווישן די זין: צווישן טאטן, דעם פּעטער מייערן און דעם פּעטער זוסיען. יערושע־מאכלויקעסן. מישטיינסגעזאָגט! כ׳בין זיכער, אז דאָס איַינ־געהויקערטע נידעריקע יערושע־שטיבל מיטן אייביק צעבראָכענעם, איבערגעפּילטן, שוואַרץ־פאַרגרינטן שינדל־דאך האָט געקאטשעט זיך פאר געלעכטער פון די דאָזיקע מאכלויקעסן. נאָר די מאכלויקעסן זיַינען געווען פֿיַיערדיקע מאכלויקעסן. לעבנס־מאכלויקעסן. פּאַרנאָסע־מאכ־לויקעסן. יעדערער האָט געוואָלט א כיילעק שטיבל מיט א פענצטער אין גאס ארויס אָף צו קענען זיך מאכן א שטיקל פּאַרנאָסע: פארקויפן אָף אן איבערגעקערטן לאָדן א שנירל בייגל, א קווערטל קערלעך, א פלעשל קוואס. און יעדערער האָט געוואָלט, אז נאָר ער זאָל פאַרמאָגן דאָס פענצטער אין גאס ארויס. מאכמעס וואָס פאר א טאָלק קאָן שוין האָבן דאָס שטיקל פּאַרנאָסע, אז ס׳וועלן זיַין איינס לעבן אנדערן דריַי אזעלכע פענצטער אין גאס ארויס? פֿיַיער־דיקע מאכלויקעסן. לעבנס־מאכלויקעסן. דאָס גאנצע שטעטל איז געווען אוף. די קוילעס זיַינען געגאנגען העכער די היַיזער. די דריַי ברידער האָבן זיך איינער דעם אנדערן געמאכט מיט דער בלאָטע, געזידלט זיך, געשאָלטן זיך, אויסגעוואָרפן זיך וואָס אין דער קאָרט. מ׳האָט איינער דעם אנדערן געשלעפּט צו מענטשן, מ׳איז געלאָפן צו בוירערים, דאָרטן ווידעראמאָל זיך געמאכט מיט דער בלאָטע, ווידער זיך געשאָלטן מיט די ערגסטע קלאָלעס, אריַינגעפאָרן זיך אפילע איינער דעם אנדערן אין די בערד, אוועקגעוואָיעוועט אזוי גאנצע נעכט, און אומע־טום טאָמיד מיטגעשלעפּט מיט זיך די באָבע כאנע און דאָס יאָסעמל. וואָרעם אלפּי־דין איז דאָס יאָסעמל, יעכיליק דעם פּעטער שעפּסלס, געווען א גליַיכער יוירעש, ווי אלע דריַי פּע־טערס, געהאט רעכט אָף פונקט אזא כיילעק יערושע, ווי זיי.

סאָפקאָלסאָף איז געוואָרן שטיל. ס׳הייסט, מ׳האָט זיך אזוי צעקריגט, אזוי צעהארגעט, אז מ׳האָט אופגעהערט צווישן זיך ריידן, אופגעהערט קוקן איינער צום אנדערן. און יעדערער האָט פּאָטעפּאָלנע אליין זיך גענומען, וואָס ער האָט געוואָלט. דאָס יאָסעמל האָט מען, ווי אין אזעלכע פאלן, פאַרשטייט זיך, אָפּגעכוימלט. יעכיליקל דעם פּעטער שעפּסלס האָט באקומען יערושע דעם הוילן טויער לעבן שטיבל. דעם טויער, וואָס איז קיין טויער אויך ניט געווען — ס׳איז נאָר געווען אן אָרט אָף א טויער.

דעם טאטנס מיטלסדיקער ברודער, דער פּעטער מייער, האָט א ביסל צוגעהיקעט, בלויז אונטערן מויל איז אים געוואקסן א שיטער צעשפּאָלטן בערדל, ער האָט געהאט א פּאָר פלינקע לויפנדיקע אויגן, האָט זיך ליב געהאט צו קליגערן, אין שטעטל האָט מען אים געהאלטן פאר גאָר א פֿיַינעם יונגנמאן, נאָר די מאמע מיַינע, א מייוונטע אָף מענטשן, האָט אים גערופן קאָל־מום־ראָ.

אים האָבן די מאכלויקעסן וויניק וואָס געארט. פאַרקערט: ביז אין בלוט זאָל מען גיין און אויספירן זאָל קיינער ניט.

אין א ציַיט ארום האָט ער זיך אינגאנצן אָפּגעלאָזט פון די דאָזיקע בידנע פּאַרנאָסעס, צוגעלערנט זיך ערגעץ א ביסל שכיטע, אָנגעדונגען זיך פאר שויכעט אין א דאָרף מיטן נאָ־מען שעפּטעבאן, ערגעץ אין אנדערן עק בעסאראביע, אפן ברעג פונעם פּרוט, באקומען א פּאָר אויסגעגלעטע באקן, א קלייקוידעשדיק־בעקאָוועדיק ביַיכל, און דאָס א פּרווו טאָן די כאלאָפים אפן נאָגל, דאָס א נעם טאָן מיט דער לינקער האנט דאָס אָף בא די פּליגל, א פאַרקלעם טאָן דאָס קעפל מיט די פאַרגלאָצטע אייגלעך צווישן די פינגער, און א כיק טאָן מיט א בראָכע איבערן אויסגעצויגענעם ארומגעצופּטן העלדזל האָט אים שטארק געפּאסט.

דער ייִנגערער ברודער דעם טאטנס, דער פּעטער זוסיע, איז געווען א יונגערמאן א פּלאַ־טשיקער. אפן קאָפּ האָט ער פאַרמאָגט עפּשער צען האָר, ניט מער. איז טאָמיד אומגעגאן אן איבערגעראשטער (די מאמע מיַינע פלעגט אים רופן „פּלאָם־פּלעצל“). אפן פּאָנעם איז אים געלעגן אויסגעצויגן א פרום־נאריש־קינדיש־לעקישעוואטע שמייכעלע. ער איז אזוי דאפקע געווען ניט קיין שלעכטער מענטש, ניט קיין שלעכטער לויטן כאראקטער, אפילע א סענטימענ־טאלער, מיט א טרער אמאָל אין אן אויג. איז געווען דער איבערגעגעבנסטער מאן צום וויַיב, צו דער מומע טובען — אן אלטע מויד, מיט וועלכער מ׳האָט אים כאסענע געמאכט, — און דער געטריַיסטער טאטע צום איינציקן קינד זייערן, א ייִנגעלע, אויך א יעכיליקל. ביידע, די מאמע מיטן קינד, זיַינען, נעבעך, אומגעקומען מיט א שרעקלעכן טויט פון די פאשיסטן, ייִמאך שמאָם וועזיכראָם.

אים, דעם פּעטער זוסיען, זיַינען גאָר, דאכט זיך, די מאכלויקעסן געפעלן. ער האָט, אפּאָנעם, געזען אין זיי ניט קיין מאכלויקעסן, נאָר א מין שפּיל אין מאכלויקעסן: סע ראשט זיך, סע טוט זיך, ס׳איז פריילעך אין שטעטל.

די איינציקע צוויי, וועמען די דאָזיקע קריגעריַיען האָבן געוויַיטעקט, ניט געוויַיטעקט, נאָר פאַרקירצט די יאָרן, זיַינען געווען די באָבע כאנע און דער טאטע מיַינער.

כ׳געדענק דעם צאר אין זייערע ביידנס טיף־איַינגעפאַלענע, שוואַרצע, טרויעריקע אויגן אין יענער צײַט. שוין דערפון אַליין, וואָס מאמע און זון האָבן כאַדאַשימוויַיז צווישן זיך ניט גערעדט, ניט אָפּגעגעבן זיך קיין גוטמאָרגן. שוין אַליין פון די לאָדענישן, וואָס מ׳האָט זיך אַלעמאָל געלאָדן צווישן מענטשן. דעם טאַטן איז פון יענער צײַט פאַרבליבן א כאָרכלענדיקע זיפּצעניש אַף אַלע יאָרן, ביזן סאַמע טויט. און דער באָבע כאַנען האָט זיך פון די דאָזיקע מאַכלויקעסן אויסגעקאַטשקעט א ראַק אין בויך, פון וועלכן זי איז טאַקע אינגיכן געגאַנגען פון דער וועלט.

נאָר דאָס אַלץ איז א קאַפּיטל פאַר זיך. ניט דאָס קאַפּיטל זײַנען מיר איצט אויסן. איצט דערציילן מיר וועגן איין יעכיעל דעם פעטער שעפּסלס, וועגן יאָסעמל.

וואָס וועט פון אים אויסוואַקסן? וואָס וועט זײַן פון אים דער טאַכלעס? וואָס מאַכט מען פון אים?

וואָס מע מאַכט פון די קינדער, וואָס זײַנען, קיין איַינהאָרע, בא אַלע פעטערס און מומעס געוועזן היפּשלעך אין דער צאָל, איז דעמאָלט ניט געוועזן פון די גרינגע שײַלעס. נאָר מיטן יאָסעמל, וואָס האָט זיך איטלעכן געפּלאָנטעט פאַר די פיס און איז יעדן איינעם פון די אייגענע געשטאַנען פאַר דער וועלט ווי א דאָרן אין אויג, איז די דאָזיקע שײַלע געוועזן האַרבער ווי אַלע.

יעכיליקל האָט זיך אופגעהאַלטן בא דער באָבע כאַנען. געדרייט זיך אין קלייטל, געפאָלגט א גאַנג, צוגעהאָלפן באַדינען א קוינע מישטיינסגעזאָגט: אָפּוועגן א קילאָ קאַרטאָפליעס, א פונט פּאַסאָליעס, געשריגן אין א מאַרק־טאָג אַף א גערגלדיק־כאַזאָניש קעלעכל: „רעסעריטע, רעסעריטע, דאַי לאַ ליוו!“ קערלעך, הייסט עס, קערלעך, צוויי קוואַרטלעך פאַר א ליי! א פּאָר יאָר האָט ער געלערנט אין כיידער. צוגעגאַנגען ביז... ביז איוורע. אַזוי דאַפקע אופגעוואַקסן א גראָבטשינקער, א ברייטלעכער, עמעס מיט א ביסל צו א גרויסלעכן קאָפּ, אָפּאָנעם איבער דער זאָלאָטוכע, פון וועלכער ער איז קיינמאָל ניט ארויס.

די באָבע כאַנע האָט געצויגן פון זיך די קליי און אים יאַקאָש ניט געלאָזט פאַלן. נאָר וויפל איז דער שיר? און עס הייסט דען בא דער באָבע כאַנען? עס הייסט דאָך גאָר בא דעם פעטער זוסיען, וואָס וווינט אינאיינעם מיט דער באָבע כאַנען. פאַרוואָס זשע עפּעס נאָר דער פעטער זוסיע? און פאַרוואָס ניט דער פעטער מייער, פאַרוואָס ניט דער פעטער איציק, שעפּסל איז דען זייער ברודער ניט געווען?

האַקיצער, עס זײַנען נאָר שטיל געוואָרן די מאַכלויקעסן איבער דער יערושע, האָבן זיך אָנגעהויבן נײַע מאַכלויקעסן איבערן יאָסעמל. קוילעס זײַנען ווידער געגאַנגען העכער די הײַזער. די ברידער, אַלע אָנגעצונדענע, האָבן זיך געקלאַפּט אין האַרצן מיט די קולעקעס. מ׳האָט זיך ווידער אויסגעוואָרפן וואָס אין דער קאָרט. מ׳איז ווידער געגאַנגען צו מענטשן. און ענדלעך איז דער גרויסער פּסאַק, דער גרויסער גזאַר, ארויסגעטראָגן געוואָרן: א באַלמעלאָכע. באַצײַטנס מאַכן פון יעכיליקל דעם פעטער שעפּסלס א באַלמעלאָכע.

הייבט זיך אָן א נײַע מײַסע: וואָס זשע פאַר א באַלמעלאָכע? א שנײַדער כאַלילע? כאַלילע א שוסטער, א בעקער, א סטאָליער? מיט איין שמיר טאָן א פאַרשמיר דעם גאַנצן ייִכעס דער מישפּאָכעס? (וויאַזוי ס׳איז אין די קוואַרטלעך קערלעך צוויי פאַר א ליי געלעגן אַזאַ גאַנצער ייִכעס, הייב איך נאָך הײַנט ניט אָן צו פאַרשטיין). מ׳האָט זיך ווידער געראַשט, ווידער געריסן איינער פון אַנדערן שטיקער, ס׳איז ווידער געווען פריילעך אין שטעטל, און ס׳איז געבליבן — א בלעכער. אי דאָס ניט אין ראַשקעוו. ערגעץ אַנדערש.

די אַלע געשיכטעס געדענק איך ווי דורך א כאָלעם. איך געדענק נאָר גוט יענעם טאָג, ווען יעכיליקל דעם פעטער שעפּסלס איז געקומען צו אונדז זיך געזעגענען. ער איז ארײַנגעלאָפן אין שטוב א פאַרפּלאָמטער, אָן אָנגעגוידערטער, פאַרפּוצט אינדערוואָכן אין שאַבעסדיקן קאָסטיומל, ווי אין יענעם יאָר, ווען ער פלעגט צוויי מאָל אין טאָג שפּאַנען אין בעסמעדרעש ארײַן זאָגן קאַדעש. ער איז ארײַן און א געשריי געטאָן אַף א קאָל:

— מומע, כ׳בין געקומען זיך געזעגענען. כ׳פאָר קיין בעלץ!

— א ווייטעק איז מיר, קיין בעלץ? — האָט זיך די מאַמע אָפּגעווישט די הענט אין פאַרטעך און איז פלוצעם געוואָרן שטאַרק גוט צו אים. — וואַרט אויס, זעץ זיך אַנידער, עס עפּעס, טרינק עפּעס, נא דיר מיט אין וועג א פּאָר שטיקלעך מאַלײַ!

נאָר יעכיליקל האָט ניט געוואָלט עסן און ניט געוואָלט טרינקען און ניט געוואָלט אין וועג קיין שום שטיקלעך מאַלײַ. ער האָט זיך א גאָנער געטאָן, ווי א גרויסער מעיוכעס, און געזאָגט, אַז ער האָט קיין איין מינוט ניט קיין צײַט. ער אײַלט זיך, די פור שטייט שוין און וואַרט אַף אים. און מיר, אַלע שוועסטערקינדלעך זײַנע, פון קליין ביז גרויס (איך בין שוין דעמאָלט, דאַכט זיך, געווען א באַרמיצווע־ייִנגל), זײַנען ארויס מיט אים אין דרויסן באַגלייטן אים.

דאָס פורל, וואָס איז געפאָרן קיין בעלץ, האָט זיך אופגעהויבן אף דעם ראשקעווער בארג־ארוף מיט א מעסוקענעם סקריפען. אינווייניק אין פורל זײַנען געזעסן א פּאָר צעשויבערטע ווײַבער. די איבעריקע פּאַרשוינען זײַנען נאָכגעגאַנגען הינטערן פורל צופוס. יעכיליקל דעם פעטער שעפסלס האָט געשפּאַנט אין דער מיט צווישן אַלע זײַנע שוועסטערקינדער.

אפן וועג האָט ער זיך פּלוצעם אָנגעכמורעט, בארויגזלעך א בורטשע געטאָן:

— כ׳בין גרויס אין די אויגן. מע פאַרוואַרפט מיך אין דער פרעמד. נו, נו, כ׳וועל נאָך אַלעמען ווײַזן, וואָס איך קען!

נאָר דאָס רויגעזן זיך האָט געהאַלטן איינע פּאָר מינוט. ער האָט באַלד ווידער אָנגעהויבן דרייען איבערנעמעריש מיטן קאָפּ, שפּאַנען מיטן שטאָלצן כאָשעוודיקן יאָסעם־גענגל זײַנעם.

און אויבן אפן בארג, ווען ער איז ארופגעקראָכן אפן פורל און דאָס פורל האָט זיך אָנגעהויבן דערוויַיטערן פון אונדז, זײַנען מיר אַלע געשטאַנען און געפאָכעט מיט די הענטלעך און יעכיליקלען דעם פעטער שעפסלס בעפּירעשע שטארק־שטארק מעקאַנע געווען.

א קליינינקײַט — בעלץ! אזא שטאָט. מיט גלײַכע גאסן, מיט הויכע שמאָלע קוימענס. מיט וואָס ניט?

א מעסוקן גליקלעכער יעכיליקל דעם פעטער שעפסלס.

נאָר ווער קאָן זיך צו אים גלײַכן? — פאָרט א יאָסעמל!

א געשעעניש שפּעט באנאכט

דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט מיט אַן עלנבויגן אין צעעפנטן קאבינע־טירל פון דעם איינציקן אוטאָבוסל אין האַלב־פינצטערן פּאַרט־געסל אנטקעגן טויער פונעם פּעאַדאָסיער יאַם־פּאָרט, האָט אף מײַן פראגע, ווּהין דאָס אוטאָבוסל פאָרט, אי א קוק געטאָן אף מיר מיט א בייזן שפּיציקן קוק, אי פונקט אזוי־אָ בייז און שפּיציק א בורטשע געטאָן:

— ווּהין דארף מען, עס זאָל פאָרן?

— כ׳דארף קיין קאָקטעבעל. אין יִשעוו פּלאַנערסקע.

— אהא!

— וואָס זשע, איר זענט עפשער פון דאָרטן?

— און אז מע פאָרט דורך דאָרטן, טויג ניט? — האָט ער אַלץ געענטפערט אזוי־אָ אויסטערלישׂ בייז, אָפּגעהאַקט און שוין אפילע געקוקט ניט צו מיר, נאָר ערגעץ ווײַטער, איבער מיר.

— כ׳מיין, מ׳עט קאָנען מיט אײַך צופאָרן? איר פאָרט נאָך הײַנט, שוין? — האָב איך בעפּירעשע געוואָלט, ער זאָל בעסער א זאָג טאָן, אז ניט הײַנט, מאָרגן, קיינמאָל ניט.

— מ׳עט פאָרן. אין א שאָ ארום. כ׳דארף נאָך דאָ עמעצן באַגעגענען.

— די שיף איז שוין אָנגעקומען. איך בין דאָך טאקע מיט איר אָנגעקומען!

— אַן אנדער שיף. מ׳עט פאָרן. מירן אײַך דאָ ניט לאָזן. מירן אײַך נעמען.

כ׳האָב זײַטלדיק געכאַפּט א קוק אפן דאָזיקן מענטשן. די רייד זײַנע האָב איך נאָך ניט באַוויזן גוט צו צעקײַען (ווער איז דאָס דער „מיר״? וואָס איז דאָס פאר א מין „נעמען״?), נאָר עפּעס איז ער מיר באַלד ניט געפעלן. עפּעס זעט ער גאָר ניט אויס ווי קיין שאָפער, גייט ניט אָנגעטאָן ווי קיין שאָפער. א שטרויענע שליאַפּע אפן קאָפּ, א ברייט אָפּגעלאָזט רעקל, א ווײַס העמד אונטערן רעקל. באקן געבערגלטע, קאַנטנדיקע, גריבערדיקע, אזעלכע באקן איז שווער אויסצוראַזירן. כוץ דעם, וואַקסן טאָמיד אף אזעלכע באקן הארטע שטעכיקע בערד. ס׳הייסט, אַן אנדערס מאָל, באטאָג, וואָלטן אזעלכע באקן געווען באקן, ווי באקן. נאָר איצט־אָ, נאָך האַלבער נאכט, אין דאָזיקן פּוסטן פינצטערן פּאָרט־געסל, איז א הארטע שטעכיקע באָרד א סימען פון א הארט גאזלאָניש הארץ. דאָס בייזע אָנגעכמורעטע פּאָנעם וואָלט עפּשער אַן אנ־דערס מאָל, באטאָג, געווען א געוויינלעך פּאָנעם פון א מענטשן, וואָס האָט זיך זײַנע צאָרעס, זײַנע שטימונגען. איצט איז עס א סימען דער רועך ווייסט וואָס. הײַנט די דאָזיקע רייד. דאכט

זיך, פּאָשעטע רייד, נאָר עפּעס זעען זיי מיר איצט אויס סוידעסדיקע, יעדעס וואָרט מיט א רעמעזל, מיט אן אָנצוהערענישל, א צווייַדייַטיקס. ניט אומזיסט, אפּאָנעם, האָט דער שאָכן מייַנער אין דער שיף־קאַיוטע, א ייִדע, וואָס שפּאַצירט זיך דורך מיט דער שיף אפן יאַם, גלאַט אזוי זיך, לעשעם אָפּרו, פון אָדעס קיין באַטום און צוריק, מיר עטלעכע מאָל א זאָג געטאָן:

— ערגער, הערט איר, פון אלצדינג אין דער וועלט איז בא מיר אָנקומען אין א פרעמד אָרט באנאכט. כ'בין אייַך ניט מעקאַנע!

מיר זייַנען מיט דעם ייִדן געלעגן אין קאַיוטע א בעטל קעגן א בעטל, אומגעשפּאַנט הין און הער אף דער שיף־דעק, שאָענווייַז אָפּגעשטאַנען איבערגעבויגענע איבער די שיף־פּאָרענטשעס, און כ'האָב אין זיך אלץ געשמייכלט פון דעם דאָזיקן ייִדן: הער־הער, וואָס בא א ייִדן איז ערגער פון אלצדינג אין דער וועלט!

איצט שמייכל איך שוין גאָרניט. כ'שטיי איינער אליין מיטן טשעמאָדאַנטשיק אין דער האַנט און קוק אַרום און אַרום אף די פאַרקלאַפּטע טיר־און־טויער. כ'בין ניט פון די גרויסע גיבוירים, נאָר שרעקן זיך, טראַכט איך, איז נישטאָ וואָס. ס'איז פּאָשעט עפּעס פּריקרע, אומהיימלעך. אַרום יאַם־פּאָרט שוואַרצט זיך אוועק א הויכער שטיינערנער פּלויט. דער אַרייַנגאַנג אין פּאָרט איז שוין פאַרמאַכט. די עטלעכע פּאַסאַזשירן, וואָס זייַנען מיט מיר איניינעם מיט דער שיף אָנגעקומען, קערן שוין זייַן בא זיך אין דער היים. געוועזן גענויטיקט פאָלגן דעם ייִדן און באַצייַטנס א בעט טאָן עמעצן פון זיי מיטנעמען מיך איבערנעכטיקן. לעבן אַרייַנגאַנג אין פּאָרט שטייען עטלעכע ליידיקע בענק. די פּאַסאַזשירן, וואָס זייַנען אף זיי געזעסן און געוואַרט אף דער שיף, קערן זיך שוין איצט וויגן אין די קאַיוטעס זייערע. אייגנטלעך, וואָלט מען זיך גאַנץ שיין געקאָנט צושפּאָרן דאָ אף א באַנק און איבערוואַרטן אזוי ביז פאַרטאָג. וויפל איז דען געבליבן צו וואַרטן וויפל? וויַאזוי זשע זיצט מען עס איינער אליין, באנאכט, אין דרויסן, אין א פרעמד אָרט? צו אלדי גוטע יאָר! ווער האָט מיך געבעטן כאַווערן זיך מיט דעם דאָזיקן ייִדן אף דער שיף?

כ'האָב אוועקגעשפּאַנט לענגויס דעם פּלויט זוכן א האָטעל. דאָס האָט מען גענויטיקט טאָן באלד, פון אָנהייב. א צוויי הונדערט מעטער רעכטס לעבן אַרויסגאַנג פון פּאָרט, — האָט מיר עמעצער נאָך געייצעט אף דער שיף, — איז פאַראַן א האָטעלכל. קיין פּלעצער זייַנען טאַקע דאָרטן איצט מיסטאַמע ניטאָ, נאָר אויב איבערזיצן אף א באַנק, איז דאָך גלייַכער אינעווייניק, אין א שטוב, איידער אין דרויסן, אין דער פינצטער, אף דער גאַס. נאָר אינמיטן וועג האָב איך מיך צוריק אומגעקערט. ערשטנס, בין איך פּלוצעם אַרייַן ערגעץ צווישן ביימער, צווישן קוסטעס, זיך קוים אויסגעפּלאָנטערט. צווייטנס — איז מיך מיטאַמאָל באַפאַלן א מעסוקן ראַכמאָנעס אף זיך אליין. פאַרוואָס בין איך אזא קליין שוואַך מענטשל? פאַרוואָס בין איך ניט קיין באַלעבאָס אף זיך? דער קאָפּ טראַכט דאָך אַנדערש, פאַרוואָס זשע זייַנען די שוואַכקייַטן מייַנע שטאַרקער פונעם קאָפּ? עס שטייט און עס וואַרט א פּאַרטיקער אווטאָבוס, אין א פערציק מינוט אַרום וועל איך זייַן דאָרט, ווו איך דאַרף, וועל שלאָפן אף א ווייך געלעגער, וועל ניט דאַרפן פאַרלירן מאָרגן קיין האַלבן טאָג — און דאָ פּלוצעם האָט זיך צעשפּילט אין מיר די קראַנקע פאַנטאַזיע: דאָס זען זאַכן מיטן קאָפּ אַראָפּ. כ'האָב געשפּאַנט צוריק גאָר אַן אַנדערער, א לעבעדיקערער, א פעסטערער בא זיך. און האָב, דעם עמעס געזאָגט, טיף אין זיך געהאַט איין שטיקל האָפענונג: דאָס אווטאָבוסל איז שוין מיסטאַמע אוועקגעפאָרן.

נאָר דאָס אווטאָבוסל, מאָלט אייַך, איז נאָך גראַדע געשטאַנען אפן פּלאַץ. דער מענטש מיטן בייזן שפּיצעכיקן פּאָנעם איז שוין געזעסן אין קאַבינע מיט די הענט אפן רודער, אפּאָנעם טאַקע נאָר געוואַרט אף מיר. מאַכמעס אין דער רעגע, ווען איך בין צוגעקומען, האָט אָנגעהויבן אַרבעטן דער מאָטאָר און ס'האָבן זיך געגעבן א צינד אָן די צוויי פּעדערשטע לעמפּ פון אווטאָבוס. זעט אויס, לעפּאָנעם, — האָב איך א טראַכט געטאָן, — זאָגט ער מיר גאָרניט, טוט מיך ניט קיין רוף, גלייַך ווי ער איז גאָר ניט פאַרינטערעסירט אין מיר. נאָר אז כ'האָב א פרעג געטאָן, צי מעג מען זיך אַרייַנזעצן, האָט ער פּונקט אזוי בייז און אויסטערליש, ווי פריִער, א בורטשע געטאָן:

— אבי מע וויל נאָר!

און דאָס אווטאָמאַטישע טירל פונעם אווטאָבוסל האָט זיך געטאָן אַן עפן אויף.

כ'בין אַרייַן אינעווייניק, אוועקגעשטעלט דעם טשעמאָדאַנטשיק, אוועקגעזעצט זיך, און טאַקע באלד אפן אָרט, בין איך זיך מוידע, כאַראָטע געהאַט דערויף. דאָס אווטאָבוסל האָט אָנגעהויבן יאָגן איבער די פּעאָדאָסיער גאַסן. איניינעם מיט מיר, זע איך, זיצט אינעווייניק איין פּאַסאַזשיר, א יונגערמאַן אין ברילן, עפּעס צו א שטילער יונגערמאַן זעט ער מיר אויס. אפּאָנעם, אף אים האָט דאָס אווטאָבוסל געוואַרט. אים האָט דאָס דער מענטש געדאַרפט באַגעגענען.

װער זאָל ער זײַן, דער יונגערמאַן? עפּעס גאָר אַ יונגיטשקער, גאָר־גאָר אַ שװײַגנדיקער. פֿאַרװאָס טוט ער מיך עפּעס ניט אַ פֿרעג? פֿאַרװאָס טוט ער מיך אַפֿילע גוט ניט קײן באַטראַכט? דאָס אױטאָבוס יאָגט איבער פּוסטע באַנאַכטיקע גאַסן. גאַס־אײַן, גאַס־אױס. קײן לעבעדיקן נעפֿעש זעט מען ניט. קײן שײַן ניט אין קײן פֿענצטער. קײן אָפֿענע טיר ניט. אין בײדע זײַטן שמײַסן דורך הײַזער מיט אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן, מיט פֿאַרקײטלטע לאָדן. שטערן פֿינקלען אױף שװאַרצע דעכער. מיר טראַסקען אַריבער אַ בריקל. עס לױפֿט אונדז אַנטקעגן אַ סלופּ מיט אַ שװאַך עלעקטריש לעמפּל אין דער הײך. נאָכאַמאָל אַ גאַס, װידעראַמאָל אַ גאַס. פֿעאָדאָסיע, װײס איך, איז, דאַכט זיך, גאָר ניט אַזאַ גרױסע שטאָט. דער אױטאָמאָביל לױפֿט מיט אַ מעסוקענער גיכקײַט. פֿונװאַנען זשע נעמען זיך אַזױפֿיל גאַסן? װאָס ציִען זײ זיך אַזױ לאַנג? ביז מיר זײַנען נאָך אין שטאָט, טראַכט איך, איז נאָך צײַט אַ געשרײ צו טאָן, די מאַשין זאָל זיך אָפּשטעלן. צי װעט זי זיך אָבער אָפּשטעלן? און אַז זי װעט זיך יאָ אָפּשטעלן, אַ שײן פּאָנעם װעל איך האָבן, האַ? כוץ דעם, װערט מיר מיטאַמאָל אױף אַ רעגע אַלצײנס. מײלע. פֿאַרפֿאַלן. זאָל זײַן, װאָס עס װעט זײַן.

פֿון דער אַנדערער זײַט, טוט אַ בליק אױף דער סײכל־האַיאָשער און זאָגט מיר אונטער, אַז ס׳איז גאָרניט, ס׳װעט גאָרניט זײַן. כ׳װײס דאָך גוט, אַז ס׳איז ניט מער, װי צעשרױפּטקײַט, אָנגעגליטקײַט. ער שלעפּט מיך צוריק אַראָפּ צו דער ערד, דער סײכל־האַיאָשער. צו פּאָשעטקײַט. קימאַט־קימאַט צום עמעס. אױב פֿאַנטאַזירן, פֿאַרװאָס זשע ניט פֿאַנטאַזירן מענטשלעך, געװײנלעך? אַ סאָװכאָזיש אױטאָבוס. אַ פּלעמעניק אַ סטודענט, לאָמיר זאָגן, איז געקומען בײַס די קאַניקולן אױף אָפּרו קײן קרים צו אַ פֿעטער אַ בריגאַדיר, אָנגעקומען מיט דער שיף באַנאַכט. דער פֿעטער, פֿאַרשטײט זיך, האָט אים געמוזט פֿאָרן באַגעגענען, געמוזט אױסבעטן באַם סאָװכאָז־דירעקטאָר דאָס אױטאָבוס, אױפֿגעפּאַטערן אַ נאַכט, באַלד פֿאַרטאָג דאַרף ער זײַן באַ דער אַרבעט, איז ער בײזלעך, דער פֿעטער, װאָדען זאָל ער, ניט זײַן בײזלעך? הער־הער. אַ געלעכטער, כלעבן.

כ׳האָב געכאַפּט אַ קוק צום „פֿעטערס" הענט אױפֿן רודער, באַטראַכט זײַן פּלײצע, און זי, די פּלײצע, איז מיר נאָך װײניקער געפֿעלן, װי דאָס פּאָנעם זײַנס. עפּעס אַ מין שטומע, פֿאַרקלעמטע, סוידעסדיקע פּלײצע. אין אײן אױגנבליק האָט זי געגעבן אַ טראָג אָן אױף מיר צענדליקער מײַסעס, אײנע שרעקלעכער פֿון דער אַנדערער. צענדליקער געשעענישן. און דער סײכל־האַיאָשער איז זיך אין די דאָזיקע מײַסעס צעגאַנגען, װי אַ לעפֿעלע צוקער אין אַן עמער עסיק.

דאָס אױטאָבוס איז שױן געלאָפֿן אַרױס דער שטאָט, באַרג־אַרױף. װאָס פּלוצעם באַרג־אַרױף, אַז קאָקטעבעל, װײס איך, איז פּונקט, װי פֿעאָדאָסיע, אױפֿן סאַמע ברעג פֿונעם יאַם? אַרום דער מאַשין — אַ װײַטע שװאַרצע פּוסטקײַט. אין פֿעדערשטן ביסל שײַן פֿון די פּראָזשעקטאָרן הײבן זיך אָן קאָסע אַרײַנרוקן פֿון בײדע זײַטן בײמער־געדיכטענישן. מיר פֿאָרן, אַפּאָנעם, אַרײַן אין אַ װאַלד. אָ־דאָ איז דאָס פּאַסיקסטע פּלאַץ. די מאַשין װעט זיך מיטאַמאָל גיך אָפּשטעלן. מע װעט מיר מיט עפּעס געבן אַ ליש איבערן קאָפּ. נע, מע װעט דערװײַל נאָר אַ זאָג טאָן: „עפֿן, ברודערל, אױף דעם טשעמאָדאַנטשיק!" און װען זײ װעלן זען, אַז מער װי אַ צװײ פּאָר הױזן, עטלעכע העמדער און אַ פּאָר ביכער איז דאָרט נישטאָ, װעט זײַן נאָך ערגער. אַלקאָלפּאָנעם װעט דאָס גאָרניט העלפֿן: סײַװיסײַ װײס איך שױן, װער דאָס איז, װעל קאָנען אָנגעבן, אָנװײַזן אױף זײ. קײן לעבעדיקער װעל איך שױן, הײסט עס, פֿונדאַנען ניט אַרױס.

כ׳האָב דערזען, װי דער מענטש לעבן רודער נעמט מיט דער רעכטער האַנט אַרױס עפּעס אַ זאַך פֿון דער קעשענע און טוט זי גיך אַ לײג אַװעק נאָענט לעבן זיך. ס׳האָט מיר אָנגעהױבן טונקלען אין די אױגן. װי דורך אַ זיפּ זע איך, װי ער פֿירט די מאַשין בלױז מיט דער לינקער האַנט, און מיט דער רעכטער באַאַרבעט ער זיך אין דער דאָזיקער זאַך, באַאַרבעט זיך, באַאַרבעט זיך, און טוט אַ שטעק אַרײַן אַ פּאַפּיראָס אין מױל.

אַזױ־אָ, מיט דער אײנער רעכטער האַנט, באַאַרבעט ער זיך דאָרט אַ פּאָר רעגעס װידער, און עס טוט אַ פֿלעמל אױף אַ פֿײַערל, צינדט אָן דעם פּאַפּיראָס.

טפֿו, צו אַלדי גוטע יאָר! אַ שײנע מײַסע. איך זע, אַפּאָנעם, אַלצדינג מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרױף!

שאַ, מע דאַרף גאָר פּרוּװן אַ טאַפּ טאָן דעם יונגנמאַן אין די ברילן, דעם „פּלעמעניק", זען, צי איז ער טאַקע פֿון ערגעץ אָנגעקומען מיט אַ שיף, צי איז עס נאָר אַ צונױפֿשטעלעניש, אַ טערעץ. דאָס װעט דאָך זײַן דער בעסטער סימען.

— המ... ע, זאָגט מיר, כ׳בעט אײַך, פֿאַרװאָס האָט די שיף פֿאַרשפּעטיקט?

— װעלכע שיף?

— די שיף, אײַער שיף.

— װוּ האָט זי פֿאַרשפּעטיקט?

— כ׳מיין... וואָס הייסט ווו? אַ־דאַ־אַ, אין פּעאַדאָסיע.

— פונוואנען נעמט איר, אז זי האָט פאַרשפּעטיקט?

— כ׳זאָג ניט, אז זי האָט פאַרשפּעטיקט. דאָס פרעג איך דאָך. אינטערעסאַנט צו וויסן.

מער האָט דער דאָזיקער שוויַיגנדיקער יונגערמאַן ניט גערעדט. און מער האָב איך בעשום־אויפן ניט געקאָנט צוטראַכטן נאָך עפּעס אים א פרעג צו טאָן. כ׳בין געזעסן און פאַוואָלינקע צעדרויבלט זיַינע ענטפערס. אז מע וויל, זאָגן זיי מיר, אז ער איז שוין גראַדע יאָ אָנגעקומען מיט דער שיף. און אז מע וויל, זאָגן מיר זיַינע ענטפערס, אז ער ווייסט אזוי פון א שיף, פונקט ווי איך וויס, אשטייגער, ווהין דאָס אווטאָבוסל יאָגט מיט מיר. אָף די ליפּן זיַינע, זע איך, איז געבליבן הענגען א דין פעדעמדיק שמייכעלע. עפּעס גאָר א דינס, גאָר א באַהאַלטנס, גאָר ניט קיין וואַזשנע שמייכעלע.

דאָס אווטאָבוסל איז דערוויַיל אַרויס פון דער וואַלד־געדיכטעניש, אָנגעהויבן לויפן באַרג־אַראָפּ, דאַכט זיך פאַרקערעוועט אָף א זיַיטיק זיגזאַגיש וועגל. אין וואַלד איז, הייסט עס, גאָר־נישט ניט געשען: די מאַשין האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, מ׳האָט מיר מיט גאָרנישט ניט געגעבן איבערן קאָפּ, מ׳האָט מיר קיין האָר ניט געטשעפּעט. איז עס גוט, צי ס׳איז ניט גוט? אוודע ניט אזוי גוט. ס׳איז טאַקע א וועלדל, ס׳איז אָבער אַן אָפענער טראַקט. באַלד קאַיאַר וועלן אָנפאַרן מאַשינעס און וועלן געפינען סימאָנים, שפּורן, באַוויַיזן. וואָס פאַרא גאַזלאָנים זיַינען אזוי נאַריש ניט פּאַרזיכטיק? פאַרקערט: אַזעלכע זאַכן ווערן דאַפקע אָפּגעטאָן אינוויַיניק, צווישן פיר ווענט. דאָס אווטאָבוסל וועט זיך טאָן א שטעל אָפּ לעבן א געוויינלעך שטיבל. קיין פּיפּס וועט אַפילע קיינער ניט דערהערן. ס׳וועט ניט איבערבליַיבן קיין שום סלעד ניט. קיינער וועט אַפילע ניט וויסן, ווהין דאָס געביין מיַינס איז אַהינגעקומען.

און ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט. אין עטלעכע רעגעס אַרום האָט דאָס אווטאָבוסל אָנגעהויבן לויפן צווישן היַיזער. היַיזער, ביימלעך, פּלויטן. א טויטע שטילקיַיט אַרום און אַרום. ערגעץ אַנטקעגן, נאָענט דאַפקע, ציטערן אונטער מיט אַן אָפּגלאַנץ אָף א שטיק הימל, אָנגעהויפנט איינס אָפן אַנדערן, אַן א שיר עלעקטרישע פיַיערלעך. נאָר דערוויַיל שניַידט דאָס אווטאָבוסל הוילע שווארצקיַיט, פוסטקיַיט, טויטקיַיט.

און נאָך אין עטלעכע רעגעס אַרום, כ׳האָב זיך רעכט ניט באַוויזן צוצוקוקן ווו און וואָס, האָט זיך דאָס אווטאָבוסל מיטאַמאָל געגעבן א שטעל אָפּ.

ס׳האָט מיך באַשלאָגן א קאַלטער שוויס. כ׳האָב דערפילט אַן אונטערגעהאַקטקיַיט און א נאָגעניש אין די הענט און פיס, ווי אין א נאַסן פאַרכמאַרעטן טאָג. כ׳בין געזעסן און געקוקט, ווי דאָס אווטאָמאַטישע אווטאָבוס־טירל האָט זיך איינס־צוויי געטאָן אַן עפן אויף. דער מענטש לעבן רודער האָט אויסגעדרייט צו מיר דאָס בייזע פּאָנעם זיַינס:

— אָנגעקומען... אַן־אָ איז איַיער קאָקטעבעל!

א פּאָר מינוט בין איך אזוי געזעסן און זיך ניט גערירט פונעם פּלאַץ. און אז כ׳האָב זיך ענדלעך אופגעהויבן, א כאַפּ געטאָן זיך, אז מע מוז דאַרף כאַטש פּארן פאַרן וועג באַצאָלן, און אָנגע־הויבן פּאַרען זיך מיטן בײַטעלע, האָט דער מענטש מיטן בייזן שפּיצעכיקן פּאָנעם א בורטשע געטאָן אָף מיר, קימאַט אָנגעשריגן:

— דאָס ניט. ניין, ניין. נאָר דאָס ניט!

גליַיך ווי ס׳איז גאָרניט פּאָרגעקומען, האָב איך געזאָגט א געוויינלעכן דאַנק, האָב א נעם געטאָן דעם טשעמאָדאַנטשיק און בין פונעם אווטאָבוס אַרויס. און ווען כ׳בין אזוי־אַ מיטן טשעמאָדאַנטשיקל אין דער האַנט דעם אווטאָבוס אַרומגעגאַנגען, האָב איך געזען, ווי אין יענער זיַיט שטייט צעעפנט דאָס קאַבינע־טירל און דער ב ײ ז ע ר מענטש בייגט זיך דורכן טירל אַרויס צו מיר:

— אָט מיט דער־אָ אַלייע! פונקט אַנטקעגן, אָף א טויער, איז אָנגעשריבן: קאָק־טע־בעל!

דאָס אווטאָבוסל איז אוועק. דער ערשטער פאַרדראָס, מיט וועלכן כ׳בין אין יענער רעגע געבליבן שטיין, איז געווען, פאַרוואָס כ׳האָב ניט אויסגעקלאָרט, צי ס׳איז טאַקע א פעטער מיט א פּלעמעניק. נאָר כ׳בין געווען זיכער, אז ס׳איז אזוי. ס׳איז בא מיר נישט דאָס ערשטע מאָל. ווען זאַכן גיבן זיך א שטעל פאַר מיר פּאָפּערעק, שעפּטשעט מיר דער סייכל־האַיאָשער טאָמיד אונטער דעם עמעס, גליַיכט זיי מיט דער ציַיט פּאַוואָליע צוריק אויס.

דערנאָך האָב איך געשפּאַנט אין דער אַלייע מיד און שלאַבעריק, פּלאָנטערנדיק מיט די פיס. זיך געפילט אי קליין, אי שוואך, אי זינדיק.

פון דער זינדיקיַיט האָב איך, פאַרשטייט זיך, געפרוווט אָפּטרייסלען זיך. ארופוואַרפן זי אָף דעם ייִדן, דעם קאַיוטע־שאָכן מיַינעם. נאָר כ׳האָב זי געזען אזוי קליין, אז זי האָט אונדז געקלעקטביידן: אי אים, אי מיר.

מײַן אומרויִקע מוזע

ערעוו־נאכט

דער סייכל קומט צומאָל, ווען ס'איז שוין שפעט.
אָט פאלט די נאכט שוין צו אין אָטשערעט,
די קאטשקעלעך, פארגליווערטע פון קעלט,
זיי לאָזן זיך נאָך קערנער אינעם פעלד.
אַלץ איז אין פעלד פארהילט אין ערעוו־נאכט.
דער טאָג האָט אַלע טויערן פארשפארט,
און ערגעץ גרייט ער זיך זײַן העסעבעט.
ניט שוין זשע איז געוואָרן טאקע שפעט
און כ'דארף זיך אויכעט מאכן א געלעגער?
איך ווײַל נאָך הארעווען, פונקט ווי א גוטער טרעגער,
כאָטש יעדער ביינדעלע עס נאָיעט מיר באנאכט
און יעדער אָדערל עס ווײנט אין מיר און לאכט.
אָך, ווילט זיך, ווי א יאַם־וועל אין איר שווונג,
ניט רוען קיינמאָל און פארבלײַבן יונג.

טויבן

טויבן שרײַען ניט, טויבן וואָרקען,
ווי דער מענטש, ווען דאָס הארץ נעמט אים
טיאָכקען.
טויבן דארפן ניט האָבן קיין ווערטער —
זיי געפינען דעם וועג דעם גערעכטן.

טויבן פליִען אהין, וווּ מע שיקט זיי,
טויבן זײַנען שעליכים געשיקטע,
טויבן קעמפן פאר שאָלעם, ווי מענטשן, —
מאָל זיי, מאָל זיי, פיקאסאָ געבענטשטער.

א ניגן

כ'האָב ליב, ווען א רעגן מאראקעט,
די פראָש אין דער סאזשעלקע קוואקעט.
איך בלאָנקע ארום איבער לאָנקעס,
ביזוואנען א ניגן פארבלאָנקעט,
א ניגן, דערווײַל נאָך אָן ווערטער,
און בלײַבט ערגעץ טיף אין דיר נעכטיקן.

א ליד דארף זיך אויסשטיין
באם דיכטער,
די קלאָרקײַט זאָל ווערן געדיכטער,
דער ווייטעק זאָל האָבן א נאָמען,
אויב ניט, וועט ער נעמען נעקאָמע.

גלייבט ניט

גלייבט ניט דעם, ווער עס זאָגט, אז אים
שרעקט ניט דער טויט,
ס'איז ניט עמעס, ער זאָגט א ליגן.
אפילע א פליג, וואָס איז גרויס, ווי א שרויט,
מיינט — זי איז אייביק, זי האָט דאָך פליגל.

און דער לייב טראכט דאָס זעלבע געוויס
אין דעם וואלד.
טאקע עמעס: עס רימט זיך זײַן גוורע.

אף די הערבן אפילע עס בלאָנקט זײַן
געשטאלט,
ס'איז ניט צײַט נאָך אים ברענגען צו קווורע!

און דאָס גליק פונעם מענטשן באשטייט
מער פון אַלץ,
וואָס ער טראכט ניט פון טויט בא דעם לעבן.
ער איז פאָשעט פארהאוועט, פארטאָן
ביזן האַלדז
און פארגעסט, אז דער טויט איז דערנעבן.

שטרענג איז די וואָר

כ׳האָב געטרונקען פון קויסע סײַ פּײַן, סײַ ווײַן
און פאַרביסן מיט ביטערן פעפער.
מײַן שאָטן פאַלט שטענדיק פון אייגענער שײַן,
פון אַלץ כ׳בין אַליין דער באַשעפער.

ס׳טרעפט, אַז אַ פאַלשער, אומזיניקער קער
שטעלט קאַפויר דיר דאָס גאַנצע לעבן
און ס׳שלײַדערט דיך, וואַרפט דיך אַהין און אַהער
און וויל דיר די זינד ניט פאַרגעבן.

דיר דוכט, אַז עס זשומעט אין גאָרטן די בין,
וואָס האָט קינדווײַז געטראָגן דיר האָניק,
אַז דײַן סאָד איז נאָך גרין, אַז דײַן קאָל איז נאָך דין
און איז צאַרט און געשמאַק און פילטאָניק.

נאָר שטרענג איז די וואָר, און זי טעסעט דיך אָפּ,
ווי אַ ברעט טעסעט אָפּ דער הובל.
און ווילסטו פאַרוואָרפן מיט גאַדלעס דעם קאָפּ,
זאָלסטו שפּעטער פאַריבל ניט האָבן:

ניט וויינען, ניט בײַסן די ליפּן פאַר ווייִ.
דו ביסט שוין ניט פלינק, ווי דער יעגער.
דײַן קאָפּ האָט פאַרשאָטן מיט ווײַסקײַט אַ שנייִ,
איז טראָג אים, דעם אָל, ווי אַ טרעגער.

איך שטיי אַף צוגווינטן

איך שטיי אַף צוגווינטן פון ווירבלדיקע צײַטן.
עס סמאַליעט מיך די זון, עס רופן מיך די ווײַטן.
עס גייט ניט דורך קיין מאַבל, קיין געוויטער,
איך זאָל ניט ווערן שטאַרקער און געניטער.
עס טראָגט מיך איבער שטעט און איבער סטעפּעס,
און רײַכער ווער איך פון דערפון מיט עפּעס.
פונקט ווי די זונרויז, כ׳בין צו דער זון געווענדעט,
נאָר כ׳שטיי ניט אַף קיין אָרט,
מײַן וועג איז ניט געענדיקט.

מיט ווערטער באַלאָדן

מײַן אומרויִקע מוזע
   הענגט צווישן הימל און ערד —
אַף די פּאַסמעס פון רעגן,
און איך וויים ניט, וואָס איז איר באַשערט,
און איך וויים ניט, באַ וועמען צו פרעגן.
עפּשער
   אַ זוים פון אַ ווײַנשלבוים זײַן,
אַבי נאָר פאַלן אין באָדן, —
איידער זיך וויגן טאָג־אויס, טאָג־אײַן
מיט ווערטער באַלאָדן.

נאָר ס׳שוועבט דאָך מײַן מוזע
   איבער דער ערד
און זעט דעם גאַנצן הימל,

און דאָס האָט דאָך אויכעט עפּעס די ווערט
אינעם וועלט־געווימל.

אָט פליט זי, מײַן מוזע,
   צווישן טאָג און נאַכט,
ס׳איז אַרום אַזאַ מילדקײַט.
די שקיִע האָט גאָלד צו די שויבן געבראַכט
און צום האַרץ אַזאַ שטילקײַט.
אַ צויבער פאַרפלייצט דיך
   פון קאָפּ ביז די פיס,
און דו בלײַבסט אַ געפּלעפטע,
אָט וועסטו צום הימל זיך געבן אַ ריס
אַף די פליגל פון דײַנע העפטן...

קינסטלער פײַטל מוליאר

איליוסטראַציעס צו די ווערק פון איסאַק באַבעל

צו דער דערציילונג „אַרגאַמאַק" („רײַטער־אַרמײ")

דער פּאַראַט („רײַטער־אַרמײ“)

דער קינסטלער פּײַטל מוליאַר איז געבוירן געוואָרן אין 1912 אין אָדעס. אין 1928 פאַרענדיקט ער די אָדעסער קונסט־שול און פאָרט אַריבער קיין מאָסקווע, וווּ ער אַרבעט איבער א סעריע פרעסקעס פאַרן מעטראָפּאָליטען און פאַרן צענטראַלן אַנטירעליגיִעזן מוזיי.

מילכאָמע־צײַט שאַפט פּ. מוליאַר בילדער פון פראָנט־לעבן, דערונטער אף דער טעמע וועגן דער פאַרטיידיקונג פון סטאַלינגראַד. ניט ווייניק פון זײַנע ווערק זײַנען אין יענע יאָרן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער צײַטונג „סאָוועטסקאָיע איסקוסטוואָ“, אין זשורנאַל „סמענאַ“ און אין אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס.

א הויכע אָפּשאַצונג האָבן באַקומען פּ. מוליאַרס איליוסטראַציעס צו איסאַק באַבעלס דערציילונגען. א סאַך פון זיי זײַנען עקספּאָנירט געוואָרן אף די ביכער־אויסשטעלונגען אין לײַפּציק און אין דער מאָסקווער קונסט־אַקאַדעמיע. אין 1968 האָט דער קינסטלער פאַרענדיקט א נײַעם ציקל איליוסטראַציעס צו באַבעלס „די רײַטער־אַרמײ“ (36 בויגנס). אייניקע רעפּראָדוקציעס פון אָט דער סעריע פאַרעפנטלעכן מיר אין הײַנטיקן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד“.

א ריי מאָלערישע לײַוונטן פון פּײַטל מוליאַר, אויסגעפילט אין אַקוואַרעל און טעמפּעראַ, זײַנען עקספּאָנירט געוואָרן אף דער מאָסקווער יובילײ־אויסשטעלונג „50 יאָר אָקטיאַבער“, ווי אויך אין דער עקספּאָזיציע, געווידמעט דעם פערטן אַלפאַרבאַנדישן שרײַבער־צוזאַמענפאָר, און אף אויסשטעלונגען אין איטאַליע און אין פראַנקרײַך.

פאַראיאָרן האָט דער מאָסקווער קינסטלער־פאַרבאַנד באַערט פּ. מוליאַרן מיטן דיפּלאָם „פאַר די בעסטע ווערק פון 1968“.

די געשיכטע פון מײַן
טויבנשלאַק

קאַרל־יאַנקל

גדאַליע („רײַטער־אַרמײ")

לעבן זבּרוטש
(„רײַטער־אַרמײ")

שאָלעם-אַליכעם

מענאַכעם-מענדל

(פון דער לעצטער סעריע בריוו)

מענאַכעם-מענדל פון וואַרשע צו זײַן װײַב שיינע-שיינדל אין קאַסרילעווקע

לעזוגאָסי האיעקאָראָ האַכאַכאָמאָ האַצנואָ מאָראַס שיינע-שיינדל שעטיכיע!

ריישיס, בין איך דיר מודיִע, אַז איך בין באָרעך־האַשעם בעקאָוו האַכאַיִם וועהאַשאָלעם, האַשעם־ייִסבאָרעך זאָל העלפן, מ׳זאָל הערן נאָר גוטס מיט בסורעס טויוועס, יעשועס ווענעכאָמעס בעסויך קלאָל ייִסראָעל — אָמיין.

וועהאַשייניס, זײַ וויסן, זוגאָסי האיעקאָראָ, אַז דײַן מענאַכעם-מענדל איז טאַקע אַ שטיק נאָווי; אַזוי, ווי כ׳האָב דיר נעוויִעס געזאָגט, אַזוי איז דאָס מעקויִעם געוואָרן, קימאַט איטלעכס וואָרט; נישט מער, דער „פּיטש-פּאַטש" איז געקומען אַ ביסל צו פּרי, גאָר אומגעריכט, און די אָרעמע קרויווים האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר די גאָרגלען איבער דער רײַכער ירושה, נאָך איידער מע האָט זיי גענומען אויסטיילן די כאַלאָקים. מע האָט נישט געקאָנט דערוואַרטן זיך אַפילע אָף דערעכערעץ כאַטש פון יויצע־וועגן, ביז מע וועט קומען צו פאָרן אָף דער אײַנלאַדונג פון פּייטערבאַרג, כאָטש אָפּשטעקן זיך איינס דאָס אַנדערע דעם ערשטן שאָלעם־אַלייכעם, און — אַהאַ, מע האָט זיך שוין צעדאַמט און סע יושעט בלוט פון אַלע זײַטן — פון די באָלגאַרן און פון די סערבן און פון די גרעקן — ברידער, גוואַלד געשריגן, אייגענע ברידער!.. ס׳איז אַ כאַרפּע, אַ בושע, זאָג איך דיר, זוגאָסי האיעקאָראָ, עס פלאַמט דאָס פּאָנעם, אַז מע לייענט די דעפּעשן, וואָס פליִען פון סאָפיע און פון בעלגראַד, וויִאַזוי איינער לייגט אַרוף אַפן אַנדערן די באַד און וויִאַזוי יעדערער טײַנעט: אַז ער איז, נעבעך, גאָט די נעשאָמע שולדיק, גאָר ניט אין זינען געהאַט זיך שלאָגן, נאָר אַז מע צווינגט אים, וואָס זאָל ער, נעבעך, טאָן. און וויִאַזוי יעדער באַרימט זיך פונדעסטוועגן און קוועלט אָן און שווערט זיך, אַז דער צווייטער צאַד האָט געפּאַטערט 15 טויזנט מענטשן, און דער צווייטער צאַד לייקנט שטיין און ביין און כאַפּט די ערד, אַז דער ערשטער צאַד לײַגט, ווי אַ הונט, דאָס האָט ער גאָר, דער ערשטער צאַד טאַקע, פאַרלאָרן 25 טויזנט מאַן, אַכוץ געפאַנגענע — און דאָס איז צווישן אייגענע, צווישן ברידער און צווישן שוטפים, וואָס זײַנען ערשט נעכטן גע־

געקירצט. אָנהייב זע נומ. 3 און 4 „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן 1969 יאָר.

גאנגען האנט בא האנט, מילכאָמע געהאלטן פון גאָטס־וועגן, געשלאָגן זיך מיט א פרעמדער נעמאָנע! מע האָט דען אין זינען געהאט אן אנדער זאך, אכוץ באפרייַען די אָרעמע סלאוויאנער פונעם טערקישן יאָך? ס׳איז דען געווען אן אנדער מאכשאָווע זאראָ[1], אכוץ אָפרייניקן די באלקאנעס פונעם אומריינעם טערק?.. און דאָס אלצדינג, וואָס דו לייענסט וועגן די 15 טויזנט און וועגן די 25 טויזנט, איז עס נאָך אלץ אָן א מילכאָמע! נאָך אלץ דערווייַל, לעפּי־שאָאָ, גלאט אזוי געשפּילט זיך, געמאכט א מין רעפּעטיציע. א ביזאָיען, כלעבן, א ביזאָיען! הייַנט די נעמען פון די ערטער, וואָס מע שלאָגט זיך דאָרט, זאָלסט לייענען, זאָג איך דיר, איז כוכאָ־אוטלולאָ[2]. מאָל דיר, ס׳איז בא אונדז אויך פאראן גענוג טשודנע נעמען. לעמאָשל, נעם אזעלכע ערטער, ווי „פּערעשטשעפּעני“, „טרעסקיזיליע“, „זשערעביאטניק“, „זדאָנסקי־וואָליע“, „האצעשעטעווקע“, „פּעטעכאטקע“, „צעכאצינעק“ אוקעדוימע — זייַנען זיי גאָלד קעגן די ווילדע נעמען פון יענע ערטער, ווו די באָלגארן מיט די סערבן, מיט די גרעקן בייקערן זיך אצינד! שטייסט אוף אינדערפרי און הייבסט אָן לייענען דעפּעשן, אז אין „קאָ־טשאנע“ און אין „קילקיטש“ האָט מען אויסגעלייגט אזויפיל מענטשן, אין „אישטים“ און אין „טראָפּאָליע“ האָט מען אויסגעשניטן אזויפיל מענטשן, אין „קריוואָלאקאווריקאָ“, אין „רעדקי־באוקי“, אין „קארוועקיטקע“ גיסט זיך בלוט אזוי, ווי וואסער, — נו, פרעג איך דיך, קאָן נישט אָנהייבן נודען נאָר פון די נעמען אליין? דאָס איז אָבער נאָך אלץ בלאָטע! כאסקל קאָטיק מעג זיך פרייען, ער מעג אפילע גיין טאנצן — איך גיי מיר מיט מייַן גאנג און זאָג, אז דאָס איז נאָך אלץ נישט די עמעסע מילכאָמע. די עמעסע מילכאָמע וועט נישט זייַן צווישן די דאָזיקע קליינע מעלוכעלעך, וואָס זעען אויס, ווי פליגן, קעגן יענע גרויסע העלפאנדן, וואָס שטייען נאָך דערווייַל פונדערווייַטנס און קוקן צו, ווי די קונדייסים שפּילן זיך. די עמעסע מילכאָמע וועט זייַן ניט מיט רומעניע, וואָס גרייט זיך זייער שטארק, ציט צונויף איר ביסל כאַיל אף דער גרענעץ. די עמעסע מילכאָמע וועט זייַן אפילע ניט מיטן טערק, וואָס זיצט קוים איַין אפן אָרט, קוקט מיט איין אויג אף אדרינאָפּאָל און מיטן אנדערן אויג אף סאלאָניק און האָט שוין כיישעק זיך א ריר טאָן. ער זאָל מיך פרעגן, דער טערק, הייסט עס, וואָלט איך אים געזאָגט, אז ער זאָל דערווייַל נאָך א ביסל אָפּוואַרטן — ס׳איז נאָך צו פרי... די עמעסע מילכאָמע וועט זייַן גאָר צווישן די „גדוילים“, בעשאס זיי וועלן ארויסטרעטן מאכן א טאָלק צווישן די קליינע ברידערלעך, וואָס האָבן זיך צעדראפּעט. יעדער פון זיי, פון די „גדוילים“, וועט זיך נעמען, מיסטאמע, עמעצן פון די ברידערלעך אונטער זייַן שוץ — און דערפון וועט דאָס ארויס די רעכטע כאסענע! דערווייַל זאָלסטו גאָר קיין יעסורים נישט האָבן — עס האלט נאָך נישט דערבייַ. דערווייַל טוט זיך יעדער זייַן זאך. די דיפּלאָמאטן שארפן זיך די צינגלעך און פראווען וויזיטן איינס צו דעם אנדערן, און די „גדוילים“ שארפן די שווערדן, בויען שיפן אפן יאם און עראָפּלאנען אינדערלופטן, וואָרעם די מילכאָמע, וואָס וועט זייַן, — איך מיין די גרויסע מילכאָמע, — וועט זייַן ניט אפן יאם און ניט אף דער יאבאָשע, נאָר אינדערלופטן. ס׳וועט שוין זייַן איינמאָל א מילכאָמע! נישט מער, דאָס גאנצע גליק איז, וואָס זי וועט לאנג נישט געדויערן. עס וועט באם ערשטן קראך ווערן אזא גוואלד, אז די וועלט וועט א ציטער טאָן, — און דעמלט וועט מוזן ווערן שאָלעם און פרידן און ליכטיק בא אלע פעלקער, און דעמלט וועט קומען די צייַט אויך פאר אונדזערע אכיינו בניי יִסראָעל. פרעמדע, נארעלע, ווילד־פרעמדע וועלן זיך אָנעמען אונדזער קריוודע. סאָנים וועלן ווערן גוטע פרייַנט. און א סאך, א סאך וועלן זיך שעמען און כאראָטע האָבן אף דעם, וואָס מע האָט אומזיסט און אומנישט פארגאָסן בלוט... דאָס וועט אָבער אלץ זייַן אמאָל, אמאָל... און דערווייַל איז ניט גוט מיט אונדז, זוגאָסי האיעקאָראָ, זייער ניט גוט! דו שרייַבסט מיר, אז איך שרייַב ניט דאָס, וואָס מע דארף שרייַבן... גלייב מיר, אז איך ווייס עס אליין גאנץ גוט. און נאָך איידער דו האָסט עס מיר געשריבן, האָב איך אליין שוין אין זינען געהאט זיך א נעם טאָן קוידעמקאָל צו דער עמיגראציע. איך האָב שוין אויסגעארבעט א גאנצן פלאן, אפילע מיט אלערליי טאקאָנעס, וויַאזוי אונדזער עמיגראנט זאָל זייַן באוואָרנט פון די אגענטן מיט גאנאָווים, גאזלאָנים, רויבער און באלעטויוועס אף דער זייַט גרענעץ און אף יענער זייַט גרענעץ און ביז ער קומט אפן אָרט. דער פלאן מיט די טאקאָנעס איז שוין בא מיר פארטיק ארום און ארום, און איך רעכן ארויסגעבן דאָס אין א באזונדער ביכל, אימירצעשעם, אָפּדרוקן זעקס מיליאָן ביכלעך און צעשיקן זיי אומזיסט בעכאָל טפוצעס יִסראָעל[3]. ס׳איז דערווייַל נאָר א שטיקל מעניַע אין געלט. אָפּדרוקן דאָס ביכל, פארשטייסטו מיך, באדארף קאָסטן א שיינע קאָפּעקע! דאָס הייסט, דאָס דרוקן אליין איז בלאָטע. עס וועט מיך נישט

---

[1] מחשבה זרה — א פרעמדער געדאנק; [2] חוכא וטלולא — א כויזעק, א געלעכטער; [3] בכל תפוצות ישראל — אומעטום, ווו עס זייַנען פאראן ייִדן.

קאָסטן גאָרנישט ניט. איך האָב אַ רעד געגעבן מיט מײַנע פרײַנט, מיט די זעצערס, זיי אַ ווײַז געגעבן דעם פלאַן אַף פאַפיר, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז עס דאַרף נעמען בײַ זיי אינגאַנצן אַזאַ שאָ צײַט, אָדער צוויי, וועלן זיי דאָס, צוליב מיר און צוליב דעם, וואָס ס׳איז אַ טויוועס־האקלאַל־זאַך, אויסזעצן מיר אָן אַ גראָשן געלט. נישט מער, איין זאַך — דאָס דרוקן און דאָס פאַפיר. איך ווייס נאָך ניט, וויפל מע דאַרף פאַפיר. בין איך אַריבערגעלאָפן צו כאַסקל קאָטיק. ער האָט שוין אַרויסגעגעבן אַ סאַך אַזעלכע ביכלעך, איז ער אין די זאַכן געניט. און מיר האָבן ביידע געגעבן אַרוף דעם כעזשבן אַף דער פען, לאָזט זיך אויס, אַז פאַפיר אַליין אַף זעקס מיליאָן ביכלעך באַדאַרף אָפּקאָסטן אַן אַשירעס! ער האָט מוירע, זאָגט ער, עס זאָל ניט אַרײַנפליִען אין די לאָמעד אַלאָפים...[1] איז דאָך שלעכט! — ווו נעמט מען אַזויפיל געלט? בין איך געפאַלן אַף אַ קאָמבינאַציע. אַזאַ קאָמבינאַציע, וואָס דו וועסט אַליין זאָגן, אַז ס׳איז אַן אַנטיק. וועסט דאָך פרעגן, וואָס פאַר אַ קאָמבינאַציע? וועל איך דיר דערוף ענטפערן מיט איין וואָרט: „אַנאָנסן“. וועסטו דאָך פרעגן: וואָס איז דער פשאַט „אַנאָנסן?“ באַדאַרף מען דיר קלאָר מאַכן, זאָלסט וויסן, אַז אַלצדינג שטייט הײַנט אַף „אַנאָנסן“. לעמאָשל, דו קויפסט אַ גאַזעט, מיינסטו אַוואַדע, אַז דער רעדאַקטאָר איז אויסן דײַנע פיר גראָשן? עס הייבט זיך גאָר ניט אָן, דער איקער איז בײַ אים די לעצטע זײַט, די אַנאָנסן. די אַנאָנסן, נאַרעלע, טראָגן אים אַרײַן גאַנצע הונדערטער און גאַנצע טויזנטער! ווען ניט די אַנאָנסן, וואָלט ער געמעגט לייגן די ציין אַף די באַנטענעס. אַזוי איז אין אַמעריקע, און אַזוי איז בײַ אונדז. אין אַמעריקע איז דער רעדאַקטאָר אַזוי פאַרליבט אין די אַנאָנסן, אַז ער גיט איין זײַט גאַזעט און דרײַ זײַטן אַנאָנסן... פאַראַן אין אַמעריקע אַזעלכע גאַזעטן, וואָס אַלע פיר זײַטן זײַנען אַנאָנסן און „גאַזעט“ אַליין איז ניטאָ גאָרנישט. אַזעלכע ווערן צעטיילט אומזיסט. אַנדערע צאָלן נאָך צו, מע זאָל זיי נעמען. וואָרעם וואָס מער די גאַזעט דרוקט זיך, קאָסטן אירע אַנאָנסן אַלץ טײַערער. הײַנט פאַרשטייסטו שוין, זוגאָסי האַיעקאָרע, מײַן קאָמבינאַציע? אַזויווי מײַן ביכל וועט נישט קאָסטן גאָרניט און עס וועט זיך דרוקן זעקס מיליאָן ביכלעך אין איין קלאַפּ, וועל איך קאָנען אַהינצו אַרײַנהאַקן אַנאָנסן וואָס מער און וואָס טײַערער, וואָרעם ווער וועט דאָס נישט וועלן געבן קיין אַנאָנס אין אַזאַ ביכל, וואָס קאָסט גאָרנישט און עס דרוקט זיך אַזויפיל? איך בין זיכער, אַז מע וועט זיך שלאָגן פאַר אַנאָנסן! אַלע וועלן זיך שטופּן, און עס וועט ניט זײַן גאָר אַזויפיל פּלאַץ. דאָס געלט פון די אַנאָנסן וועט דעקן נישט נאָר אַלע הויצאָעס פונעם דרוקן מיטן פאַפיר, עס קאָן נאָך בלײַבן אַ כאָף אַלאָפים[2], אויב נישט מער. מע באַדאַרף זײַן אַ בעהיימע, מע זאָל עס נישט פאַרשטיין... נישט מער, מע באַדאַרף האָבן מענטשן, וואָס זאָלן אין דעם אַרבעטן, דאָס הייסט זאַמלען די אַנאָנסן, איין מענטש אַליין קאָן זיך דאָך נישט צערײַסן, און ביפּראַט אַז דאָס איז ניט די איינציקע קאָמבינאַציע מײַנע. איך האָב נאָך! אָט טראָג איך מיך אַרום איצט מיט אַ פלאַן וועגן אונדז אַליין טאַקע, איך מיין עס אונדזערע יִדישע שרײַבער טאַקע, וואָס זײַנען צעוואָרפן, איינער אין ליסי, דער אַנדערער אין סטריסי, האָבן נישט קיין באַשטענדיק אָרט, ווו זיי זאָלן זיך קאָנען צונויפקומען אַלע איניינעם, טרינקען אַ גלעזל קאַווע אַפילע, אָדער גלאַט אַ ביסל זיצן און שמועסן. אַף אַקציעס וויל איך דאָס מאַכן. דאָס וועט זײַן אַ גאָלדן געשעפט! נאָר מאַכמעס איך האָב קיין צײַט נישט — איך דאַרף לויפן הערן, וואָס שרײַבט מען עפּעס פון סאָפיע, און פון בעלגראַד, און פון „טראָפּאָליע“, און פון „קריוואָלאַקאָווריקאַ“, און פון „רעדקיבוקי“, און פון „קאַווערקיטקע“, — מאַך איך עס בעקיצער. אימירצעשעם אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אויסשרײַבן אַלצדינג באַאַריכעס. לעסאָטע לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט האַצלאָכע, זײַ געזונט, און קוש די קינדער שעיִכיו, און גריס דער שוויגער שעטיכיע, און דער גאַנצער מישפּאָכע זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פרײַנטלעך.

מימעני באַאַלייך מענאַכעם־מענדל.

א י ק ע ר ש אָ כ א כ ט י. די ביכלעך, וואָס די קינדער בעטן מיך, שיק איך זיי. ראַק איך ווייס נישט, צי דאָס איז די סכוירע, וואָס זיי דאַרפן האָבן. עס זײַנען פאַראַן, פאַרשטייסטו מיך, הײַנט אַזויפיל „מעטאָדעס“, וויפל שטערן אין הימל! ס׳איז פאַראַן אַזוי: איווריט בעִיוורית, איווריט בעִיִדיש, איווריט בערוסיט, יִדיש בעִיוורית, יִדיש בערוסיש, יִדיש בעִיִדיש, רוסיש בעִיוורית, רוסיש בעִיִדיש און רוסיש בערוסיש. הײַנט די כומאָשים, וואָס די קינדער בעטן מיך, ווייס איך נישט, וואָסערע כומאָשים איך זאָל זיי שיקן: צי סטאַם כומאָשים, צי די

---

[1] למד אלפים — דרײַסיק טויזנט; [2] כף אלפים — צוואַנציק טויזנט.

הײַנטיקע, די נײַע? און די הײַנטיקע כומאָשים אַליין זײַנען אויך פֿאַראַן אַלערלײ... לעמאָשל, ס'איז פֿאַראַן כומאָשים, וואָס זײַנען אַ ביסל פֿאַרקרעצט, און פֿאַראַן כומאָשים צונויפֿגעצ־שטעלטע, כומאָשים געשניטענע, כומאָשים געהאַקטע, כומאָשים געבראָקטע — דו שפּילסט זיך מיט וואַרשע.

האַנאַל

„הײַנט", נומ. 148, 11 יול 1913.

מענאַכעם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין קאַסרילעווקע

לעזוגאַסי האַיעקאָראַ האַכאַכאָמאַ האַצנואַ מאַראַס שיינע־שיינדל שעטיכיע!

ריישיס, בין איך דיר מודיע, אַז איך בין באָרעך־האַשעם בעקאָוו האַכאַים וועהאַשאָלעם. האַשעם־יִסבאָרעך זאָל העלפֿן, מע זאָל טאָמיד האָרכן איינס פֿונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בסורעס טויוועס יעשועס וועגעכאָמעס בעסויך קלאַל יִסראָעל — אָמיין.

וועהאַשייניס, זײַ וויסן, אַז דײַנע בריוו, וואָס דו שרײַבסט מיר וועגן אונדזערע עמיג־ראַנטן, וואָס ווערן אויסגעריסן איבער די אַגענטן אַף דער זײַט גרענעץ און אַף יענער זײַט גרענעץ, האָבן געטאָן אַ גרויסע טויווע פֿאַרן קלאַל, וואָרעם איך וועל זיי אַרײַנשטעלן אַזוי ווי זיי שטייען און גייען אין יענעם סייפֿער, וואָס איך קלײַב מיך אַרויסצוגעבן אין זעקס מיליאָן ביכלעך און צעטיילן זיי אומזיסט בעכאָל טפוצעס יִסראָעל. געלט אַף אַרויסצוגעבן דאָס ביכל האָב איך דיר שוין געשריבן, אַז איך וועל האָבן דײַ־וועהויסער דורך די אַנאָנסן, וואָס איך וועל צונויפֿנעמען. עטלעכע צענדליק אַנאָנסן האָב איך שוין, נאָר דאָס זײַנען נאָך לע־סאָטע אַנאָנסן געביטענע, דאָס הייסט אַנאָנסן פֿאַר אַנאָנסן. דעהײַנו? דו גיסט אַרויס אַ ביכל, און איך גיב אַרויס אַ ביכל, ווילסטו, אַז איך זאָל אַנאָנסירן דײַן ביכל, און איך וויל, אַז דו זאָלסט אַנאָנסירן מײַן ביכל. וואָס זשע טוען מיר? בײַטן מיר זיך. מײַן ביכל אַנאָנסירט דײַן ביכל, און דײַן ביכל אַנאָנסירט מײַן ביכל. דאָס איז אַזוי פּראָסט, ווי אַ בייגל אַ גראָשן. נישט מער, פֿון די ביכלדיקע אַנאָנסן פֿאַלט קיין מעזומאָנים נישט אַרײַן. דערפֿאַר אָבער ציען זיי צו אַ סאַך זײַטיקע אַנאָנסן, וואָס קאָנען שוין אַרײַנברענגען געלט אויך, און אַ סאַך. לעמאָשל, פֿון די שיפֿסקאָמפּאַניעס אַליין קאָן אַרײַנפֿאַלן אַ שיינע קאָפּעקע — לאָזן זיי נאָר דערשמעקן, אַז אין דעם ביכל, וואָס איך וויל אַרויסגעבן, שמועסט מען וועגן יידישער עמיגראַציע און אַז עס דרוקן זיך זעקס מיליאָן ביכלעך. און ווײַבאַלד סע וועלן אַרײַנפֿאַלן די ערשטע עטלעכע גילדן, אַזוי באַשטעל איך עטלעכע שעליכים קאָמיוואָיאַזשאָרן, זיי זאָלן זיך לאָזן איבער דער וועלט זאַמלען אַנאָנסן.

האַקיצער, ווי דו זעסט, זוגאָסי האַיעקאָראַ, בין איך מיט מײַן ביכל קימאַט אַזוי ווי פֿאַרטיק און איך אייסעק מיך איצט אין מײַן צווייטער קאָמבינאַציע, וואָס איך האָב דיר געהאַט געשריבן וועגן איר אין פֿריִערדיקן בריוו. דאָס איז די קאָמבינאַציע וועגן אונדז אַליין טאַקע, וועגן ייִדישע שרײַבער, העגן דאָ אין וואַרשע, העגן אַף דער גאַנצער וועלט, זיי זאָלן ווערן איין זעל, איין נעשאָמע, זיי זאָלן ניט זײַן צעזייט און צעשפּרייט און זאָלן אַלע זײַן בעיעכוילעס צו אַרבעטן לעטוייוועס־האַקלאַל. און דערפֿון קאָן אַרויסקומען די גרעסטע טויווע העגן פֿאַר אונדז שרײַבער, העגן פֿאַר אַלע אונדזערע אַכיינו בעניי יִסראָעל דאָ באַ אונדז און אומעטום אַף דער גאַנצער וועלט...

בין איך אוועק און האָב אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט אַף צען בויגן פּאַפּיר וועגן אַ ייִדישער קאַוויאַרני אַף אַקציעס. די קאַוויאַרני זאָל זײַן סײַ פֿאַר שרײַבער, סײַ ניט פֿאַר שרײַבער, און דאָרטן זאָל מען קריגן בעזאָל ניט נאָר קאַווע, טיי, שאָקאָלאַד, ברויט מיט פּוטער אוקעדוימע, דאָרט זאָל מען קאָנען קריגן צו יעדער צײַט בעמייקאַך האַשאָווע[1] עסן און טרינקען, און אַ גלעזל ביר, און אַ פּאַפּיראָס, און אַ היטל אַז מע דאַרף, און אַ העמד, און אַ מאַלבעש, און אַ שוך, און אַ באָד, אַז מע וויל זיך אָפּבאָדן, און אַ מיניען זאָל זײַן אַן אייגענער, און לעהאַוודל אַ טעאַטער אויך אַן אייגענער מיט אַן אייגענעם „הזמיר" און מיט ייִדישע קאָנ־צערטן, און פֿונעם רעווער, וואָס וועט בלײַבן נאָכן דעוועדענד פֿאַר די אַקציאָנערן, זאָל מען אויסהאַלטן אַלע נויטבאַדערפֿטיקע שרײַבער העגן פֿון וואַרשע, העגן פֿון דער גאַנצער וועלט. און דאָרטן זאָלן זײַן דירעס בעזאָל אַף צו פֿאַרדינגען נאָר פֿאַר ייִדישע שרײַבער, און אַלע רעדאַקציעס זאָלן דאָרטן זײַן, די ייִדישע געוויינטלעך, און דאָרט זאָל מען שרײַבן, און דאָרט

[1] במקח השוה — פֿאַר אַ צוגעגלעכער פּרײַז.

זאָל מען זײַן אַלעמאָל, און מע זאָל קעסיידער ארומריידן די ייִדישע לאַגע און זוכן אייצעס וואָס צו טאָן, מיט איינעם וואָרט, אויסעק זײַן זיך לעטוויוועס־האקלאָל. דעמלט וועלן אַף אונדז קוקנדיק די איבעריקע וואַרשעווער ייִדן עפּשער אויך מאכן זיך זייערע כעווריס — קרעמער באַזונדער, באַלמעלאָכעס באַזונדער, באַנקירן באַזונדער, לערערס באַזונדער — יעדע כעוורע וועט זיך האָבן איר קאָוויארני מיט אירע געשעפטן, מיט אירע אינטערעסן... דערווײַל האַלט איך נאָך דעם פּראָיעקט בעסאָד. איך האָב נאָר דערציילט פון אים ראָשע פּראָקים[1] פאר כאַסקל קאַטיק, איז וויבאַלד ער האָט נאָר דערהערט דאָס וואָרט „כעוורע“, אַזוי איז ער אופגעשפּרונגען און האָט מיך אָפּגעשאָטן מיט אייצעס, וויאַזוי איך זאָל דעם פּראָיעקט פּוצה מן המות אל הכולל זײַן, מיינט ער מוציא מן הכח אל הפועל זײַן. ער האָט שוין, זאָגט ער, געמאַכט אַזעלכע כעוורעס אָן א שיר. איך האָב ניט, זאָגט ער אַזויפיל האָר אין קאָפּ. ער איז אַף כעוורעס מאַכן גאָר א מאַזיק, זאָגט ער. איין כעוורע, זאָגט ער, האָט ער געמאַכט, הייסט זי, זאָגט ער, „אויזער דאַלים“[2]. אויב איך וויל, זאָגט ער, גיט ער מיר א ביכל, צוויי ביכלעך, דרײַ ביכלעך פון זײַן כעוורע „אויזער דאַלים“, ביכדיי איך זאָל זיך אָפּלערנען פון אים און נישט מאכן, זאָגט ער, קיין נארישקײַטן. דאַנק איך אים זייער און זאָג אים, אַז ער זאָל זיך מיט זײַן „אויזער דאַלים“ עלטערן אין אוישער און אין קאָוועד, איך וועל מיך באַגיין אָן זײַן „אויזער דאַלים“. דערווײַל איז איצט נאָך זייער הייס און דער גאַנצער אוילעם זיצט אַף דאַטשעס. טאַקע אַף פּוילישע דאַטשעס, כאָטש מע טרײַבט זיי פון דאָרט מיט שטעקנס. נאָר ייִדן פאַלן ניט אַראָפּ בא זיך. קומט דער זומער, לויפט מען אַף דאַטשעס... לאָז נאָר ווערן א ביסל קילער און לאָז דער אוילעם זיך א ביסל צונויפּאָרן פון די דאַטשעס, אַזוי רוף איך זיי צונויף אין „הזמיר“ און לייען זיי אימירצעשעם א ריפעראַט וועגן מײַן פּראָיעקט פון דער ייִדישער קאָוויארני, און איך האָף, אַז אַף מײַן ריפעראַט וועלן קומען אַלע און אַלע וועלן זיי זיך אָן מײַן פּראָיעקט אָנכאַפּן מיט ביידע הענט. דערווײַל באַדאַרף מען לויפן אין דער רעדאַקציע געבן א שמעק, וואָס הערט זיך עפּעס מיט דער מילכאָמע, וואָס צווישן די באַלגאַרן מיט די סערבן און מיט די גרעקן, ווער וועמען עס באַגראַבט און ווער האָט די מאַפּאָלע. וואָרעם אַז מע לייענט זייערע שרײַבעכצן, וואָס זיי שרײַבן, קומט אויס, אַז זיי האָבן אַלע די מאַפּאָלע... עס גלייבט זיך גאָר ניט, אַז מע לייענט, וויאַזוי „ברידער“ באַגראָבן זיך איינס דאָס אַנדערע לעבעדיקערהייט, עס גייט אַזש איבער א קעלט איבערן לײַב. שטעל זיך פאָר, אַז פאר גרויסע היצן האָט מען אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַלבושים און מע שלאָגט זיך אָדאָם־נאַקעט, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט... און אַז מע כאַפּט זיך אַרײַן איינס דאָס אַנדערע אין א שטאָט אָדער אין א דאָרף, קוילעט מען אויס אַלעמען מיט די ווײַבער און מיט די קינדער און מע טוט אָפּ מײַסים אשר לוי יעאָסו...[3] קאָנסט פאַרשטיין, אַד הייכאָן האַדוואָרים מאַגײַים[4], אַז דער מיילעך פון די גרעקן איז אַרויס מיט א פּראָטעסט צום יוישער פון דער וועלט און טײַנעט: האיטאָכן האישאָמאַ קעזאָס, אַז די באַלגאַרן זײַנען אַרײַן אין א דאָרף פון גרעקן און מעאַנעס געווען אַלע מיידלעך און געריסן קינדער אַף דער האַלב! — פונקט דאָס איינענע, וואָס אַף א ייִדישן פּאָגראָם.

...מיינסטו, וואָס טוען די באַלגאַרן? זיי זײַנען אויך אַרויס מיט א פּראָטעסט און רופן צום יוישער פון דער וועלט, וואָס די רומענער ווילן זיי באַפאַלן און צונעמען זייער האָב און גוטס. און די רומענער, מיינסטו? זיי שרײַען אויך: יוישער און יוישער! אַלע גייען מיט יוישער, און בלוט גיסט זיך ווי וואַסער. מע שרײַבט אין די בלעטער, אַז דאָרט, ווו מע שלאָגט זיך איצט, איז ניטאָ קיין טראָפּן וואַסער, נאָר בלוט... אין א שיינער צײַט לעבן מיר, זוגאָסי האיקאָרע, ניטאָ וואָס צו ריידן! האַלעווײַ לעבן מיר דאָס איבער! און מאַכמעס איך האָב קיין צײַט ניט, מאַך איך דאָס בעקיצער. אימירצעשעם אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן מער באַאַריכעס, לעסאָטע זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט האַצלאָכע. זײַ געזונט און קוש די קינדער שעיכיו, און גריס דער שוויגער שעטיכיע, און דער גאַנצער מישפּאָכע זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פרײַנטלעך.

מימעני באַאַלייך מענאַכעם־מענדל.

אַ י ק ע ר ש אָ כ אָ כ ט י. וואָס זאָגסטו אָפּן טערק? מע שרײַבט פון סאָפיע, אַז ער גייט טאַקע פּאָרט אַף אַדריאַנאָפּאָל. אָן אוילע פון אים. איך גיי מיר מיט מײַן גאַנג: איך זאָג, אַז ס'איז נאָך נישט די צײַט... האַלעווײַ ס'זאָל אים אָפּלויפן גלאַט...

האַנאַל

„הײַנט“, נומ. 154, 18 יול 1913.

[1] ראשי פרקים — די הויפּט־אידייען; [2] עוזר דלים — הילף אָרעמעלײַט; [3] מעשים אשר לא יעשו — אומדערלאָזבארע מײַסים; [4] עד היכן הדברים מגיעים — ווי ווײַט עס דערגייט.

שיינע־שיינדל פון קאַסרילעווקע צו איר מאַן
מענאַכעם־מענדל אין וואַרשע

לֿיכוויד באַאַלֿי האַיאָקאָר, האַכאָכאָם מופֿלאָג, האַנאָגיד מעפֿורסאָם מעהורער מענאַכעם־מענדל נ״י.

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זײַנען דאָ אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אַף ווײַטער ניט ערגער.

צווייטנס, שרײַב איך דיר, באַאַלֿי האַיאָקאָר, אַז דײַן נײַער פּלאַן מיט דער קאַוויאַרני, וואָס דו ווילסט עפֿענען אין וואַרשע, הייבט מיר נישט אָן צו געפֿעלן. ווייסטו פֿאַרוואָס? ווײַל ס׳וועט דערפֿון גאָרניט זײַן. מע וועט נאָר ריידן און ריידן און דערבײַ וועט דאָס בלײַבן. אַלע ייִדישע אַסיפֿעס זײַנען אַזוי. מייניסט, בא אונדז איז בעסער? אונדזערע קאַסרילעווקער האָבן אויך אַזאַ טעווע. פֿריִער היצט מען זיך, דערנאָך, אַז ס׳קומט צו עפּעס, איז ניטאָ קיינער אין דער היים. ס׳וועט נאָך זײַן גוט, אַז ס׳וועט זיך ניט קאָנטשען מיט פּעטש, ווי זאָגט די מאַמע: ס׳שטייט געשריבן, אַז בא ייִדן זאָל זײַן כאָטש א ברעקל אכדעס, וואָלט שוין לאַנג געקומען מאָשיִעך... אוביפֿראַט דאָרט, ווו מע קאָן זיך ניט באַגיין אָן געלט. טאָמיד אַזוי, וויבאַלד עס קומט צו דער מאַטבייע, אַזוי פֿייגערן אויס אַלע נעגידים אין שטאָט, ווי די פֿיש אין טײַך, אַז ס׳פּאַלט אָפּ דאָס וואַסער. אַזאַ טעווע האָבן זיי, די נעגידים פֿון דער גאַנצער וועלט. מע וועט יענעם נישט געבן און מע וועט זיך אַליין נישט פֿאַרגינען. נאָר פֿונדעסטוועגן, לאָז קומען צו פֿאָרן א רעבע, א באַלמויפֿעס, א כאַזן, א דאָקטער, א מאַגיד, א ניסרעף, א יערושאַלאַיִם־ייִד, א שלאַק, א שוואַרציאָר — וועט מען אים טראָגן קערבלעך פֿון אַלע זײַטן. ווערסט גאָר ניט וויסן, פֿונוואַנען האָט זיך גענומען אין שטאָט אַזויפֿיל געלט. אָט איז אַראָפּגעקומען צו אונדז ערשט יענע וואָך א ראָוו, צי ער איז אַזוי א ראָוו, ווי איך בין א רעבעצן, נאָר ער האָט זיך אַרויסגעגעבן פֿאַר א ראָוו, פֿון אויסרײַסן האָט דאָס אים געבראַכט צו טראָגן. אַראָפּגעקומען, אָפּגעשטעלט זיך אַף א געהויבענער סטאַנציע — דאַפֿקע בא כאַנע־מאַלקע די יאָדערקע אַף דער אַכסאַניע און אַרויסגעלאָזט א קלאַנג, אַז ס׳איז אַראָפּגעקומען א האַלבער גוטער־ייִד און א האַלבער דאָקטער, וואָס היילט אויס קראַנקע, מאַכט קינדער געזונט און פֿאַרלענגערט אַלעמען די יאָרן — מאַמעש מעכײַע־מייסים, פֿון טויט לעבעדיק! אין אַלע שולן און באָטעמעדראָשים האָט ער אויסגעהאַנגען צעטלעך, אויסגערעכנט אַלע קרענק, וואָס ער היילט. וואָס פֿאַר א קרענק דו ווילסט. ווילסטו קאַדאָכעס, ווילסטו קאָפּווייטעק, ווילסטו האַרצווייטעק, בויכווייטעק, אויגנווייטעק. און ווער ס׳איז שלאָף אַף די פֿיס, אָדער אַף דער לעבער, אָדער גאַלשטיינער, אָדער איינער האָט אַן אַלטן רעוו־מאַטיז, אָדער א גוטע טשעכאָטקע און הוסט, אָדער ער איז גלאַט געלײמט — זאָל ער קומען צו אים, וועט ער אים געבן א רעפֿוע־שלײמע, געבן זאָל אים גאָט קרענק פֿאַר אַלע ייִדן, ווי ער האָט דאָס א ביסל אַרײַנגעלייגט די ייִרע אין דער טומע. זאָלסט אָנקוקן א ייִד אין באָרד און פּייעס, טראָגט א יאַמפּערקע מיט א לאַנגן טאַלעסקאָטן ביז די קני, רעדט מיט גאָט און איז זיס ווי צוקער, מיט ווײַבער איז ער פֿונדערווײַטן, א מאַקע אים א גרויסע, קוקט ניט אין פּאָנעם, אַרויס זאָלן אים די אויגן, גיט אַלעמען אין א פּאַפּירל א ביסל קרײַ־טעכצער, געבן זאָל אים גאָט א נײַע נעשאָמע, זאָגט אָן עפּשער צען מאָל, אַז מע זאָל נישט עסן אָפּן ניכטערן האַרצן און ניט טראַכטן פֿון קיין זאַך און דער איקער ניט ריידן די גאַנצע צײַט, וואָס מע נעמט אײַן זײַן רעפֿוע, און בייסמײַסע ווינטשעוועט ער צו אַלדאָסגוטס מיט א שמייכל און מיט א קרעכץ, און נעמט וויפֿל מע גיט אים — נעמען זאָל אים באַם בויך, דינגט זיך קימאַט גאָרניט, סײַדן ער ווייסט, אַז יענער האָט און ווײַל ניט געבן... פֿונוואַנען ווייסט ער, ווער עס האָט און ווער עס האָט ניט, פֿרעגסטו? כאָכעם איינער! כאַנע־מאַלקע איז דאָך דאָ אַף דער וועלט, א מאַקע זאָל זיך איר זעצן אָפּן פּאָנעם! א סוואָרע, אַז די יאָדערקע, אויסקרענקען זאָל זי דאָס, האָט זיך מיט אים געטיילט אַף דער האַלב, נאָר געוווירע געוואָרן איז מען דאָס ערשט העט־העט. פֿריִער איז גאָר קיינעם נישט געקומען אָפּן זינען, מע זאָל א פֿרעג טאָן, וואָס איז די מײַסע, וואָס די יאָדערקע לויפֿט אַרום, ווי א פֿאַרסאַמטע מויז, און פּויקט איבער דער שטאָט און דערציילט זיך אָן ניסים־וועניפֿלאָאָס מיט וווּנדערעס פֿון דער וועלט, און שווערט זיך, זי זאָל אַזוי האָבן אַלדאָסגוטס — אָמײן! — וויִאַזוי דער ראָוו דער באַלמויפֿעס, וואָס שטייט בא איר סטאַנציע, האָט אויסגעהיילט פֿאַר אירע אויגן מיט איין ביסל קרײַטעכצער א באָכער פֿון נײַנצן יאָר, וואָס האָט געהוסט אַזוי,

אז מע האָט באַדאַרפט הערן אין דער דריטער גאַס, און אַ קינד, וואָס האָט געהאַט די דאָר. שוין גאָר ניט גערעכנט, אַז ס׳וועט לעבן, און אַ ייִדענע, וואָס האָט זיך געקלאָגט אַף אַלצדינג, און נאָך אַ ייִדענע, וואָס איז געווען הייזעריק, ווי די וואַנט, און נאָך אַ ייִדענע, וואָס ס׳האָט איר אויסגעדרייט, נישט אין מײַן מאָס, דעם האַלדז אַף אַ זײַט. און אויגן, וויפל קראַנקע אויגן, טאַטעניו, דער האָט שוין אויסגעהיילט! אַזוי האָט אויסגעקלאַפּט די יאַדערקע, ס׳זאָל אַף איר קומען פּאַרעס שלעק און האָמענס מאַפּאָלע. וואָס ווייסט איר, זאָגט זי, וואָס בא אים טוט זיך! אוף און אָפּ, אוף און אָפּ! און צומיינסטן מיט אויגן, און צומיינסטן די אָנגעלאָפענע פון די דערפער, די, וואָס ווילן, נעבעך, קיין אַמעריקע און האָבן מוירע פאַר די אויגן, שטופּן זיי זיך צו אים מיט זייערע אויגן, סײַ קראַנקע, סײַ געזונטע, און ער טוט אַ שמיר איבער די אויגן מיט עפּעס אַ וואַסערל — און שוין!

אַזוי האָט זי געקלאַפּט, די יאַדערקע, מיטן צינגל, ווען זי האָט באַגעגנט, יונג און אַלט, אָרעם און רײַך, זיך געווישט די ליפּעלעך און פאַרגלאָצט די אייגעלעך אַרויף, זי זאָל נאָר קיין גוטס ניט פאַרמאָגן, ווײַל זי וועט לעבן, וואָרעם ווען ניט זי, וואָלט איך דען געווען בא דעם דאָזיקן שלימאַזל, זײַן זאָל ער דיר אין לאָטס ערד! נאָר אַז יענע האָט אָנגעהויבן מיט איר פּיסקעלע, כאַנע־מאַלקע הייסט עס, האָב איך געמיינט, ס׳איז טוירעס לאָקש — און איך קום אַהיים און דערצייל דער מאַמען, זאָגט מיר די מאַמע: מע קאָן ניט וויסן, עפּשער האָט אָט דער ייִד אין זיך אַ קויעך, וואָרעם ס׳שטייט געשריבן, זאָגט זי, אַז וואָס איינער האָט ניט אין די הענט, האָט דאָס דער אַנדערער אין די אויגן... און האָט גענומען מיך צורעדן, איך זאָל מיך דורכגיין צו אים; וואָס וועט מיך אַרן, זאָגט זי, טאָמער וועט ער מיר געבן עפּעס צו דער ספּאַזמע, זי זאָל זיך כאָלילע ניט אָנרופן, זאָגט זי נאָכאַמאָל... האָב איך איר געזאָגט, אַז די ספּאַזמע בין איך אים מויכל, איך וועל מיך בעסער דורכגיין צו אים מיט מוישע־הערשלען, מיר פאַר זײַנע ביינער, ער איז אַזוי אויסגעמאָגערט און אַזוי אויסגעבליכט, אַז איך ווייס גאָר ניט, וואָס דאָס איז. צי עס קומט פונעם לערנען, אַז טאָג ווי נאַכט איז נאָר געלערנט און נאָר געלערנט! צי עס נעמט זיך פונעם וואַקסן — ער וואַקסט אין דער הייך וואַקסט ער, ווי אַ סאָנישניק, אַזוי האָב איך געזאָגט דער מאַמען, האָט מיך די מאַמע אָפּגעשלאָגן און אַלץ געטײַנעט, אַז איך אַליין זאָל בעסער זיך דורכגיין צו אים, איך בין אַ מאַמע, זאָגט זי, בין איך בילכער. אַזוי לאַנג האָט זי מיט מיר אײַנגעטײַנעט, ביז מיר האָבן גענומען און בײדע אַרײַנגעגאַנגען צו אים, איך און די מאַמע הייסט עס, האָט ער אונדזביידן באַטראַכט מיט איין אויג — אַרויס זאָל עס אים אַף יענער זײַט, און האָט אונדז מעכאַבעד געווען מיט אַ ביסל קרײַטעכצער, האָבן זיי אַ טאַם, אַזאַ טאַם זאָל ער פילן אין אַלצדינג, ריבוינעשעלוילעם! און אָנגעזאָגט האָט ער אונדז, מיר זאָלן ניט עסן אַפן ניכטערן האַרצן, ניט טראַכטן פון קיין זאַך און — דער איקער — ניט ריידן די גאַנצע צײַט, וואָס מיר וועלן נעמען זײַן רעפּוע... מאָל דיר, ניט מער זאָל ער לעבן, וויפל מיר האָבן גענומען זײַן רעפּוע. מיר האָבן זײַנע קרײַטעכצער באַלד אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער, ווי נאָר ס׳איז אָנגעקומען דער געזעט, אַז מע זאָל זיך היטן פונעם ראָוו, וואָס פאָרט אַרום פון שטאָט צו שטאָט און פאַרשטעלט זיך פאַר אַ דאָקטער, וואָרעם ער נאַרט נאָר אויס דאָס געלט באַם אוילעם און העלפן העלפט ער ווי אַ טויטן באַנקעס — אַזוי טאַקע שטייט געשריבן אין געזעט. כאַכאָמים! וואָס האָבן זיי זיך אַזוי שפּעט דערמאָנט? קראַנק געווען מיט אַ וואָך פריִער שרײַבן וועגן דעם, וואָלט איך איצט געווען רײַכער מיט אַ פּאָר קערבלעך, אויסקרענקען זאָל ער זיי אַף אַן עמעסן דאָקטער, ער זאָל ברעכן ערגעץ רוק־און־לענד אַפן גלײַכן וועג און ניט דערלעבן קומען, וווהין ער פאָרט! איצט זאָגט זי שוין, די מאַמע, אַז זי האָט באַלד געוווּסט, אַז ער איז אַ גאַנעוו. אַ סימען האָט זי — צו וואָס האָט ער געהייסן אַלעמען ניט ריידן די גאַנצע צײַט, וואָס מע נעמט זײַנע קרײַטעכצער? פרעגט זיך אַ קאַשע, וויבאַלד אַז זי האָט יאָ געוווּסט, לעמײַ זשע האָט זי געשוויגן? אַנשוויגן זאָל ער דיר שוין ווערן אַף אייביק, זיסער גאָט! נישט געווען אַף וואָס אַרויסצוּוואַרפן צוויי זילבערנע רובל! אַ סאַך בעסער וואָלט געווען פאַר דעם דאָזיקן געלט עפּעס קויפן די קינדער, אַז דו אַליין דערמאָנסט זיך ניט זיי צו שיקן עפּעס פון וואַרשע — מע זאָגט, ס׳איז דאָרטן האַלב אומזיסט, ווי זאָגט די מאַמע: ס׳שטייט געשריבן: דאַלי אָטשי, דאַלי סערצע... כאָטש גוט, וואָס דו האָסט צוגעשיקט זיי די עטלעכע ביכלעך און דו פאַרגעסט ניט דערמאָנען דײַנע לײַט פונעם געזעט, אַז דו האָסט נאָך אַ ווײַב, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, וואָס קוקט אַרויס אַלע כוידעש אַפן פּאָטשטאַליאָן, ווען וועט ער שוין ברענגען דאָס ביסל מעזומאָנים אין שטוב אַרײַן; עס פאַלט מיר אַרויס אַלעמאָל דאָס האַרץ, טאָמער כאָלילע האָבן זיי דיר שוין אָפּגעזאָגט, אָדער טאָמער איז דער געזעט באָטל געוואָרן, אַ קאַשע אַף הײַנטיקע צײַטן, וואָס מע הערט זיך אָן בא ייִדן אַזויפיל צאָרעס, אַז מע שטייט אוף אינדערפרי און מע טוט אַ קוק אין שפּיגל און מע דערזעט,

אז מע איז נאָך דאָ — דאנקט מען און מע לויבט גאָט, ווי זאָגט די מאמע: בעסער האָט קיין שיר ניט, האלעווײַ ס׳זאָל כאָטש ניט זײַן ערגער... ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס און אימער גליק

דײַן בעעמעס געטרײַע פרוי שיינע־שיינדל.

„הײַנט", נומ. 157, 22 יול 1913.

שיינע־שיינדל פון קאסרילעווקע צו איר מאן מענאכעם־מענדל אין ווארשע

ליכוויד באאלי האיאָקאָר, האאכאָם מופלאָג, האנאָגיד מעפורסאָם מעהורער מענאכעם־מענדל נ״י.

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זײַנען אלע גאָט צו דאנקען אין בעסטן געזונט. גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אף ווײַטער ניט ערגער.

צווייטנס, שרײַב איך דיר, באאלי האיאָקאָר, אז דײַן גראמזאָגער, וואָס דו לעקסט פון אים אזוי די פינגער, וואָלט געמעגט אײַנעמען א מיסע־מעשונע, איידער דו האָסט זיך מיט אים באקענט אָדער א האלבע שאָ נאָכדעם, וואָלט ער נישט געמאכט — מאכן זאָל זיך אים צען מאקעס — צו שאנד און צו שפּעט ניט מיך, ניט די מאמע מײַנע, זײַן זאָל ער דיר די קאפּאָרע פאר די בענדלעך פון אונדזערע אלטע שיך, וואָס וואלגערן זיך אפן בוידעם. א סימען שרײַבט ער אף מענאכעם־מענדלען, אָפּדארן זאָל אים דאָרט דאָס רעכטע הענטל, אז ער, מענאכעם־מענדל הייסט עס, האָט א ווײַב און זי א מאמע. האָסטו געהערט א ביסל א האסאָגע פון א מעשומעד? איך ווייס ניט, וואָס פארגינט ער דיר ניט, אָט דער גאנעוו — דאָס, וואָס דו האָסט א ווײַב, צי דאָס, וואָס דײַן ווײַב האָט א מאמע? האָבן זאָל ער דיר קאָדאָכעס מיט רעוויִעס א גאנץ קײַלעכיק יאָר, ריבוינעשעלוילעם! און וואָס וואָלט אים שוין געווען אזוי גוט, וואָלט איך וועלן וויסן, אז דו זאָלסט כאָלילע ניט האָבן קיין ווײַב און איך קיין מאמע, ניט האָבן זאָל ער דיר די נעשאָמע? און גלאט — וואָס האָט ער צו מיר און צו מײַן מאמע, ער זאָל נעמען און ארײַנשטעלן אין זײַנע גראמען, שטעלן זאָל זיך אים דער קאָפּ אף א זײַט? ס׳זאָל אים אזעלכס פארגיין, אז ס׳זאָל זיך אים ניט גלוסטן מער צו גראמען ווײַל ער וועט לעבן! און דיר וואָלט אויך געמעגט גאָט געבן אנדערע געדאנקען מיט אנדערע האסאָגעס, ניט אין זינען האָבן דער רועך ווייסט וואָס, ניט שליסן כאווערשאפט דער רועך ווייסט מיט וועמען — מיט באדכאָנים, גראמזאָגערס, לידלמאכער, קאָמעדיאנטשיקעס און קעדוימע אזעלכע פארשלעפּטע קרענק, ווי זאָגט די מאמע: בא גאָט איז פאראן גענוג שלימאזלען און צו דײַן מאַן באדארף עס טרעפן... זי איז זייער גערעכט. ניט גענוג, אז אָך און ווי איז מיר, אז איך, שיינע־שיינדל, באדארף האָבן א מאן, וואָס זיצט אין ווארשע און פארנעמט זיך מיט שרײַבערײַעכץ, האנדלט מיטן טערק און מיטן טאָטער, וואָס איז? צוליבן שטיקל ברויט, מישטיינסגעזאָגט! ווי זאָגט די מאמע: ניטאָ קיין מיִעסע פארנאָסע, באדארף איך נאָך האָבן, אז דו זאָלסט זיך דאָרטן סקאָמפּאניִען מיט גראמזאָגערס, מיט לידלמאכערס און מיט אקטיאָרשטשיקעס, וואָס פאָרן ארום איבער דער וועלט און נארן אויס געלט. טאקע א שײַנדעלע, כלעבן! געווען בא אונדז דעם זומער די דאָזיקע פײַנע מענטשעלעך א גאנצע כאליאָסטרע, אָפּגעדונגען בא פײַוול מעזשעבינסקי די קאמער און דאָרט געמאכט קאָמעדיעס, און געשטאנען זײַנען זיי בא דער יאָדערקע געווייִנטלעך, אָנגעפּרעסן זיך מיט בולקעס און אָנגעזשליאָקעט זיך מיט טיי און מיט ביר און זײַנען אוועקגעפאָרן און ניט באצאָלט — א מיצווע אף איר. האָט זי ניט געזאָלט ארומלויפן איבער דער שטאָט און פּויקן מיטן ציינגל און דערציילן איטלעכן באזונדער פון זיי ווונדערעס, ווי זיי זינגען, און ווי זיי טאנצן, און ווי זיי שפּילן, און ווי זיי מאכן אָנשטעלן — איז קארג? האָט זי נאָך גענומען אײַנרעדן יעדן אייניציקן און מיר אויך מיט איר הייזעריקן קעלעכל און מיט אירע דינע ליפּעלעך, אז ס׳איז א ראכמאָנעס אף זיי, זיי האָבן, נעבעך, ניט וואָס צו עסן, די אקטיאָרשטשיקעס הייסט עס, איבער דעם, וואָס אין די גרויסע שטעט לאָזט מען זיי ניט שפּילן, די פּאָליציע הייסט עס, מוזן זיי, נעבעך, ארומשלעפּן זיך איבער די קליינע שטעטלעך און ווײַזן קונצן. אײַ, ווו שטייט עס, אז זיי דארפן לעבן פון קונצן? קארג ייִדן פאראן אף דער וועלט, וואָס האָבן ניט וואָס צו טון און שטארבן פון הונגער? זאָגט אָבער די מאמע מײַנע — זי באדארף דערפאר אלעמען זײַן א מייליץ־יוישערטע: ס׳שטייט געשריבן, זאָגט זי, אז גאָט טיילט אויס איטלעכן

באַזונדער זײַן פּאַרנאָסע — סײַ דעם מענטשן אף דער ערד, סײַ דער כײַע אין וואַלד, סײַ דעם פֿויגל אונטערן הימל...

פֿונדעסטוועגן, זאָג איך דיר, באַאַלי האַיאַקאָר, אַז איך וואָלט בעסער געשטאָרבן פֿון הונגער דרײַ מאָל אַ טאָג אָדער איך וואָלט שוין גיכער געבליבן אַן אַלמאָנע, איידער איך זאָל דיך זען כאָלילע אין אַזאַ פּאַרנאָסע! עס האָט מיר פּאָשעט געפּלאַמט דאָס פּאָנעם, אַז איך האָב געזען, ווי ייִדן, מאַנען פֿון ווײַבער און טאַטעס פֿון קינדער, טוען זיך איבער, קלעפּן אָן אָף זיך קלאָטשע און פֿאַרשטעלן זיך דער רועך ווייסט פֿאַר וועמען און שפּילן דער שוואַרציאָר ווייסט וואָס, טאַנצן און פֿליעסקען הונגעריקערהייט, קרימען זיך און מאַכן נאָך אַ ייִדן, מאַכן זאָל זיך זיי אַ מאַקע! איין שטיקל זכוס האָבן זיי — די לידלעך. די לידלעך, וואָס זיי זינגען, זײַנען מעכײַע־נעפּאָשעס, זיי צעגייען זיך טאַקע אין אַלע אייוורים! איין לידל האָבן זיי געזונגען מיטן ניגן, וואָס דער כאַזן זינגט אין שול סוקעס צו דער אַנדערער שמוי־נעעסרע. דאָס לידל הייסט: „אוי — מיר איז גוט! אוי — מיר איז פּשעיעמנע!..“ אַלע זינגען דאָס איצט אין קאַסרילעווקע פֿון קליין ביז גרויס. ווער דאָס לידל האָט געמאַכט, ווייס איך ניט. נאָר ער באַדאַרף זײַן אַ רעכטער מעשומעד — אַ שלאַק זאָל אין זײַנע ביינער אַרײַן! איך האָב מיך דערנאָכדעם געשעמט פֿאַר זיך אַליין, לעמײַ איך האָב זיך געלאָזט איבערעדן פֿון דער יאָדערקע און פֿון דער מאַמען און בין געגאַנגען צו זיי אף דער קאָמעדיע. אַז זי האָט זיך נאַסיאַדעט אף מיר, טאַקע די מאַמע הייסט עס: „גיי זיך דורך, וואָס וועט דיך אַרן, אַז דו וועסט גיין? אַלע גייען, גיי אויך. אוביפּראַט, זאָגט זי, אַז דײַן מאַן איז שוין ניט ווײַט, זאָגט זי, פֿון דער דאָזיקער פּאַרנאָסע. איינער, זאָגט זי, כאַפּט די פֿיש, איינער מאַכט די פֿיש, און איינער קומט און עסט זיי אויף...“ וואָס זי האָט דערמיט געמיינט, פֿאַרשטיי איך ניט; נאָר אַז איך האָב איר אָנגעהויבן צו זאָגן טערוצים, אַז סע קריכט מיר ניט אין קאָפּ און אַז ס׳איז מיר גוט אַזוי אויך, אָן קאָמעדיעס און נאָך אַזעלכע זאַכן, האָט זי זיך צעלאַכט און זאָגט צו מיר, אַז איך בין אַ נאַר, פֿונוואַנען ווייס איך, זאָגט זי, ווו מײַן מאַן איז איצט אין דער מינוט? „עפּשער, זאָגט זי, זיצט ער אַצינד אַקוראַט אף דער אייגענער קאָמעדיע? צי דו מיינסט, זאָגט זי, אַז ער זיצט דאָרט טאָג ווי נאַכט און קלאָגט אף כורבן בייסהאַמיקדעש? ע, נאַרעלע, נאַ־רעלע, זאָגט זי, איך אף דײַן אָרט וואָלט שוין לאַנג געווען אין וואַרשע. און געקומען וואָלט איך, זאָגט זי, דאַפּקע אומגעריכט און דאַפּקע סאָף כוידעש אין אַ פֿינצטערער נאַכט. ניט, זאָגט זי, ווײַל איך בין אים כאָלילע אין עפּעס כוישעד, נאָר גלאַט אַזוי, זאָגט זי, איך וואָלט אַ קוק געגעבן אף ציקאַוועסט פֿונדערווײַטן, זאָגט זי, מיט איין אויג כאָטש, ווי גייט עס אים דאָרטן, דעם טאַכשיט; און וואָס ער מאַכט און וואָס ער טוט און ווי ער בענקט דאָס, נעבעך, אַזוי אַהיים...“

וויִאַזוי מיר ווערט אָפּן האַרצן פֿון אַזעלכע ווערטער, באַדאַרף איך דיר ניט שרײַבן. עמע־צער, דאַכט זיך, זאָל קומען און זאָל מיך אויסשעלטן אף אַלע זײַטן, וואָלט מיר געווען אַ סאַך ניכער. נאָר אַז אַ מאַמע זאָגט, מוז מען שווײַגן. קיין סוינעטע איז זי דאָך מיר ניט. און דיר אויך ניט, כאָטש זי באַגראָבט דיך הינטער די אויגן דרײַ מאָל אַ טאָג מיט גוטע רייד, ווי דו האָסט עס קאָשער פֿאַרדינט און ווי עס ווינטש דיר פֿיל גוטס און אימער גליק

דײַן בעעמעס געטרײַע פֿרוי שיינע־שיינדל.

דאָס ביכל, וואָס דו שרײַבסט מיר וועגן דעם און וואָס דו ווילסט גליקלעך מאַכן די גאַנצע וועלט און זיך אַליין, ווייסט שוין פֿון דעם זשוק דאַ זשאַבאַ און אַלע קוקן שוין אף דעם אַרויסעט. אַ סאַך האָבן זיך שוין דערוף נאָכגעפֿרעגט באַ מיר... ווייס איך ניט, וואָס זאָל איך זיי זאָגן, איך זאָל אַזוי וויסן פֿון צאָרעס. זיי ווילן, אַז דו זאָלסט עס מיר צושיקן גלײַך אַהערצוצו, ביכדיי זיי זאָלן פֿאַרשפּאָרן דיר שרײַבן בריוולעך און שיקן מאַרקעס. כאַכאָמים! גענוג מע גיט זיי אומזיסט, ווילן זיי נאָך, מע זאָל זיי אַרײַנטראָגן אין שטוב. ווי זאָגט די מאַמע: אָן אָפּגעשיילט אייעלע און גלײַך אין מויל אַרײַן...

„הײַנט“, נומ. 164, 30 יול, 1913.

מענאַכעם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין קאַסרילעווקע

ריישיס, בין איך דיר מודיִע, אַז איך בין באָרעך־האַשעם בעקאַוו האַכאַיִם ווהאַשאָלעם. האַשעם־ייִסבאָרעך זאָל העלפֿן, מע זאָל טאָמיד האָרכן איינס פֿונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בסורעס טויוועס יעשועס ווענעכאָמעס בעסויך קלאַל ייִסראָעל — אָמיין.

וועהאשיינים, זײַ וויסן, זוגאָסי האיע־קאָראָ, אַז דער טערק, אַכוץ וואָס ער האָט זיך אומגליקלעך געמאַכט, האָט ער מיר נאָך צעשלאָגן אַלע מײַנע גאָלדענע פּלאַ־נען. ער האָט ניט באַדאַרפט לאָזן זיך איבערריידן פון די יונגעלײַט און נישט קריכן אַזוי גיך קיין אַדריאַנאָפּאָל און קיין קירקעלעס און אין די איבעריקע ערטער, פונוואַנען מע האָט אים נישט לאַנג אַרויסגערייכערט, נישט געלאָזט אַפילע, ווי מע זאָגט, דאָס אָרט זיך אָפּקילן. ער האָט דאָס נישט באַדאַרפט, וואָרעם — האַלעוויַי איך זאָל ליגן זאָגן — עס וועט אים גלאַט נישט אָפּלויפן. אין די הויכע פענצטער זיצט מען שוין און מע טראַכט און מע אייצעט זיך און מע זוכט אַ מאָ־ווי, וויאַרום מע זאָל אים אָף אַ לײַטישן אויפן אָפּציִען און פאַרטרײַבן צוריק אין זײַן אַלטער היים.

עמעס, שטאַרק פאַריבל האָבן אָף אים קאָן מען אויך ניט. דער יעיִצערהאָרע פון נעקאָמע איז גרויס. אַז מע זעט, מײַן האָב־און־גוטס וואַלגערט זיך, ווי נאָך אַ פּאָגראָם, אין אַלע גאַסן, העפקער, און פרעמדע טיילן זיך דערמיט... און דאָ האָט גאָט געהאָלפן, די פּאָגראָמשטשיקעס אַליין האָבן זיך צעאַמפּערט, נישט געקאָנט אײַנטיילן זיך, האָבן זיך צעהאַרגעט און צעַ־יושעט איינס דאָס אַנדערע — ווען נאָך קאָן זײַן אַזאַ שאַאַס־האַקוישער, ווי זאָגט די מאַמע דײַנע — אַ קאָשערן טאָפּ מיט אַ קאָשערן לעפל... טאָר מען אָבער ניט פאַרגעסן, אַז כאָטש דער סוינע איז אַ צעקלאַפּטער, שטייען הינטער זײַנע פּלייצעס אַזעלכע גרויסע בערן, ווי די ענגלענדער, לעמאָשל, מיט די קעסטלדיקע הויזן, אָדער דער דײַטש מיט די געזונטע פּיסקעס, וואָס זיי לוינט זיך נישט בעשום־אויפן, אַז דער צעפּאָגראָמעוועטער טערק זאָל אופשטיין טכיִאַס־האַמייסים, אָפּנעמען צוריק אַלצדינג און זיך שטעלן אָף די פיס אַזוי, אַז ער זאָל טאַקע קאָנען זאָגן נאָכדעם כאַדייש יאָמיינו קעקעדעם. פאַרוואָס זיי לוינט זיך ניט? איז אַ פּאָשעטער סייכל, נאַרעלע. איך וועל עס דיר מאַסביר זײַן מיט אַ מאָשל:

אַשטייגער, מע האָט אַן אַלטן פעטער אַן אוישער, וואָס מע קוקט אַרויס אָף זײַן יערושע, און גאָט העלפט, ער ווערט קראַנק, איז דאָ אַ האָפענונג, ער וועט צומאַכן אַן אויג, וועט מען אים באַווייגען, ניט זשאַלעווען קיין טרער, טון זײַן רעכט, אָפּפירן אָפן הייליקן אָרט, דינגען טאַלמעדטוירע־ייִנגלעך, זיי זאָלן זינגען נאָך דער מיטע „צעדעק לעפאָנאָוו יעהאַלייך״, צעַ־טיילן אָרעמעלײַט אַ ביסל קליינגעלט, פאַרנעמען פונזײַנטוועגן אַ פײַנע קאַרקע, באַלייגן אים צווישן די שענסטע באַלעבאַטים, הייסן דעם ראָוו, ער זאָל זאָגן עפּעס אַ רעכטן העספּעד, אָנהייבן מיט אַ פּעפּעריקן פּאָסעק און אויסלאָזן מיט אַ גוואַלדעריש: „גיי זשע, פעטערל, גיי און שלאָג דיר דורך אַ וועג גלײַך אין גאַנײדן אַרײַן — דאָרט איז דײַן אָרט, ייִסגאַדאַל וועיִס־קאַדאַש״... — — — און אַז מע וועט קומען אַהיים, וועט מען אַראָפּוואַרפן די שטיוול, זיך אַוועקזעצן שיווע, די ווײַבער וועלן קאָכן גליטשיקע לאָקשן, און באַלעבאַטים שכיינים וועלן קומען מענאַכעם־אָוול זײַן אָן אַ גוטמאָרגן, ווי דער שטייגער איז, וועלן זיצן אַ קורצע ווײַלע, זיך אופהייבן און אַוועקגיין אָן אַ זײַט געזונט... דעמלט וועט מען צושליסן די טיר, אַראָפּ־לאָזן די פאָרהענגלעך, אַרויסנעמען די צוואָע און זיך אַ נעם טאָן צו דער כאַלוקע... שטעל זיך אָבער פאָר, זוגאָסי האַיעקאָראָ, דאָס אייגענע צוריק, דאָס הייסט, אַז דער קראַנקער פעטער הייבט גאָר אָן ווערן געזונט, בעט גאָר ברויט מיט פּוטער, פלוימען־צימעס און נאָך אַזעלכע זאַכן און הייסט זיך געבן אַ שפּיגעלע — ער וויל אַ קוק טאָן אָף דער צונג, ווערט באַרײַדעוודיק און הייבט שוין גאָר אָן זאָגן ווערטלעך אויך — קאָנסטו זיך מעלדן, ווי עס ווערט קאַלעמוטנע אָפן האַרצן די מעקוראָווים, נעבעך? זיי שמייכלען טאַקע אַפילע, קלוי־מערשט זייער צופרידן, וואָס דעם פעטער איז, דאַנקען גאָט, בעסער, נאָר וואָס זיי ווינטשע־ווען אים אין האַרצן, מעג עס פאַלן אין יאַם אַרײַן!..

דאָס איז דער מאָשל. און דעם נימשל, רעכן איך, פאַרשטייסטו אַליין... צעקײַען דאָס און אַרײַנלייגן דיר אין מויל אַרײַן באַדאַרף מען נישט... נישט מער, איין זאַך, דו וועסט פרעגן: ווו איז יוישער? ווו איז גאָט? פאַרוואָס זאָל דער אָרעמער טערק טאַקע נישט אָפּנעמען צוריק

זײַן צעראַבעװעט פאַרמעגן? װעמען אַרט עס?.. דאָס אײגענע האָב איך אױך געפרעגט, נאַרעלע, אָבער נאָר די ערשטע צײַט. דו זאָלסט זײַן דאָ אַף מײַן אָרט און לײענען אַלצדינג, װאָס איך לײען זיך אָן אין דער רעדאַקציע די דעפּעשן מיט די בריװלעך פון דער גאָרער װעלט, די ליגנס, װאָס פליִען, די שקאָרים אוכעזאָװים, װאָס מע טראַכט אױס און מע לײקנט זײ באַלד אָפּ, די הינטערפּיסלעך, װאָס מע שטעלט אײנס דאָס אַנדערע, און טאַקע דאָס בלוט, װאָס גיסט זיך פראַנק־און־פרײַ אַף אַלע גאַסן, װאָלסטו אױך אױפגעהערט פרעגן קאַשעס, אַזױ װי איך האָב אױפגעהערט צו פרעגן. נישט נאָר קאַשעס פרעגן — איך קאָן שױן נישט לײַדן אַפילע, אַז יענער פרעגט מיך. און מעהײַ־טאַמע האָב איך טאַקע אױפגעהערט אַרײַנצוגײן צו כאַסקל קאָטיק אין דער קאַװיאַרני אַרײַן, ער זאָל מיך לאָזן צורו און אױפהערן האָבן טײַנעס צו מיר, לעמײַ שװײַגט מען און לעמײַ דערלאָזט מען, אַז די באַלקאַנער זאָלן זיך אײנס דאָס אַנדערע אױסקױלען, װי די אָקסן. מײלע, אַז די „האַלבע לעװאָנע" — מײנט ער דעם טערק — גײט אַף די סלאַװיאַנער, דאָס, זאָגט ער, פאַרשטײט ער נאָך. אָבער װי דערלאָזן דאָס אײַערע סלאַװיאַנער גדױלים, טײַנעט ער צו מיר, אַז זײערע אײגענע ברידערלעך, טאַקע די סלאַװיאַנער גופע, זאָלן זיך פאַרטיליקן, זאָגט ער, אײנס דאָס אַנדערע? מײלע, פון יױשער, זאָגט ער, רעדט ער שױן נישט. ער װיל נאָר אײן זאַך — איך זאָל אים זאָגן, װוּ איז דער סייכל? און דער דאָזיקער ייִד, דאַרפסטו װיסן, אַז ער נאַסיאַדעט זיך, קאָן מען פון אים אַזױ גיך ניט פּאָטער װערן. אָט האָט ער זיך נאַסיאַדעט אַף מיר מיט דער ייִדישער קאַװיאַרני, װאָס איך װיל עפּענען אַף אַקציעס, איך זאָל נעמען זײַן „אוסטאַװ", װאָס ער האָט אױסגעאַרבעט פונמײַנטװעגן. אַלצדינג באַדאַרף, זאָגט ער, האָבן אַן אוסטאַװ, אַן אוטװערדעװעטן פון קאַזנאַ. װאָס דאַרפסטו מער? אַפילע פאַר מײַן בוך לעטױװעס עמיגראַנטן האָט ער אױך, זאָגט ער, אױסגעאַרבעט אַן „אוסטאַװ" — אַ ייִד האָט זיך פאַרליבט אין „אוסטאַװון"... דערװײַל קאָן איך דיר שרײַבן, זוגאָסי האַיעקאָראָ, פון מײַן בוך, אַז ער איז מאַריש־אױלאָם! דאָס הײסט, ניט דער בוך גופע, קײן בוך איז נאָך ניטאָ, נאָר דער „לכה דודי", װאָס איך האָב געלאָזט דרוקן, האָט אױפגעװעקט די גאַנצע װעלט, און איך באַקום בריװלעך פון אַלע אַרבע פּינעס אױלאָם. דער פרעגט זיך נאָך, װען װעט שױן אַרױס דער בוך, דער אַנדערער פרעגט, צי דער גאַנצער בוך װעט זײַן געדרוקט אין גראַמען אַפן שניט פונעם „לכה דודי". נאָך אײנער פרעגט, װי לױנט זיך מיר געבן אומזיסט אַ בוך גאָר אָן אַ פּרוטע. און נאָך אײנער פרעגט גאָר אַזאַ מין קאַשע: װיבאַלד אַז איך גיב דעם בוך אומזיסט, צו װאָס זשע טרעבעװע איך אַ מאַרקע? אַז אומזיסט — איז אומזיסט... אַ גײַציקע אומע אונדזערע ייִדן, זאָג איך דיר! צו אָפּענטפערן יעדן אײנציקן דאַרף מען האָבן בראָדסקיס פאַרמעגן אַף מאַרקעס אַלײן! און מאַכמעס איך האָב קײן צײַט ניט, מאַך איך דאָס בעקיצער. אימירצעשעם אינעם אַנדערן בריװ װעל איך דיר אַרױסשרײַבן נאָך מער באַאַריכעס. לעסאַטע לאָז גאָט געבן מיט האַצלאָכע. זײַ געזונט און קוש די קינדער שעיִכיו, און גריס דער שװיגער שעטיכיע, און דער גאַנצער מישפּאָכע זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פרײַנטלעך.

מימעני באַאַלײך מענאַכעם־מענדל.

א י ק ע ר ש אָ כ א כ ט י. דאָס, װאָס דו עסט זיך אָפּ דאָס האַרץ, זוגאָסי האַיעקאָראָ, װאָס דער מעכאַבער פונעם „לכה דודי" האָט אַרײַנגעשטעלט אין זײַנע גראַמען דײַן מאַמען, איז אַזױ געװען די מײַסע. ער האָט געהאַט טכילעס אװעקגעשטעלט אַזױ: „איר דאַרפט געדענקען אים מיסטאַמע — ער האָט אַ װײַב, איז זי אַ דאַמע..." האָב איך נישט דערלאָזט, װײַל איך האָב געװוּסט, אַז דו האָסט פײַנט „דאַמעס"... האָט ער שױן געמוזט אַװעקשטעלן די „מאַמע", װאָרעם ער האָט נישט געהאַט קײן אַנדער גראַם צום װאָרט „מיסטאַמע". אַלקײן באַדאַרפסטו אַף אים קײן פאַריבל ניט האָבן. ער איז דאָך נישט מער װי אַ גראַמענמאַכער, און די גראַמענמאַכערס האָבן אין זיך אַ טעװע, אַז צוליב אַ גראַם װעלן זײ דיר אַװעקגעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען.

האנאל

„הײַנט", נומ. 166, 1 אװגוסט, 1913.

שיינע־שיינדל פֿון קאַסרילעווקע צו איר מאַן מענאַכעם־מענדל אין וואַרשע

ליכווויד באַאַלי האַיאַקאָר האַכאָכאָם מופֿלאָג האַנאָגיד מעפֿורסאָם מעהורער מענאַכעם־מענדל נ״י.

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זײַנען דאָ אַלע, גאָט צו דאַנקען, אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער.

צווייטנס, שרײַב איך דיר, באַאַלי האַיאַקאָר, אַז אויב דו ווילסט שרײַבן, זאָלסטו מיר ניט שרײַבן מער פֿון דײַנע שלימאַזלען, די קליינע מיט די גרויסע, מיט די גאָר־גאָר גרויסע לידל־מאַכערס, לאָזן זיי דיר גיין קאַפּאַקאַלע מיט זייערע גראַמען, זיי זאָלן האָבן אַ מיגרען, מיט אַ קאַפּוויטעק, וואָלט זיך זיי מער ניט געגראַמט. זיי זאָלן אַזוי קאָנען עסן, ווי איך קאָן איצט שרײַבן דיר אַ בריוו, אַז סאַכאַקל, אויב דו ווילסט וויסן, דרייט זיך מיר די גאַנצע שטוב, און עס פֿינקלט מיר אין די אויגן. נאָר וואָס דען? מע האָט מיך געבעטן הײַנט אינדערפֿרי עטלעכע מענטשן, אַז איך זאָל דיר לעמאַנעשעם שרײַבן מיקויעך אַ מעשׂה, וואָס בײַ אונדז האָט זיך געטראָפֿן, די גאַנצע שטאָט איז אַרײַנגעקראָכן אין אַ בלאָטע, ניט אַהין, ניט אַהער, ווילן זיי, טאָמער קאָנסטו זיי עפּעס העלפֿן מיט אַן אייצע, כאָטש איך ווייס ניט, וואָס ביסטו עפּעס געוואָרן בײַ זיי מיטאַמאָל דער גרויסער כאָכעם, מיטן גרויסן קאָמפּעטענטש, מיטן באַל־יויעץ. נאָר ווי זאָגט די מאַמע: גיב מיר, גאָטעניו ניט קיין סייכל, ניט קיין פֿאַרשטאַנד, נאָר איין קליין שטיקעלע האַצלאָכע... די מעשׂה איז אַזאַ מעשׂה.

ס׳איז פֿאַראַן בײַ אונדז אַ כעווורע, אַ שפּאָגל־נײַע כעווורע, הייסט זי מיט איר הייליקן נאָמען „האַכנאָסעס־קאַלע“ און פֿאַרנעמט זיך דערמיט, וואָס זי פֿאַרזאָרגט מיט נאַדן אַלע מיידלעך. וויבאַלד נאָר אַז גאָט העלפֿט, אַ מיידל ווערט אַ קאַלע, באַקומט זי דרײַ הונדערט קערבלעך נאַדן פֿון דער כעווורע. דער טאַטע מעג זיך זײַן ווער עס וויל — אַ סויכער אָדער אַ באַלמעלאָכע, אַ קרעמער אָדער אַ מעלאַמעד, אַ נאָגיד אָדער אַ קאַפּצן, אַבי ער איז אַ טשלען פֿון דער כעווורע, איז שוין גוט. און אַ טשלען קאָן זײַן יעדערער, מע דאַרף דערצו ניט קיין כאָכמע, ניט קיין בעריעשאַפֿט, נאָר איין פֿינפֿערל, דאָס הייסט ווער עס האָט און קאָן און וויל אײַנשטעלן אַ פֿינפֿערל, אַזוי ווערט ער אַ טשלען פֿון דער כעווורע, און זײַן טאָכטער, לאָז זי נאָר ווערן אַ קאַלע, אַזוי איז זי שוין באַוואָרנט מיט דרײַ הונדערט קערבלעך נאַדן, וואָס קלײַבן זיך אָן טאַקע פֿון די פֿינפֿערלעך, וואָס איטלעכער טשלען טראָגט אַרײַן. און פֿינפֿערלעך האָבן זיך אָנגעקליבן אַזויפֿיל דאָס ערשטע יאָר, אַז ס׳איז געוועזן אָן אַ שיר געלט! טויזנטער באַלעבאַטים — טויזנטער פֿינפֿערלעך. אַ קלייניקײַט, אַז פֿאַר איין פֿינפֿערל וואַרפֿט אַראָפּ אַ טאַטע פֿון זיך דעם גאַנצן עול פֿון נאַדן און ער קאָן טאָן דעם גרעסטן שידעך! מײַן פֿעטער אַווראָם־מוישע, אויב דו געדענקסט אים נאָך, פֿאַרמאָגט זײַן אייגנס דרײַ טעכטער, קענאָרע, וואָס אַלע דרײַ האָט מען געמעגט שוין לאַנג אין איין טאָג צו דער כופּע פֿירן. איז וויבאַלד ער האָט דערהערט פֿון דער נײַער כעווורע, אַזוי איז ער אַוועקגעלאָפֿן און אַרײַנגעבראָכט אַ פֿינפֿערל און האָט זיך פֿאַרשריבן פֿאַר אַ טשלען און האָט באַלד איבערגערעדט מיט אַ שאַדכן, ער זאָל זוכן פֿונזײַנטוועגן דרײַ כאַסאַנים אין איין גאַנג!

וואָרעם אַז איינער האָט דרײַ טעכטער און אַלע דרײַ ווערן קאַלעס, גיט מען אים אַרויס פֿון דער כעווורע דרײַ מאָל צו דרײַ הונדערט קערבלעך נאַדן, אַזוי איז דער דין, און טאָמער האָט איינער פֿיר טעכטער און אַלע פֿיר ווערן קאַלעס, דאַרף מען אים אַרויסגעבן פֿיר מאָל צו דרײַ הונדערט קערבלעך נאַדן. און אַז איינעם האָט גאָט געבענטשט מיט פֿינף טעכטער, מוז מען אים געבן פֿינף מאָל צו דרײַ הונדערט קערבלעך נאַדן. האַקלאַל — וואָס מער טעכטער, איז אַלץ בעסער, ווי זאָגט די מאַמע: ס׳שטייט געשריבן, אַז ס׳וועט קומען אַ צײַט, וואָס אַ טאַטע וועט זיך ניט זאָרגן, ער האָט צופֿיל קינדער און אַ מאַמע וועט ניט וויינען, זי האָט אַ סאַך טעכטער...

האָבן זיי זיך אָבער אַרומגעקוקט, אַ מאַקע זיי, וואָס טוט מען, טאָמער האָט איינער זיבן טעכטער, צען טעכטער, דרײַצן טעכטער, — אַ קאַשע, וואָס סע מאַכט זיך? אָט איז בײַ אונדז אין קאַסרילעווקע געווען אַ שוסטער, יידל בעזדיטניק האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן, דערפֿאַר וואָס גאָט האָט אים באַגליקט מיט גאַנצע אָנדערהאַלבן טוץ קינדער פֿון צוויי ווײַבער, און אַלע זײַנען זיי מיידלעך! אַ גליק וואָס ער האָט זיך באַצײַטנס אָפּגעטראָגן קיין אַמעריקע. צי איז ער דערפֿאָרן מיט זײַן כאַליאַסטרע אויפֿן אָרט, צי ער האָט זיי געפּאַטערט איינציקווײַז אין וועג ערגעץ אויף דער זײַט גרענעץ אָדער אויף יענער זײַט גרענעץ — דאָס ווייסט מען ניט. ווער האָט אין זינען אַ שוסטער? קאַרג שוסטערס און קאַרג שנײַדערס און גלאַט יידן זײַנען

אויסגעשטאָרבן, ביז זיי האָבן זיך דערלעבט צו קומען אפן אָרט, ביכדיי זיי זאָלן דאָרטן האָרעווען, ווי די פערד, מע זאָל ניט שטארבן פון הונגער? נאָר אז מע האָט א טראכט געגעבן, וואָס וואָלט געווען, ווען אזא בעזדיטניק, לעמאָשל, נעמט און ווערט אויך א טשלען און פאָרט ניט אוועק קיין אמעריקע און זײַנע אלע אכצן מיידלעך וואקסן אויס און ווערן קאלעס — ווו וועט מען נעמען אזויפיל געלט? איז מען געפאלן אף אן אייצע, פאלן זאָלן זיי אף די אויגן, און מע האָט געפּאסקנט אזוי: אז ווער עס צאָלט אײַן נאָר איין פינפערל א יאָר, דער קאָן כאסענע מאכן נאָר איין טאָכטער, און ווער עס האָט צוויי טעכטער, דארף ער צאָלן צוויי פינפערלעך, צען פינצטערע יאָר אף זייער קאָפּ! וואָס טויג דיר כאָכמעס — דער פעטער מוישע־אווראָם האָט, נעבעך, געמוזט מאפקער זײַן נאָך צוויי פינפערלעך. א בריירע האָט ער געהאט? ווי זאָגט די מאמע: ווער עס האָט ליב א פעטן קוגל, דער באדארף ליב האָבן ארײַנטון שמאלץ... ביסטו שוין פארטיק? האָב צײַט א ביסל. די רעכטע גדעכטע הייבט זיך ערשט אָן.

האקלאל, האָט מײַן פעטער רעב אווראָם־מוישע ניט געמאכט קיין לאנגע שיִעס און האָט א שידעך געטאָן מיט אלע דרײַ טעכטער און געקראָגן פאר זיי כאסאנים דאפקע אויסגעצייכנטע, איינער בעסער פונעם אנדערן. וואָס איז דער כידעש? פאר געלט קריגט מען הײַנטיקע יאָרן די מעציִע, און דער נאדן איז דאָך זיכער, ווי אין באנק: די „כעוורע" איז באגלייבט, וואָרעם די גאבאָיִם און די רעכטע מאכערס איז דער סאמע צימעס. קאָנסט פארשטיין, אז רעב יעשוע־העשל אליין איז אויך א מאכער צווישן די מאכערס. איז דאָך גוט? האָב זשע צײַט, וועסטו הערן ווײַטער.

א שידעך געטאָן, האָט ער אָפּגעלייגט די כאסענע טאקע אף באלד, אין צוויי וואָכן ארום, און אלע דרײַ כאסענעס אין איין טאָג. וואָס איז דער סייכל? דער סייכל איז א פּראָסטער סייכל. ער האָט, פארשטייסטו מיך, גערעכנט אזוי: ער וועט כאסענע מאכן אלע דרײַ טעכטער אין איין קלאָפּ, וועט ער פארשפּאָרן דרײַ כופּע־וועטשערעס מיט דרײַ מאָל קלעזמער מיט דרײַ נעכט ניט שלאָפן. א מאראָכע, וואָס מע קאָן ניט פארשפּאָרן צאָלן דרײַ מאָל שאדכאָנעסגעלט. לאָזט זיך אויס, אז דער פעטער אווראָם־מוישע איז גאָר קיין נאר ניט. דער פעטער אווראָם־מוישע האָט קיין שאדכאָנעס אויך ניט געצאָלט, ער האָט זיך מעיאשעוו געווען און האָט דאָס אָפּגעלייגט אף נאָך דער כופּע, ביכדיי ער זאָל צאָלן, פארשטייסטו מיך, טאקע פון יענעם געלט, פונעם נאדן הייסט עס, וואָס די „כעוורע" וועט געבן, ווי זאָגט די מאמע: מיט פרעמדער פּוטער איז גוט צו שמירן זיך... וואָלט ער, דאכט זיך, געמעגט זײַן צופרידן, איאָ? איז אָבער דער פעטער אווראָם־מוישע ניט אזא מענטש. ער איז דיר קיינמאָל ניט צופרידן? „וואָס איז אײַך, פעטער? וואָס האָט איר אראָפּגעלאָזט די נאָז?" קרעכצט ער: סטײַטש, ער באדארף זיך שיידן מיט דרײַ קינדער אין איין וואָך, וואָרעם אלע דרײַ כאסאנים האָבן אָפּגעשמועסט צווישן זיך, אז אין א וואָך ארום נאָך דער כופּע פאָרן זיי אלע אוועק קיין אמעריקע, געלט האָבן זיי צו דרײַ הונדערט יעדערער — וואָס וועלן זיי דאָ טאָן?

האקלאל, ער איז ארומגעגאנגען אין איינע יעסורים, דער פעטער אווראָם־מוישע הייסט עס, אן אומגליק, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, דרײַ טעכטער מיט דרײַ איידעמס, קוים אמאָל דערלעבט א שטיקל נאכעס, הייבן זיי זיך אוף און פליִען אוועק אין איין וואָך! מע זאָל אים לאָזן, זאָגט ער, כאָטש אָנטישען זיך א ביסל! אזוי קלאָגט ער זיך, נעבעך, דער פעטער אווראָם־מוישע הייסט עס, און אינדערעמעסן זעט מען, אז דעם ייִדן קומט צו א שטיק געזונט. א קליינִיקײַט, א מענטש פּאטערט אראָפּ אזא האָרב פון די פּלייצעס — דרײַ דערוואקסענע טעכטער אין איין טאָג! קאָן דאָך די מאמע קיין אוולעס ניט לײַדן און האָט פײַנט, אז א מענטש האָט פארשטאָכענע אויגן און זאָגט נישט דאָס, וואָס ער מיינט, הייבט זי אָן מיסטאמע אויסריידן דאָס הארץ, ווי זי קאָן, אז ער וויינט אומזיסט, מיר האָבן א שטארקן גאָט. גאָט קאָן טאָן א נעס, זאָגט זי, אז זיי זאָלן נאָך בלײַבן היגע און זאָלן ניט פאָרן אין ערגעץ, וואָרעם סע שטייט געשריבן, זאָגט זי, אז א מענטש האָט איין וועג און גאָט האָט וועגן אָן א שיר... ווערט ער ברוגעז, דער פעטער אווראָם־מוישע הייסט עס, און מאכט צו איר: „עפּעס האָט איר מיר צופיל אָנגעהויבן ריידן מיט גאָט!.." האקלאל, ווער איז גערעכט? פארשטייט זיך, אז די מאמע! זײַנע דרײַ טעכטער האָבן אזוי כאסענע געהאט אין איין טאָג, ווי איך בין א ראָוו, וואָרעם אז ס'איז געקומען צו דער כאסענע און די כאסאנים האָבן א טרעבעווע געטאָן דעם נאדן, איז דער פעטער אווראָם־מוישע אוועקגעלאָפן נאָכן נאדן, לאָזט זיך אויס — ווער נאדן, וואָס נאדן, — עס באדארף ערשט זײַן א זאסעדאניע. איז אים באלד געוואָרן קאלעמוטנע, נאָר אז מע זאָגט א זאסעדאניע, איז א זאסעדאניע. ווען זשע וועט זײַן די זאסעדאניע? אימירצעשעם שאבייסענאכטס. „סטײַטש, שאבייסענאכטס איז שוין בא אים דאָס פּאָרשפּיל און דינסטיק די כופּע, דאָס הייסט אלע דרײַ כופּעס!" מיילע, שרײַ הײַנט, שרײַ מאָרגן — מיט

אַ שטאָט קאָן מען זיך ניט קריגן. קוים דערלעבט דעם שאַבייסענאַכטס, די „כעוורע" איז זיך צונויפגעקומען אַף דער זאַסעדאַניע, טאַקע באַ רעב יעשוע־העשל׳ען אין שטוב, און מע האָט געפּאַסקנט, וועסטו הערן אַ שיינס: אַזויווי פון די פינפּערלעך האָט זיך טאַקע אָנגעקליבן אַ שיין ביסל געלט, נאָר אַזויווי ייִדן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן כאַסענע מאַכן זייערע טעכטער, און אַלע אין איין צײַט, אַ סוואָרע, אַז אַף ראָשכוידעש עלעל זײַנען אָפּגעלייגט געוואָרן הונ־דערטער כאַסענעס, האָבן זיי זיך באַרעכנט, אַז טאָמער וועלן זיי אַרויסגעבן אַלעמען זייערע נאַדנס, וועט זיי ניט קלעקן ראָטשילדס פאַרמעגן און וועלן נאָך מוזן זײַן אָנזעצערס, אַלקיין איז באַ זיי געבליבן, זיי זאָלן אָפּוואַרטן און ניט אַרויסגעבן דערווײַל קיינעם ניט אַ גראָשן, ביז מע וועט געפינען עפּעס אַן אייצע — אָדער מע זאָל צעטיילן דאָס צונויפגעזאַמלטע געלט צווישן די קאַלעס, וואָס האָבן כאַסענע ביז ראָשכוידעש עלעל, וויפל ס׳וועט זיך אָנעמען, אָדער מע זאָל אומקערן די טשלענעס צוריק זייערע פינפּערלעך, וועט דאָס האָבן אַן עק! ווי געפעלט דיר אַזאַ מײַסע? מעג נישט קומען אַף זיי אַ כאָליערע, נאָך איידער דער ראָשכוידעש עלעל איז אַרײַנגעטראָטן? אַבי מע האָט גענומען און מע האָט אופגערודערט אַ שטאָט, טאָמער ווייסטו וואָס? ווי זאָגט די מאַמע: אַז מע בויט אַף זאַמד, מוז עס פאַלן, און פון שניי לאָזט זיך טאָמיד אויס אַ טײַך... דו קאָנסט זיך דען פאָרשטעלן דעם כורבן, וואָס אין שטאָט? מיטן טרויער פון די קאַלעס? מיטן ראַכמאָנעס, וואָס אַף די טאַטעס, נעבעך? אַנדערע שרײַען גוואַלד, מאַכן סקאַנדאַלן! אַנדערע שעמען זיך אין גאַס אַרויסצוגיין. און זיי, די מאַכערס פון דער „כעוורע" — אַ קלאָג צו זייערע קעפּ! — זיי ווייסן נאָר איין זאַך — מאַכן זאַסעדאַניעס! נאָך אַ זאַסעדאַניע, און נאָך אַ זאַסעדאַניע, און נאָך אַ זאַסעדאַניע — אַ זאַסעדאַניע זאָל זיך אַרײַנ־כאַפּן צו זיי אין האַלדז, ריבוינעשוילעם! דערווײַל איז באַ זיי געבליבן, אַז מע זאָל צעשיקן בריוו אין אַלע גרויסע שטעט, ווו עס געפינען זיך אויך אַזעלכע „כעווראָס", און מע זאָל באַ זיי אָנפרעגן אַן אייצע, וואָס טוט מען. און אַזויווי דו ביסט דאָך איצט אין אַזאַ גרויסער שטאָט, ווי וואַרשע, און דו קאָנסט זיך דאָרט מיט איינעם אַ ייִדן, וואָס מע רופט אים כאַסקל און וואָס ער פאַרנעמט זיך, זאָגסטו, דערמיט, וואָס ער מאַכט „כעווראָס", לאָכיין האָט מען מיך געבעטן, טאַקע דער פעטער אַווראָם־מוישע און זײַנע קינדער, זיי לייענען דײַן געזעגט, אַז איך זאָל לעמאַנעשעם צו דיר שרײַבן, אַז דו זאָלסט זיך דאָרטן זען לעמאַנעשעם מיט איענעם ייִדן און זאָלסט מיר לעמאַנעשעם באַלד אָפּשרײַבן צוריק, וואָס זאָגט ער, אָט דער כאַסקל הייסט עס. צי ס׳איז פאַראַן עפּעס אַן אייצע דערצו, צי ס׳איז אַ נעכטיקער טאָג? איך האָב מוירע, אַז ס׳איז דרײַ נעכטיקע טעג און אַז אַלע מעגן זיך באַגראָבן מיט דער „כעוורע" אײַנײַנעם, ווי זאָגט די מאַמע: ס׳שטייט געשריבן, אַז אַד און ווייי איז שוין דעם קראַנקן, אַז מע דאַרף אים ראַטעווען מיט פּיזעם... ווי עס ווינטשט דיר פיל גליק און אימער גוטס

דײַן בעעמעס געטרײַע פרוי שיינע־שיינדל.

„הײַנט", נומ. 168, 4 אווגוסט 1913.

מענאַכעם־מענדל פון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין קאַסרילעווקע

לעזוגאָסי האַיעקאָראָ האַכאַכאָמאָ האַצנואָ מאָראַס שיינע־שיינדל שעטיכיע!

ריישיס, בין איך דיר מוידיע, אַז איך בין באָרעך־האַשעם בעקאַוו האַכאַיִם וועהאַשאָלעם, האַשעם־ייִסבאָרעך זאָל העלפן, מע זאָל טאָמיד הערן איינס פון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בסורעס טויוועס יעשועס ווענעכאָמעס בעסויך קלאַל ייִסראָעל — אָמיין.

וועהאַשייניס, זײַ ווייסן, זוגאָסי האַיעקאָראָ, אַז וויבאַלד איך האָב מעקאַבל געווען דײַן מיכטעוו מיקויעך דער „כעוורע האַכנאָסעס־קאַלע", וואָס באַ אײַך אין קאַסרילעווקע, אַזוי בין איך גלײַך אַוועקגעגאַנגען צו מײַן פרײַנט כאַסקל קאָטיק און האָב אים געטראָפן באַ דער אַרבעט — ער מאַכט אַ נײַעם אוסטאַוו פאַר אַ נײַער כעוורע. וואָס פאַר אַ כעוורע דאָס איז — וויל ער נישט זאָגן. ס׳איז נאָך דערווײַל, זאָגט ער, אַ סאָד. נאָר אַז מע וועט געווירע ווערן, זאָגט ער, וועט זיך טון כוישעך, וואָרעם ס׳איז נאָך אַזעלעכס ניט געווען, זאָגט ער, אין ערגעץ ניט. בעקיצער, האָב איך אים דערציילט די מײַסע וועגן אײַער „האַכנאָסעס־קאַלע" און איבערגעלייענט דײַן בריוול, האָט ער זיך צעלאַכט, אָבער וויִאַזוי מיינסטו געלאַכט? זיך געהאַלטן באַ די זײַטן, מאַמעש געקאַטשעט זיך. איך האָב געמיינט, דער ייִד וועט פּלאַצן פאַר געלעכטער! אַז ער האָט זיך גוט אויסגעלאַכט, רוף איך מיך אָן צו אים: „עפּשער קאָנט

איר מיר זאָגן, מײַן ליבער רעב כאַסקל, וואָס האָט איר דערזען אין מײַן ווײַבס בריוול אַזעלכעס אַ לעכעריקס, וואָס ס׳איז אָנגעפאַלן אויף אײַך פּלוצעם אַזאַ ווילדער געלעכטער?״ מאַכט ער צו מיר: „ניט פֿון אײַער ווײַב, זאָגט ער, לאַך איך, און ניט פֿון איר שרײַבן וואָס זי שרײַבט, נאָר פֿון אײַערע קאַסרילעווקער ייִדן, וואָס זײַנען אַזעלכע בעהײמעס, ווייסן ניט, זאָגט ער, מײַ דעקאַמרע רעבעצן און נעמען זיך פֿאַר אַזאַ זאַך, זאָגט ער, ווי מאַכן אַ כעווראַ! אויף מאַכן כעווראַס, זאָגט ער, און אויסאַרבעטן אוסטאַוון פֿרעגט מען, ווער איך אײַך, זאָגט ער, געבן מאַטעריאַלן!״ — „הערסטו, זאָג איך, אָט צוליב דעם בין איך דאָך טאַקע געקומען. מײַנע קאַסרילעווקער מאַכערס, זאָג איך, זײַנען אַרײַן אין אַ בלאָטע, ווײַל איך, אַז איר, זאָג איך, זאָלט מיר געבן עפּעס אַ רעכטע אײצע, וויאַזוי מע שלעפּט זיי אַרויס״. — „אָך! — זאָגט ער. — און אייצע? פֿאַרוואָס ניט? אַדעראַבע, זאָגט ער, מיטן גרעסטן קאָוועד! אַבי זיי זאָלן נאָר ניט זײַן, זאָגט ער, קיין פֿערעאָדעמס און זאָלן פֿאָלגן, וואָס מע זאָגט זיי. וואָרעם אײַערע קאַסרילעווקער לײַט, זאָגט ער, האָבן אַ טעווע, וואָס מע זאָל זיי ניט זאָגן, געפֿעלט זיי ניט און אויף יעדן מענטשן געפֿינען זיי אײַך אַ כיסאָרן״. — „פֿונוואַנען, זאָג איך, קענט איר עס אַזוי גוט אונדזערע קאַסרילעווקער?״ — „ס׳איז גענוג, זאָגט ער, אַז איך קען אײַך, איינעם אַ קאַסרילעווקער... נאָר בעקיצער, זאָגט ער, פֿון די רייד וועט ניט זײַן גאָרניט. מע דאַרף זען עפּעס צוטראַכטן, זאָגט ער, פֿאַר אײַערע לײַט עפּעס אַ רעכטן פּלאַן. אַ ראַכמאָנעס אויף זייער געלט. עס רײַסט מיר דאָס האַרץ!..״ און מיט די דאָזיקע ווערטער הייבט ער זיך אויף פֿונעם אָרט און, ניט לאַנג געטראַכט, טוט ער זיך אַ רײַב דעם שטערן, גייט אַרום עטלעכע מאָל הין און צוריק איבער דער שטוב, שטעלט זיך אָפּ און מאַכט צו מיר אַזוי: „איך בין, זאָגט ער, באַלד פֿאַרטיק אַרום און אַרום. נאָר זאָגט מיר, זאָגט ער, רעב מענאַכעם־מענדל, וואָס איך וועל אײַך פֿרעגן — איר האָט עפּעס צײַט?״ זאָג איך: „וואָס איז שײַעך? איך זאָל זאָגן, זאָג איך, אַז איך האָב אַ סאַך צײַט, האָב איך ניט. נאָר אויב, זאָג איך, ס׳איז נייטיק, קאָן זיך געפֿינען בײַ מיר אַ האַלבע שאָ״. — „אויב אַזוי, זאָגט ער, איז גוט. גאָט אײַך אַ בויגן פּאַפּיר. אָט שטייט אַ טינט און פּען, זעצט זיך אַוועק, זאָגט ער, איך וועל אײַך דיקטירן, און איר, זאָגט ער, וועט זײַן אַזוי גוט און פֿרום און וועט שרײַבן...״ זאָג איך: „וואָס איז שײַעך, איר וועט מיר דיקטירן? און טאַקע שוין אַזוי גיך? גאָרניט געטראַכט אַפֿילע?״ צעלאַכט ער זיך: „איר מיינט, אַפּאָנעם, זאָגט ער, אַז ס׳איז בײַ מיר דער ערשטער אוסטאַוו פֿון „האַכנאָסעס־קאַלע״? איז זעצט אײַך נאָר אַוועק, זאָגט ער, נעמט, זײַט מויכל, די פּען און שרײַבט און פֿרעגט ניט קיין קאַשעס...״ פֿאָלג איך אים, זעץ זיך אַוועק בײַם טיש, טונק אײַן די פּען און וואַרט, וואָס וועט דאָ זײַן. מיינסטו עפּשער, אַז עס האָט לאַנג געדויערט, אָדער אַז ער האָט אַרויסגענומען עפּעס אַ בוך, אָדער אַ פּאַפּיר, צי וואָס? ניין, דאַפּקע אויף אויסווייניק און דאַפּקע גאָרניט לאַנג געטראַכט, נאָר געקנייטשט זיך דעם שטערן, און אַזוי ווי איך שרײַב דיר, אַזוי איז דאָס געגאַנגען בײַ אים, ווי אַ מיזמער, און פֿײַנטשיק, און גלאַט, און קײַלעכיק, פּערל, ניט קיין ווערטער! האַקיצער, ער האָט גענומען דיקטירן, און איך שרײַב... „ריישיס־כאָכמע, זאָגט ער, פֿאַרקאַטשעט נאָר אָקאָרשט דעם אַרבל, טונקט אײַן די פּען אין טינטערל און שטעלט אַוועק, זאָגט ער, מיט אײַער קאָשער הענטל: דער פּראָיעקט פֿון דעם אוסטאַוו פֿון דער קאַסרילעווקער כעוורע האַכנאָסעס־קאַלע, וואָס דאַרף אויטווערדעט ווערן פֿון קאַזנאַ יאָרום הוידאָ! פּאַראַגראַף נומער איינס: אין דער שטאָט קאַסרילעווקע ווערט געגרינדעט אַ כעוורע האַכנאָסעס־קאַלע, וואָס איר צוועק איז: צו פֿאַרזאָרגט ייִדישע מיידלעך מיט נאַדן צו דער כופּע, ביכדיי אַז איטלעכער ייִד, וואָס האָט טעכטער, — און טעכטער האָבן אַ טעווע, זיי וואַקסן, — זאָל אים ניט דאַרן דער קאָפּ, ווו נעמט מען נאַדן און כאַסענע־הוצאָעס אויף צו כאַסענע מאַכן זיי, בעשאַס זיי ווערן אַלט אַכצן יאָר אָדער כאָלילע נאָך מער. פּאַראַגראַף נומער צוויי: די כעוורע האַכנאָסעס־קאַלע באַשטייט פֿון אַ קאָמיטעט און פֿון אַ קאָמיסיע. דער קאָמיטעט נעמט צו טשלענעס, געלט און פּראָשעניעס, און די קאָמיסיע קוקט איבער אַלע פּראָשעניעס, מאַכט אויספֿאָרשונגען אין שטאָט, הערט אויס זשאַלאָבעס און קאָנטראָלירט דעם קאָמיטעט. פּאַראַגראַף נומער דרײַ: דער קאָמיטעט באַשטייט פֿון דרײַ אויסדערוויילטע עלטערע פֿאַרשוינען פֿון די פֿײַנסטע און ערלעכסטע באַלעבאַטים פֿון שטאָט. זיי קלײַבן אויס צווישן זיך איינעם אַ פּרעזידענט, וועלכער האָט צוויי גאָלאָסן. און די קאָמיסיע באַשטייט פֿון זיבן אויסדערוויילטע יונגעלײַט, מאַסקילים, קלוגע און ערלעכע, און די אַלע אויסדערוויילטע, סײַ די, וואָס פֿון דעם קאָמיטעט, סײַ די, וואָס פֿון דער קאָמיסיע, אַרבעטן אַלע אומזיסט, נאָר בעעמונאָ, מיט עמעס און מיט יוישער, לעטויוועס־האַקלאַל. פּאַראַגראַף נומער פֿיר: יעדער ייִד, וואָס איז אַ באַווײַבטער און האָט טעכטער, קאָן ווערן אַ טשלען פֿון דער כעוורע, און צוליב דעם צאָלט ער אײַן, וויבאַלד נאָר עס ווערט בײַ אים געבוירן אַ מיידל, איין פֿינפֿערל, נאָר מיט אַ טנײַ, אַז וויבאַלד דאָס מיידל ווערט אַלט אַ יאָר, באַדאַרף

ער שוין צאָלן מיט איין רובל מערער, דאָס הייסט זעקס רובל. אפן אנדערן יאָר צאָלט ער שוין זיבן רובל. אפן דריטן יאָר — אכט רובל. אפן פערטן יאָר — נײַן רובל. אפן פינפטן — צען רובל. אפן צענטן — פופצן רובל. אפן עלפטן — זעכצן רובל. אפן צוועלפטן — זיבעצן רובל. אפן דרײַצעטן — אכצן רובל. אפן פערצעטן — נײַנצן רובל. אפן פופצעטן — צוואנציק רובל. אפן זעכצעטן — איין און צוואנציק רובל. אפן זיבעצעטן — צוויי און צוואנציק רובל. אפן אכצעטן — דרײַ און צוואנציק רובל. און אפן נײַנצעטן יאָר באקומט זי איר נאדן — דרײַ הונדערט רובל, און דעמלט מוז זי כאסענע האָבן. פּאראגראף נומער פינף: דאָס מיידל, וואָס וויל ניט כאסענע האָבן, קאָן מען זי ניט נייטן מיט גוואלד, זי זאָל דאפקע יאָ כאסענע האָבן. נאָר וואָס דען? זי פארלירט דאָס רעכט אף די דרײַ הונדערט קערבלעך. דערמיט ווערט געגרייכט דרײַ צוועקן מיטאמאָל: 1) יידן וועלן זיך אויסלערנען אָפּשפּאָרן, 2) עס וועט פארשווינדן די מאָדע בא אונדז זיך צונויפלייגן אף אן אָרעמער קאלע און 3) עס וועלן ניט זײַן שוין מער בא אונדז קיין אלטע מוידן. פּאראגראף נומער זעקס: אלע יאָר, כאלעמויעד סוקעס, ווערט אויסגעקליבן א נײַער קאָמיטעט מיט א נײַער קאָמיסיע, וואָס זאָלן פירן די כעוורע אינעם וועג פון שאָלעם און עמעס און יוישער צום וווילזײַן און צו שיינקײַט פאר קאָל־ייסראָעל — אָמיין...״

„אָמיין־וואָמיין, זאָג איך, דאָס איז אלצדינג זייער שיין און פײַן, וואָס זשע טוט מען אָבער, זאָג איך, מיט יענע, וואָס האָבן שוין אײַנגעצאָלט די ערשטע פינפערלעך אין דער ערשטער כעוורע און זײַנען געבליבן, זאָג איך, שטעקן ניט אהין און ניט אהער?״ זאָגט ער צו מיר: „אָט דאָס איז דאָך די מײַסע מיט א יידן! א ייד האָט דיר קיין צײַט ניט! מיר האלטן ערשט באם אָנהייב, זאָגט ער, און איר פרעגט שוין קאשעס. גלייבט מיר, איך האָב ניט פארגעסן קיינעם, זאָגט ער, און איך האָב שוין פון זיי אויך געטראכט. איצט שרײַבט, זײַט מויכל, פּאראגראף נומער זיבן: ווער עס טראָגט ארײַן די ערשטע פינף רובל און וויל ניט צאָלן ווײַטער, אָדער ער קאָן ניט צאָלן, אָדער ער האָט פארגעסן צאָלן, באקומט ער צוריק זײַן געלט. נאָר וואָס דען? נישט באלד, ערשט אין אכצן יאָר ארום, אזוי אז אײַער פעטער, וויִאזוי הייסט ער דאָרטן, קאָן שוין, זאָגט ער, זײַן גאנץ רויִק. אצינד, זאָגט ער, גורט אָן אײַערע לענדן, מײַן טײַערער מענאכעם־מענדל, מיר האלטן נאָך גאָר פון פאָרנט. מיר האָבן נאָך צו ריידן און צו ריידן, זאָגט ער, מיקויִעך דער האנהאָגע, מיקויִעך דעם קאָנטראָל, מיקויִעך דער בוכהאלטעריע. מיר האָבן נאָך, זאָגט ער, אזוי גרויס, ווי עטלעכע און זעכציק פּאראגראפן...״

דערהערט „נאָך עטלעכע און זעכציק פּאראגראפן״, איז מיר פּאָרכאַ־נישמאָסי געוואָרן, כאַפּ איך א קוק אפן זייגער און בעט בא אים, ער זאָל מיר הונדערט מאָל מויכל זײַן: „איך האָב קיין צײַט ניט, זאָג איך, איך וועל ארײַנקומען א צווייטן מאָל, עס ברענען אף מיר די האָר, איך בין א פארקויפטער מענטש, זאָג איך, איך דארף לויפן אין דער רעדאקציע. מיִעדייִע, זאָג איך, וואָס דאָרטן טוט זיך אצינד? אָט זיצן מיר, זאָג איך, מיט אײַך אָט אָ־דאָ און מאכן כעוורעס, און דאָרט, זאָג איך קאָן די וועלט זיך איבערקערן...״

בעקיצער, איך האָב מיך ארויסגעריסן און אוועק אין דער רעדאקציע, און — קאכהאָווע — גלײַך ווי איך וואָלט געוועזן א נאָווי — איך האָב געטראָפן דעפּעשן מיט דעפּעשן, און אלץ פון איין שטאָט, פון בוקארעשט. דאָרט איז איצט דער מאָקעם, פונוואנען עס דארף ארויס דער שאָלעם אף דער וועלט. אהינצוצו האָבן זיך דאָס צונויפגעפאָרן די גרעסטע דיפּלאָמאטן פון אלע באלקאנער מעדינעס, וואָס באדארפן אויסארבעטן א טראקטאט, אויסגלײַכן אלע סיכסוכים צווישן די ברידער, וואָס קאָנען זיך ניט אײַנטיילן מיטן פעטער יישמאָעלס יערושע. זיי זײַנען עס איצט די בוירערים, די באל־יוישער! זיי וועלן עס איצט אויסארבעטן א טראקטאט, און זיי וועלן דאָס אכטונג געבן, מע זאָל האלטן וואָרט, פאָלגן, וואָס אין טראקטאט שטייט געשריבן! פרעגט זיך, וויבאלד אז יאָ פאָלגן, וואָס אין טראקטאט שטייט געשריבן, פארוואָס פאָלגן זיי ניט, איך מיין טאקע די רומענער, יענעם טראקטאט, וואָס איז אונטערגעשריבן אין בערלין נאָך פאר ביסמארקס צײַטן, ווו עס שטייט געשריבן בעפּיירעש שווארץ אף ווײַס, אז יידן האָבן אין רומעניע אלע פּראוועס?.. מענטשן, וואָס צאָלן אליין קיין וועקסל ניט, טאָרן נישט וועלן, אז יענער זאָל כאסמענען וועקסלען... הײַנט זעט גלאט אויס די גאנצע מײַסע בא מיר פון כויזעק. עס גלייבט זיך מיר ניט, אז ס'זאָל עפּעס זײַן פון דער דאָזיקער בוקארעשטער קאָנפערענציע און פון זייערע טראקטאטן. וואָרעם פון איין זײַט די גרעקן מיט די באָלגארן דינגען זיך, ווי אף א יאריד, שטעלן זייערע טנאָיִם וועגן מעקעדאָניע, און פון דער אנדערער זײַט בעט זיך מעקעדאָניע, מע זאָל זי לאָזן צורו, זי וויל בעסער אליין זײַן א באלעבאָסטע פאר זיך, און זי ווינטשט זיי, די גרעקן מיט די באָלגארן, זיי זאָלן בײדע אָנלייגן מיטן קאָפּ. און דער טערק מיט זײַן אדריִאָנאָפּאָל! ער רירט זיך ניט פון אָרט אף קיין האָר אפילע, כאָטש פון די „הויכע פענצטער״ האָט מען אים

שוין לאַנג געגעבן צו וויסן, ער זאָל מיט גוטן מאַכן אַן אָפּטריט, און וואָס פריִער, וואָרעם אַניט, וועט מען אים מיט בייזן הייסן אַרויס, אַזוי ווי מע האָט אָנומלטן געהייסן דעם מיילעך מיקיטאַ פון מאָנטענעגריע, ער זאָל אָפּרייניקן סקוטאַריע... איך קאָן דיר גאָר אַזוי פיל ניט אויסשרײַבן, זוגאָסי האַיעקאָראָ, די יעסורים און דעם אַגמעסנעפּעש, וואָס איך האָב דערפון. דאַכט זיך, אין פלוג, וואָס גייט מיך אָן אַדריִאַנאָפּאָל, וואָס אַלפּי־דין און אַלפּי־יוישער און אַלפּי־מענטשלעכקײַט און אַלפּי איך ווייס אַליין ניט וואָס — באַדאַרף עס געהערן צום טערק, ניט צו קיינעם ניט? נאָר ווי זאָגט די מאַמע דײַנע: אַז מע קאָן נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער... איידער יענער זאָל בײַ מיר אַרויסרײַסן מיט גוואַלד, איז, דאַכט זיך, שענער טויזנט מאָל, ווען איך גיב עס אים אַוועק מיט גוטן: „נאַ, וואַרג זיך!“ דו פאַרשטייסט, צי ניין? בײַ מיר איז דאָ אַ גאַנצע קאָמבינאַציע אויף דעם אַדריִאַנאָפּאָל. דהײַנע, וואָס פאַר אַ קאָמבינאַציע? באַדאַרף מען דיר קלאָר מאַכן. די מײַסע איז פּאָשעט, ווי צוויי מאָל צוויי: אַזוי ווי דער מיילעך פערדינאַנד פון באָלגאַריע איז איצט אַ געשלאָגענער — און מיט אַ גע־שלאָגענעם איז זייער גוט צו מאַכן אַ געשעפט, — זאָל עד, דער טערק הייסט עס, ווערן מיט אים איצט גאָר שאָלעם־ווּעשאָלווּע, גוטפרײַנט ביז גאָר, און אונטערטראָגן אים אַ מאַטאָנע אַדריִאַנאָפּאָל און אויסריידן זיך דערפאַר, אַז ניט נאָר ער, דער טערק הייסט עס, זאָל עמעצן דאַרפן צאָלן קאָנטריבוציע פאַר די שיינע מילכאָמעס, וואָס מע האָט מיט אים געפירט, און פאַר דערפאַר, וואָס מע האָט אים געבראָכן די ביינער, נאָר אַדעראַבע, זיי, די סלאַוויאַנער הייסט עס, זאָלן אים, דעם טערק, באַפרידן מיט אַ היפּשער פּויטעקע פאַר אַדריִאַנאָפּאָל מיט מעקעדאָניע מיט אַלבאַניע. פאַרשטייסטו שוין? דעמלט וועט ער בלײַבן אי אַ פײַנער מענטש, אי ער וועט אַראָפּלאָזן אַ שיינעם קאַפּיטאַל אין קעשענע אַרײַן. איך רעכן טאַקע אימירצעשעם איינגיכן זיך אַ נעם טאָן צו דער דאָזיקער אַרבעט און דורכפירן דעם פּלאַן מיט אַלע אַנדערע פּראָיעקטן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט בײַ מיר. נאָר מאַכמעס איך האָב קיין צײַט ניט, מאַך איך דאָס בעקיצער. אימירצעשעם אין אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן נאָך מער באַאַריכעס. לעסאַטע לאָז גאָט געבן מיט גליק און מיט האַצלאָכע. זײַ געזונט און קוש די קינדער שעיִכיו, און גריס דער שוויגער שעטיכיע, און דער גאַנצער מישפּאָכע זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פרײַנטלעך.

מימעני באַאַלייך מענאַכעם־מענדל.

„הײַנט“, נומ. 172, 8 אַווגוסט 1913.

שיינע־שיינדל פון קאַסרילעווקע צו איר מאַן מענאַכעם־מענדל אין וואַרשע

ליכּוויד באַאַלי האַיאָקאָר, האַכאָכאָם מופלאָג, האַנאָגיד מעפורסאָם מענאַכעם־מענדל נ״י.

ערשטנס, קום איך צו מעלדן, אַז מיר זײַנען דאָ אַלע, גאָט צו דאַנקען, אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער.

צווייטנס, שרײַב איך דיר, באַאַלי האַיאָקאָר, אַז די, וואָס האָבן געלייענט דײַן בריוו, האָבן אויסגעבײַטלט אַלע בייזע ווייסטע פינצטערע כאַלוימעס, וואָס פאַר אַ שנײַדערשן כעזשבן אָט דער כאַסקל קאָטיק דײַנער האָט אונדז געמאַכט! מע האָט אויסגערעכנט, אַז מע זאָל צאָלן, ווי ער וויל, און מע זאָל צורעכענען פּראָצענטן, וועט אויסקומען, אַז מע וועט באַדאַרפן אײַנצאָלן צוויי מאָל אַזויפיל און עפּשער דרײַ מאָל אַזויפיל, וויפל מע וועט אַמאָל אַרויסנעמען. און וועט מען עס דערלעבן אַרויסנעמען? אַ פּאָלג מיך אַ גאַנג — אין אַכצן יאָר אַרום! ס׳איז אים גרינג אויסצורעדן אַכצן יאָר, אַכצן מאַקעס מײַנע סאָנים! ווי זאָגט די מאַמע: וואַרט אויף פרײַטיק, וועסטו עסן אַ ראָסלפלייש... ניין, מענדל, אַז דו וועסט אים זען, דײַן קאָטיקן הייסט עס, זאָלסטו אים זאָגן, אַז מיר זײַנען ניט אַזעלכע בעהיימעס, ווי ער מיינט, און מיר וועלן זיך ניט לאָזן פירן אין באָד אַרײַן און צאָלן, צאָלן, וויפל ער וועט הייסן. וואָרעם סאַכאַקל וואָלט ער געמעגט וויסן, אַז זינט קאַסרילעווקע איז אַ שטאָט, איז גאָר אַזויפיל געלט נישט געווען, וויפל ער האָט אָנגערעכנט, און אַפילע ס׳זאָל שוין זײַן, וואָלט מען געקענט געפינען דאָ בעסערע געשעפטן, ווי ער לייגט פאָר. און פאַר דער אייצע, וואָס ער גיט דעם פעטער אַווראָם־מוישע, ער זאָל צוואַרטן עפּעס אַ יאָר הונדערט, ביז די באַלעטויוועס וועלן זיך דערמאָנען אים אַמאָל אומקערן זײַנע פינפערלעך, זאָלסטו אים אָפּגעבן אַ שיינעם דאַנק, טאַקע דײַן קאָטיקן הייסט עס, און זאָלסט אים פרעגן אויף טשיקאַ־וועסט, אַז ער איז יאָ אַזאַ באַל־יויעץ, לאָז ער דיר געבן אַן אייצע, וואָס זאָל דער פעטער אַווראָם־מוישע איצטער טון מיט זײַנע דרײַ טעכטער, וואָס אַכוץ זיי זײַנען, צווישן אונדז ריידנדיק, אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן, האָבן זיי נאָך, קענאָרע, אַזאַ וווּקס, אַז זיי גייען אין

גאַס, וועט דיר קיינער נישט זאָגן, אז דאָס גייען מיידלעך? ער זאָל זיי אײַנזאלצן, צי ער זאָל זיי פארקויפן אין כאָמעץ? אז קיין כאסאנים, דאנקען גאָט, האָבן זיי שוין נישט, וואָרעם אלע דרײַ באָכערים האָבן אָפּגעשיקט די טנאָים, געשיקט זאָל זיי ווערן פון גאָט ווו ס׳איז דאָ ערגעץ א צאָרע, א שלאק אָדער א ווייטעק! עס ווילט זיך מיר ניט שעלטן אפן ניכטערן הארצן, נאָר ווינטשעווען ווינטש איך זיי פונעם גאנצן הארצן, אז זיי זאָלן גאָרנישט דערלעבן כאסענע האָבן, ווײַל זיי ווען לעבן, און זיי וועלן יאָ אמאָל כאסענע האָבן, זאָלן זייערע ווײַבער גיך און באלד ווערן אלמאָנעס און זייערע קינדער יעסוימים! א ווערטעלע אויסצוריידן דעם ביזאָיען מיטן הארצווייטעק, אז סאכאקל האָבן זיי שוין געהאט זיך אָפּגעפּאָטאָגראַפירט אלע דרײַ פּאָרלעך אף איין בילד און צעטיילט צווישן אלע קרויווים פוןביידע צדאָדים, פון כאָסנס צאד און פון קאלעס צאד, און טאָמער איז געווען קארג, האָט מען נאָך צעשיקט די בילדער קיין אָדעס און קיין ווילנע און קיין אמעריקע און קיין אלדי שווארצע יאָר. מאנצבלען — פארברענט זאָלן זיי ווערן — זיי שטייט אָן אלצדינג! פּרוווט, לאָז א קאלע זאָגן, זי וויל ניט דעם כאָסן, וועט מען אף איר אויסקלערן וואָס אין דער קאָרט! אָט, אשטייגער, איז דער מומע קריינ׳יעס באסיעכידקעלע שוין גוט געבילדעט? טאנצט און שפּרינגט און גייט אָנגעטאָן נאָך דער לעצטער מאָדע, איז זי די טעג שיר שיר ניט א קאלע געוואָרן, פאר שאָלעם־זיידלס א זונדל, דו קענסט אים ניט, ער האָט געשטודירט אין יעהופּעץ קלוימערשט אף פּראָוויזער און איז געקומען צו פאָרן פון דאָרטן א גאָרנישט מיט א נישט, א סווישטשון, א פּוסטע קיילע, א פליוכטער! קאָנסט פארשטיין, אז ס׳איז נאָך גאָרנישט געווען בא זיי, מע האָט נאָך קיין טעלער ניט געבראָכן, האָט ער שוין אויספּייעט דערציילן דער קאלע עטלעכע מײַסעס אזעלכע שיינע, אז זי האָט באלד געזאָגט דער מאמען, אז ער זאָל זײַן מיט גאָלד, וויל זי אים נישט קענען! וואָס האָט ער איר אזעלעכס דערציילט — קאָן מען בא איר ניט דערגיין בעיין אויפן ווערופן. נאָר זי האָט זיך אײַנגעשפּארט איינמאָל פאר אלעמאָל — ניין און ניין! א באסיעכידע — העלפט זיך עפּעס? האקלאל, איז געוואָרן אויס שידעך, ווי זאָגט די מאמע: אויס קאלע, ווידער א מויד... וואָס זשע טוט אזא ייִד, ווי שאָלעם־זיידל? וועסט גאָרניט טרעפן! ער איז זיך מעיאשעוו, שאָלעם־זיידל הייסט עס, און לאָזט ארויס א קלאנג, אז דאָס האָט ער ניט געוואָלט דעם שידעך. פארוואָס? וואָרעם זײַן זונעניו וויל ניט די קאלע דערפאר, וואָס זי רעדט ניט פּראווילנע אף רישעס. וואָס וועט ער טון, זאָגט ער, טאָמער וועט זײַן זון קאָנטשען אף פּראָוויזער און וועט זײַן, זאָגט ער, אן אפּטייקער, וויִאזוי וועט ער האָבן, זאָגט ער, א ווײַב, וואָס קאָן ניט רעדן פּראווילנע אף רישעס? וואָס זאָגסטו אף אים? מעג ניט אזא טאטע באגראָבן פריִער דעם זון און נאָכדעם שוין אליין אײַנעמען א מיסע־מעשונע? און ווער, מיינסטו, איז שולדיק, אז ניט זי אליין, איך מיין טאקע דער מומע קריינ׳יעס געבאלעוועטע באסיעכידע? אף רישעס וואָלט איך גערעדט מיט אזא שארלאטאן! פון היץ וואָלט איך מיט אים גערעדט! מיינסט, נאָר זי? אלע מיידלעך זײַנען בא אונדז הײַנט אזוי געוואָרן. אז דו גייסט ארויס שאבעס באטאָג אפן שפּאציר, הערסטו ניט קיין אנדער לאָשן, אכוץ רישעס: „איזדראסטעטי, ראָזעטשקע!“, „איזדראסטעטי, סאָניעטשקע!“, „קאק פּאָזשיוואיעטיע, ראָזעטשקע?“, „בלאגאָדארו וואָס, סאָניעטשקע!“ — סע שלאָגט אזש צו דער גאל! וואָס איז? בײַשער אין יעהופּעץ זײַנען אלע מיידלעך באַרישניעס און רעדן אף רישעס, דארפן זיי אויך זײַן באַרישניעס און בעלעבעטשען אף רישעס... אלצדינג, וואָס אין יעהופּעץ, גלוסט זיך זיי אויך. לעמאָשל, אין יעהופּעץ איז א מאָדע — קומט דער זומער, פּאָרן אלע ייִדן ארויס קיין בויבעריק אף דאטשעס. וואָס טוט קאסרילעווקע, אז זי האָט נישט קיין בויבעריק? האָט איר גאָט געגעבן א זלאָדיִעווקע, פּאָרט מען קיין זלאָדיִעווקע אף דאטשעס. איַ, דאָרטן זײַנען אזוי פאראן דאטשעס, אזוי ווי בא מיר איז פאראן ווייס איך וואָס? נאָר ס׳איז עפּעס א טערעץ — וווהין דען וועט מען פּאָרן? קומט מען קיין זלאָדיִעווקע און מע פּראוועט דאָרטן דאטשעס. וואָס זשע הייסט, מע פּראוועט דאטשעס? מע באזעצט זיך אין א כאטקע און מע קויפט אוועק באם באלעבאָס די גאנצע מילך און מע גיט אים צו לייזן פאר שטשעוועל און פאר יאגעדעס, און מע ווארפט אראָפּ די קאָפּאָטעס און מע זעצט זיך אוועק אפן גרינעם גראָז אונטער גאָטס הימל — דאכט זיך, וועמען קאָן דאָס שאטן? איז ניין! דארף ארויס א זאקאָן, מע זאָל ניט לאָזן ייִדן קיין בויבעריק אף דאטשעס. דערהערט אזא געדולע, איז שוין אין זלאָדיִעווקע אויך געוואָרן א יאָמטעוו און מע לאָזט אהינצו אויך ניט קיין ייִדן. איז, דאכט זיך, גאנץ גוט: איר ווילט מיך ניט? דארף מען ניט. קרענק אליין; איז מען דאָך אָבער ייִדן. אָט דאפּקע ווײַל איר ווילט ניט — וויל איך! אלצדינג, וואָס מע טאָר ניט, איז זיס. ווי זאָגט די מאמע: קיינמאָל ווילט זיך אזוי ניט קיין שטיקל פליייש, ווי אין די נײַן טעג... האקלאל, איז געוואָרן א גערעט אף דאטשניקעס. קיינמאָל איז בא אונדז ניט געווען אזויפיל באלאָנים אף דאטשעס, ווי הײַנטיקן זומער. באלד נאָך שוועס האָט מען זיך א לאָז

געגעבן קיין זלאָדיִעווקע, ווי נאָך עפּעס רעכטס, און מע האָט געטראָפן דעם אוראדניק מיט צוויי סטראזשניקעס — האשיווײנו נאזאד... סײַדן עמעצער איז טאקע גוט קראנק און דארף האָבן לופט אזוי, ווי מע דארף לעבן, איז אויב ער וועט ברענגען א סווידעטעלסטווע פון א דאָקטער, אז ער האלט באַם שטארבן, וועט ער דאָרט קאָנען זײַן. פארשטייט זיך, אז אלע האָבן באקומען סווידעטעלסטוועס פון דאָקטוירים, ווי זאָגט די מאמע: פאר א קערבל קאָנט איר בא אונדז קריגן אפילע טאכריכים... איז, דאכט זיך, געגנוג? איז זיך מעיאשעוו דער אוראדניק, יִמאַך שמוי וועזיכרוי, און זאָגט, אז דאָס, וואָס דער דאָקטער שרײַבט, איז אים ווינציק. ער וויל אליין זען, ווער ס׳איז גלאט קראנק און ווער ס׳איז טאקע קראנק אף אן עמעס. הייסט איטלעכן זיך אויסטון, סײַ א זאָכער, סײַ א נעקייווע... טפו זאָלן זיי ווערן. דאכט מיר, איך זאָל וויסן, אז איך האלט כאָלילע בא שטארבן, וואָלט איך נישט געוואָלט דעם ביזאָיען. בא זיי איז אָבער אלצדינג קעדײַ, אבי נאָכשטופּן די קארעטע. מיילע, אז די יעהופּעצער ריסטיקראטן זײַנען זיך מאפקער צוליב דער דאטשע, איז כאָטש ניט אזוי פאר־דראָסיק — זיי האָבן געלט, גלוסט זיך זיי... אָבער איר, קאסרילעווקער קאסריליקעס, וואָס איז מיט אײַך די סימכע? ווי זאָגט די מאמע: עס שטייט געשריבן, אז דעריקער קומט ניט מאָשיִעך, וואָס דער קאפּצן טוט נאָך דעם נאָגיד... א גליק, וואָס אין יעהופּעץ שנײַדט מען זיך ניט אָפּ די נעזער. עס וואָלט שוין ניט געווען בא אונדז איינער מיט א נאָז, ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס און אימער גליק

דײַן בעעמעס געטרײַע פרוי שיינע־שיינדל.

יאָ, מענדל, איך האָב דיר פארגעסן שרײַבן, אז מע קלאפּט מיר שוין ווידער אָפּ די טיר — מע פרעגט זיך נאָך אף דײַן בוך „לעכאָ דוידי״. ס׳האָט זיך זיי פאָליובעט, א מאקע זיי! ניט אזוי דער בוך, ווי דער „לעכאָ דוידי״. און ניט אזוי נאָך דער „לעכאָ דוידי״, ווי דאָס, וואָס ס׳קאָסט קיין געלט ניט. אף אזא זאך זײַנען דאָ א סאך באלאָנים. צו וואָס האָט דיר געטויגט דער יאריד — פארשטיי איך ניט. מאָנעשעך, ס׳איז דיר געראָטן, האָסט שוין געמאכט כאָטש איין מאָל א גוטע זאך, וואָס דער אוילעם לעקט די פינגער, פארוואָס זאָלסטו נישט זען עפּעס אויך פארדינען דערבײַ, און טאקע אָפּלעקן א ביינדל? ווערט ער פּלוצעם אינמיטנדרינען א באלטויוועניק און א באלצדאָקע און א ברייטע האנט. טאָמער ווייסטו, וואָס איז די געדולע? וואָס פאר א האסאָגע אומזיסט? אומזיסט, זאָגט די מאמע, באקומט מען נישט קיין זאך, אכוץ מאיאָוועו קאדאָכעס אָדער א גוט־אויג אף א פולער וואָך...

„הײַנט״, נומ. 176, 13 אווגוסט 1913.

שיינע־שיינדל פון קאסרילעווקע צו איר מאן מענאכעם־מענדל

ליכוויד באאלי האיאָקאָר, האכאָכאָם מופלאָג, האנאָגיד מעפורסאָם, מעהורער מענאכעם־מענדל נ״י!

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זײַנען דאָ אלע, גאָט צו דאנקען, אין בעסטן געזונט. גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אף ווײַטער ניט ערגער.

צווייטנס, שרײַב איך דיר, באאלי האיאָקאָר, אז איך שרײַב דיר שוין דעם צווייטן בריוו אין דער וועלט ארײַן און הייב נישט אָן צו וויסן, ווו דו ביסט און וואָס דו טוסט און פונוואנען דו פאָרסט און וווהין דו פאָרסט און וואָס וועט זײַן פון די פאָרעכצן, וואָס דו פאָרסט? ווי זאָגט די מאמע: דער וואָלקן ווייסט ניט, וווהין דער ווינט טראָגט אים... איך בין א באלנטע געווען אף טשיקאווועסט זיך נאָכגעפרעגט בא דער רעדאקציע, זי זאָל מיר שרײַבן, ווו דו ביסט. האָט זי אײַנגענומען א שטומעניש א פולע לעפל און שאַ! סע שטייט ניט אָן, אפּאָנעם, דעם טאטן אירן, א מאקע איר, ניט אום אסערעס יעמיי טשוווע דערמאָנענדיק, זיך איבערשרײַבן מיט זייער מענאכעם־מענדלס ווײַב? שרײַבן צו איר א דריט מאָל האָב איך ניט געוואָלט. צופיל קאָוועד. ווי זאָגט די מאמע: ווער עס קומט ניט צו מיר, דער קומט ניט צו מיר... די מאמע מײַנע אז זי זאָגט א וואָרט, באדארף מען עס פארשטיין. זי איז, נעבעך, איצט, איבער די יאָמים־נויראָים, אזוי דערשלאָגן, אז ס׳איז א ראכמאָנעס צו קוקן. א ווער־טעלע אויסצורײדן — א יִדענע הערט ניט אוף צו וויינען זינט דער ראָשכוידעש עלעל איז ארײַנגעטראָטן. שוין העכער א כוידעש, אז עס טריקענען זיך איר ניט אויס די אויגן. טאָמער איז געווען קארג דאָס וויינען, וואָס מיר האָבן זיך אָנגעווײנט אפן הייליקן אָרט צו קייווער־

אָווּעס, האָט אונדז יוילעק דער כאַזן פאַרבעסערט מיט זײַן סליכעס זאָגן, וואָס האָט געקאָנט נעמען אַ טויטן, און איצט מיט זײַנע שאַכריסים און מוסאָפים ביידע טעג ראָשעשאָנע. ער האָט אַליין געגנוג זיך אָנגעווײנט און געמאַכט די גאַנצע שול ווײנענדיק. אונדזער יוילעק האָט פון טאָמיד אָן אַ שעם פאַר אַ גרויסן באַלבעכי. ער, אַז ער צעווײנט זיך, איז אים נישט אײַנצושטילן. ווי זאָגט די מאַמע: דער דאָזיקער ייִד איז געבוירן געוואָרן אין אַ רעגנדיקן טאָג... און עפּשער איז גאָר יוילעק ניט אַזויפיל שולדיק, וויפל מענדל ביילים, אָט איענער, וואָס זיצט אין דײַן שיינעם יעהופּעץ און וואַרט, ווען וועט שוין קומען דער טאָג, וואָס מע וועט אים אַמאָל זאָגן, וואָס מע וויל האָבן פון זײַן לעבן... דאָס יעהופּעץ, ניט אום אַסערעס יעמיי טשוווע דערמאָנענדיק, וואָלט געמעגט אָדער פאַרברענט ווערן, אָדער אײַנגעזונקען ווערן, אַזוי ווי סדאָם, — וואָס ווילן זיי האָבן פון אָט דעם ייִדן?! נאַ דיר אַ פּריטשעפּע! טאָמער איז געווען קאַרג, הייסט עס, די אייגענע צאָרעס, וואָס מע האָט מיט די שיינע מײַסעס, וואָס מע הערט זיך אָן אַף ייִדן איבער דער גאַנצער וועלט, מיטן טרײַבן, וואָס מע טרײַבט, מיטן הונגערן, וואָס מע הונגערט, מיטן קרענקען, וואָס מע קרענקט, און מיט די אַלע איבעריקע בסורעס טויוועס יעשועס ווענעכאָמעס, וואָס דו באַרימסט זיך מיט זיי אין אַלע דײַנע בריוולעך, האָט אונדז גאָט צוגעשיקט אַזאַ מין אָנשיקעניש! אַלעמאָל קומט מען צו פאָרן פון יעהופּעץ מיט אַ נײַעס, און אַלץ פון אָט דעם מענדל ביילים. עס ווערט זיי גאָר ניט נימעס! אַף יעדן אָרט, וווּ דו שטייסט און וווּ דו גייסט, הערסטו נאָר: מענדל ביילים און מענדל ביילים. אין שול און אין מאַרק און אין באָד, לעהאַוודל, — אומעטום! קומסט אַרויס אין די יאַטקעס און מאָנסט באַם קאַצעוו אַ בעסערן כיילעק פלייש, זאָגט ער דיר: „מענדל ביילים וואָלט געווען צופרידן מיט דעם אויך...“ קומסט צו צו אַזריִעל דעם פישער און באַקלאָגסט זיך אַף די פיש, ס'איז ניט קיין פיש, ס'איז פישלעך, זאָגסטו אים, פּלאָטוויצעס, ניט קיין פיש, — רײַסט ער אַרויס די פיש בײַ דיר פון די הענט מיט אַ רעציכע: „פישלעך? פּלאָטוויצעס? מענדל ביילים האָט דאָס אויך ניט!..“ און די נעגידים, ניט אום אַסערעס יעמיי טשוווע אויסגערעדט, זיי זאָלן קיין גוטס ניט האָבן, ווײַל זיי ווילן לעבן! זיי באַדאַרפן נאָר אַבי אָן אויסרייד. מע בעט בײַ זיי מער מיט אַ קערבל אַף אָרעמעלײַט, וואָס האָבן, נעבעך, ניט אַף יאָמטעוו, קומען זיי אָפּ מיט אַ קרעכץ: „מענדל ביילים, זאָגן זיי, וואָלט אײַך מויכל געווען דעם יאָמטעוו, אַבי ער זאָל כאָטש זײַן פרײַ“, — האָסטו עפּעס צו זיי? איינעם אַ נײַעם נאָגיד, יוינע קרעפּל, האָט די מאַמע הײַנטיקן ערעוו ראָשעשאָנע געזאָגט אַ גוט וואָרט. מע איז געווען בײַ אים אַ נעדאָווע בעטן אַף אָן אַרויסגעטריבענער סעמייסטווע און מע האָט אים גענומען אויסמאָלן דעם דאַלעס מיטן צאַר, האָט ער ניט געוואָלט הערן און געענטפערט, אַז מענדל ביילים איז אַ סאַך ערגער! האָט זי זיך געטראָפן מיט אים בײַ דער שול, ווי ער לויפט אַזוי הענדעם־פּענדעם, ס'איז ערעוו ראָשעשאָנע, שטעלט זי אים אָפּעט, די מאַמע הייסט עס, און מאַכט צו אים: „יוינע, קאָנסט שוין גיין צוריק“ (זי זאָגט אים נאָך אַלץ דו, כאָטש ער איז שוין אַ נאָגיד). קוקט ער זי אָן: „פאַרוואָס צוריק?“ זאָגט זי: „אַרויסגעוואָרפן דײַן דאַוונען“. פרעגט ער: „פאַרוואָס איז אַרויסגעוואָרפן מײַן דאַוונען?“ זאָגט זי: „דערפאַר ווײַל ס'שטייט געשריבן, זאָגט זי, אַז טפילע אָן צדאָקע איז אַ פּראָשעניע צו גאָט אָן אַ הערבאָווע מאַרקע — זי ווערט ניט אָנגענומען...“ געענטפערט האָט ער איר דערויף גאָרניט, יוינע קרעפּל הייסט עס. נאָר פאַרשטיין האָט ער זי פאַרשטאַנען אויסגעצייכנט. ווען מע קומט צו צו אים אין דער מינוט, וואָלט מען געקאָנט, מיין איך, בײַ דעם כאַזער, ניט אום אַסערעס יעמיי טשוווע גערעדט, אַרויסשלעפּן די גרעסטע נעדאָווע. דער גאַנצער אוילעם איז געווען אַזוי אָנגעשטאָלן פון די שרעקלעכע מײַסעס, וואָס מע דערציילט זיך אָן פון אָט דעם מענדל ביילים, אַז דער כאַזן האָט גענומען זאָגן דעם „אונסאַנע־טויקעף“, איז געוואָרן אין שול אַ יאָמער מיט אַ קלאָג, סײַ בײַ די ווײַבער, סײַ בײַ די מאַנצבלען, און אַז ס'איז געקומען צו די ווערטער: „דאָס דו ביסט אַ דײַען און שטראָפער, און דו ווייסט אַלצדינג, און דו ביסט אָן איידעס...“ האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז דאָ רעדט זיך פון דעם מישפּעט, וואָס דער מענדל ביילים דאַרף אויסשטיין, און אַלע האָבן דערפילט, ווי עס גייט איבער אַ פראָסט איבערן לײַב... און שפּעטער בײַ די ווערטער: „און דו עפנסט אויף דעם סייפער־האַזיכרוינעס“... איז געוואָרן הימל עפן זיך! מע האָט אָנגעהויבן אַרויסטראָגן ווײַבער געכאַלעשטע איינע נאָך דער אַנדערער! איינע נאָך דער אַנדערער!.. די מאַמע איז זייער גערעכט, וואָס זי זאָגט: אויב אונדזערע טרערן וועלן אָט דעם ייִדן ניט אַרויסרײַסן פון געפענקעניש, איז אַ סימען, אַז אַלע טויערן פונעם הימל זײַנען פאַרשלאָסן געוואָרן... איך וואָלט וועלן וויסן נאָר איין זאַך, מענדל, דו ביסט דאָך עפּעס אַ וועלט־מענטש און האָסט צו טאָן קעסיידער מיט גרויסע לײַט: וואָס איז, אייגנטלעך, די מײַסע מיטן בילבל פון מענדל ביילים? — איך קאָן ניט אַרויס פון די זאָגעכצן, וואָס מע זאָגט דאָ. איך בעט גאָט, מע זאָל שוין איבערקומען דעם יאָמקיפּערדיקן

טאָנעס געזונטערהייט און ס׳זאָל שוין קומען דער ליבער יאָמטעוו סוקעס מיטן ליבן סימ־כאַסטוירע — טאָמער וועט זיך דער איבערשטער דערבאַרעמען, דו וועסט שוין טאַקע פאָרט קומען אמאָל אַהיים, ווי דו זאָגסט צו, אַז דו קומסט אַף די אַנדערע טעג, כאָטש דעם עמעס זאָגנדיק — ס׳איז דאָך אַסערעס יעמיי טשוווע, און אַסערעס יעמיי טשוווע דאַרף מען זאָגן דעם ריינעם עמעס — עס גלייבט זיך מיר עפּעס ניט, אַז אָט אַזוי נעמט עס מענאַכעם־מענדל און קומט עס צו פאָרן אַהיים! ווי זאָגט די מאַמע: ניט איין סוקעס וועט אַוועקגיין, ביז דער גליקלעכער סימכאַסטוירע וועט קומען...

אַנו, מענדל, איך וואָלט עס געוואָלט זען, לאָז דיר גאָט געבן אַזאַ זין, זאָלסט כאָלילע ניט קומען צו פאָרן אַף די אַנדערע טעג סוקעס, בין איך דיר דערמלט ניט מעקאַנע! דו מיינסט, איך וועל דיר עפּעס טאָן? איך וועל דיר ניט טאָן גאָרניט, נאָר דו וועסט שוין וויסן, וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבן און וועסט שוין פאַרזאָגן, ניט אום אַסערעס יעמיי טשוווע אויס־גערעדט, קינדס־קינדער! ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס און אימער גליק

דײַן בעעמעס געטרײַע שיינע־שיינדל.

„הײַנט“, נומ. 221, 4 אָקטיאַבער 1913.

מענאַכעם־מענדל פון יעהופּעץ צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין קאַסרילעווקע

לעזוגאָסי האיעקאָראָ האַכאַכאָמאָ האַצנועאָ מאָראַס שיינע־שיינדל שעטיכיע!

ריישיס, בין איך דיר מודיִע, אַז איך בין באָרעך־האַשעם בעקאַוו האַכאַיִם וועהאַשאָלעם, האַשעם־יִיתבאָרעך זאָל העלפן, מע זאָל טאָמיד האָרכן איינס פון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בסורעס טויוועס, יעשועס ווענעכאָמעס בעסויך קלאָל יִיסראָעל — אָמיין.

וועהאַשייניס, זײַ וויסן, זוגאָסי האיעקאָראָ, אַז איך בין אין יעהופּעץ! דאָס הייסט, ניט אין יעהופּעץ גופע, נאָר באַ יעהופּעץ, אַף יענער זײַט יעהופּעץ, אַף דער סלאָבאָדקע, וואָס רעכנט זיך טשערניגאָווער גובערניע. וועסטו דאָך פרעגן מיסטאַמע: וואָס טו איך דאָ? — צוליב ביילִיסן! אַלע שרײַבער פון דער גאַנצער וועלט זײַנען זיך צונויפגעפאָרן אַהער צוליב ביילִיסן, און איך אויך בעסויכאָם, און מע הערט דאָ מער ניט, נאָר ביילִיס און ביילִיס און ביילִיס — אַ האַצלאָכע פון אַ מענטשן! עס האָט זיך מיר אַפילע ניט געכאָלעמט, איך זאָל אויסוואַקסן פּלוצעם אין יעהופּעץ, איך וואָלט בעסער, גלייב מיר, געוואָלט זײַן איצט אין דער היים, טאַקע באַ אײַך אין קאַסרילעווקע, מיין איך, זיך זען מיט דיר, זוגאָסי האיעקאָראָ, און מיט די קינדערלעך, זאָלן געזונט זײַן, און מיט דער גאַנצער מישפּאָכע — אַזאַ צײַט ניט געזען זיך! נישט מער, איך בין אין דעם פּונקט אַזויפיל שולדיק, ווי ביילִיס איז שולדיק, וועסטו הערן אַ מײַסע.

אַ האַלבע מינוט פאַר מײַן אָפּפאָרן פון ווין פונעם קאָנגרעס, איך בין שוין געווען גע־פּאַקט צו דער נעסיִע, קומט מיר אָן אַ דעפּעש, אַ סטראַשנע, פון דער רעדאַקציע:

„נעפרעמענאָ סיִו מינוטו פּאָיעזשײַטיע יעהופּעץ דיעלאָ ביילִיס“.

באַקומען אַזאַ באָמבע, בין איך געבליבן געפּלעפט: ערשטנס, וואָס קאָן מען מיך דאַרפן אין יעהופּעץ און וואָס פאַר אַ מעכוטן בין איך מיט ביילִיסן? און, צווייטנס, ווי קאָן איך מיך ווײַזן אין יעהופּעץ — ווו האָב איך אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע? גיי איך און קלאַפּ אַוועק אַ דעפּעש, אין דער רעדאַקציע, אויך אַ סטראַשנע:

„סטראַטשיטיע נעמעדלענאָ קאַקאָי נאַדעבנאָסט קאַקאיאַ פּראַוועזשיטעלסטווע?“

קומט מיר אָן אַן ענטפער מיט אַ יִירגאָזן — מײַן רעדאַקטאָר איז אַ בייזער ייִד:

„נע בודטי מענאַכעם־מענדל — נע ספּראַשיוואַײַטיע גלופּעסטי גאָוואָראַט יעהופּעץ טאַק יעהופּעץ!“

קאָן מען קיין כאַזער ניט זײַן און מע דאַרף פאָרן קיין יעהופּעץ! אײַ, ווו וועל איך נעמען אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע? מײלע, אויך די אייגענע מײַסע, ווי זאָגט די מאַמע דײַנע: וואָס ס׳וועט זײַן מיט קאָל־יִיסראָעל, דאָס וועט זײַן מיט רעב־יִיסראָעל... און בעעמעס, קאַרג ייִדן פאָרן טאָגטעגלעך קיין יעהופּעץ אָן אַ סימען פון פּראַוואָזשיטעלסטווע — אימקיין, איז וואָס? שטאַרבן זיי דען? און קאַכהאַווע: געקומען בין איך קיין יעהופּעץ שוין פאַרנאַכטלעך. אין דרויסן איז געווען פינצטער־כוישעך, נאַס און קאַלט, און איך בין געווען דאַפּקע צופרידן, וואָס ס׳איז פינצטער. צו וואָס באַדאַרף איך, מע זאָל מיך זען? ניט מאַכמעס איך האָב מוירע, וואָס האָב איך מוירע? איך האָב עפּעס געגאַנוועט? צי געהאַרגעט אַ מענטשן? נאָר גלאַט אַזוי, איך האָב פײַנט צו האָבן צו טאָן מיט פּאָליציע — איך נעם אַן איזוואָשטשיק און גיב אַ זאָג: „פּאַשאָל!“ פרעגט מיך דער איזוואָשטשיק: „קודאַ?“ זאָג איך אים נאָכאַמאָל: „פּאַשאָל!“ אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ — מע זאָגט אים „פּאַשאָל“, איז אים ווינציק.

האקיצער, איך פאָר און טראַכט מיר בייסמײַסע: וואָס טוט מען? וווהין פאַרפאָרט מען? מע וועט דאָך מיר געבן דעם וועג, נאָך איידער איך וועל שטעלן א פוס... איך בין דאָך אמאָל געוועזן, ניט היינט געדאַכט, א היגער און ווייס גוט דעם טאַם פון גאָלעס, פון טאָגן דאָרט, ווו מע נעכטיקט ניט, פון ציטערן ווי א גאַנעוו, פון ליגן אין געהאַקטע ווונדן א גאַנצע נאַכט אף א בוידעם אָדער פרירן, ווי א הונט אין קעלער, און פון נאָך אזעלכע זיסע זאַכן, וואָס כיבעט־האַקיוועט איז א שפּילעכל אקעגן דעם, און עס פאַלט מיר איין א געדאַנק: האַשיוויינו נאַזאַד, דאָס הייסט, טאָמער וואָלט איך פאַרקערעוועט דעם איזוואָשטשיק אפן וואָקזאַל, גענומען א בילעט און מאַרש קיין קאַסרילעווקע אף יאָמטעוו? טראַכט איך מיר צוריק: פּאַרנאָסע! אז די רעדאַקציע הייסט — איז קיין טערעץ ניט, איך קאָן נאָך כאָלילע בלייבן אָן א שטעל! שלעכט — וואָס טוט מען? דערמאָן איך מיך: שאַ! איך האָב דאָך א גוטנפרײַנט, נאָרוואָס זיך באַקענט מיט אים אין ווין אפן קאָנגרעס און געקושט זיך מיט אים!

זײַן אַדרעס איז בא מיר פאַרשריבן. ער זיצט ערגעץ אפן פּאָדאָל, ניזשני וואַל. ער איז א גוט מענטשל, טראַכט איך מיר, ער וועט מיר שטיין אין מײַנע נויטן. אײַ, ער איז ניט קיין איבעריקער גוויר? אָן אָן אומגליק. אַדרעבע, פון אָן אָרעמאַן קאָן מען גיכער האָבן א טויווע, איידער פון א נאָגיד, — איך זאָל האָבן די בראָכעס! און ניט לאַנג געטראַכט, רוף איך מיך אָן צו מײַן איזוואָשטשיק: „פּאַשאָל נא פּאָדאָלי, ניזשני וואַל!“

דערהערט די ווערטער „פּאָדאָל“ און „ניזשני וואַל“, דרייט ער אויס צו מיר דעם קאָפּ, ער טראַכט זיך, אפּאָנעם, אף מיר, אז איך באַדאַרף זײַן א ייִד, ניט אַנדערש, וואָרעם אַלע ייִדן זיצן אף פּאָדאָל... טראַכט איך מיר: וואָס אַרט מיך, אז דו טראַכסט? טראַכט צעזעצטערהייט! אַבי פון דײַן טראַכטן זאָל נאָר עפּעס ניט אַרויס קיין ערגערע זאַך... און איך כאַפּ א קוק אף ביידע זײַטן — קענאָרע מענטשן אויף און אָפּ, און סאָלדאַטן, באָרעך־האַשעם, אָנגעוואָפּנטע, רײַטנדיק אף די פערד, ווי בעשאַס ערעוו פּאָגראָם, ניט הײַנט געדאַכט. איך בין שוין אין די זאַכן געניט און האָב א כוש־האָרייעך... און עס ווערט מיר קאַלעמוטנע אפן האַרצן און אף דער נעשאָמע א ביסל דאָסיק... נאָר פונדעסטוועגן זיך אַרויסגעבן פאַרן איזוואָשטשיק ווילט זיך מיר ניט, מאַך איך דאַפקע האַרץ און רוף מיך אָן צו אים גאַנץ לעבעדיק: „אָהאָ, נעוואָראָקע, מנאָגאָ נאַראָדו!“ היפּשלעך מענטשן, הייסט עס, בא אײַך, קענאָרע ניט... דרייט ער אויס צו מיר דעם קאָפּ, טוט א קוק אף מיר מיט איין אייגל און לאָזט דאָס פערדל גיין פּאַוואָליע און מאַכט צו מיר: „אָצע וואַשעהאָ בראַטאַ סודיאַט“ — מע מישפּעט אײַער ברודער, הייסט עס... טוט זיך מיר א ריס אָפּ אין האַרצן מיסטאָמע, נאָר איך מאַך מיך טאַמעוואַטע: „קאָוואָ סודיאַט?“ — וועמען, הייסט עס, מישפּעט מען? רופט ער זיך אָן: „א בייליסאַ!“ מאַך איך זיך, ווי איך ווייס גאָר ניט פון קיין בײַליס, און קוק גאָר ניט אף אים. „א זאַוויטשטשע?“ — פאַרוואָס, הייסט עס, מישפּעט מען אים? — „כיבאַ ווין קאָני קראַדעט?“ — ער איז דען א פערד־גאַנעוו צי וואָס?.. ענטפערט ער ניט גאָרניט, נאָר ער טוט א שמיץ דאָס פערדל און א קוק מיר אין די אויגן אַרײַן מיט אַזא כיטראָסט, אז ס'ווערט מיר פאַרקילט אינווייניק. נאָר אַרויסבאַווײַזן אים? —א מאַקעס! נעם איך און טו א זאָג צו אים גרויסלעך, ווי א פאָרעץ: „פּאַשאָל פּאָדאָל, בודע נא וואָדקע!“ — ער זאָל פאָרן, הייסט עס, א ביסל גיכער, וועט ער באַקומען דעם טרונק, דעם שלאַק זאָל ער באַקומען, ווי ער האָט דאָס מיך אָנגעשראָקן... אומזיסט און אומנישט!..

בעקיצער, איך בין געקומען בעשאָלעם צו פאָרן אפן פּאָדאָל ניזשני וואַל, זיך צעצאָלט מיטן איזוואָשטשיק פײַן און שיין און הייב מיך אָן אַרומזען, ווו בין איך אין דער וועלט. פינצטער, כוישעך. קיין לאַמטערנעס ניטאָ, מע קאָן דאָ געהאַרגעט ווערן און קיין האָן זאָל ניט קרייען. טאַפּ איך די ווענט, קלעטער אף גליטשיקע טרעפּ, — קוים אָפּגעזוכט דאָס מאָקעםמענוכע פון מײַן פרײַנט דעם לערער דער באַל־לאָשנקוידעש! עמעס, ניט אַזא געהויבענער פּאַלאַץ, בראָדסקי, מאָל דיר, זיצט א סאַך שענער — נאָר דערפאַר אָבער ער אַליין, מײַן פרײַנט הייסט עס, אז ער האָט מיך דערזען, איז וואָס זאָל איך דיר זאָגן — גלײַך ווי ער וואָלט דערזען דעם טאַטן פון יענער־וועלט! ער האָט אָוועקגעוואָרפן אַלע אַרבעט און זיך אַרומגעכאַפּט מיט מיר קושן, גלײַך ווי מיר וואָלטן זיך שוין ניט געזען יאָמים־וועשאָנים! שאָלעם־אַלייכעם! אַלייכעם־שאָלעם! באָרעכהאַבע א גאַסט! וואָס טוט איר דאָ? וואָס מאַכט א ייִד מענאַכעם־מענדל? און איר וואָס מאַכט? עט, מע מאַכט! אז אָך און וויי, זאָגט ער, איז דאָס מאַכן! אהין־אהער, מע האָט זיך צערעדט, און דאַפקע אף פּראָסט ייִדיש, אָן קונצן... פרעג איך אים דאָך מיסטאָמע: ווי קומט עס, וואָס ער האָט אָוועקגעוואָרפן דאָס לאָשנקוידעש? טוט ער א מאַך מיט דער האַנט: „עט, וועמען ליגט עס אין זינען? איצט איז ניטאָ, זאָגט ער, בא אונדז קיין זאַך, איצט איז בײַליס, נאָר בײַליס!“

בעקיצער, איך בין פון אים געוווירע געוואָרן מײַסעס מיט מײַסעס, און אַלץ וועגן אים,

וועגן בײליסן הײסט עס, אַזעלכע מײַסעס, אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויר! און מיר הערן
ניט אויף צו שמועסן און מיר כאַזערן איבער אַלע פּראָצעסן, וואָס זײַנען געווען מיט די
אַלילעס־דאַם, וואָס ביז אַהער, און מיר פֿרעגן אײנס דאָס אַנדערע: גוואַלד, ווײ געשריגן!
האַיִטאָכן? האַישאָמאַ? וווּ זײַנען מיר? אין וואָסערע צײַטן לעבן מיר? דערווײַל די צײַט שטײט
ניט, עס איז שוין פּאַוואָלינקע רעכט נאַכט, אָנגעגעסן זיך מיט צאָרעס האָבן מיר גענוג. „מע
קאָן, זאָגט ער, די נעשאָמע ניט אויסשפּײַען, מע באַדאַרף עפּעס נעמען, זאָגט ער, אין מויל
אַרײַן. גײט, רעב מענאַכעם־מענדל, וואַשט זיך". און מיר האָבן זיך גאַנץ פֿײַן געוואַשן, אוועק־
געזעצט זיך און איבערגעביסן — עפּעס ניט אַזאַ געהויבענע סודע, באַ בראָדסקין, מאָל דיר,
עסט מען בעסער, — און מ'האָט ווידער גענומען שמועסן און טאַקע ווידעראַמאָל בײליס און
אַבעראַמאָל אַלילעס־דאַם — עס דרײט זיך שוין דער קאָפּ, עס שווינדלט שוין אין די אויגן.
„מע דאַרף, זאָגט ער, אַ טראַכט טאָן, רעב מענאַכעם־מענדל, וועגן שלאָפֿן, ווי מײנט איר?"
זאָג איך: „מאַכטײסע". נאָר ס'איז גוט צו זאָגן שלאָפֿן, אַז ס'איז דאָ וווּ. און בעסאַכאַקל פֿאַר־
מאָגט ער, מײַן פֿרײַנט הײסט עס, זײַן אײגנס אײן סאָפּקע מיט אײן קישעלע. גײט ער און
טרעט מיר אָפּ די סאָפּקע מיטן קישעלע און מאַכט צו מיר: „אָט האָט איר, זאָגט ער, אַ
סאָפּקע, טוט זיך אויסעט, רעב מענאַכעם־מענדל, לײגט אײַך צו אַ ביסל". זאָג איך: „נו, און
איר?" זאָגט ער: „עט, פֿאַר מיר זאָלט איר זיך ניט זאָרגן, איך וועל שוין, זאָגט ער, ווי־סע־
ניט־איז..." זאָג איך: „נײן, אָף דער סאָפּקע לײגט איר זיך, און איך וועל שוין, זאָג איך, ווי־
סע־ניט־איז..." האַקיצער, ער — מיר, איך — אים, סאָפּקע אַהער, סאָפּקע אַהין — מיר
דערהערן אין דער צווײטער שטוב אַ גערויש, דער גערויש איז מיר באַקאַנט, ער שמעקט
מיט אַ מויצע־מענוכע. איך בין אין די זאַכן באָרעך־האַשעם געניט, איך האָב אַ גוטן כוש־
האַשמיִע... און איך מאַך צו אים: „מיר דאַכט, אַז ס'איז אַן אָבלאַווע?" זאָגט ער: „מיר דאַכט
אויך אַזוי..." זאָג איך: „וואָס טוט מען? מע דאַרף זיך באַהאַלטן!" זאָגט ער: „איך מײן אויך
אַזוי". און אַלײן איז ער טויט, ווי אַלע טויטע, און רײדן רעדן מיר שטיל, מע זאָל ניט דער־
הערן. „וווּ, זאָג איך, קאָן מען זיך באַהאַלטן?" זאָגט ער: „אין דעם איז קײן מעניִע ניט. ס'איז
דאָ, זאָגט ער, באַ מיר, דאַנקען גאָט, וווּ, ס'איז דאָ, זאָגט ער, אַ בוידעם, ס'איז דאָ אַ קעלער.
וווּ ווילט איר בעסער?" זאָג איך: „מיר איז אַלצײנס, אַבי, זאָג איך, ניט שפּאַצירן ערעוו יאָמ־
טעוו מיטן עטאַפּ קײן קאַסרילעווקע, כאַסוועשאָלעם..." — „ווײסט איר וואָס, זאָגט ער, לעמײַ
זאָלן מיר ריזיקירן בײדע אָף אײן אָרט? אַמער, זאָגט ער, לאָמיר טאָן, זאָגט ער, ווי אין פּאָסעק
שטײט באַ יאַנקעוו־אָווינו: וועהאָיאָ אים יאָוווי על האַמאַכנע האָאַכאַס וועהיקאָהו, וועהאָיאָ
האַמאַכנע האַנישאַר ליפּלײטאָ[1] — טאָמער, זאָגט ער, וועט מען כאַפּן אײנעם פֿון אונדז אָפֿן
בוידעם, וועט כאָטש בלײַבן דער צווײטער, וואָס אין קעלער. אָדער פֿאַרקערט, זאָגט ער,
טאָמער פּאַקט מען אײנעם אין קעלער, וועט בלײַבן דער, וואָס אָפֿן בוידעם. ווי געפֿעלט אײַך,
זאָגט ער, דער דאָזיקער געדאַנק?" — „אַ געדאַנק, זאָג איך, איז דאָס זײער אַ ווילער, נאָר מע
דאַרף, זאָג איך, זען וואָס גיכער, ווי זאָגט איר אָף לאָשנקוידעש, אים מויצי מין האַקויעך על
האַפּויעל זײַן..."[2]

האַקיצער, מיר האָבן זיך אָפּגעוואַלגערט אַ נאַכט אין שרעק און אין פּכאָדים, ס'זאָל זיך
שוין אַזאַ נאַכט ניט אומקערן! — קוים דערלעבט טאָג, און אַז ס'איז געוואָרן טאָג, כאַפּ איך
דאָס פּעקל און וויל גײן, לאָזט ער מיך ניט, מײַן פֿרײַנט הײסט עס, און מאַכט צו מיר אָף
לאָשנקוידעש: „איש האַיאָרײ וועראַך האַלײוואָוו"[3], וואָס כאַפּט איר זיך אַזוי? גלײבט מיר,
זאָגט ער, ס'איז בלאָטע. אָט זיץ איך שוין דאָ באַלד אַ האַלב יאָר, זאָגט ער, איז בעסאַכאַקל
געווען מער ניט אַז אַזעלכע דרײַ־פֿיר אָבלאַוועס אָף דער דאָזיקער גאַס. גלײבט מיר, זאָגט
ער, ס'איז גאָר ניט אַזוי דער האַקצאַקאָסאָ, ווי מיר אַלײן מאַכן דעם גוואַלד. ס'איז נאָר
שלעכט, זאָגט ער, בײס אָבלאַווע, באַנאַכט, מע איז אָנגעשראָקן, מײנט מען מיִעדײע וואָס,
אינדערפֿרי אָבער, אַז מע לעבט איבער בעשאָלעם, איז כויזעק מיט כויזעק!" אַזוי רעדט ער
איבער מיר, מײַן פֿרײַנט הײסט עס, ער וויל מיך מעפּאַצע[4] זײַן. איך אָבער לאָז מיך ניט. איך
האָב מיך אוועקגעשטעלט שטאָל און אײַזן און געזאָגט אײנמאָל פֿאַר אַלעמאָל, — ער זאָל מיר
אָנשיטן אַ שטוב מיט גאָלד, זאָג איך, נעכטיק איך מער באַ אים ניט! האַקיצער, מיר האָבן
זיך אָפּגעזעגנט, און איך האָב מיך אוועקגעלאָזט טײקעף־אומיִיאַד אָף דער סלאָבאָדקע, וואָס
רעכנט זיך צו טשערניגאָווער גובערניע, און אין טשערניגאָווער גובערניע מעגן ייִדן פֿראַנק־

---

[1] והיה אם יבא אל המחנה האחת והכהו, והיה המחנה הנשאר לפליטה — אויב ער וועט אָנפֿאַלן אָף אײן מאַכנע און וועט זי צעקלאַפּן, וועט די געבליבענע מאַכנע נאָך האָבן אַ מעגלעכקײַט צו אַנטלויפֿן (בראשית, וישלח); [2] מוציא מן הכח אל הפועל זײַן — דאָ געמײנט: פֿאַרווירקלעכן, רעאַליזירן; [3] איש הירא ורך הלבב — דו שרעקעדיקער און ווײכהאַרציקער מענטש; [4] מפצה זײַן — איבעררײדן.

און־פֿרײַ זיצן אומעטום, אכוץ אין די דערפֿער, און איך האָב מיר אָפּגעדונגען א קוואַרטיר מיט עסן און האָב מיך אוועקגעזעצט דיר שרײַבן א בריוו, און באַלד ווי איך ענדיק דעם בריוו, אזוי לאָז איך מיך אוועק אין שטאָט, אין יעהופּעץ הייסט עס, — באַטאָג מעגסטו דאָרט זײַן וויפֿל דו ווילסט — און רעכן קוידעמקאָלֿ זיך באַגעגענען ערגעץ מיט די לײַט פֿון דער רעדאַקציע. זיי זײַנען דאָרט אַלע, קימאַט די גאַנצע רעדאַקציע איז אין יעהופּעץ. און מאַכמעס איך האָב קיין צײַט ניט, אַלע זײַנען דאָ פֿאַרנומען מיט בײַליסן און איך אויך בעסויכעם, מאַך איך דאָס בעקיצער. אימירצעשעם אינעם אנדערן בריוו וועלֿ איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג מער באַאַריכעס. לעסאַטע לאָז גאָט געבן מיט מאַזלֿ־בראָכע, מיט גליק און האַצלאָכע. זײַ געזונט און קוש די קינדער שעיִכיו, און גריס דער שוויגער שעטיכיע, און דער גאַנצער מישפּאָכע זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנטלעך.

מימעני באַאַלייך מענאַכעם־מענדל.
„הײַנט“, נומ. 238, 31 אָקטיאַבער 1913.

מענאַכעם־מענדל פֿון יעהופּעץ צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין קאַסרילעווקע

לעזוגאָסי האַיעקאָראָ האַכאַכאָמאָ האַצנואָ מאָראַס שיינע־שיינדל שעטיכיע!

ריישיס, בין איך דיר מודיע, אַז איך בין באָרעך־האַשעם בעקאַוו האַכאַיִם וועהאַשאָלעם, האַשעם־ייִסבאָרעך זאָלֿ העלפֿן, מע זאָלֿ טאָמיד האָרכן איינס פֿונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בסורעס טויוועס, יעשועס ווענעכאָמעס בעסויך קלאָלֿ ייִסראָעלֿ — אָמיין.

וועהאַשייניס, זײַ וויסן, זוגאָסי האַיעקאָראָ, אַז איך בין שוין א וואַסילקאָווער. וועסטו דאָך פֿרעגן, וואָס איז מיר געפֿעלן וואַסילקאָוו? דאַרף איך דיר זאָגן, אַז שטאַרק בענקען האָב איך נאָך דעם נישט געבענקט, נאָר אַז מ׳האָט קיין אַנדער ברייִרע ניט, איז ווי דײַן מאַמע זאָגט: אַז מע קאָן ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער... הער אָן אַנטיק, וואָס מיט א מענטשן קאָן זיך טרעפֿן! דאַכט זיך, גאַנץ גענוג געווען די פּכאָדים, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען אין יעהופּעץ די ערשטע נאַכט בא מײַן גוטנפֿרײַנט דעם באַלֿ־לאָשנקוידעש נאָך דער אָבלאַווע, וואָס איז געווען אַף פּאָדאָלֿ, האָב איך געמיינט, אַז ווײַבאַלד איך בין אַף דער סלאָבאָדקע, און סלאָבאָדקע איז דאָך טשערניגאָווער גובערניע, איז אָן עק, בין איך פּאָטער פֿון פּראַוואָזשיטעלסטווע און אָבלאַוועס און פֿון שלעק און פֿון צאָרעס און וועלֿ מיר קאָנען אַרומדרייען זיך א גאַנצן טאָג אין יעהופּעץ און באַנאַכט בין איך מיר א סלאָבאָדקער — און רופֿט מיך קנאַקניסלֿ. וואָס טוט גאָט? זאָגט ער: ניין! מע טאָר ניט זײַן קיין כאָכעם! אַז ס׳איז באַשערט געווען דעם נאָווי יוינע צאָרעס, האָט עס אים געטראָפֿן אינמיטן יאַם אַפֿן שיף. אזוי איז געווען מיט מיר אויך. שטעלֿ דיר פֿאָר, אַז איך האָב אַפֿילע קיין איין נאַכט ניט איבערגענעכטיקט אַף דער סלאָבאָדקע, ניט קיין צײַט געהאַט אַפֿילע אַרומקוקן זיך, ווו איך בין אין דער וועלט, — אַהאַ, ס׳איז שוין א פּאָגראָם! דאָס הייסט, ניט קיין פּאָגראָם, צו א פּאָגראָם האָט מען ניט דערלאָזט, נאָר ס׳איז געווען קעמוי ווי א פּאָגראָם. דעהײַנע, עס האָבן זיך אָנגעשיקערט עטלעכע כעווירעלײַט, און דאַפּקע סטודענטלעך, זאָגט מען, און דאַפּקע פֿון יעהופּעץ, און מע איז געקומען צו אונדז אַף דער סלאָבאָדקע, און מע האָט גענומען סטראַשען די סלאָבאָדקער ייִדן — אזוי און אזוי! אײַער בײַליס! מיר וועלן אײַך באַווײַזן! און מע האָט זיך שוין געגעבן א לאָז צו די ייִדישע קלייטלעך מיט די הײַזלעך, שיר־שיר א פּאָגראָם בעכאָלֿ מישפּאָטוי וועכוקאָסוי[1], האָט דער אייבערשטער געטאָן א נעס, ס׳איז געקומען פּאָליציע טאַקע פֿון יעהופּעץ, צעטריבן דעם אוילעם, א צוויי־דרײַ כעווירעלײַט גענומען אין כיידער אַרײַן, און ס׳איז געוואָרן שטילֿ... נאָר א פּאַכעד איז געבליבן אַזאַ גרויסער, אַז מע האָט שוין מוירע געהאַט אַפֿילע זיך אויסטאָן און טראַכטן מיקויעך שלאָפֿן. האָב איך מיך מעיאַשעוו געווען אזוי. בײַליס איז טאַקע בײַליס, נאָר צו וואָס טויגן מיר די פּכאָדים מיט די שרעק? מענאַכעם־מענדלֿ בײַליסן פֿון יעהופּעץ וועט דען גרינגער זײַן דערמיט, וואָס מענאַכעם־מענדלֿ פֿון קאַסרילעווקע וועט כאַפּן מיט א שטיין אין קאָפּ אַף דער סלאָבאָדקע? און איך האָב קוים דערלעבט טאָג און בין אַוועק קיין יעהופּעץ, ניט געזעגן זיך מיט קיינעם און גלײַך אַפֿן וואָקזאַלֿ גענומען א בילעט קיין וואַסילקאָוו. וואַסילקאָוו איז אויך ניט ווײַט פֿון יעהופּעץ, קימאַט אזוי ווי די סלאָבאָדקע, עפּשער ווײַטער אַף א שאָ פֿאָרעכץ, א באַן גייט, מאָנעשעך, ווערט מען דאַרפֿן, וועט מען פֿאָרן נאָך א שאָ, וואָס קאָן דאָ זײַן? דערווײַלֿ האָב איך דעם

---

[1] בכל משפטו וחקתו — לויט אַלע קלאָלים און געזעצן.

אינדערפריִעדיקן פֿאַיעזד אָנגעווירן, ווײַל איך האָב מיך אָפּגעשטעלט א ווײַלע אפֿן קרעש־
טשאַטיק, — דריי מיך ארום איצט אפֿן וואָקזאַל, אין יעהופּעץ הייסט עס, און צו וואָרמעס־
צײַט רעכן איך זײַן אימירצעשעם אין וואַסילקאָוו און דאָרט זיך באַזעצן, ביז ביילִיסעס דיעלאָ
וועט זיך קאָנטשען, און אַז ס׳וועט זיך קאָנטשען די דיעלאָ, וועל איך מיך אָפּבעטן בא דער
רעדאַקציע אַף א וואָך צײַט און וועל זיך דורכפאָרן אהיים שוין צו דיר, זוגאָסי האַיעקאַראָ,
און צו די קינדערלעך, זאָלן געזונט זײַן, זיך זען געזונטערהייט און דערציילן אַלצדינג אין
נאַכעס און אין פֿריידן. דערווײַל בין איך נאָך גאָר צעטומלט, ניט געטאָן גאָרניט, ניט געזען
זיך אַפֿילע מיט מײַנע לײַט פֿון דער רעדאַקציע. ווי האָב איך זיי געקאָנט זען, אַז זיי זײַנען
אַלע ערגעץ דאָרט, ווו מע מישפּעט ביילִיסן, און איך האָב צו טאָן מיט מײַנע פּראָוועס, איך
זוך א מאָקעם־מענוכע און קאָן ניט געפֿינען! אָט אַז גאָט וועט העלפֿן, איך וועל ווערן א וואַסיל־
קאָווער און וועל מיך באַזעצן אין וואַסילקאָוו הייסט עס, וועל איך מיך דעמאָלט נעמען צו
דער אַרבעט. דערווײַל זיץ איך ווי אַף א פּרעמדער פֿור און דער קאָפּ טראָגט, קאָמבינאַציעס
מיט קאָמבינאַציעס! און דער איקער־קאָמבינאַציע איז דאָס, וואָס איך האָב פֿונזײַנטוועגן, פֿון
ביילִיסעס וועגן הייסט עס, א פּלאַן אַף מירצעשעם נאָכדעם נאָכן פּראָצעס. איך וויל, פֿאַר־
שטייסטו מיך, ערשטנס, אַז ביילִיס אַליין, נעבעך, זאָל זיך צעפֿירן די הענט, באַקומען כאָטש
א שטיקל באַלוינונג פֿאַר די קימאַט דריטאַלבן יאָר, וואָס ער איז אָפּגעקומען אין געפֿענקעניש,
און די געבראָטענע ליידן, וואָס ער שטייט אויס נאָך איצט, זיצנדיק אפֿן מישפּעט, און
צווייטנס, לאָז די וועלט זען דעם דאָזיקן „מערדער“, וואָס שטעלט צו בלוט פֿאַר אַלע ייִדן
פֿון דער גאַנצער וועלט אַף פּייסעך... האַקיצער, מײַן פּלאַן איז, אַז טייקעף־אומיִאַד, ווי נאָר
דער פּראָצעס וועט זיך קאָנטשען, זאָל ער ניט מאַכן קיין לאַנגע שִיעס, ביילִיס הייסט עס,
פֿאַרברענגען נאָר א צוויי־דרײַ טעג אין דער היים בא זײַן ווײַב און קינדער, א ביסל איבער־
כאַפּן דעם אָטעם, און טאַקע טויך־קעדיי־דיבער אופֿהייבן זיך און אַוועקפֿאָרן איבער דער
גרויסער וועלט און קוידעמקאָל קיין אַמעריקע — דאָרט וועט ער מאַכן גאָלד! אין אַמעריקע
זײַנען דאָ באָרעך־האַשעם שוין צוויי מיליאָן ייִדן, זאָגט מען, און איך קען אַמעריקאַנער ייִדן.
אַן אַמעריקאַנער ייִד וועט ניט זשאַלעווען קיין קוואָדער (א קוואָדער איז ווי בא אונדז א האַלב
קערבל) גיין אָנקוקן ביילִיסן. מער ניט נאָר אָנקוקן. וועלן מיר זאָגן, פֿון די צוויי מיליאָן ייִדן
וועלן אים גיין אָנקוקן נאָר די העלפֿט, האָסטו אויך אַזוי גרויס ווי א מיליאָן קוואָדערס, —
האָסטו ניט א קײַמעלאָן פֿון א האַלבן מיליאָן רובל אַף אונדזער געלט? נאָר איך בין דיר מויכל,
איך וואַרף דיר אַראָפּ פֿון דער העלפֿט נאָך א העלפֿט, און גיב דיר צו, אַז עס דאַרף פֿאַלן
אַף הויצאָעס, די נעסיִע קיין אַמעריקע, דאָס אָפּדינגען א זאַל, מוזיקע, בופֿעט, שאַר־יעראַ־
קעס — אַלצדינג קאָסט געלט, — איך האָב די אַלע ראַסכאָדן אין זינען געהאַט פֿריִער און
אַלצדינג אַראָפּגערעכנט, אַכער ניקאָיען קאָל האַהויצאָעס[1] בין איך זיי אָרעוו פֿאַר רייש

[1] אחר נכיון כל ההוצאות — נאָכן אַראָפּרעכענען אַלע הויצאָעס.

אלאַפּים![1] ניט מער, איין זאַך, מ'דאַרף האָבן דאָס ביסל מעזומענס, די ערשטע הויצאָעס. נאָר בלאָטע! אין דעם וועט ניט זײַן קיין מעניע. עס ווילן זיך געפינען אַזעלכע באַלאַנים, וואָס ווילן אויסלייגן. אַף אַזאַ זאַך ווילן זיך געפינען צען פאַר איינעם. האַלעוויי העלפט שוין גאָט, מיר זאָלן אים דערלעבן זען בעשאָלעם אַ באַפרײַטן! דאָס איז איצטער דער איינציקער געדאַנק בא אונדז אַלעמען. מע רעדט הײַנט מער ניט נאָר דאָס. מע רעדט הײַנט פון קיין זאַך ניט, אַכוץ ביילים. איך בין דורכגעלאָפן פאַרבײַ דער בערזע אַפן קרעשטשאַטיק, אַרײַנגעכאַפּט זיך צו סעמאַדעניך, דאָרט, ווו איך האָב אַמאָל פאַרבראַכט מײַנע יאָרן און טעג, ניט הײַנט געדאַכט, אויסגעטערונקען אַ גלעזל קאַווע און האָב מיך צוגעקוקט און ניט דערקענט דאָס פּלאַץ! וואָס מיר בערזע? ווער מיר סעמאַדעני? אַ כורבן! עס דרייען זיך אַרום עטלעכע באַקאַנטע פּענעמער, מעקלערס, פאַרכמורעטע, פאַרכוישעכטע, מע זעט ניט, זיי זאָלן זיך צונויפקלײַבן ווי אַמאָל אין די גוטע יאָרן בא איין טישל און שמועסן. מע הערט ניט, זיי זאָלן לאַכן, סע לאַכט זיך זיי, אַפּאָנעם, ניט. מע כאַפּט נאָר איטלעכער אַ בלאַט־צײַטונג און מע לייענט וועגן ביילים און וועגן פּראָצעס. וואָס דאַרפסטו מער? איך האָב געכאַפּט אַ גאַראַדאָוואָי, פון די, וואָס שטייען אַפן קרעשטשאַטיק און גיבן אַכטונג, יידן זאָלן זיך ניט צו שטאַרק אַרומדרייען זיך בא די בענק און בא די קאָנטאָרן, האָט דער דאָזיקער גאַראַדאָוואָי אויך געלייענט אַ צײַטונג, בין איך אַ באַלן געווען אונטערגאַנווענען זיך אַ קוק טאָן, וואָס לייענט אַ גאַראַדאָוואָי? אויך פון אונדזער פּראָצעס? פון אונדזער ביילּיסן? און קאַכהאַוועו: איך האָב געגעבן אַ שטעק אַרײַן די נאָז און האָב דערזען מיט גרויסע אויסיעס אָפּגעדרוקט: דיעלאָ ביילים. די דאָזיקע מײַסע איז מיר אָבער שיר אויסגעפאַלן באַקאָם. דער גאַראַדאָוואָי האָט געגעבן אַף מיר אַ קוק מיט די איינאַים — איז מיר פּאַרכאָ־נישמאָסי[2] געוואָרן! וואָס טו איך, אַשטייגער, אַז ער טוט מיך אַ נעם — פּאַטשפּאָרט? בין איך אָבער קליגער פון אים. גיי איך און טו מיך אַ כאַפּ אַרײַן אין דער וואָלזשעסקי־קאַמסקי באַנק אַרײַן, צעבײַט בא דער קאַסע אַ צענקערבלשטיק קליין־געלט, זיך אַ ווײַלע, אין באַנק האָט יעדער פּראַווע צו זיצן וויפל ער וויל, דערנאָך האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט פון באַנק, פײַל־אויסן־בויגן, געגנומען אַן איזוואָשטשיק און — „פּאַשאָל נאַ וואָקזאַל!“ — ווען ער הער איך? אַפן וואָקזאַל בין איך דאַך אַ פּאַסאַזשיר גלײַך מיט אַלע פּאַ־סאַזשירן, קאָן מיך אַרומדרייען, קאָן מיר טרינקען טיי, קאָן מיך אוועקזעצן שרײַבן אַ בריוו, אַז איך וויל — קיינער קאָן מיר ניט פאַרווערן! איצט שרײַב איך דיר דעם בריוו, און באַלד אָקאָרשט ווי מע זעט ניט, זעץ איך מיר אוף אין פּאָיעזד און פאָר קיין וואַסילקאָוו. און מאַכמעס איך האָב קיין צײַט ניט — מע קלינגט שוין פּערווע זוואָנאָק, — מאַך איך דאָס בעקיצער. אימירצעשעם אינעם אַנדערן בריוו שוין פון וואַסילקאָוו גופע וועל איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג באַאריכעס. לעסאַטע זאָל גאָט געבן מיט מאַזל־בראָכע, מיט גליק און מיט האַצלאָכע. זײַ געזונט, און קוש די קינדער שעיכיו, און גריס דער שוויגער שעטיכיע, און דער גאַנצער מישפּאָכע זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פרײַנטלעך

מימעני באַאַלייך מענאַכעם־מענדל.

איקער שאָכאַכטי. צו מײַן איצטיקן פּלאַן וועגן ביילּיסן באָמבלט זיך בא מיר אין קאָפּ נאָך אַ פּלאַן. העיויס ווי ביילּיס איז אַ פּראָסטער מענטש און אַן עלנטער, ניט געווען נאָך קיינמאָל אין אַמעריקע, זאָל איך עפּשער מיטפאָרן מיט אים, דו פאַרשטייסט? ער וועט זיך באַווײַזן פאַרן אוילעם, דערציילן די ניסים־וועניפלאָעס, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, און איך וועל זײַן דער... דער... דאָרט ווערט עס אָנגערופן „מעניזשער“ אַף זייער אַמע־ריקאַנער לאָשן. אײַ, טאָמער וועט די רעדאַקציע מיך ניט ווילן אָפּלאָזן? פאַרוואָס זאָל זי ניט ווילן? וואָס וועט איר אַרן, אַז איך וועל שרײַבן פון דאָרטן אַלצדינג מיקאָל דוואַר שוירעש[3], וויאַזוי מע האָט אים אופגענומען, ביילּיסן הייסט עס, און וואָס ער האָט גערעדט, און וואָס האָבן זיי גערעדט, און וואָס איך האָב גערעדט...

האנאל.

„הײַנט“, נומ. 246, 10 נאָיאַבער 1913.

---

[1] ריש אלפים — צוויי הונדערט טויזנט; [2] פרחה נשמתי — אַרויסגעפלויגן די נעשאָמע; [3] מכל דבר שרש — געמיינט: פון אַלע וויכטיקע איניאָנים.

די פּובליקאַציע האָבן צוגעגרייט ה. רעמעניק און פ. פּאָליאַק.

אז ס׳איז שטיל אף דער וועלט

אז ס׳איז שטיל אף דער וועלט,
איז דער הימל באגילדעט און בלוי.
ווי א פרישער געדאנק,
איז דאָס טראָפּנדל טוי.

וואַש זיך אײַן מיט דעם טוי —
און מער זאָל ניט זײַן קיין געוויין.

אז ס׳איז שטיל אף דער וועלט,
זײַנען קרענעצעס דורכזיכטיק־ריין.

טאָג און נאכט ניט געשטערט
טרינקט מיט כּיעס די זאפט פון דער ערד
יעדער זאנג אינעם פעלד, —
אז ס׳איז שטיל אף דער וועלט.

מאיאקאָווסקי גייט

אָט גייט ער אפן וועג,
אָט גייט ער...
און ס׳ווערט די ברייטע גאס
נאָך ברייטער.

היי, דורכגייער,
גרויס און קליין,
שטעלט זיך אָפּ און זעט:
ס׳גייט א פּאָעט.

אָט קומט ער אף זײַן פּלאַץ
און שטעלט אוועק זיך אפן
פּיעדעסטאל.
און ווידער, ווי אמאָל,
דאָס קאָל זײַנס שאלט.
און טאָג און נאכט,
און טאָג און נאכט
ער ווערט ניט מיד —
דער ערשטער קאָסמאָנאַווט
פון אונדזער ליד.

מײַן היים

דער זעלבער פּלויט, און הינטער אים
מײַן זיידעס שטוב האָט זיך פארהיט.
און ווײַטער איז דאָס ברייטע פעלד
און באדערבײַ א יונגער דעמב.
נאָך נידעריקער, לעבן בריק,
א בארנבוים א שיינער בליט.

פון אים אינגאנצן צוואנציק טריט —
א גלײַכער וועג אין שטעטל פירט.
איך גיי און רייד מיט זיך אליין:
דאָ איז געווען אמאָל מײַן היים.
כ׳האָב זי פארטיידיקט אין געשלעג,
כ׳בין צוגעוואָקסן צו מײַן ערד.

א רעגן

ווען ביידע וואָלקנס האָבן זיך צעמישט,
האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן.
אפריִער האָט א רעגנדל געשפריצט,
דערנאָך א רעגן האָט גענומען גיסן.

און ווען ס׳האָט אָנגעטרונקען זיך דער וואלד
און ס׳איז געוואָרן פריש די גאנצע געגנט, —
האָב איך געזען, ווי אף די בלעטער לאנג
עס זײַנען נאָך די טראָפּנדלעך געלעגן.

און ווידער האָט די זון דעם בלויען הימל־זײַד
אין הייכן אָנגעצויגן,
און ס׳האָבן בא די מענטשן זיך צעשײַנט
די גוטע אויגן.

טריבונע פון לעבן

שמועל גאָרדאָן

שטעט און שטעטלעך

(רײַזע־בילדער)

1. טאָליאַטי

אין א שטאָט, וואָס האלט ערשט אין ווערן, איז, ווײַזט אויס, ניט איבעריקס שווער צו דערקענען, ווער ס׳איז א היגער און ווער ס׳איז אן אָנגעפאָרענער. אָבער לויט וועלכע סימאָנים האָט דער בלאָנדער יונגערמאַן מיטן פול־אָנגעפאַקטן פאָרטפעל אין דער האַנט אויס־געפונען, אז איך דארף זײַן א האָמליער — איז שווער געווען צו באגרײַפן. זאָל זײַן דערפאר, וואָס אין א יונגער שטאָט איז א לאַנדסמאַן שיר ניט געגליכן צו א קאָרעוו און דעריבער וויל מען זען אין יעדן נײַ־אָנגעקומענעם א געוועזענעם בען־איר? בין איך אָבער אף מײַן לעבן קיינמאָל ניט געווען אין האָמעל. דעם יונגנמאַן, ווי מיר שײַנט, האָט שטארק פארוואונדערט, וואָס ער האָט מיט מיר אזוי ניט געטראָפן. איך האָב עס ארויסגעזען פון דעם, וויִאזוי ער האָט מיך באטראַכט, פונקט ווי ער וואָלט וועלן געפינען די סיבע, וואָס איבער איר האָט ער זיך אזוי טויע געווען, און ענדלעך א ווונק געטאָן צו מיר, איך זאָל אָפּגיין מיט אים אָן א זײַט.

— יאָ א האָמליער, ניט קיין האָמליער, א גוטמאָרגן! ייִדיש פארשטייט איר? נו, איז שאָלעם־אַליכעם, — און ווידער א ווונק מיט די טונקעלע לעבעדיקע אויגן, וואָס דער טײַטש דערפון איז, אפּאָנעם, כ׳זאָל מיט אים אָפּגיין נאָך ווײַטער פון דער ריי, ווו איך האָב געוואַרט אפן טראָלייבוס.

דאָס ווערט מיר שוין א ביסל ציקאַווע, און איך גיי אים נאָך.

— יאָ א האָמליער, ניט קיין האָמליער, — טוט ער ווידעראַמאָל א זאָג און קוקט זיך דערבײַ אום, מאַשמאָעס, אף צו איבערצײַגן זיך, צי הערט אונדז קיינער ניט אונטער, — אָבער א טאָליאַטיער, ווי איך שטויס מיך אָן, קלײַבט איר זיך דאָך ווערן, איז האָב איך אײַך פאָרצו־לייגן א גרויסאַרטיק געשעפט, מאַמעש א גאָלדן געשעפט. אויב איר האָט זיך נאָך בא אונדז דערווײַל ניט פארקנאַסט, האָט איר דאָ ניט וואָס צו שטיין. מירן זיך מיט אײַך דורכשפּרײַזן צופוס. ס׳איז סאַכאַקל א דרײַ־פיר קוואַרטאַלטשיקלעך פונדאַנען.

ווערט מיר דער איניען שוין נאָך מער ציקאַווע. ס׳איז טאַקע לאַנג שוין גרויסער טאָג, די גאסן זײַנען פול מיט מענטשן, אָבער פאָרט, ווי לאָזט מען זיך עס פירן פון א ווילד־פרעמדן מענטשן אין אן אומבאַקאַנטער שטאָט, ניט ווייסנדיק וווּהין און וואָס? טו איך א זאָג:

— יאָ, כ׳וואָלט אָבער פונדעסטוועגן וועלן וויסן, וווּהין, אַשטייגער, קלײַבט איר זיך עס מיך פירן?

— אַוואַדע וועט איר וויסן, וואָס דען, איר וועט ניט וויסן? כ׳האָב נאָך אָבער דערווײַל פון אײַך ניט געהערט, צי איר זײַט שוין א פארקנאַסטער, צי ניין.

— אַנטשולדיקט, וואָס האָט איר אין זין?

— איצטערט זעט איר שוין, אז איך האָב ניט געהאַט אין אײַך קיין טאָעס. א טאָליאַטיער וועט, פארשטייט זיך, אזעלכע זאַכן ניט פרעגן, טאַטשנע, זאָג איך אײַך. א פארקנאַסטער

הייסט באַ אונדז דער, זאָלט איר עס וויסן זײַן אָף ווײַטער, וועלכער האָט זיך פּאַרוועבירט אהער נאָך אין דער היים. אָבער צווישן די אָנגעפּאַרענע איז פאַראַן אַ היפּש ביסל מענטשן, וואָס קומען אהער, אַזוי צו זאָגן, אָפן אייגענעם באַראַט. לויט אַלע סימאָנים דאַרפט איר זײַן פון זיי.

— לויט וועלכע, אַשטייגער, סימאָנים?

טוט ער מיך אַ מעסט אָפּ מיט זײַנע ביסטרע טונקעלע אויגן און גיט דערבײַ ערנסט אַ זאָג, איבערנעמענדיק בעשאַס־מײַסע דעם אָנגעפּאַקטן פּאָרטפעל פון איין האַנט אין דער אַנדערער:

— כ׳ווייס, מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איר זײַט שוין אַ ביסינקעלע צו אַלט צו זײַן אַ קאָמסאָמאָליעץ, און די פּאַרוועבירטע באַשטייען דאָך דעריקער פון יונגוואַרג. איז האָב איך מיט אײַך געטראָפן, צי כ׳האָב שוין ווידעראַמאָל אַ טאָעס? וואָרעם טאָמער יאָ, איז באַ אונדז אויס שידעך. איך וועל דאָך ניט נעמען אײַך צורײדן, איר זאָלט אומקערן די טנאָים. באַ אונדז גייען אַזעלכע זאַכן ניט אָן. פאַר אַזוינע זאַכן קאָן מען דאָ כאַפּן אַ פײַנעם גאָב. טאָטשנע, זאָג איך אײַך. ס׳איז טאָליאַטי. נו, איז לאָמיך הערן.

ס׳ווילט זיך אָבער פאָרט וויסן, וואָס פאַר אַ גרויסאַרטיק געשעפט האָט ער מיר פאָרצולייגן, איז קאָלזמאַן עס לאָזט זיך, קום איך אָפּ מיט שווײַגן. און אַזוי שווײַגנדיקערהייט גיי איך נאָך דעם בלאָנדן יונגנמאַן, וועלכער מעסט מיט אַ ברייטן שפּאַן דעם גרינעם פּראָספּעקט, וואָס איז פאַרבויט מיט פיר־ און פינפשטאָקיקע הײַזער, באַהאַנגענע מיט פאַרשיידנקאָליריקע באַלקאָנדלעך, און דערמיט אַליין שוין מאַכט ער פאַרגעסן אַ נײַ־אָנגעקומענעם מענטשן, אַז מע איז אין דער פרעמד. אַפילע די פאַרפלאַנצטע ביימער באַ די ראַנדן פון די אַספאַלטירטע טראָטואַרן זײַנען, דוכט זיך, אויסגעשטעלט אין דער זעלבער אָרדענונג און זײַנען פון דער זעלבער הייך, ווי אָף אַלע נײַ־אויפגעקומענע גאַסן און פּראָספּעקטן אין אונדזערע סײַ יונגע, סײַ אַלטע שטעט.

דער יונגערמאַן טײַטשט, אַפּאָנעם, אויס מײַן שווײַגן ווי אַ האַסקאָמע, אַז ער קאָן צוטרעטן צום איניען. קיין גאָב דערפאַר, קאָן איך אים פאַרזיכערן, וועט ער געוויס פון קיינעם ניט קריגן. איך האָב זיך דאָך טאַקע דאָ אין ערגעץ ניט פאַרקנאַסט. אײַ, ער האָט מיך געטראָפן שטיין אין דער ריי, וואָס האָט געוואַרט אָפן טראָליייבוס נומ. 2, און וווהין ס׳גייט דער צווייטער טראָליייבוס דאַרף מען דאָך דעם יונגנמאַן ניט דערקלערן, וואָלט איך אים דערוף געקאָנט ענטפערן אַזוי, ווי די זאַך איז: די צירונג באַ אַ שטאָט זײַנען אירע אונטערנעמונגען, פונקט ווי באַ אַ סאָווירט און אַ קאָלווירט — די פעלדער און סעדער. איז ווי פאָרט מען זיך עס ניט דורך אַ צוויי־דרײַ מאָל איבער דער פילוויאָרסטיקער ברייטער נײַזאַוואָדישער גאַס, וועלכע באַשיינט טאָליאַטי מיט אירע הויכע ליכטיקע זאַוואָדישע קאָרפּוסן, מיט די פאַריסענע שנאָבלען פון די הייב־קראַנען, וועלכע גרייכן ביז די קרוינען פון די שטאָלצע מעכטיקע ביימער אינעם וואַלד, וואָס טרעט צוביסלעכווײַז אָפּ פון דער שטאָט. דערווײַל בין איך אָף אָט דער גאַס געוועזן בלויז איין מאָל. עמעס, דער „איין מאָל“ האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג, נאָר ווי קאָן מען עס באַווײַזן דאָרט פאַר איין טאָג אומעטום זײַן — אַזויפיל זאַוואָדן און בויונגען אָף איין גאַס! דער יונגערמאַן אָבער, ווי איך האָב שוין באַוויזן צו באַמערקן, וויל גאָר, דוכט זיך, ניט, מע זאָל אים ענטפערן אָף זײַנע פראַגעס, ער וויל אַליין טרעפן דעם ענטפער, און די דאָזיקע נעטיִע זײַנע באַהאַלט ער ניט אויס. פאַרקערט.

— איר זעט, איך פרעג אײַך ניט, ווער איר זײַט און וואָס איר זײַט. מעגלעך, איר זײַט גאָר אַן אינזשעניער צי אַ גלאַוובוך, כאָטש שטאַרק אָפן סייכל לייגט זיך עס דאַפקע ניט, ווײַל איר זאָלט זײַן אַן אינזשעניער צי אַ גלאַוובוך, וואָלט איר זיך ניט געלאָזט פאָרן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. וואָס, ניט אַזוי? נאָר כ׳ווייס... מיט איין וואָרט, ווער איר זאָלט ניט זײַן און וואָס איר זאָלט ניט זײַן, דאַרפט איר זען אַלץ צו טאָן, איר זאָלט ווערן אַ וואַזאָוועץ.

— אַנטשולדיקט, ווי האָט איר געזאָגט?

אומזיסט דאָס פרעגן און איבערפרעגן. מײַן זאָך איז איצט בלויז הערן. ווידער איבערגענומען דעם פּאָרטפעל פון איין האַנט אין דער אַנדערער, זעצט דער יונגערמאַן באַגײַסטערט פאָר:

— מיינט ניט, אַז ס׳איז אַזוי פּאָשעט ווערן אַ וואַזאָוועץ. באַלאָנים אָנצוקומען אָף אונדזער וואָלגער אווטאָמאָביל־זאַוואָד, ס׳הייסט אָפן „וואַז“, זײַנען פאַראַן, מיסטאָמע, ניט איבערצוציילן, און דאַרפן וועט מען דאַרפן אַהין דערווײַל, ווי סע שרײַבט זיך אינעם הײַנטיקן בלאַט, פינף און פופציק טויזנט מאַן. נאָר אויב איר האָט פון אײַער פריִערדיקער אַרבעט אַ גוטע כאַראַקטעריסטיק, איז קאָן איך אײַך באַהילפיק זײַן. איך האָב דאָרטן עטלעכע מײַנע האָמליער.

— איך בין דאָך אָבער, ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט...

— נו, מײלע, יאָ א האַמליער, ניט קײן האַמליער, אָבער א טאַליאַטיער קלײַבט איר זיך דאָך זײַן, איז בעמײלע װערן מיר שױן מיט אײַך שטיקלעך קרױװים, און „װאז", טײַערער כאַװער מײַנער, איז א גאָלדן געשעפט. טאָטשנע, זאָג איך אײַך. א שפּילכל עפּעס ארבעטן אפן „װאז", װױנען באם יאם, האָבן מיט דער צײַט אן אײגענעם פּיאַט, און ביכלאַל...

קלאָר װי דער טאָג. דער יונגערמאַן איז פּאָשעט און פּראָסט א װערבירער, דערצו נאָך פון יענע, װאָס קענען אזױ אײַנריידן, אז מע זאָל װארפן האַק־און־פּאַק און פּליִען קײן טאָליאַטי. קײן סאך ארומרײַזן איבערן לאַנד אף אראָפּצוברענגען אהער די פינף און פופציק טױזנט מאַן דארף אזא אגענט ניט. איך פארשטײ נאָר ניט, צוליב װאָס האָט ער עס גערדארפט מיך אָפּרופן אָן א זײַט און מאכן דערפון א סאָד. אין דער ריי, װאָס האָט געװארט אפן טראָליײבוס, װאָלטן געװיס זיך אָפּגעזוכט נאָך עטלעכע מענטשן, װעלכע ער װאָלט פאַרײַנ־װעגס געקאָנט פארװערבירן. געצאָלטס, דארף מען פארשטײן, באַקומט ער דאָך, װי די סטראַכיר־אגענטן, פאר יעדן פארװערבירטן.

גײ ריכט זיך, אז די דאָזיקע פראגע מײַנע װעט ברענגען דערצו, דער יונגערמאַן זאָל מיר א זאָג טאָן און דאפקע מיט קאַס:

— אָט אף דעם ראָג שטעלט זיך אָפּ אן אױטאָבוס, װאָס גײט מיטן זעלבן מארשרוט, װאָס דער צװײטער טראָליײבוס, איז פאָרט זיך געזונטערהײט אהינצו, װוּהין איר האָט זיך געקליבן, — און דער טאָליאַטיער, בא װעמען א גאַס די לענג פון א קילאָמעטער איז קײן גאַס ניט, נאָר אזױ זיך, א קװארטאַלטשיק, האָט פאר אײנע־צװײ מינוט זיך אזױ געהאַט דערװײַטערט, אז קױם װאָס איך האָב אים אָנגעיאָגט.

— איר װעט מיר אנטשולדיקן, כ'װאָלט װעלן װיסן, װאָס האָב איך עס אזעלכס געזאָגט, איר זאָלט זיך אף מיר אזױ באַלײדיקן?

װאָס איז ער אױסן געװען מיט זײַן שװײַגן, האָט מען זיך לײַכט געקאָנט אָנשטױסן. מיר איז אָבער דער איניען געװאָרן אף אזױפיל ציקאַװע, אז װען ער זאָל מיך געװען אזױ ארומ־פירן דעם גאנצן טאָג און שװײַגן, װאָלט איך, דוכט זיך, שױן אױך פון אים ניט אָפּגעטראָטן.

— נײן, דו הער נאָר. װילסט טאָן א מענטשן א טױװע, איז ער דיך גאָר כױשעד, אז דו טוסט עס צוליב פּאַרנאָסע. נו יאָ, קײן אנדער מעלאָכע, פון װאָס ציִען די כאַיונע, װי נאָר כאַפּן מענטשן אין גאַס און זײ װערבירן, האָט זיך שױן פאר מיר דאָ ניט אָפּגעזוכט. נו, נו...

כאָטש דאָס טײַנעט ער זיך אױס מיט זיך אַלײן, דאָך מיש איך זיך פונדעסטװעגן ארײַן:

— איך האָב גאָר אזױ ניט געמײנט. און אז מע איז א װערבירער, איז װאָס? קײן פּאַך עפּשער איז עס ניט, אָבער אן ארבעט — א גאַנץ בעקאָװעדיקע.

— איך בין אָבער אזױ א װערבירער, װי איר א האַמליער. װעט איר דאָך פרעגן, פאַר־װאָס האָב איך אײַך גלײַך ניט געזאָגט װאָס און װען, װעל איך אײַך דערױף ענטפערן מיט א פראגע: און װי איז, טאָמער טרעף איך ניט מיט אײַך, און איר זײַט שױן מיט מאזל לאַנג פארקנאַסט? קײן זאַװאָדן מיט קײן פאבריקן פעלן בא אונדז ניט אױס. טאָליאַטי איז א שטאָט פון כימיע און מאשינבױיונג. די ריי באם טראָליײבוס װאָלט דאָך מיך דעמאָלט כ'װײס אַלײן ניט װאָס... װאָס הײסט, איך נעם און רײד אײַן א מענטשן גײן זוכן פּראָטעקציעס אָנצוקומען אפן „װאז", בעשאַס אומעטום נײטיקט מען זיך אין ארבעטער. איך װאָלט שײן אױסגעזען, איאָ?

— אזא קאָנקורענט איז ער עס דאָ בא אײַך, דער „װאז"?

אף דער שטילער זײַטיקער גאַס, װוּ מיר גײען איצט, שמעקט מיט סאָף־זומערדיקן װאָלד. פרויען קאַלכן די ראַנדן פון די טראָטוארן, די דרײַעקיקע שפּיצן פון די אױסגעלײגטע ציגל ארום די קלומבעס.

— מע פוצט בא אײַך דעם דרױסן, װי אמאָליקע יאָרן אין די שטעטלעך ערעװ שאבעס די לײמענע דילן און די פּריפּעטשיקעס, — רוף איך זיך אָן.

— און װאָס האָבן מיר הײַנט, ניט ערעװ שאבעס? פרײַטיק איז בא אונדז אײַנגעפירט צופוצן א ביסל דעם דרױסן. פריִער, אײדער מע האָט אײַנגעפירט צװײ רו־טעג, האָט מען געפוצט און געקאַלכט די גאַסן ערעװ זונטיק, שאבעס הײסט עס. אײניקע האַלטן גאָר, אז ס'איז אן איטאַליענישער מינהעג. מיר קערן זיך דאָך איצט עפּעס אָן מיט די איטאַליענער... אָבער איטאַליענער האָב איך דאָ פאר דער צײַט באגעגנט פונקט אזױפיל, װיפל איר. און װאָס האָבן זײ, אײגנטלעך, דערװײַל דאָ צו טאָן? אָט, אז ס'װעט קומען צום אױסשטאַטן, דעמאָלט, פאַר־שטײט זיך, װעט ניט זײַן קײן נאָװענע צו באגעגענען אן איטאַליענער. װאָס עמעס, איז עמעס, פארדינען קאָן מען דאָ מער, אײדער ערגעץ אנדערש.

— איז אָט מיט װאָס ער נעמט עס, דער „װאז"!

דער יונגערמאַן דרייט אויס צו מיר דעם קאָפּ, פֿאַרזשמורעט עטוואָס די אויגן, וואָס דאָס דאַרף, מאַשמאָעס, באַטײַטן: נו, נו, אַדעראַבע, לאָמיך טאַקע הערן, וויִאַזוי איר טײַטשט אויס מײַנע רייד. זעץ איך פֿאָר:

— און מיט ווינונגען, דאַרף מען זיך פֿאָרשטעלן, באַזאָרגט דער „וואז" אויך בעסער, ווי אַלע אַנדערע אונטערנעמונגען אין שטאָט. מיט אַזאַ זאַוואָד איז, פֿאַרשטייט זיך, שווערלעך קאָנקורירן.

אויסגעוואַרט אַ ווײַלע, צי האָב איך ניט, הייסט עס, מער וואָס צוגעבן צו דעם, וואָס איך האָב שוין געזאָגט, רופֿט ער זיך צו מיר אָן, און די טונקעלע לעבעדיקע אויגן זײַנע קוועלן דערבײַ אַזוי, אַז מיר דוכט זיך, אָט־אָט וועלן זיי זיך צעלאַכן אויף אַ קול:

— מיר ריידן דאָך מיט אײַך, לאָזט זיך אויס, גאָר וועגן צוויי פֿאַרשיידענע זאַכן. איר רעדט וועגן זאַוואָד, בעשאַס איך דערצייל אײַך גאָר וועגן דער בויונג פֿונעם זאַוואָד. דאָס איז אויף דער בויונג — פֿאַרדינט מען עס אַזוי פֿײַן. אַהינצו אָנקומען אויף אַרבעט דאַרף מען קיין באַקאַנטשאַפֿט מיט קיין פּראָטעקציעס ניט האָבן. מע וועט אײַך דאָרט אויפֿכאַפּן אַפֿילע אָן אַ פֿאַך אין דער האַנט. טאָטשנע, זאָג איך אײַך. אָן אַנדער זאַך איז אָנקומען אויפֿן זאַוואָד, ס'הייסט פֿאַרזיכערן זיך דאָרט מיט אַן אָרט. וועגן דעם דאַרף מען שוין איצטער זאָרגן, כאָטש ביז עס וועט פֿונעם קאָנווייער אַראָפּפֿאָרן דער ערשטער פֿיִאַט, וועט אינעם קויבישעווער יאַם נאָך איבערלויפֿן אַ היפּש ביסל וואַסער.

— וואָס זשע איז דערמאַלט אַזוי די אײַלעניש?

— ווײַל הײַנטיקס יאָר ענדיקן זיך די טויזנט טעג מיט די טויזנט נעכט, וואָס זײַנען געגעבן געוואָרן דעם „הידראָסטרוי", ער זאָל אויסבויען דעם זאַוואָד. איך אויף אײַער אָרט וואָלט ביכלאַל צוגעפֿאָרן אַ קוק טאָן אויף דער בויונג. איר האָט נאָך, קאָן איך אײַך זאָגן, אַזאַ פּאַנאָראַמע ניט געזען. דער זאַוואָד אַליין פֿאַרנעמט אַ ריזיקן שטעטל, בלויז דער הויפּט־קאָרפּוס האַלט צוויי קילאָמעטער די לענג, און כוץ דעם, בויט זיך נאָך דאָרטן אַ שטאָט באַם ברעג יאַם, וואָס וועט מיט דער צײַט זיך צונויפֿגיסן מיט טאָליאַטי און ווערן איין שטאָט. וואָס פֿאַר אַ מאַמאָשעס האָט עס הײַנטיקע צײַטן פֿאַרבויען אָן אַנדערהאַלבן צענדליק קילאָמעטער מיט צוועלף־ און זעכצנשטאָקיקע מויערן. כ'ווייס ניט, ווי איז איצטערט אין מאָסקווע, נאָר מיט אייניקע יאָרן פֿריִער איז געווען אַזוי: האָסטו ניט געזען דעם גרויסן טעאַטער, האָט עס געהייסן, אַז ביסט ניט געווען אין מאָסקווע. דאָס זעלבע, קאָן מען זאָגן, איז איצטער באַ אונדז: האָט מען ניט געזען דעם „וואז", איז מען, הייסט עס, ניט געווען אין טאָליאַטי. נו, און דאָס, וואָס איר זאָגט, ווינונגען, איז האָט איר ווידער אַ טאָעס. ווען אויפֿן „וואז" זאָל ניט זײַן אַזוי ענג מיט דירעס, וואָלט איך שוין לאַנג געאַרבעט דאָ און אַריבערגעפֿאָרן אַהער ווינען.

דאָס פֿאַרשטיי איך שוין אינגאַנצן ניט. ער, וועלכער פֿירט מיך אין „וואז", איז, לאָזט זיך אויס, נאָך אַליין ניט קיין פֿאַרקנאַסטער. פֿאַרלויפֿט ער מיר אָבער באַלד דעם וועג:

— טאָליאַטי און זשיגוליאָווסק, וווּ איך וווין, זײַנען איצט קימאַט ווי איין שטאָט. יעדע פֿופֿצן — צוואַנציק מינוט האָט איר אַן אויטאָבוס, און די גאַנצע נעסיִע אַרום און אַרום געדויערט באַ אַ דרײַ פֿערטל שעה, אַמאָל אַפֿילע ווייניקער. וואַרט, וווּ האָט איר זיך דאָ אָפּגעשטעלט?

— דערווײַל נאָך, אייגנטלעך, אין ערגעץ ניט.

— וואָס הייסט באַ אײַך דערווײַל? אויפֿן היגן האָטעל, וואָרן איך אײַך אָפּריִער, האָט איר ניט וואָס אויסצורעכענען. נו, וואָס איז אַזוינס איין האָטעלכל פֿאַר אַזאַ שטאָט! איך פֿאַרשטיי, אַז איר האָט ניט געגעכטיקט אויפֿן גאַס. מיט אַ בעטל אין אַ צוזאַמענווינונג וועט אײַך איטלעכע אונטערנעמונג באַזאָרגן. צו וואָס אָבער נוצט עס אײַך, אַז איר קאָנט זיך דערווײַלע אָפּשטעלן אין זשיגוליאָווסקער האָטעל. האָט ניט מוירע, איר וועט צו דער אַרבעט ניט פֿאַרשלאָפֿן. אַ סך אַזעלכע, ווי איר, ווינען אין זשיגוליאָווסק. ס'קאָן זייער זײַן, איך זאָל אויך טאָן דאָס זעלבע: בלײַבן אין זשיגוליאָווסק און אַרבעטן אין טאָליאַטי, וואָרעם איך האָב מוירע, ביזוואַנען איך וועל זיך בײַטן מיט דער דירע, וועלן שוין אויפֿן „וואז" ניט זײַן קיין פֿרײַע ערטער אַפֿילע פֿאַר אַ מענטש פֿון אַזאַ דעפֿיציטן פֿאַך, ווי מײַנער. איך בין אַן עלעקטריקער אויפֿן „גאַס". זעט, שיר ניט פֿאַרגעסן. באַ מיר דאַרפֿן נאָך זײַן אַ פּאָר מעלדונגען.

אַרויסגעשלעפּט פֿונעם פּאָרטפֿעל אַ דיקן בוך, נעמט ער אים בלעטערן, טרייסלען, ביז עס פֿאַלן פֿון דאָרט אַרויס מעלדונגען וועגן דעם, אַז ער בײַט „זשיגוליאָווסק אויף טאָליאַטי".

— אָט אַזוי פֿאַרגרייט איך יעדעס מאָל באַ אַ צענדליק מעלדונגען און קלעפּ זיי פֿאַנאַנדער

איבער דער שטאָט. דערווײַל האָט עס מיר נאָך גאָרניט געגעבן. זשיגוליאָווסק איז איצט ניט דאָס, וואָס פריִער, ווען מע האָט געבויט דעם „געס“. איצט איז טאָליאַטי אין דער מאָדע.

ער פאַרלאַנגזאַמט עטוואָס די טריט, האָט מוירע, אַפּאָנעם, אַז ס'וועט אים ניט קלעקן קיין צײַט מיך צו פאַרליבן ביז איבער די אויערן אינעם „וואז“, און קעדיי ניט פּאַטערן אומזיסט די צײַט, זאָגט ער מיר אונטער, וועלכע פראַגן אַן ערעך דאַרף איך אים שטעלן, דער געשפּרעך אונדזערער זאָל קאָנען פאָרגעזעצט ווערן.

— איר פרעגט מיך גאָר ניט, פאַרוואָס וויל איך עס זיך אַזוי בײַטן?

פאַרענטפער איך זיך:

— וואָס האָב איך צו פרעגן. „וואז“! כאָטש דעם עמעס געזאָגט, פאַרשטיי איך טאַקע ניט, וואָס איז אַזוי די יאָגעניש. איר זאָגט דאָך אַליין, אַז איר האָט אַ גוטן פאַך, אַ גוטע דירע און די שטאָט איז אויך אַ גוטע, בעשאַס אין טאָליאַטי דאַרפט איר אַלץ אָנהייבן פונסנײַ.

שלאָגט ער מיך איבער:

— און פונדעסטוועגן זעט איר דאָך! הייסט עס, עפּעס שטעקט מיסטאַמע אין דעם. אָט האָב איך אין לענינגראַד צוויי קרויווים. איינער פון זיי אַרבעט אַף אַ גרויסן, גאָר אַ גרויסן זאַוואָד און פאַרדינט דאָרט בעסער פון דעם אַנדערן קאָרעוו. איר וואָלט אָבער געדאַרפט הערן, מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ דער אַנדערער זאָגט עס וועגן זיך: „איך בין אַ פּוטילאָוועץ!“ נאָר ניט אין דעם אַליין, זעלבסטפאַרשטענדלעך, גייט עס און ניט צוליב דעם אַליין, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, וויל איך איבערפאָרן קיין טאָליאַטי. ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַרבעט איך אַפן „געס“, ס'איז, מיין איך, אויך אַ גאַנץ בעקאָוועדיקער אָביעקט, און אַפן פאַרדינסט האָב איך זיך אויך ניט וואָס צו באַקלאָגן. איז מיסטאַמע שטעקט דאָך עפּעס אין דעם, וואָס איך וויל אַריבערפאָרן, איאָ?!

טרעפן איז דאָך ניט שײַעך. בלײַבט מיר דאָס איינציקע — ניט וואַרטן, ער זאָל מיר, ווי פריִער, אונטערזאָגן די פראַגע, נאָר אַליין גיין אים מיט איר אַנטקעגן. פרעג איך.

— וואָס זשע איז טאַקע די סיבע, וואָס איר ווילט אַהער אַריבערפאָרן?

עפנט ער אויף דעם פול־אָנגעפּאַקטן פּאָרטפעל און טראָגט מיר אים אונטער, איך זאָל, הייסט עס, אַ קוק טאָן אַף דער סכוירע, וואָס דאָרט ליגט. אַפן רוקן פון איינעם פון די גראָבע ביכער איז מיט גאָלדענע אויסיִעס אָנגעשריבן: „טעאָרעטישע מעכאַניק“. איך פאַרשטיי אָבער ניט, וואָס פאַר אַ שײַכעס האָבן די ביכער אינעם פּאָרטפעל צום אַריבערפאָרן פון דעם דאָזיקן יונגנמאַן קיין טאָליאַטי. לאָזט זיך אויס, אַז דער יונגערמאַן איז גאָר ניט אַזוי יונג, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן. ער איז שוין אַ טאַטע פון צוויי זין, וואָס האָבן פאַראַיאָרן פאַרענדיקט די שול און אַרבעטן איצט אַפן זשיגוליאָווסקער צעמענט־זאַוואָד. האַיאָר זײַנען זיי אָנגעקומען אַפן אָוונטיקן פאַקולטעט פונעם טאָליאַטיער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, און דאָס איז ער הײַנט געקומען אַהער אײַנקויפן פאַר זיי לערנביכער.

— אַרבעטן און לערנען זיך איז ניט פון די לײַכטע זאַכן, נאָר ס'איז אָן סאַקאָנעס. אָבער אָט דאָס שלעפּן זיך אין די אָוונטן קיין טאָליאַטי! כ'ווייס דאָך אַפריִער, דאָס ווײַבל מײַנס וועט זיך ניט לייגן שלאָפן, ביזוואַנען די קינדער וועלן ניט קומען פון די לימודים, און ווינטער, אַז סע גייט אַ דריי די וויוגע, איז קאָנען זיי קומען פונעם אינסטיטוט נאָך האַלבער נאַכט אויך. נו, און אַז דער „וואז“ וועט זיי געבן מער פּראַקטיק, ווי דער צעמענט־זאַוואָד, איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן. מיט איין וואָרט, ס'זאָל זיך נאָר מאַכן אַ רעכטער בײַט... און, אָט זײַנען מיר מיט אײַך געקומען. איר וועט טרעפן איצט אַהער דעם וועג? פאַרגעדענקט דעם אַדרעס: פּאָבעדאַ, זעקס און צוואַנציק.

ווי? אָט די גרויע פינפשטאָקיקע געבײַדע מיטן שמאָלן אַרײַנגאַנג, אָט די עטלעכע מויערן, וואָס בויען זיך, זײַנען עס קאָרפּוסן פון דעם...

— עפּעס צו גיך האָבן מיר מיט אײַך דורכגעמאַכט די פערצן — פּופּצן קילאָמעטער, — זאָג איך צום יונגנמאַן, — כ'פאַרשטיי ניט, וואָס לאַכט איר?

צעלאַכט ער זיך שטאַרקער, לאַכט אַזוי, אַז דער פּאָרטפעל פאַלט אים שיר ניט אַרויס פון די הענט.

— וואָס? איר האָט געמיינט, אַז דאָס איז דער זאַוואָד? ס'איז אַפילע ניט די גאַנצע דירעקציע. דאָ געפינט זיך דער קאַדרען־אָפּטייל. ס'איז אַלץ צײַטווײַליק. מע בויט פאַר דער דירעקציע אַ געבײַדע — שיר ניט קיין וואָלקנקראַצער. איז פאַרגעדענקט, וואָס איך ראָט אײַך: ניט איבערקלײַבן. וועלכע אַרבעט מע זאָל אײַך ניט פאָרלייגן, זאָלט איר אײַנגיין. דעריקער איז, פאַרשטייט איר מיך, זיך אַרײַנכאַפּן אַהין. איר האָט שוין געלייענט די הײַנטיקע צײַטונג?

— וואָסי?

— דאָרט ווערט געזאָגט, אַז די, וואָס וועלן אָפּאַרבעטן אַף דער בויונג פֿונעם „וואַז“ אַ האַלב יאָר, וועט מען זיי פֿאַררעכענען אין רעזערוו פֿונעם זאַוואָד, און אַז זיי וועלן אָפּאַרבעטן נאָך אָנדערהאַלבן יאָר, וועט מען זיי שיקן אַף קורסן און אַרײַנעמען אין שטאַט „וונע קאָנקורסאַ“, אַט ווי מ׳נעמט אָן אין אינסטיטוט די, וואָס האָבן פּראָדוציר־סטאַזש. ס׳קאָן זיך אַמאָל מאַכן, אויב נאָר איר זײַט אַ מעטאַליסט, מע זאָל אײַך גלײַך שיקן אַף סטאַזשיראָווקע. מײַן גאַנצע האָפֿענונג איז דאָך אַף דעם און אַף מײַנע האָמליער לאַנדסלײַט. און ווײַבאַלד איר זאָגט, איר זײַט אַ מאָסקווער...

איצט, ווען מיר שטייען שוין באַם אַרײַנגאַנג, וואָלט איך אים, אייגנטלעך, געדאַרפֿט זאָגן, וווּהין און צו וואָס האָב איך זיך געקליבן פֿאָרן מיטן צווייטן טראָלייבוס, איז אָבער שוין ניט צו שפּעט עס טאָן? און ווי שלאָגט מען ביכלאַל יענעם איבער אינמיטן די רייד?

— איר ווייסט, וויפֿל אײַערע מאָסקווער אַרבעטן דאָ? אַ וועלט! און בײַ אונדז אַ לאַנדסמאַן איז קימאַט דאָס זעלבע, וואָס אַ קאָרעווו. טאָטשנע, זאָג איך אײַך. געדענקט: וווּהין מע זאָל אײַך ניט שיקן, זאָלט איר גיין. ס׳איז „וואַז“. די „קאַדרען“ זײַנען אַפֿן צווייטן שטאָק. איך דאַרף זיך דאָ אַרײַנכאַפּן צו מײַנעם אַ האָמליער אין דער אינסטרומענטאַלקע. איך וועל פֿאַרבײַגייענדיק שוין פֿאַרוואַרפֿן דאָרט וועגן אײַך אַ וואָרט. ווי איז אײַער פֿאַמיליע? אויב איר וועט זיך אָפּפּאַרטיקן פֿריִער, זאָלט איר צוואַרטן אַף מיר.

מיר עפֿענען נאָר די טיר, — אַז עס פֿליט אָן אַנטקעגן מיט אַ הו־הא און אַ שטופּעניש אַ כאָפּטע באָכערים מיט מיידלעך און וואַלגערן אונדז שיר ניט אום! דאָס לויפֿן זיי צו די צוויי מאַשינעס מיט מעבל, וואָס זײַנען צוגעפֿאָרן אַהער.

כ׳ווייס ניט, צי בײַ די, וועלכע ציִען זיך אַרײַן אין אַ נײַער וווינונג, שײַנען און לויכטן אַזוי די אויגן, ווי בײַ אָט די כעוורע, וואָס צעפּאַקעווען די גרויסע קאַסטנס און טראָגן פֿאַ־נאַנדער איבער די שטאָקן שווערע קאָנטאָרסקע טישן און בענקלעך. צוליב דעם אַליין נאָר — אָנקוקן אַזעלכס — איז קעדײַ געווען דורכמאַכן די פֿיר „קוואַרטאַלטשיקלעך“, וואָס אַפֿילע בײַ אַזאַ מאַרשירער, ווי דער זשיגוליאָווסקער, האָט עס געדויערט בײַ אַ שאָ אַפֿן זייגער.

איינער פֿון די באָכערים גיט זיך אַ וואַלגער אַרויף אַף אַ טיש, וועלכן ער האָט ערשט צעפּאַקעוועט, און ציט זיך אַף אים אויס מיט אַזאַ טײַנעג, אַז ניט ווילנדיק פֿליט דורך בײַ מיר אַ געדאַנק, צי וועט דער זעלבער טיש ניט דינען דעם דאָזיקן באָכער פֿאַר אַ נאַכטלעגער, ביז וואַנען מע וועט ניט אַרויסעפֿינדיקן די ערשטע מויערן אין דער נײַער שטאָט אַפֿן ברעג פֿונעם קויבישעווער יאַם.

— וואָס שטייט איר, ווי די „קאָמעטע“ אינעם שליוז אין די שאָען פֿון „פּיק“? העלפֿט מיר אַרופֿטראָגן דעם טיש!

דער זשיגוליאָווסקער האָט זיך אײַנגעקלאַמערט מיטביידע הענט אין אַ טיש. ער טוט אַלץ, מע זאָל אונדז באַמערקן. ער האָט צוליב דעם, דוכט מיר, אויסגעקליבן דעם גרעסטן און שווערסטן טיש.

אַז מיר זײַנען שוין געווען אַפֿן דריטן שטאָק, רופֿט ער זיך צו מיר אָן:

— איר ווייסט, מיר דוכט, אַז דער, וועמען איר האָט שיר ניט אַ שטויס געטאָן פֿון אונטן בײַ דער טיר, איז דער נאַטשאַלניק פֿון די קאַדרען. ס׳איז אָן סאַקאָנעס. פֿאַרקערט, איר האָט גאָר געקאָנט אויסשפּילן אין זײַנע אויגן, ווײַל איר האָט דערוויזן, אַז איר זײַט אַ מענטש, וואָס מיִעסט זיך ניט מיט קיין שום אַרבעט. דאָס, וואָס מיר העלפֿן פֿאַנאַנדערטראָגן דאָס מעבל, קאָן אונדז ביידן דינען פֿאַר אַ שטיקל רעקאָמענדאַציע. טאָטשנע, זאָג איך אײַך. נו, און דער, וואָס איז געשטאַנען הינטער אונדז מיט אַ קראַנץ בענקלעך אַף די הענט, איז, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, דער נאַטשאַלניק פֿונעם גוס־צעך אָדער פֿונעם שמיד־צעך. איך קען שוין דאָ, ווי איר זעט, באַלד אַלעמען. אָט דאָס מיידל, וואָס שלעפּט די עטאַזשערקע, איז אַן אינזשעניער. איך קאָוויר אײַך, אַז אָט די אַלע באָכערים און מיידלעך זײַנען אָדער אינזשעניערן, אָדער קאַנדידאַטן. אָבער אַז מע דאַרף, ווערן זיי אײַך, ווי איר זעט, אַף אַ ווײַלעטשקע טרעגער. ס׳איז טאָליאַטי!

אַף דער טיר פֿונעם צימער אַפֿן לעצטן שטאָק, וווּהין מיר האָבן אַרײַנגעטראָגן דעם טיש, איז געווען צוגעקלאַפּט אַ שילדל, וואָס באַמערקט האָב איך עס ערשט נאָך דעם, ווי דער זשיגוליאָווסקער איז שוין אַוועקגעלאָפֿן צו זײַן לאַנדסמאַן. וועמען זשע פֿרעגט מען, וואָס באַטײַט אָט די אויפֿשריפֿט אַפֿן פּאַניער־שילדל? איך האָב אין צימער גאָר ניט באַמערקט אַזוינס, מע זאָל קאָנען גלייבן דעם שילדל, אַז דאָ געפֿינט זיך דער גוס־צעך. אַף דער טיר פֿונעם שכיינעסדיקן צימער הענגט אַ שילדל — „פּרעס־צעך“. און וואָס איז אינעם דריטן צימער? דאָס איז שוין גאָר ניט צו גלייבן. גיי אָבער גלייב ניט, אַז אַפֿן צוגעקלאַפּטן צו דער

טיר פאניער־ברעטל איז אָנגעשריבן מיט גרויסע שווארצע אויסיָעס: „שמיד־צעך". לאָז איך זיך גיין פון טיר צו טיר איבערן לאַנגן טונקעלן קאָרידאָר. וויפל טירן — אַזויפיל צעכן. וואָלט זיך כאַטש פון ערגעץ דערטראָגן א קלאַפּ פון א האמער, א שורשען פון א פּײַל! דאָ טוט זיך מיטאמאָל אָן עפן אויף א טיר מיט א שילדל „מעכאנישער צעך", און עס ווערט מיר אַלץ פארענטפערט: ארום א לאַנגן טיש, וועלכער פארנעמט קימאט דעם גאנצן צימער, זיצן יונגע בעוורע. טייל פון זיי צייכענען, טייל דרייען אריפמאָמעטערס, ארבעטן מיט לאָגאריטמישע ווירעס, בלעטערן מעשונע גראָבע ביכער. מיט א שטאָק נידעריקער — ווידער דאָס זעלבע: אף יעדער טיר א שילדל. בין איך, הייסט עס, אין שטאַב פון די קומענדיקע צעכן.

איך לאָז זיך אראָפּ אפּן צווייטן שטאָק. וואָס איז דאָ פלוצעם געשען פאר די עטלעכע מינוט? דער גאנצער קאָרידאָר איז פול און פול מיט מענטשן. דער זשיגוליאָווסקער יונגערמאַן זאָל מיר ניט געווען האָבן געזאָגט, אז דאָ איז דער קאַדרען־אָפּטייל, וואָלט איך געקאָנט קלערן, אז ס'איז א שול און איך האָב געטראָפן אהער פונקט צו דער האַפּסאָקע, ווען די שילער פארלאָזן די קלאסן און באַלאַגערן דעם קאָרידאָר. ס'איז דאָ דער זעלבער טומל, דאָס זעלבע שטויסן און שטופן זיך, און דעריקער, מע זעט ניט קימאט קיין עלטערע מענטשן.

אזוי צי אנדערש, נאָר זוכן א טערעץ פאר מײַן באגלייטער און אייצעגעבער, פארוואָס בין איך ניט ארײַן אין קאַדרען־אָפּטייל, דארף איך שוין ניט. וואָס קומט ארויס פון דעם, וואָס דער שעף האָט מיך באמערקט, אז ס'איז אומעגלעך זיך דורכשטופּן צו דער טיר.

אין די צײַטן, ווען מע האָט געבויט דעם דניעפּראָהעס, מאגניטאָגאָרסק, דעם ווײַסיאמישן קאנאַל, קאָמסאָמאָלסק־אַפּן־אמור, אין די צײַטן פון איזאָטאָוון, סטאַכאַנאָוון, בוסיגינען, דעמ־טשענקאָ, כעטאגוראָווע, האָט מען לויט דער אויסשפּראַך זיך געקאָנט אָנשטויסן, פון וועלכע קאַנטן און געגנטן זײַנען זיך צונויפגעקומען די בויער. אין אונדזערע צײַטן איז דער דאָזיקער סימען קימאט ווי אָפּגעפאַלן — וועלכער יוגנטלעכער ענדיקט איצט ווייניקער פון זיבן־אַכט קלאַסן און איז ניט באווירקט פון דער ליטעראַרישער אויסשפּראַך. נאָר צו די פארשיידענע לעשוינעס און דיאַלעקטן, וואָס מע האָט דעמאָלט געקאָנט הערן אף די ניַי־בויונגען, זײַנען איצט צוגעקומען אזעלכע, וואָס אין יענע יאָרן האָט זעלטן ווער אף זיי גערעדט. נו, אשטייגער, ליטוויש, לעטיש, עסטאָניש... אָבער אף וויפל לעשוינעס מע זאָל אין קאָרידאָר ניט האָבן איצט גערעדט, איז דער אײַנדרוק געווען, אז זיי האָבן זיך דאָ אַלע אויסגעמישט, זיך צונויפּ־געגאָסן אין איין שפּראַך, וועלכע באשטייט שוין ניט פון ווערטער, נאָר פון א דורכויסיקן הו־הא. און פונקט ווי א דיריזשאָר כאפט אויף בייסן שפּילן דאָס קאָל פון יעטווידן אינסטרו־מענט אין אָרקעסטער, אזוי האָט אויך דאָ יעדער אײנער אופגעכאפט אינעם דאָזיקן טומל די רייד פונעם צווייטן. מיר אַלנפאלס האָט דער דורכויסיקער הו־הא ניט געשטערט, איך זאָל פלוצעם דערהערן שטימען אף יידיש.

ניט ווײַט פון מיר זײַנען געשטאַנען בא דער וואַנט, וואַרטנדיק, ווײַזט אויס, אף זייער ריי ארײַן אין קאַדרען־אָפּטייל, א באַיאָרטער קרעפטיקער מאַן און א באָכערל פון א יאָר צוואַנציק — איין און צוואַנציק אין א סאָלדאַטסקע גימנאַסטיאָרקע מיט א קלאָר־ווײַס אָנגע־קראכמאַליעט קראַגנדל. דאָס באָכערל, ווי מיר האָט פון אָנפאַנג זיך אויסגעוויזן, איז געווען מיט עפּעס ענלעך אפּן באַיאָרטן מאַן, מעגלעך אפילע, אז ס'איז א טאַטע מיט א זון. הער איך אָבער, אז דער יונגער רופט דעם עלטערן באַם נאָמען און פאָטערנאָמען. נאָר אז זיי זײַנען לאַנדסלײַט און שטאַמען ערגעץ פון הינטער ווניצע צי קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, דאָס איז זיכער. דאָרט זינגט מען ארויס די ווערטער, ווי אָט דאָס באָכערל:

— מירן שוין הײַנט, זע איך, ראַפאַיל סימכאָוויטש, ניט באַווײַזן צופאָרן א קוק טאָן דעם „געס" מיט די שליוזן.

ענטפערט אים דערויף דער עלטערער, אויך עטוואָס צוזינגענדיק:

— לאָז געמאַך. דער „געס" וועט פון אונדז מאָרגן אויך ניט אַנטלויפן. ער שטייט אײַנזנפעסט אפּן וואַסער.

אין א ווײַלע ארום הער איך ווידער:

— איך כעזשבן אַלץ און כעזשבן און קאָן אַלץ ניט באכעזשבענען...

— וואָס, אשטייגער, כעזשבנט איר עס, ראַפאַיל סימכאָוויטש?

— אויב פאר צווי און צוואַנציק סעקונדעס וועט אראָפּ פונעם קאַנווייער א פּיאַט, איז וויפל מאשינעס, וויל איך וויסן, וועלן אראָפּ פאר א טאָג?

— איר האָט ניט וואָס צו כעזשבענען. מע האָט עס שוין לאַנג בארעכנט. זעקס הונדערט זעכציק טויזנט מאשינעס א יאָר.

— דאָס וויס איך. אָבער וויפל מאכט עס אויס א טאָג?

פונעם דאָזיקן דורכרײדן זיך פארשטיי איך, אז איך מעג ניט אָפּגיין אין א זײַט. שטיי

איך און וואַרט אַף דער געלעגנהײַט זיך אַרײַנשטעלן מיט אַ וואָרט. דער זשיגוליאָווסקער, אשטייגער, וואָלט, מיסטאָמע, ביכלאַל ניט געוואַרט. ער וואָלט שוין לאַנג מיט זיי זיך באַקאַנט, פאַרוואָרפן מיט פראַגעס, אַף וועלכע ער וואָלט, ווי געוויינלעך, אַליין געפּרוּווט ענטפערן.

לאַנג וואַרטן איז מיר ניט אויסגעקומען. אַז איך בין די לעצטע צוויי־דרײַ יאָר אויסגעווען אין אַזויפיל שטעטלעך, איז ווי קאָן איך בלײַבן רויִק, ווען איך דערהער:

— וואָס זאָגסטו עפּעס, שמילעק, אַפן אוילעם, וואָס האָט זיך, קיין אײַנהאָרע ניט, פאַר־זאַמלט? אין מוראַפע מיסטאָמע...

— איר זײַט אַ מוראַפער? — פאַל איך אַרײַן אין די רייד.

ס'איז גאָרניט קיין וווּנדער, וואָס זיי קוקן זיך איבער. מוראַפע באַשטייט דאָך, אייגנטלעך, פון איין גאַס. קאָן געמאָלט זײַן, זיי זאָלן מיך ניט קענען, אויב איך בין ווען־ס'איז געווען אין מוראַפע? וואַרט איך ניט, זיי זאָלן מיך נעמען אַפן פאַרהער, מאַכן מיר אַ שטיקל עק־זאַמען, און גיב אַליין אָן וועגן זיך די געהעריקע יעדיִעס, דאָס הייסט, ווען בין איך געווען אין מוראַפע און וועמען קען איך דאָרט. וואָס שײַך, ווי קום איך אַהין, איז שוין באַ מיר אַן אַלטער קלאַל מאַכן אַ שווײַג. אין די שטעטלעך פאַרלויפט מען קימאַט שטענדיק אַ נײַעם מענטשן אַליין דעם וועג מיט אונטערזאָגן אים, ווער, אַן ערעך, דאַרף ער זײַן און וואָס, אַן ערעך, איז זײַן טוּונג. דערווידער איך ניט. ווי יענער זאָגט, אַזוי בלײַבט. סאָפּקאָלסאָף ווערט דאָך יענער פון דעם גאָרניט אָן. איך אָבער שפּיל דערבײַ יאָ עפּעס אויס. איך בין ניט אײַנגאַנצן זיכער, צי דער נײַער באַקאַנטער מײַנער, „שמילעק", ווען ער זאָל מיך געווען דערזען לעבן זיך מיט אַ נאָטיץ־ביכל אין דער האַנט, וואָלט עס אַזוי היימיש געטאָן צו מיר אַ זאָג:

— נו און עפּעס אַ סאַך ציגן האָט איר באַ אונדז אײַנגעהאַנדלט?!

שטייט שוין פון אים ניט אָפּ דער עלטערער, וועמען שמוליק רופט ראַפאַיִל סימכאָוויטש און צומאָל אויך פעטער רעפאָעל.

— אַ שפּילכל צו זאָגן — מו־ראַ־פע. ס'איז דאָך די קרוינשטאָט פון ציגן. שמילעק, לאָז געמאַך, גיב בעסער אַ טאַפּ דעם וואָגן, ווו האַלטן מיר מיט דער ריי, — און צו מיר: — ווו שטייט איר דאָ? אויב הינטער אונדז, וועלן מיר אײַך, ווי־ניט־איז, אַרײַנשטופּן צווישן זיך. כ'מיין, אַז ביזן איבערײַס אַף וואַרמעס וועלן מיר זיך דאָ אָפּפאַרטיקן. זײַט איר, זאָגט איר, געווען אין מוראַפע. און וויִאַזוי זײַט איר אַהין געפאָרן, פון וויניצע צי פון מאָלעוו? אויב פון מאָלעוו, האָט איר דאָך געדאַרפט דורכפאָרן שאַרגאָראָד.

— וואָס עפּעס דורכגעפאָרן? איך בין צוויי מאָל געווען אין שאַרגאָראָד. כאַיִם שניצער דעם שלאָסער, מיטן שאַרפשטיין באַם וואַרשטאַטל, קענט איר? און ייִסראָעל קאָרין דעם פאָטאָגראַף מיט זײַן ווײַב דוווירע?

— שמילעק! — טוט רעפאָעל אַ געשריי איבערן גאַנצן קאָרידאָר. — פאַרבראָניר נאָר דאָרט אין דער ריי נאָך אַ פלאַצקאַרטע און קום גיכער אַהער. איז קענט איר, זאָגט איר, ייִסראָעל קאָרינען. איך ווין דאָך ניט ווײַט פון אים. אײַ, שאַרגאָראָד, שאַרגאָראָד... — און רעפאָעלס קאַרע אויגן בײַטן מיטאַמאָל דעם קאָליר, ווי ס'וואָלט אַף זיי געפאַלן אַ שטראַל פון דער זון. האַלט איך אויף דעם זוניקן שטראַל אין זײַנע אויגן מיט מײַן טון אַ זאָג:

— אַ פײַן שטעטל שאַרגאָראָד! זייער אַ פײַנס.

— אַ שטעטל? נו יאָ, איצט איז עס, קאָן מען זאָגן, אַ שטעטל, אָבער אין פאַרגלײַך מיט מוראַפע איז עס, ווי דער הײַנטיקער סטאַוראָפּאָל, כ'מיין, טאָליאַטי, אַנטקעגן דעם סטאַוראָ־פּאָל, וואָס ליגט אַפן דעק פונעם קויבישעווער יאַם. איר זײַט קיינמאָל ניט געווען אין דעם פאַרטרונקענעם סטאַוראָפּאָל? און איך האָב דאָרט אָפּגעווינט אַ היפּש ביסל יאָרן. איך בין דאָרט סאָף מילכאָמע געלעגן אַ פאַרוווּנדעטער אין אַ האָספּיטאַל. און אין בוזולוק זײַט איר אויך ניט געווען? ס'איז ניט ווײַט פונדאַנען. אַהין האָט זיך געהאַט עוואַקויִרט מײַן מישפּאָכע. דערהערט, אַז איך ליג אַ שווער־פאַרוווּנדעטער אין סטאַוראָפּאָל, איז די מישפּאָכע אַריבער־געפאָרן צו מיר, הייסט עס, אַהין, און אַזוי זײַנען מיר דאָרט פאַרבליבן, ביז מע האָט ניט אָנגעהויבן בויען דעם „געס" און פאַרטרונקען סטאַוראָפּאָל. נו, און אַ ווײַב, זאָל געזונט זײַן, בלײַבט דאָך אַ ווײַב. ווײַבאַלד ס'האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז מע דאַרף זיך פון דאָרט עוואַקויִרן, איז וויל זי זיך רעעוואַקויִרן קיין שאַרגאָראָד, און שוין. איך אַליין בין גראַדע אַ דזשורינער, נאָר נאָך דער כאַסענע בין איך אַריבערגעפאָרן קיין שאַרגאָראָד. ס'איז אַ גאַנצע געשיכטע דערבײַ.

— ראַפאַיִל סימכאָוויטש!..

— האַ? וואָס?

דער שאַרגאָראָדער טוט מיך אַ נעם אונטער דער האַנט, ווי ער זאָל מוירע האָבן, איך

זאָל ניט אַנטלויפֿן, און מיר שטופּן זיך דורך צו דער ריי. וואָס האָב איך צו טאָן אין דער ריי, אַז איך קלײַב זיך צו קיינעם ניט אַרײַנגיין? זאָג איך שוין רעפֿאָעלן, אַז איך בין דאָ ניט אַליין, נאָר מיט איינעם אַ זשיגוליאָווסקער יונגערמאַן, וועלכער איז אַרײַן צו זײַנעם אַ לאַנדסמאַן און וועט שוין פֿאַריינוועגס פֿאַרוואָרפֿן דאָרט וועגן מיר אַ וואָרט, איז וואַרט איך דאָ אויף אים.

— נו, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. באַקאַנטשאַפֿט איז אַוודאי אַ גרויסע זאַך, בפֿרט נאָך אין דער פֿרעמד. איר מיינט, אַז איך בין געבאָרן אַהער סטאַם אַזוי זיך אין דער וועלט אַרײַן, „נאַ אַוואָס"? איך האָב מיר דאָ אויך אַ שטיקל פּראַטעקציע, — און ער טוט בייסמײַסע זיך אַ קלאַפּ איבער דער בוזעם־קעשענע. איך זאָל, כאָלילע, ניט קלערן, וואָס מע קאָן אין אַזוינע פֿאַלן אַמאָל קלערן וועגן יענעם, שפּיליעט ער אויף די קעשענע, שלעפּט פֿון דאָרט אַרויס און באַווײַזט מיר אַ פּעקל כאַראַקטעריסטיקעס, גראַמאָטעס, צײַגענישן און אַפֿילע דעם פּאַספּאָרט. דערבײַ דערמאָנט ער מיר, אַז סטאַווראָפּאָל, ווו ער האָט באַקומען דעם פּאַספּאָרט, און טאָליאַטי איז איינס און דאָס זעלבע.

— אַ שטיקל פּראַטעקציע פֿונדעסטוועגן איז עס?

דערויף ענטפֿערט אים דאָס מוראַפּער באַכערל:

— ראַפֿאַיל סימכאָוויטש, זעט נאָר, אַז די דאָזיקע פּראַטעקציע זאָל אײַך ריקאָשעטאָם ניט אונטערשטעלן קיין פּיסל.

— גיי, לאָז געמאַך.

— ראַפֿאַיל סימכאָוויטש, — שטייט דאָס באַכערל ניט אָפּ, — נו און ווי, אַז דער נאַטשאַלניק גיט אײַך אַ פֿרעג: „זאָגט מיר נאָר, כאַווער, פֿאַרוואָס זײַט איר דעמלט ניט איבערגעפֿאָרן קיין זשיגוליאָווסק אויפֿן „געס"? זיך דערשראָקן פֿאַר שווערקײַטן?"

— איז וואָס זשע מיינסטו? כ'האָב טאַקע כאַראָטע, וואָס איך בין אַוועקגעפֿאָרן פֿון טאָליאַטי, ס'הייסט פֿון דעם נײַעם סטאַווראָפּאָל, וואָס מע האָט זיך דעמלט געשטעלט בויען. האַלטסט, איך וועל עס אים ניט זאָגן? זאָל נאָר דערגיין אונדזער ריי, וועסטו זען.

דאָס באַכערל איז ניט פֿויל און נעמט זיך איבעראַנײַס ציילן די ריי. איבערגעקייפֿלט די צאָל מענטשן, וואָס שטייען פֿאַר אים, אויף דער צאָל מינוטן, וואָס יעדער פֿון זיי וועט אין דורכשניט זיך פֿאַרהאַלטן אינעם קאַדרען־אָפּטייל, רופֿט ער זיך אָן:

— כ'פֿאַרשטיי ניט, וואָס סע טוט זיך. ערשט ניט לאַנג האָב איך באַרעכנט, אַז אָט־אָט גייען מיר שוין אַרײַן, און איצט באַקומט זיך, אַז מיר האָבן נאָך צו שטיין און צו שטיין. די ריי האָט גענומען וואַקסן פֿון פֿאָרנט.

די דאָזיקע בסורע, ווי מיר דוכט, האָט דעם שאַרגאָראָדער ניט איבעריקס באַאומרויקט. שטייענדיק דאָ מיט אים אין דער ריי, האָב איך ערשט רעכט באַנומען, וואָס אַזוינס באַטײַט אין אַ נײַער שטאָט באַגעגענען אַ לאַנדסמאַן. אײַ, וואָס פֿאַר אַ לאַנדסמאַן קער איך זיך אָן מיטן שאַרגאָראָדער רעפֿאָעל און מיטן מוראַפּער „שמיליק"? די גאַנצע לאַנדסמאַנשאַפֿט אונדזערע באַשטייט, אייגנטלעך, אין דעם, וואָס איך בין אַ צוויי־דרײַ טעג געווען דאָרט, בײַ זיי אין די שטעטלעך. אָבער ווי האָבן בײַביידן אויפֿגעלויכטן די אויגן, ווען זיי האָבן דערהערט וועגן דעם. אַ קוק טאָן אויף אונדז פֿון דער זײַט, האָט מען געוויס געקאָנט מיינען, אַז ניט זיי, נאָר איך בין עס נאָרוואָס געקומען אַהער פֿון יענע מעקוימעס. דערווײַל הערן זיי ניט אויף מיר דערציילן מײַסעס און געשיכטעס, וועלכע עס קאָן וויסן טאַקע נאָר אַ שאַרגאָראָדער צי אַ מוראַפּער, ווי, לעמאָשל, די געשיכטע מיטן יונגן ווײַבל, וואָס איז פֿון ערגעץ אַראָפּגע־קומען קיין שאַרגאָראָד, פֿאַרקאָכט אין זיך דעם זיבעציקיאָריקן קאַצעוו בעניען און אין איינעם אַ שיינעם פֿרימאָרגן איבערגעלאָזט בעניען, ווי ער שטייט און גייט. ער האָט נאָך דערבײַ, ניט פֿאַר קיינעם גערדאַכט, צעבראָכן זיך אַ פֿוס, נאָכלויפֿנדיק נאָכן אויטאָבוס, מיט וועלכן זי איז אַנטלאָפֿן; צי די געשיכטע, וויאַזוי כאַים, וואָס האָט אַ זון אַ דאָקטער, האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אַ טעלעפֿאָן אין שטוב, און אַזוי ווי ס'איז דערווײַל דער איינציקער טעלעפֿאָן אין מוראַפּע, איז האָט ער, כאַים, אַן אַרבעט אַרומלויפֿן איבערן שטעטל אָנזאָגן דעם און יענעם, אַז מע קלינגט צו אים, וואָרעם ס'איז ניטאָ אין מוראַפּע דער מענטש, וואָס זאָל האָבן ערגעץ אויף דער וועלט אַ קאָרעוו און יענער זאָל ניט וויסן דעם נומער פֿון כאַימס טעלעפֿאָן. איז קלינגט מען צו אים פֿון אַלע עקן וועלט, און ער האָט די אַרומלויפֿעניש. מע כאָכמעט זיך נאָך דערבײַ: „רעב כאַים, איר וועט זיך מיט דעם אַזוי אויסאַרבעטן אײַערע טאַריאַג מיצוועס..."

ווען שמוליק איז אָפּגעגאַנגען צום רעדל יוגנטלעכע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זײַט און וועגן עפּעס זיך געאַמפּערט, האָט רעפֿאָעל אַ ווונק געטאָן צו מיר, איך זאָל אים, הייסט

עס, זאָגן, ווי געפעלט מיר דאָס מוראפער באַכערל. דערבײַ שטעלט ער מיר צו וויסן, אַז דאָס באַכערל איז זײַן מיזינקעס „אוכאַזשאַר" און אַז ס'איז אַ גאַנצע געשיכטע דערבײַ.

וויבאַלד ער וואָרנט מיך, אַז ס'איז אַ גאַנצע געשיכטע דערבײַ, פאַרשטײ איך שוין, אַז כ'וועל זי מוזן אויסהערן און אַז אויך די געשיכטע וועט זיך באַ אים ענדיקן מיט דעם, אַז „ס'איז אַ גאַנצע געשיכטע דערבײַ", וועלכע איך וועל אויך מוזן אויסהערן, אויב צו יענער צײַט וועט די ריי זיך ניט אַ רוק טאָן צו דער טיר. דאָך וועל איך ניט זאָגן, אַז דער שאַר־גאַראַדער איז אַ באַריידעוודיקער. עס האָט זיך אים פּאַשעט געפּאַקט אונטער דער האַנט אַ שטיקל לאַנדסמאַן, איז שטילט ער אײַן זיך די בענקשאַפט נאָך דער היים מיט אַזאַ געשיכטע און אַזאַ געשיכטע, דערמאָנט זיך אָן דעם און יענעם, ווי געוויינלעך די ערשטע טעג אין דער פרעמד.

— אָנגעהויבן האָט זיך פון דעם, וואָס מע האָט זיך אָנגעקוקט. וואָס שמייכלט איר? וואָס מע האָט זיך אָנגעקוקט? נו, און צוגיין צו אַ מיידל אין גאַס און איר זאָגן: „הערט, לאָמיר זיך באַקענען", איז וואָס, בעסער? כ'האָב אָבער אָנגעהויבן פונעם מיטן. מיט אַ כאַדאָשים אָנדערהאַלבן צוריק האָט מען באַ אונדז געפּראַוועט אַ כאַסענע, און אויב איר זײַט געווען אין שאַרגאַראַד, דאַרפט איר דאָך וויסן, ווו דער פּראָמקאָמבינאַט איז, ס'איז אין עק גאַס, ווו דער האָטעל שטייט. הײַנטיקע צײַטן פּראַוועט מען ניט קיין כאַסענעס ווי אַמאָל, הײַנטיקע צײַטן פּראַוועט מען כאַסענעס נאָר אָף דער פּולער וואָך, שאַבעסצונאַכטס, הייסט עס, און ניט באַם כאַסן צי באַ דער קאַלע אין דער היים, נאָר אינעם זאַל פונעם פּראָמקאָמבינאַט, און עס ווערט פאַרבעטן דאָס גאַנצע שטעטל, און מע טאַנצט אין דרויסן... צווישן די געסט אָף יענער כאַסענע, וואָס איך דערצייל אײַך, איז געווען אַ היפּש ביסל מוראפער. ס'איז אויך אַ גאַנצע געשיכטע דערבײַ.

כאָטש איך ווייס, אַז ער וועט זי מיר סײַ ווי דערציילן, די געשיכטע, דאָך פרעג איך אים, ער זאָל זען, אַז איך לאָז גאַרניט דורך:

— וואָס איז עס פאַר אַ געשיכטע?

— פאַראַן באַ אונדז, מיסטאָם ווי אומעטום, עטלעכע מיידלעך, וועלכע מע דאַרף כאַסענע מאַכן, און מיט כאַסאַנים האַלט באַ אונדז אין שאַרגאַראַד אויך שמאָלבלעך, מע דאַרף אײַך וואָס דערציילן?.. געפינען זיך גוטע מענטשן און זעען, אַז קיין מיידלעך זאָלן זיך באַ אונדז ניט פאַרזיצן. עס שמעקט, וועט איר זאָגן, מיט שאַדכאָנעס? נו איז וואָס? אַבי נאָר ס'האָט ניט צו טאָן מיט קיין שאַדכאָנעס־געלט, ווײַל, אַז ס'איז ניטאָ קיין פאַרדינסטלעך דערבײַ, איז שוין ניט שײַעך אײַנריידן, איבערריידן, גוזמאָעס, גאָלדענע גליקן און כ'ווייס וואָס... מיט איין וואָרט, עס האָט זיך אָפּגעזוכט אַ זיווג פאַר אַ מיידל, וואָס מע האָט געדאַרפט כאַסענע מאַכן. ס'איז אונטערגעשפּרונגען די צײַט, און דאָס מיידל איז אַ יעסוימע, קיין טאַטע־מאַמע, וואָס זאָל וועגן דעם זאָרגן, האָט זי ניט, האָבן מיר די כאַסענע־הויצאָעס גענומען אָף זיך און בישטיקע פונעם יונגן פּאַרפּאַלק צונויפגעקליבן צווישן זיך אַ ביסל געלט צושטײַער אָף אַ קאָאָפּעראַטיוו דירעלע. אַ יונג פּאַרפּאַלק דאַרף האָבן אָן אייגן ווינקל. אין אַזאַ מיצווע האָבן באַ אונדז די מוראפער אויך שטענדיק אַ כיילעק. זײַנען זיי טאַקע אָנגעפּאַרן אַ היפּש ביסל. איז יאָ. אָף דער דאָזיקער כאַסענע רופט מיך אָפּ אָן אַ זײַט ליזע פונעם זעלצערוואַסער פון מוראפע, כ'ווייס ניט, צי איר קענט זי, און זאָגט, אַז זי האָט פאַר מײַן מיזינקעלע, פאַר פירען, אַ באַכער אַזוינס ווי אַזעלכס, כאָנע דעם מוליערס ייִנגל, וואָס האָט זיך נאַרוואָס דעמאָביליזירט פון דער אַרמיי.

— לאָזט געמאַך, — זאָג איך צו איר, — פירע איז דאָך נאָך אַ קינד, ערשט געענדיקט די שול און האָט זיך אירע פּלענער. דערווײַל אַרבעט זי מיט מיר אָפּן קאָנסערוון־זאַוואָד, נאָר איבעראַיאָר, אַז מירן לעבן, וועט זי פאָרן קיין קאַמענעץ צי קיין ווינניצע האַלטן עקזאַמען.

איז עס דאָך אָבער ליזע! טרעט זי ניט אָפּ:

— רעפּאַעל, מע טאָר אַזאַ באַכער ניט אַרויסלאָזן פון די הענט, ווי נאָר מיר לאָזן אים אַרויס, אַזוי כאַפּט אים די שטאָט באַלד אונטער, און פאַרפאַלן...

אַז מײַן פירע וועט ניט פאַרזיצן, פאַר דעם, זעט איר, בין איך רויִק. איך בין אַ פאָטער, און ליבן אָן אייגן קינד איז, פאַרשטייט איר דאָך אַליין... אָבער אַז זי איז פּאַרט באַ מיר אַ געראָטענע און אַ שיינע. איר מעגט זי אָנקוקן. זי וועט אײַנגיכן אויך זײַן אַ טאַליאַטיער. די ליזע אָבער טרעט ניט אָפּ:

— נו, וואָס ווערט איר אָן, אַז זיי וועלן זיך אָנקוקן?

און שטעלט זיך פאָר, מע האָט זיך אָנגעקוקט, און ס'איז געוואָרן אַ ליבע. וויל אָבער שמילעק אין שטעטל ניט בלײַבן. ער איז, זאָגט ער, געווען אין דער אַרמיי אַ טאַנקיסט און האָט ניט קיין כיישעק זיך פאַרנעמען מיט מאַכן מאָרס, דאָס הייסט אָנקומען צו אונדז אָפּן

„סאָקאָמאָרס“־זאַוואָד. ער איז געקומען פון דער ארמיי, זאָגט ער, מיטן געדאנק גיין ארבעטן אפן „פּיאַט“. אין טאָליאַטי איז דאָ א פּאָליטעכניטשעסקער אינסטיטוט, וועט ער קאָנען אי ארבעטן, אי לערנען. הערט זשע ווייַטער. אין איינעם א שיינעם טאָג רופט זיך צו מיר אָן מייַן פירע, אז זי פאָרט אויך קיין טאָליאַטי. ווו, וואָס, ווען? פון דער צווייטער זייַט, ווי צעשיידט מען זיי?.. עפשער, טראַכט איך בא זיך, איז עס טאַקע א באַשערטע זאַך, אז שמילעק זאָל ווערן מייַנער אַן איידעם. נו און אז שמילעק האָט זיך נאָך דערוווּסט, אז מיר האָבן געוווינט א שטיקל צייַט אין סטאַווראָפּאָל, איז פרעגט ניט. ער האָט מיך גענומען צוריידן, איך זאָל אויך פאָרן. מיט איין וואָרט, איך האָב זיך געלאָזט אייַנריידן און בין געקומען. אָן ארבעט וועל איך ניט בלייַבן. נו, און וואָס אָנבאַלאַנגט א דירע, וועלן מיר זען. ווו האָט איר זיך דאָ אָפּגעשטעלט?

— דערווייַלע, אייגנטלעך, נאָך אין ערגעץ ניט.

— וועלן מיר זוכן זאַלבעדריט.

— ראַפאַיל סימכאָוויטש!

— איך גיי, שמילעק, איך גיי. זאָלט איר אף אונדז ווארטן, איר הערט? — און רעפאָעל האָט זיך א שפּאַר געטאָן צו דער טיר, ווו ס׳האָט אף אים ארויסגעקוקט זייַן פירעס באַשערטער.

...שטייענדיק אזוי בא דער וואַנט, ווו רעפאָעל האָט מיך איבערגעלאָזט ווארטן אף זיך, איז מיך פּלוצעם באַפאַלן עפּעס א מאָדנע בענקשאַפט נאָך די היימישע באַלעבטע שאַרגאָ־ראָדער, מוראַפער געסלעך. ווי פּל, אייגנטלעך, דאַרף עס געדויערן, איך זאָל דורכמאַכן אין געדאַנק די זעלבע רייַזע אין יענע מעקוימעס, וואָס פאַראַיאָרן זומער? פאַר דער צייַט, וואָס רעפאָעל מיט שמוליקן וועלן זייַן אינעם קאַדרען־אָפּטייל און רעפאָעל וועט דאָרט דערציילן א פּאָר געשיכטעס, וואָס צוזאַמען מיט זייַן סטאַווראָפּאָליער פּאַספּאָרט דאַרפן זיי באַשטעטיקן, אז ניט נאָר ער איז געווען, נאָר ער איז אויך פאַרבליבן א טאָליאַטיער, קאָן איך דערווייַל באַווייַזן דורכמאַכן אין געדאַנק א רייַזע אפילע נאָך אין א פּאָר שטעטלעך פון די, ווו איך בין דעמלט געווען. דער לייענער פון מייַנע רייַזע־בילדער געדענקט מיסטאַמע, אז ער האָט מיך געהאַט איבערגעלאָזט אינעם אומאַניער צוג, וואָס גייט קיין קאַזאַטין, ווו עס קומען זיך צונויף און גייען זיך פאַנאַנדער די וועגן און שטעגן פון די שטעטלעך אַרום וויניצע און אומאַן.

2. דער אומאַניער צוג

איז זיץ איך מיר אינעם אומאַניער צוג, וואָס גייט קיין קאַזאַטין. „דער אומאַניער“ — דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער מין צוג. ס׳הייסט, וואָס שייַך שנעלקייַט, איז ער, אייגנטלעך, דער זעלבער „גיכער פּאַוואָליע“, וואָס „דער זשאַשקאָווער“, — ער שטעלט זיך אויך אָפּ קימאַט אף יעדן פּאָלוסטאַנאָק, אָדער, ווי עס ווילצלען זיך זייַנע פּאַסאַזשירן, בא יעדן טעלע־גראַפישן סלופּ. דערפאַר אָבער קאָן ער זיך אויספּייַנען פאַרן „זשאַשקאָווער“ מיט זייַנע וואַגאָנען. ניט קיין וואַגאָנען, נאָר סאַלאָנען אף רעדער. סאַלאָנען מיט ווייכע פּאָטעלן, אף וועלכע עס זייַנען ארופגעצויגן קלאָר־ווייַסע טשעכאָלן, אָט ווי אין א „טו“ צי אין אַן „איל“.

וואָס איז דאָ צו ריידן? פאָרן אין אזא וואַגאָן איז, פאַרשטייט זיך, א פאַרגעניגן. וויל מען, זיצט מען אָנגעלענט, וויל מען, איז האַלב אָנגעלענט — מע דאַרף בלויז אָנקוועטשן אַפן הענטל פונעם הייבער. און ווו צו מאַכן א סודע, איז אויך פאַראַן: אין די הויכע רוקן־ווענטלעך פון די פּאָטעלן זייַנען אייַנגעמאָנטירט פּלאַסטמאַסעווע טישברעטלעך, וואָס ווי נאָר מע דריקט אָן אַפן הייבער, אזוי פאַלן זיי ארויס פון זייער פאַרבאָרגענער נעסט. דריקט מען ווידער אָן, קערט זיך דאָס טישברעטל צוריק אום אין זייַן נעסט, ווי ניט געווען.

אָט די אַלע גוטע זאַכן אָבער זייַנען דעריקער פאַר די, וועלכע זעצן זיך ארייַן אין צוג אף די ערשטע סטאַנציעס. יענע, וואָס שטייַגן ארייַן אהער שפּעטער, ביפראַט נאָך זומער־לעבן, אינעם רעכטן סעזאָן פון פאָרן אף דאַטשעס און קוראָרטן, יענע קומט אָפּטלעך אויס אָפּשטיין א היפּש שטיקל צייַט אף די פיס. מע דאַרף ווארטן, ביז עמעצער וועט ארויסשטייַגן. ס׳איז אָבער ניט אזא טרייסט, אז די, וואָס שטייען, זאָלן אינגאַנצן אָפּקומען מיט שווייַגן. ריידן אָבער אָפן לאָשנהאָרע אף א צוג מיט אזעלכע ציכטיקע, ליכטיקע סאַלאָנען פּאַסט דאָך עפּעס ניט. פאַרפירט מען א רייד וועגן דעם „זשאַשקאָווער“ און מע לויבט אים אזש אין הימל ארייַן. דאָרט איז דאָך גאָר עפּעס אַנדערש. דאָרט, ווי ענג עס זאָל ניט זייַן, געפינט זיך פונדעסטוועגן פאַר יעדן איינעם א פּלאַץ. ניטאָ קיין ערטער אף דער אונטערשטער פּאָלקע,

פאַרקלײַבט מען זיך אַף דער מיטלסטער, אַף דער אײבערשטער, און אין ערגסטן פאַל זעצט מען זיך אַוועק אַף די קלומקעס אין די דורכגענג.

— הערט, וויבאַלד אײַך זײַנען אַזוי צום האַרצן די וואָגאַנדלעך מיט די פּאָליצעס, ווי אין אַ באָד, איז גייט אַריבער אין די פּאָדערשטע צוויי וואָגאַנדלעך, — האָט זיך אָנגערופן אַ מיטליאָריקער מענטש, וועלכער איז געזעסן האַלב אָנגעלענט אַפּן שטול און זיך אַרומגע־פּאַקט מיט אַ שטרויענער הוט, — ס'איז אַקוראַט דאָס, וואָס איר זוכט. מע האָט צוגעטשעפּעט די דאָזיקע צוויי מוזיי־עקספּאָנאַטן פאַר אַזעלכע, באַ וועמען דאָס באַוווּסטזײַן שטייט אָפּ פונעם זײַן אַף טויזנט קילאָמעטער, — דערבײַ האָט ער אַ קוק געטאָן אַף די, וועלכע זײַנען געשטאַנען אינעם דורכגאַנג, ווי אַף מענטשן, וואָס קלײַבן זיך, אַשטייגער, קיין כאַבאַראָווסק צי וולאַדיוואָסטאָק ניט פליִען, נאָר פאָרן אַהין מיטן צוג.

וואָס האָט אים דערוף געענטפערט דער, וועלכער איז געשטאַנען הינטער זײַן שטול, האָב איך שוין ניט געהערט. איך בין אויך געווען צווישן די, וואָס האָבן זיך געלאָזט וואַנדערן פון וואַגאָן צו וואַגאָן, ביז מיר זײַנען, ענדלעך, געבליבן שטיין.

וואָס איז פּלוצעם געשען? מיר געפינען זיך, דאַכט זיך, פונקט אין אַזאַ וואַגאָן, ווי אינעם זשאַשקאָווער צוג, וועלכן מיר האָבן מיט אייניקע מינוט צוריק אַזוי געלויבט, און דערקענען אים ניט. ער זעט אונדז איצט עפּעס אויס אי קלענער, אי שמעלער, אי נידעריקער. ס'איז ווי מיר וואָלטן פּלוצעם אַרײַנגעפאַלן פון אַ ליכטיקן, אויסגעפּוצטן זאַל אין אַן ענגן טונקעלן פּירהויז.

איבעריקס געראַם איז דאָ אויך ניט געווען. מעגלעך, אַז ס'איז דאָ גאָר געווען נאָך געפּאַקטער, ווי אין די סאַלאָנען, אָבער אַ פּלאַץ צום זיצן האָט זיך אָפּגעזוכט פאַר יעדן. דאָרט, ווו עס זײַנען געזעסן פיר, האָט זיך צוגעזעצט אַ פינפטער, און ווו פינף — אַ זעקסטער, עס איז געווען, ווי עס זאָגט זיך, אין ענגשאַפט און אין פרײַנטשאַפט.

ציקאַווע, וואָס, אַשטייגער, וואָלט געזאָגט דער מענטש מיט דער שטרויענער הוט, ווען ער קומט אַהער אַרײַן און דערזעט, אַז די פּאַסאַזשירן פון דעם דאָזיקן וואָגאַנדל מיט די פּאָליצעס, ווי אין אַ באָד, זײַנען הויפּטזאַכלעך יוגנטלעכע?

יוגנט איז ווי די כוואַליע אין יאַם. עס ברויזט און עס זינגט. יוגנט, אַז זי איז אין וועג, קאָן זי זיך ניט באַגיין אָן מוזיק און געזאַנג. וואָס פאַר אַ טאַם קאָן האָבן דאָס זינגען און שפּילן, ווען מע איז אָפּגעטיילט איינער פונעם אַנדערן מיט די הויכע רוקנווענטלעך פון די פּאָטערשטולן? דאָ אָבער, אַז עמעצער טוט אַ נעם אַרײַן אין די הענט אַ באַיאַן צי אַ גיטאַרע, רינגלט אים באַלד אַרום אַ כאָפּטע יונגוואַרג, ווי אָט דעם יונגן סערזשאַנט און דאָס מיידל, וואָס זיצן אין אונדזער קופּע.

באַם סערזשאַנט אַף די קני ליגט נאָך גאָר אַ נײַנײַנקע גיטאַרע, וואָס פאַרנעמט דאָס אויג מיט איר שײַנקײַט. דאָס מיידל רירט זיך קוים צו מיט אירע דינע פינגער צו די סטרונעס, ווי זי וואָלט וועלן זיך דערקונדיקן, צי זיי האָבן זיך שוין אָפּגעקילט, וואָרעם אָנגעהאָרעוועט האָבן זיי זיך, די סטרונעס, אַז ס'איז פּאַשעט אַ וווּנדער, וויִאַזוי האָבן זיי עס אויסגעהאַלטן.

פון דעם, וואָס די גיטאַרע באַ דעם יונגן סערזשאַנט אַף די קני איז אַנשוויגן געוואָרן, איז דער פרײלעכער טומל אין וואַגאָן ניט געפאַלן. ער האָט זיך נאָר אַריבערגעקליבן עטוואָס ווײַטער, פונוואַנען עס האָט זיך געלאָזט הערן אַ יונגע זינגענדיקע שטים.

אַף לאַנג צי ניט אַף לאַנג, נאָר דערווײַל איז אין אונדזער קופּע געוואָרן אַ ביסל גע־ראַמער, אָבער אַף קיין האָר ניט קילער. עס איז ניט אויסצוהאַלטן פון דער זון: זיך אָנגעזעצט אַף אונדזער פענצטער און טרעט ניט אָפּ, גלײַך זי וואָלט זיך אונטערגענומען אים צעשמעלצן. כ'האָב געפּרוּווט צורירן זיך צו דער שויב — פּלאַמפּײַער. ס'איז כאַטש נעם און קריך אונטער דער פּאָלקע, פונוואַנען דער סערזשאַנט שלעפּט נאָכאַנאַנד אַרויס פלעשער לימאָנאַד און איז אַלעמען מכבד. דאָס מיידל העלפט אים צו דעריך. זי נעמט פונעם טישל דאָס פּלאַטשיקע שפּיגעלע, גיט עס רעכט אַ טרייסל, און עס ווערט פון דעם אַ הויכער בעכער. דאָס פאַרוואַנדלען דאָס שפּיגעלע אין אַ בעכער פאַרשאַפט, זעט מען, דעם מיידל אַ באַזונדער פאַרגעניגן, און עפּשער האָט זי פאַרגעניגן פון דעם, וואָס זי קאָן אַן איבעריק מאָל, אומבאַ־מערקט, כאַפּן אַ קוק אַף זיך.

יעדעס מאָל, ווען דער סערזשאַנט עפנט אוף אַ פלעשל, איז דעם ערשטן בעכער מיטן שוימיקן קילבלעכן פּרוכטוואַסער לייגט ער פאַר דער פרוי, וואָס זיצט באַם אָנגעגליטן פענצטער און קוקט אַרויס צום דרויסן: „מירא יעפימאָווונאַ!“

די פרוי דרייט עטוואָס אויס צו אים דעם קאָפּ: „אַ דאַנק, איזי“ — און אירע ברייט צעעפנטע אויגן לויפן ווידער נאָך די פאַרבײַשווימענדיקע פעלדער און וועלדלעך.

אינמיטנדערינען טוט עמעצער אַ פּליעסקע מיט די הענט:

— זעט נאָר, סאַרא באַטאַרייע מיט פֿלעשער עס שטייט אונטער דער פּאָלקע!

דער אויִלעם אין קופּע איז ניט פויל, בייגט זיך איַין א קוק טאָן, און עס געפינען זיך באַלד אַזעלכע, וואָס נעמען זיך טרעפן:

— געבליבן מיסטאַמע פון דער כאַסענע.

— אָדער מע פירט אָפּ א כאַסענע.

מישט זיך אריַין א דריטער, א מענטש אין די יאָרן:

— געפונען וואָס צו עקספּאָרטירן קיין בערלין. ליפּאָוועצער לימאָנאַד. כ׳פאַרשטיי, מע פירט קיין בערלין קאָניאַק, רויג, ציי אפּילע, לאָמיר זאָגן, סטאָליטשנעם בראַנפן, אָבער לימאָנאַד פירן...

— וואָס עפּעס מיטאַמאָל גאָר בערלין?

— מיסטאַמע ווייס איך, וואָס איך זאָג, איר זעט ניט לויט די קאַרטינקעס אָפּ דער גיטאַרע און לויט די קונצן פונעם שפּיגעלע, אז איזי איז פון בערלין.

אז דער מענטש רופט דעם סערזשאַנט באַם נאָמען, איז דאָך ניט שייַעך גיין אים פרעגן, פונוואַנען, אַשטייגער, ווייסט ער, אז מיט אָט דער גיטאַרע האָט די קאָמאַנדשאַפט באַלוינט דעם סערזשאַנט פאַר מוסטערהאַפטער דינסט, מיסטאַמע איז דער מענטש אויך א ליפּאָוועצער און מע דאַרף זיך ריכטן, אז ער וועט באַלד נעמען דערציילן וועגן זיַין באַרימטן בען־איר, סטאָליאַרסקין. נו, און גיין פרעגן אים, פונוואַנען ווייסט ער, וואָס דאַרף מען מיטנעמען מיט זיך פון ליפּאָוועץ, אז מע פאָרט קיין בערלין, איז דאָך אוואַדע ניט שייַעך. באַגעגענען היַינ־טיקע ציַיטן א מענטשן, וואָס איז געווען אין בערלין און קען בערלין, איז א גאַנץ נאַטירלעכע זאַך.

דער ליפּאָוועצער באַשטעטיקט עס אַלץ מיט זיַין זאָג צום סערזשאַנט:

— דו ווייסט, איזי. ווען איך בין געווען אין בערלין, ביסטו מיר, דאַכט זיך, גאָר אָפּ דער וועלט ניט געוועזן. נו, פאַרשטייט זיך. און דו, בליומקע, — ווענדט ער זיך צום מיידל, — אוואַדע ניט. הער נאָר, איזי, כוץ לימאָנאַד, איז דיר מער גאָרניט פאַרבליבן פון דער כאַסענע? טאָ גיס אָן!

דעם אָנגעגאָסענעם בעכער וויַין שטרעקט ער אויס צום באָכער מיטן מיידל.

— פאַר איַיער געזונט, קינדער, איר זאָלט זיך שטענדיק ליב האָבן און זיַין גליקלעך און זאָלט קומען וואָס גיכער אַהיים. בערלין איז טאַקע א שיינע שטאָט, נאָר אונדזער ליפּאָוועץ איז בעסער. יעי באָגו, בעסער. לעכאַיִם!

— לעכאַיִם, מאַטוויי וואַסיליעוויטש! — באַ דעם סערזשאַנט קלינגט דער „לעכאַיִם“ וויַיניקער ייִדישלעך, ווי באַ מאַטוויי וואַסיליעוויטשן.

— לעכאַיִם און מאַזלטאָוו דיר, בליומקע!

דאָס מיידל לאָזט פאַרשעמט אַראָפּ דעם קאָפּ און כאַפּט אַרום מיט בײדע הענט די פרוי באַם פענצטער, טוליענדיק זיך צו איר, ווי א ברעקל קינד.

ווי האָב איך עס גלייַך ניט באַמערקט, אז דאָס איז א טאָכטער מיט א מוטער? מע דאַרף זיך גאָר שטאַרק ניט צוקוקן, מע זאָל עס דערזען. באַ בײדן זיַינען לענגלעכע טונקעלע פּענעמער, ברייט צעעפנטע, פאַרכידעשטע אויגן. איצט, ווען איך ווייס שוין, וואָס קערן זיך אָן צווישן זיך דער סערזשאַנט מיטן מיידל, פאַרשטיי איך ניט, פאַרוואָס זיצט אַזוי פאַרומערט די פרוי באַם פענצטערל, גלייַך דער באָכער וואָלט מיט גוואַלד אָפּגענומען באַ איר די טאָכטער. אָט אפילע איצט, ווען די פּאַסאַזשירן פון קופּע האָבן איר אָפּגעגעבן מאַזלטאָוו און דעם יונגן פּאָרפּאָלק צוגעווונטשן זיך עלטערן אין גליק און אין פרייד, האָט מירא יעפּי־מאָוונא זיך אויך ניט אָפּגערוקט פון פענצטערל, געוואַרט, וויַיזט אויס, אָפּ דער רעגע, ווען זי וועט ווידער קאָנען ווענדן די אויגן צו די וועלדלעך, לאָנקעס און פעלדער.

דער סערזשאַנט האָט, אַפּאָנעם, מוירע געהאַט, מע זאָל אויך דאָ צו אים ניט צושטיין מיט טײַנעס, אז דאָס געטראַנק איז ביטער, האָט ער א נעם געטאָן אין די הענט די גיטאַרע, עטוואָס פאַרזשמורעט די שוואַרצע אויגן... אָבער צורירן זיך צו די סטרונעס האָט ער ניט באַוויזן. אים האָט אָפּגעשטעלט א הייזעריקלעכע שטים:

— איר דינט אין בערלין?

איך קוק זיך אום און דערזע דעם מענטשן מיט די טיפע גרויע אויגן און מיטן אָרדען־בענדל אָפּ דער ברוסט, וועלכן איך האָב געהאַט געטראָפן אין פּאָגרעבישטשער זאַגס זוכן אין די רעגיסטראַציע־ביכער כאָטש א זייכער פון זיַין מישפּאָכע.

— אין בערלין, — ענטפערט אים דער סערזשאַנט און גיט גלייַך צו, — אין העסקעם מיטן פּאָטסדאַמער אָפּמאַך און מיטן אָפּמאַך, וואָס מיר האָבן מיט דער גדעער.

— און זענט, ווי איך הער, א ייִד?

— א ייִד.

— איז וואָלט איך אײַך וועלן עפּעס פרעגן.

צי ווײַל דער סערזשאַנט האָט דערקענט אין דעם מענטשן א געוועזענעם קאָמאַנדיר, צי ווײַל יענער האָט לויט די יאָרן שוין געקאָנט זײַן באַלד זײַנער א זיידע, נאָר איזי האָט זיך געגעבן א הייב אויף פון אָרט און איז שוין אזוי געשטאַנען פאר אים, ווי באם אויסהערן א באַפעל. ס'איז געווען צו זען, אז איזי צווייפלט ניט, אז ער ווייסט, וואָס קלײַבט זיך אים יענער פרעגן און אז ער ווייסט, וואָס דערויף צו ענטפערן. מעגלעך, דערפאר טאַקע האָט דער מענטש מיטן אָרדען־בענדל אף דער ברוסט אָנגעהויבן פון דעם, אז ער לייענט אויך יעדן טאָג די צײַטונג, ווייסט, אז ס'איז פאראן ניט נאָר א פּעטרגע, נאָר אויך א גאַדעער, אזא בערלין מיט אזא בערלין, און אויך אַלעס איבעריקע ווייסט ער, אזוי אז דער סערזשאַנט האָט זיך ניט וואָס מאַטריעך צו זײַן מיט איבערדערציילן אים די אַלע זאַכן. אים, איזין, וויל ער פרעגן גאָר וועגן עפּעס אנדערש. צום אַלעם ערשטן זאָל ער אים זאָגן, איזי, צי ווייסן די דײַטשן, מיט וועלכע ער באַגעגנט זיך דאָרט, אז ער, דער סערזשאַנט, איז א ייִד.

איזי קוקט פאַרכידעשט אָן דעם מענטשן:

— איך האָב זיי קיינמאָל וועגן דעם ניט געפרעגט.

— פאַרוואָס?

דאָס האָט ער שוין, ווי צו זען, זיך געוועונדט ניט בלויז צו איין איזין. דאָס האָט ער שוין, ווי צו זען, זיך געוועונדט צו אַלע אין קופּע. מיר האָבן עס דערפילט נאָך זײַן בליק נאָך. דער סערזשאַנט אָבער האָט אים דערויף געענטפערט מיליטעריש קורץ און אויך מיט א פראַגע:

— צו וואָס?

דער מיליטעריש קורצער, אָפּגעהאַקטער „צו וואָס" איז פאר דעם מענטשן געווען, אָפּאָנעם, ניט אינגאַנצן אומדערוואַרט. ער האָט דאָס זעלבע, ווײַזט אויס, שוין ניט איין מאָל געהערט.

— צו וואָס, פרעגט איר? ווען איר זאָלט איצטער קומען פון רוזשין, פונוואַנען איך קום, געווען זײַן באם ייִזקער, וואָס מע האָט געזאָגט אין וואַלד בא די גריבער פון די אומגע־בראַכטע, וואָלט איר ניט געפרעגט — צו וואָס.

— און פונוואַנען האָט איר גענומען, אז דער סערזשאַנט איז ניט געווען בא די גריבער, ווען אונדזערע ליפּאָוועצער האָבן געזאָגט ייִזקער נאָך די אומגעבראַכטע? יעדער שטעטל האָט זיך זײַן יאָרצײַט, — לויט דעם, ווי דער ליפּאָוועצער מאַטוויי וואַסיליעוויטש האָט אַרויסגע־רעדט דאָס וואָרט „ייִזקער", האָט מען געדאַרפט פאַרשטיין, אז ס'איז אים גוט באַקאַנט, — בא אײַך אין רוזשין איז יאָרצײַט...

— איך בין ניט קיין רוזשינער, איך בין א פּאָגרעבישטשער, נאָר נאָך דער מילכאָמע האָב איך זיך באַזעצט אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. הייבט זיך אָן דער זומער, הייבן זיך בא מיר אָן די יאָרצײַטן. פינף ייִזקערס א יאָר. אין פּאָגרעבישטשע איז בא מיר אומגעקומען די גאַנצע מישפּאָכע — א פרוי מיט פיר קינדער. אָט דער כאַוער ווייסט, מיר האָבן זיך מיט אים געטראָפן אין פּאָגרעבישטשער זאַגס, — ער דערלאַנגט מיר דערבײַ די האַנט, ווי ער וואָלט מיך נאָרוואָס באַמערקט, און עפּשער איז עס ווירקלעך אזוי, — אין נײַ־פּאַסטאָוו זאָג איך ייִזקער נאָך א ברודער, אין רוזשין — נאָך צוויי שוועסטער מיט זייערע מישפּאָכעס, אין כמעלניק און אין בעליליאָווקע...

— איז וואָס האָט איר געוואָלט פונעם סערזשאַנט? — שלאָגט אים דער ליפּאָוועצער איבער. — בא אײַך אין פּאָגרעבישטשע און אין רוזשין, צי אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, ווו איר וווינט איצט, זאָגט מען נאָר ייִזקער? בא אונדז אין ליפּאָוועץ, ווייס איך, פּראַוועט מען אויך כאַסענעס. אָט איז דער סערזשאַנט געקומען אזש פון בערלין פּראַווען די כאַסענע אין ליפּאָ־וועץ. בא אונדז, אין ליפּאָוועץ, אין לינעץ, און אין די דערבײַיקע שטעטלעך איז א טאָג פאר דער כאַסענע און סע טרעפט אמאָל, אז טאַקע אין טאָג פון דער כאַסענע, גייען די מעכוטאָנים מיט כאַסן־קאַלע צו די גריבער. איז וואָס האָט איר פונדעסטוועגן געוואָלט פרעגן באם סערזשאַנט?

— צו וואָס?

אומדערוואַרט איז געווען ניט בלויז דאָס, וואָס מיר האָבן ווידער דערהערט די זעלבע פראַגע, נאָר וואָס דערהערט האָבן מיר זי דאָס מאָל פון א מענטשן, וואָס האָט ביז איצט קימאַט קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט, פון מירא יעפימאָוונען. מער פון אַלעמען האָט עס פאַרוווּנדערט דעם קאַמענעצער. דער פרוי, וואָס זיצט באם פענצטערל, דאַרף מען, דאַכט זיך, ניט דערציילן וועגן דעם געשעענעם און געוועזענעם, איז ווי קומט עס, זי זאָל אים פאַרגעבן די זעלבע פראַגע, וואָס איר איידעם.

— איר פֿרעגט אויך, צו וואָס? — האָט ער זיך אָנגערופֿן צו מירא יעפֿימאָווגע, וואָס האָט אויף אים געקוקט מיט אירע פֿאַרכידעשטע אויגן, — ווי קומט עס, איר זאָלט עס פֿרעגן? אײַער טאָכטער, אויב זי וווינט אין ליפּאָוועץ, דאַרף מען ניט דערציילן, וואָס ס׳איז געווען, דער איידעם אײַערער ווייסט אויך, וואָס איז אַזוינס ייִזקער. אָבער וויפֿל יונגע מענטשן בא אונדז און דאָרט ווילן זיך ניט פֿאַרטראַכטן וועגן דעם, וואָס איז געשען. ס׳איז געווען אַ מײַדאַנעק מיט קרעמאַטאָריעס, אַ באַבי יאַר, אַ נײַנטער פֿאָרט אין קאָוונע און פֿאַרשאָטענע גריבער מיט מענטשן, ווי אינעם רוזשינער וואַלד, איז דאַרף מען עס דערמאָנען! טאָג־אײַן, טאָג־אויס דערמאָנען!

— איך בין אויך געווען אויף דער מילכאָמע, געווען אַ מעדיצין־שוועסטער אויפֿן פֿראָנט, — מירא יעפֿימאָוונעס געזיכט האָט קאָנוווּלסיוו זיך אַ צוק געטאָן, — איצט בין איך אַ לערערן פֿון געשיכטע. מײַן טאָכטער איז אויך אַ לערערן. זי פֿאָרט מיט איר מאַן קיין דײַטשלאַנד. אַרבעטן דאָרט אין אַ שול. איז אָט פֿרעג איך בא אײַך: וואָס דאַרף איך, אַ ייִדישע מאַמע און אַ לערערן פֿון געשיכטע, מיטגעבן מיט זיך אַהין מײַנע קינדער? סינע? סטאַם סינע?

— סע זײַנען פֿאַראַן צוויי דײַטשלאַנדס, — האָט אָנגעהויבן דאָס מיידל, — פֿאַראַן אַ...

— כ׳ווייס עס, טאָכטערקע, — האָט איר איבערגעשלאָגן דער קאַמענעצער, — איר פֿאָרט אַהין לערנען קינדער. איז זעט, זיי זאָלן וויסן, וואָס ס׳איז געווען אויף דער וועלט, איידער זיי זײַנען געבוירן געוואָרן. זאָלן זיי וויסן, אַז ס׳איז דאָ רוזשין, און אין רוזשין איז דאָ אַ שנײַדער יאַנקל קריגער, בא וועמען די ראָצכים האָבן אַרויסגעריסן פֿון די הענט אַ דרײַיאָריק אייניקל און עס אַ לעבעדיקס אַרײַנגעוואָרפֿן אין גרוב צו זײַן דערשאָסענער מאַמען, און אין רוזשין איז דאָ אַ שיינהײַט כאַווע, וועלכע מע האָט פֿיר מאָל געטריבן צום גרוב, און אַז זי איז אַ האַלב לעבעדיקע אַרויס פֿון דאָרטן, איז זי אַ טאָג מיט אַ נאַכט געשטאַנען אין איין העמד ביזן האַלדז אין וואַסער, דעם קאָפּ פֿאַרגראָבן אין טשערעט, און נאָכדעם איז געשען אַזוינס, וואָס הימל און ערד האָבן עס נאָך ניט געזען און ניט געהערט. און ס׳איז דאָ אַ פֿאַבריקמאַכער מאָטל סמאַרגון — אַ פּאַרטיזאַן...

— און וועגן וועמען פֿון די ליפּאָוועצער און לינעצער, — האָט זיך אָנגערופֿן מאַטוויי וואַסיליעוויטש, — דו דאַרפֿסט דערציילן, ווייסטו אַליין גוט. וועגן דאָוויד מודריקן, וועלכער האָט פֿאַרגרייט אין קוזניע אַכצן מעסערס און אַרויסגעפֿירט פּופֿצן באָכערים מיט דרײַ מיידלעך אין שעבעליאַנסקער וואַלד, וווּהין זיי האָבן נאָכדעם אַריבערגענומען אַלעמען, וועמען די מערדער האָבן ניט באַוויזן אומברענגען, און וועגן מוישע פּעקערמאַנען, וואָס איז געווען דאָוויד מודריקס רעכטע האַנט אינעם ייִדישן פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד...

אין די פֿענצטער פֿונעם וואַגאָן איז פֿאַרבײַגעלאָפֿן די הויכע קאַזאַטינער אײַזנבאַן־בריק, און איך האָב זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

3. אין דעם ערשטן זונטיק פֿון אווגוסט

דער, וואָס איז ניט געווען אין די דאָזיקע ערטער און קיינמאָל ניט געהערט וועגן די סטאַנציעס און שטעטלעך, וועלכע ער פֿאָרט דאָ דורך, דער קען בא זיך קלערן, אַז קאַזאַטין איז אַ קראַך, וואָרעם ניט איטלעכע גרויסע שטאָט קאָן זיך אויספּײַנען מיט אַזאַ וואָקזאַל, מיט אַזאַ בריק, מיט אַזויפֿיל פּלאַטפֿאָרמעס... אַוואַדע כידעשט אַזאַ איינעם, ווען ער דערוויסט זיך, אַז קאַזאַטין איז גאָר בעסאַכאַקל...

נאָר דאָ מוז איך זיך אַליין אַרײַנפֿאַלן אין די רייד: ס׳איז אָפּהענגיק, מיט וואָס פֿאַר אַ מאָס מע גייט צו. אויב אין פֿאַרגלײַך, לאָמיר זאָגן, מיט אַ מאָנאַסטירישטשע, מיט אַ טעטיעוו, מיט אַ שפּיצעניץ, איז קאַזאַטין בעפֿיירעש אַ שטאָט, און טאַקע אַ גאַנץ היפּשע, איז אין פֿאַרגלײַך אָבער מיט אַ בערדיטשעוו, צי מיט אַ בעלאָצערקאָוו קאַזאַטין ניט מער ווי אַ שטעטל, עמעס אַ גרויס שטעטל. אײַ, קאַזאַטין, ווי אויך די נאָענטע זשמערינקע, זײַנען באַרימט מער פֿון אייניקע גאָר גרויסע שטעט, האָבן זיי עס טאַקע צו פֿאַרדאַנקען זייערע וואָקזאַלן. דאָס האָבן די וואָקזאַלן מיט די פּלאַטפֿאָרמעס געמאַכט די דאָזיקע צוויי גרויסע שטעטלעך אַזאַ שעם.

און נאָך קאָן זיך אויסווײַזן די פּאַסאַזשירן, וואָס פֿאָרן דאָ צום ערשטן מאָל דורך. קאַ־זאַטין, קאָן זיך זיי אויסווײַזן, איז אַ ייִדישע שטאָט. אויפֿן וואָקזאַל און אויף די פּלאַטפֿאָרמעס הערט מען ריידן ייִדיש מער, ווי אויף אַ סאַך אַנדערע סטאַנציעס פֿון וויניצער געגנט. מאַך צו די אויגן, מיינסטו, אַז ביסט אַרײַנגעפֿאַלן אין שאַרגאָראָד, זשמערינקע צי אין אַן אַנדער

שטעטל, וואָס ס׳האָבן בייס דער מילכאָמע פארנומען די רומענער, און קיין מאסן־שכיטעס, ווי אין אנדערע ערטער, זייַנען דאָרטן ניט געווען. אין קאזאטין אָבער האָט דאָך געווילדעוועט דער דייַטש, פונוואַנען זשע איז דער אייַנדרוק, אז קאזאטין איז פארבליבן א ייִדישע שטאָט? פון דעם, וואָס די וועגן פון די ארומיקע שטעטלעך גייען זיך דאָ צונויף און דאָס שאפן זיי, די אָנגעפּאָרענע פון די שטעטלעך פּאסאזשירן, וואָס זעצן זיך דאָ איבער פון איין צוג אין צווייטן, דעם אייַנדרוק, אז קאזאטין איז שיר ניט דאָס זעלבע, וואָס זשמערינקע?

וואָס האָב איך עס אינמיטנדערינען פארפירט א רייד וועגן זשמערינקע, אז איך בין נאָך דאָס מאָל ניט געווען דאָרט און ווייס נאָך, אייגנטלעך, ניט, ווּהין וועל איך פונדאנען האלטן דעם וועג? מעגלעך, אז גאָר ניט קיין זשמערינקע, נאָר קיין ליפּאָוועץ אָדער לינעץ, צי עפשער גאָר קיין וואָראָנקאָ. ביפראט, אז אָט ווערט הונדערט צען יאָר, זינט שאָלעם־אלייכעם איז געבוירן געוואָרן און זייַן טאָכטער, מארוסיע, וואָס איז פונקט געווען צוגאסט אין מאָסקווע, ווען איך האָב זיך געקליבן אין די שטעטלעך, האָט מיך געבעטן פאריינוועגס זיך אראָפּכאפּן אין איר פּאָטערס „געבענטשטע קאסריליעווקע — וואָראָנקאָ“, און איך האָב עס איר צוגעזאָגט.

איז וואָס האָב איך טאקע פארפירט אינמיטנדערינען א רייד וועגן זשמערינקע? עס איז שוין אָבער אזוי: נעמט מען דערציילן וועגן קאזאטין, קומט באלד ארויף אפן זינען זשמערינקע, און דאָס זעלבע פארקערט. ס׳איז, אפּאָנעם, ניט נאָר דערפאר, וואָס דאָס זייַנען צוויי גרויסע קנופּ־סטאנציעס און דערצו נאָענטע שכיינים — מיט אן עלעקטראָ־לאָקאָמאָטיוו איז עס הייַנ־טיקע צייַטן א שאָ פאָרן, — נאָר ווייַל קאזאטין און זשמערינקע האָבן זיך אויסגעטיילט פון די ארומיקע שטעטלעך מיט דער באשעפטיקונג פון זייערע אייַנוווינער. עס האָבן דאָרט, פארשטייט זיך, אויך ניט אויסגעפעלט קיין שנייַדערס און שוסטערס, באָנדערס און קיר־זשנערס, גלעזערס און בלעכערס, אָבער דעם אויבנאָן האָבן דאָרט ביסלעכווייַז אָנגעהויבן פארנעמען מאשיניסטן, קעסלהייצער, דעפּאָ־ארבעטער, קאָנדוקטאָרן... א רעקל מיט בלאַנ־קענדיקע קנעפּ און א היטל מיט א צייכן פון אן אייַזנבאנער איז געוואָרן א געוויינלעך ייִדיש אָנטאָן.

דערווייַל אָבער האָב איך נאָך צווישן די אייַזנבאנער דאָ ניט באגעגנט קיין ייִדישע פּנעמער. איך האָב זיי קימאט אויך ניט באגעגנט צווישן די, וואָס האָבן געייַלט צו דער בריק, וועלכע פירט אין שטאָט. נאָר וואָס האָב איך צו אייַלן? פאר די פּאָר טעג, וואָס איך קלייַב זיך זייַן אין קאזאטין, וועל איך זיך נאָך דאָרט אָנגיין און אָנזען. אין מייַן פּאָגרעבישטשע אָבער, וואָס איך בין הייַנט פארבייַגעפאָרן, וועל איך דאָך שוין, מיסטאמע, אזוי גיך ניט זייַן, איז לאָמיך כאָטש פונדאנען, פון אָט דער הויכער לאנגער בריק, ווּ איך שטיי, א קוק טאָן נאָכאמאָל אף די רעלסן, וואָס פירן אהין. דאָס וועלדל, וואָס באגעגנט און באגלייט ארויס די אומאניער און זשאשקאָווער צוגן און נעמט יעדעס מאָל אָפּ בא זיי א גרוס פון מייַן פּאָגרעבישטשע, שפּאנט, דאכט זיך, אהער, דערנעענטערט זיך פון מינוט צו מינוט, אזוי, אז מע וועט שוין באלד קאָנען איבערציילן דיביימער. עס איז, דאכט זיך, לייַכטער, ווי איבערציילן דאָ די רעלסן. אז ווּ מע טוט ניט א קוק, איז אלץ רעלסן, רעלסן און רעלסן. זיי גייען זיך אזויפיל מאָל צונויף און פונאנדער, אז ס׳איז ניט צו באנעמען, ווּ אייַן און ווּ אויס. זיי שפּיגלען זיך אונטער דער סאָפּטאָגיקער זון קימאט ביזן סאמע האָריזאָנט.

די בריק, ווי אן אָנגעצויגענע סטרונע, רופט זיך אָפּ אף יעדן אָנפליִענדיקן צוג. און די צוגן פליִען דאָ אָן איינס נאָכן אנדערן, איינס נאָכן אנדערן. וויפל זייַנען זיי שוין דורכגעפלויגן דאָ פאר דער צייַט, וואָס איך שטיי אף דער בריק, און קיין איינער פון זיי האָט ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך אפילע קיין שנירעלע רויך אינעם לופטיקן הימל. זיי האָבן בלויז פונאנדערגעוויגט די אָנגעצויגענע עלעקטרישע דראָטן, וואָס ציִען זיך נאָך זיי אין זייער ווייַטן וועג. איך פיל אָבער פאָרט אין דער לופט דעם רייעך פון איבערגעברענטע שטיינקוילן, פון קאליוזשעס פעטלעך וואסער און ניט אויסגעקילטן אש, אָט דעם באקאנטן רייעך פון פאר־טשאדעטע לאָקאָמאָטיוון.

די רעלסן אף דער סטאנציע קאזאטין וועקן אויף אין מייַן זיקאָרן א קאלטע סאָפּיי־סעכדיקע נאכט בייסן בירגערקריג. אָט דאָ ערגעץ אף די רעלסן האָבן מיר זיך פארלוירן מיט מייַן ייִנגערן דרייַיאָריקן ברודערל לייבקען, פון אלע זייַטן האָבן זיך אף אונדז אָנגערוקט פארסאָפּעטע לאָקאָמאָטיוון מיט ברענענדיקע אויגן... דער רייעך פון יענע לאָקאָ־מאָטיוון לעבט אין מיר ביז איצט, ווי עס לעבט דער רייעך פונעם ראָס בא דער וואסערמיל, פונעם טינטערל מיט שווארץ־שווארצן טינט, אין וועלכן איך האָב צום ערשטן מאָל אייַנגע־טונקט די פען...

און עפשער ווײַזט זיך עס מיר גאָר ניט אויס, עפשער האָט אהער פאַרבלאָנדזשעט דער רייעך פונעם אײַנגעשפּאַנטן לאָקאָמאָטיוו, וואָס קלײַבט זיך צוריק קיין אומאַן, — אהין גייען דאָך דערוויַיל ניט קיין עלעקטראָ־צוגן. ווען קאָן מיר ווידעראַמאָל אויסקומען זיצן אין יענעם צוג? איז לאָמיך כאָטש צו זאַט זיך אָנקוקן אַפן רויטלעך־פּיאָלעטעווען האָריזאָנט, וואָס באהאַלט אויס הינטער זיך דאָס שענסטע, און ליבסטע, און טײַערסטע, וואָס איז פאַראַן אַף דער ערד, — דאָס שטעטעלע פון מײַן ווײַטער קינדהײַט — פּאַגרעבישטשע... איך קאָן ניט מאַכן קיין טראָט. די בענקשאַפט האָט מיך צוגעשמידט צום פּאַרענטש פון דער בריק...

און גראַדע, ווען ס'איז אויסגעפאַלן א שטילע מינוט, — קיין צוג האָט זיך ניט צוגעריירט צו די רעלסן, — איז די בריק מיטאַמאָל פול געוואָרן מיט מענטשן, ווי בײַס ס'קומט אָן א בײַשטאָטישע עלעקטרישע באַן. קיינער האָט זיך אָבער ניט געשטופּט, מ'האָט ניט איבערגעיאָגט איינער דעם צווייטן. פאַרקערט, ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אז סע גייט דאָ אָן א געוועט, ווער וועט גיין לאַנגזאַמער. געגאַנגען איז מען רייענווײַז — צו פיר, פינף אין א ריי, — און קימאַט בא יעדן איינעם א צייכן פון אן אײַזנבאַנער אַף דער ברוסט.

— הע־הע־היי! אַף א בריק גייט מען ניט „וו נאָגו", — האָט פון די הינטערשטע רייען זיך דערהערט א שטים, — אַף א בריק גייט מען „וואָלנע".

— ווי צו טאַשליך.

דער, וואָס האָט עס געזאָגט, — א מענטש מיט א פּאַרווינטיקט פּאָנעם, מיט א פּאָר געדיכטע לאַנגע וואָנצן פון ווייצענעם קאָליר, וואָס הענגען אַראָפּ איבער דער אויסגעגאָלטער אונטערשטער קין, איז אויסערלעך עפּעס גאָר ניט געווען ענלעך אַף קיין ייִדן. דערצו נאָך איז ער אָנגעטאָן אין אן אויסגענייט אוקראַיִניש העמדל. וויפל אוקראַיִנער, רוסן, ליטווינער, מאָלדאַוואַנער האָבן זיך מיר באַגעגנט, וואָס וואָלטן מיט זייער ייִדיש ריידן געקאָנט אָנגיין פאַר ייִדן! איך בין א באַלן הערן, וויאַזוי וועט דער דאָזיקער געבן צו פאַרשטיין דעם באָכער, וואָס גייט לעבן אים, וואָס איז אַזוינס טאַשליך... נייִן. אַזוי דערציילן, ווי מע גייט צו טאַשליך, קאָן בלויז אַזאַ, וואָס איז אַליין ניט איין מאָל געגאַנגען צום טײַך אויסטרייסלען פון קעשענע די אַווייִרעס.

— און אויב ס'איז ניטאָ קיין טײַך? — פרעגט דער באָכער.

— איז גייט מען אין מיקווע.

— וווהין? — כאַפּט זיך בא מיר אַרויס, און כ'וואַר אַזויאַרום א זעקסטער אין דער ריי.

— כאַסקל, ווו ביסטו? ס'האָט זיך אָפּגעזוכט נאָך א ייִד צום סימפּאָזיום. קידעש אַף א האַלבן ליטער סטאָליטשנע קענט איר מאַכן?

— יאַנטל, האָסט שוין אָנגעהויבן דײַנע שטיקלעך? איך זאָל ניט הייסן איך, אויב כ'וועל דיך ווען־ניט־איז ניט אַרויסזעצן אינמיטן פעלד פונעם עלעקטראָוואָז און וועסט בא מיר אָפּשפּאַנען צופוס פון אָקניצע ביז קאַזאַטין.

— מיט וואָס האָב איך זיך עס קעגן דיר אַזוי פאַרזינדיקט, ראָקאָוואָדיטעל מײַנער?

— אוי, יאַנטל, יאַנטל! — כאַסקל זאָגט עס אַזוי, אז יענער שפּרינגט פון אים אָפּ אַף עטלעכע טריט. איך פאַרשטיי, אז ס'איז ניט מער ווי א שפּאַס, וואָרעם וואָס האָט מוירע צו האָבן אָט דער געזונטער דעמב פאַר דעם היפש באַאָרטן כאַסקלען, וועלכער שפּאַנט באַדאַכט, ווי ער זאָל מעסטן די לענג פון דער בריק.

— צו אָט דעם יאַנטלען, אז סע פּאַקט זיך אַרײַן א נײַ וואָרט, לאָזט ער עס שוין פון מויל ניט אַרויס, — מאַכט צו מיר כאַסקל, ווי מיר וואָלטן מיט אים געווען אַלטע באַקאַנטע, — גאָט האָט מיך געבענטשט מיט א פּאָמאָטשניק אַפן עלעקטראָוואָז. אייצע איך זיך מיט אים וועגן עפּעס, זאָגט ער, אז ס'איז בא אונדז געווען א סימפּאָזיום. צוויי מענטשן איז בא אים א סימפּאָזיום.

— און ווי אַנדערש? ס'איז א סימפּאָזיום, כאַווער ראָקאָוואָדיטעל, ניט קיין טאַשליך.

— פּאַרטיק. ער האָט שוין געפּאַקט נאָך א וואָרט. וועסט בא מיר באַלד פליִען פון בריק, ווי ס'איז הײַנט יאָמטעוו אַף דער וועלט.

ס'איז פּאַשעט ציקאַווע א קוק טאָן, ווי וועט עס דער דאַרלעכער כאַסקל רירן פון אָרט דעם דאָזיקן דעמב.

— בא אײַך אַפן עלעקטראָוואָז, — רוף איך זיך אָן צו זיי, — דאַרף זײַן גאַנץ פריילעך!

— ניט צו פאַרזינדיקן. אײַזנבאַנער זײַנען ביכלאַל א פריילעך פּאָלק. איר האָט ווען־ניט־איז באַגעגנט א באַלעגאָלע א מאָרעשכוירעניק? און א ייִד אן אײַזנבאַנער, אויב איר ווילט וויסן, שטאַמט פון באַלעגאָלעס. איז דער טאַטע ניט געווען קיין באַלעגאָלע, איז געווען דער זיידע צי דער פעטער, ווי בא מיר, אשטייגער. און בא דיר, יאַנטל?

— דו ווייסט ניט, אז איך בין ארום און ארום, פון וועלכער זײַט זאָלסט מיך ניט נעמען, א פּראָלעטאריער!

— האָסט זיך הײַנט, זע איך, לעקאָוועד יאָמטעוו פֿײַנלעך פארפאסט.

— איך? כאָלילע.

— וואָס איז עס הײַנט בא אײַך פאר א יאָמטעוו? — פרעג איך.

זיי האָבן זיךביידע אזוי פארוואונדערט, ווי זיי וואָלטן זיך ערשט איצט מיטאמאָל געכאפּט, אז אין זייערע רייען האָט זיך ארײַנגעשמוגלט א זײַטיקער.

— וואָס? איר ווייסט גאָר ניט, אז דער ערשטער זונטיק, וואָס פאלט אויס אין כוידעש אווגוסט, איז דער טאָג פון די אײַזנבאנער, אונדזער יאָמטעוו?

— אך, יאָ, יאָ, — טו איך א זאָג, גלײַך איך האָב זיך אליין דערמאָנט, וואָס פאר א טאָג הײַנט איז, און אף דעם ענדיקן זיך אלע מײַנע פראגן. איך זע דאָך, אז ס'איז ניט די צײַט צו פארפירן מיט זיי איצט א געשפּרעך וועגן וואָכעדיקע איניאָנים. יאָמטעוו איז דאָך געגעבן געוואָרן צוליב דעם, מע זאָל זיך מעסאמייעך זײַן, הוליען, וויצלען זיך, און פון דער דאָזיקער מיצווע, זע איך, האלטן זיי ביידע.

— דאָס זײַנען מיר געווען אף א פּיקניק אין וואלד, — ווײַזט מיר אָן כאסקל אפן אויב־לעם, — איצט גייען מיר אין פּארק אפן פֿײַערלעכן אָוונט. דערנאָך שטייט אונדז פּאָר א באנקעט אינעם רעסטאָראן פון וואָקזאל. אמאָל איז געווען שווער צו מאכן יאָמטעוו, און הײַנט איז שווער אויסצוהאלטן פון יאָמטעוו. ווער האָט עס קויעך אזויפיל...

— עסט מען ניט אזויפיל און מע טרינקט ניט אזויפיל, — שלאָגט אים איבער יאָנטל און רוקט זיך דערבײַ עטוואָס אָפּ.

— איך בין שוין פון די פּיקניקן מיטן שפּאצירן הײַנט אָן פּיס.

— אָן רעדער, הייסט עס.

— יאָנטל, מע וועט זיך ווי־ניט־איז באגיין אָן דײַנע פּיירושים. און איר ווער זײַט? — טוט מיך כאסקל מיטאמאָל א פרעג.

— א טראנזיטער פּאסאזשיר!

בלײַבט יאָנטל שטיין אנטקעגן מיר מיט א פּאָר צעשפּרייטע הענט, אָט־אָט ווארפט ער זיך קושן:

— הערט, זײַט איר דאָך הײַנט א שטיקל מעכוטן צום יאָמטעוודיקן סימפּאָזיום!

— נו און ווּהין און פונוואנען פאָרט מען עס?

— איבער די שטעטלעך.

— איבער די שטעטלעך? — לויט דעם טאָן, מיט וועלכן כאסקל האָט עס איבערגע־פרעגט, האָט זיך נאָך געלאָזט הערן: וועלכע שטעטלעך? וואָס פארא שטעטלעך? ווּ האָט איר הײַנטיקע צײַטן געזען שטעטלעך? דערהערט אָבער האָב איך פון אים: — זײַט איר עפּשער געווען אין סקווירע? יאָנטל, וויפל איז פונדאנען ביז פּאָפּעלניע?

— מיטן פּאראָוואָז צי מיטן עלעקטראָוואָז? אויב מיטן עלעקטראָוואָז, איז עס פּונקט פּער־ציק מינוט אפן זייגער.

— נו און פון פּאָפּעלניע קיין סקווירע איז מיט דער האנט צו דערלאנגען. און איר וועט דאָך פון מיר מיסטאמע לאכן, איאָ? איך בין שוין ניט קיין יונגערמאן, שוין אפילע א שטיקל זיידע, איר וואָלט אָבער געזען, ווי דער דאָזיקער זיידע, אז ער קומט אראָפּ קיין סקווירע, לויפט עס אום איבערן שטעטל, קוקט ארײַן אין יעדן געסל. און איר וועט דאָך פון מיר לאכן, איאָ? ס'איז נאָך ניט געווען, איך זאָל קומען קיין סקווירע און ניט ארײַנגיין אין הויף פון די רעמאָנט־ווארשטאטן, ווּ ס'איז אמאָל געווען דער גאניידן — רעב דאָווידל דאָנס, דעם סקווי־רער רעבנס, גאָרטן. אוי, איז דאָס געווען א סאָד מיט עפּל און בארן! וויפל פּעטש האָבן מיר עס ארײַנגעכאפּט פון די שאָמרים פונעם רעבנס הויף פאר אויווער זײַן אפן „לוי סיגנויוו". נאָר ווי רײַסט מען עס ניט קיין עפּל, וואָס האָבן טאַם־גאניידן?

— דו הער נאָר, הער, — בא יאָנטלען גיבן אזש א שפּרונג אונטער די לאנגע אראָפּהענ־גענדיקע וואָנצן פון ווייצענעם קאָליר, — נו גיי ווייס, מיט וועמען איך שטיי עס אינעם עלעקטראָוואָז באם פּולט.

— איר וועט דאָך פון מיר לאכן, איאָ? קימאט דאָס גאנצע לעבן איז בא מיר דורך אין קאזאטין, און סײַווי בענקט זיך נאָך סקווירע. ווּ האָב איך אף דער מילכאָמע ניט אָנגע־שפּארט? געווען אין פּוילן, אין נאָרוועגיע, אין בולגאריע, נו, און וועגן דײַטשלאנד איז דאָך אָפּגערעדט, זיך אָנגעקוקט דאָרט א היפּש ביסל שיינע שטעט, נאָר צו סקווירע, הערט איר, קומט עס ניט!

— איך ווייס.

כאסקל בלײַבט שטיין:

— פונוואַנען װײסט איר? איר זײַט דאָך דאָרט ניט געװען.

— מײַן קינדהײט איז אױך דורך אין א שטעטל, אין פּאַגרעבישטשע.

— זײַנען מיר דאָך מיט אײַך שטיקלעך שכײנים. איך בין געװען בא אײַך אין שטעטל אװדע א מאָל צװאַנציק. האָט ניט קײן פאַריבל, פאַרגלײַכן פּאַגרעבישטש מיט סקװירע איז...

יאַנטל שלאָגט אים איבער:

— װעסט באַלד זאָגן, אז סקװירע איז גרעסער און שענער פון קאַזאַטין? און בא מיר, זעסטו, איז קײן שענערס און קײן בעסערס פון קאַזאַטין ניטאָ, זאָלסט אפילע אױספאָרן די גאַנצע װעלט. און װײסטו פאַרװאָס? װײַל איך בין א קאַזאַטינער, כ'בין דאָ געבױרן און אױס־געװאַקסן. א מענטש, כאַסקל, האָט בלױז אײן הײם, און װאָס קאָן זײַן טײַערער, און ליבער, און אײַנגעבאַקענער אין הארצן, װי די הײם? דאַכט מיר, דאָס ביסל אונדזערע ייִדן, װאָס האָבן באַװיזן זיך עװאַקויִרן, זײַנען געװען ניט שלעכט אײַנגעאָרדנט אף די נײַע ערטער, און פונ־דעסטװעגן האָט מען דאָרט אַלץ איבערגעלאָזט און זיך אומגעקערט צוריק אַהער.

— אין פּאַגרעבישטשע, דעראַזשנע, מעדזשיבעזש און אין אַנדערע שטעטלעך, פונװאַנען איך פאָר, איז אױך געװען דאָס זעלבע.

כאַסקל לאָזט ארױס א טיפן זיפץ:

— געקומען און געטראָפן קװאָרים...

— כאַסקל, ס'איז הײַנט יאָמטעװ.

איז אָבער כאַסקל, װי צו זען, ניט פון די, װעלכע קאָנען מיט אײן שפּרונג אריבערקומען דעם טהאָם, זיך אומקערן פון דעם, װאָס איז געװען, צו דעם, װאָס איז איצט. בא אים גײט עס צו א סאַך לאַנגזאַמער, װי בא יאַנטלען. דעם װעג אף צוריק הײבט ער אָן מיט א פראַגע:

— װיפל מישפּאָכעס לעבן איצט אין אײַער פּאַגרעבישטש?

— כ'װײס, כ'האָב ניט געצײלט, נאָר א מישפּאָכעס עטלעכע און צװאַנציק צי עפּשער דרײַסיק װעט זיך מיסטאַמע אָנקלײַבן.

— און װיפל, מײנט איר, װעט זיך אָנקלײַבן אין סקװירע צי קאַזאַטין?

— װאָס רעדסטו װאָס? — שטעלט אים יאַנטל אָפּ.

— נו און אז ס'װעט זיך אָנעמען א פופציק — זעכציק מישפּאָכעס? דו װײסט, װיפל ייִדן ס'האָט פארמאָגט סקװירע? אזא שכיטע, װי ס'איז געװען אין סקװירע...

— כאַסקל, עפּשער װעט זײַן גענוג? הײַנט איז דאָך יאָמטעװ.

צי דאָס דערמאָנען, אז „הײַנט איז יאָמטעװ" האָט געהאָלפן כאַסקלען אריבערקומען דעם טהאָם, צי ער איז סאָפּקאָלסאָף אלײן זיך בײַגעקומען, נאָר אז ער האָט זיך אומגעקערט צום „איצט", איז געװען קענטיק פון דעם, װאָס ער האָט מיך געפרעגט:

— נו, און װאָס טוט איר אין די שטעטלעך?

װײסט דאָך אָבער יאַנטל מער פון מיר, װאָס איך טו אין די שטעטלעך, פאַרלױפט ער מיר דעם װעג:

— א זאַגאָטאָװיטעל, מיסטאָמע.

אף אזא ענטפער האָב איך זיך בעפּײרעש ניט געריכט.

— איר האָט קימאַט װי געטראָפן, — רוף איך זיך צו אים אָן, — איך פאַרגרײט אָבער אָן אַנדער סאָרט רױװאַרג.

דערהערט, װאָס פאַר א רױװאַרג איך פאַרגרײט אין די שטעטלעך, זײַנען זײ צו מיר בײדע צוגעשטאַנען, איך זאָל נאָר מיטגײן מיט זײ אינעם אײַזנבאַנער־פּאַרק, פונװאַנען ס'האָט זיך שױן געהערט דאָס שפּילן פונעם בלאָז־אָרקעסטער. זײ האָבן דערבײַ געמאַכט א כעזשבן, אז איך האָב הײַנט ביכלאַל ניט װאָס צו טאָן אין קאַזאַטין.

— קאַזאַטין איז הײַנט אין פּאַרק, אױב ניט גאַנץ, איז האַלב קאַזאַטין אף זיכער. און ס'איז די האַלב, בא װעלכער איר קענט אָנזאַמלען אזױפיל רױװאַרג, אז איר װעט עס מיט קײן עלעקטראָװאָז ניט פאַרנעמען. אָט זאָל זאָגן כאַסקל. ער איז בא אונדז אָן אױטאָריטעט. מאַשיניסטן זײַנען בא אונדז שטענדיק געװען אױטאָריטעטן. ניט אזױ, כאַסקל?

— יאַנטל, לאָז צורו! — און צו מיר: — װאָס זײַט איר געבליבן שטײן?

מאַך איך זײ אױך א כעזשבן, פאַרװאָס איך מוז זיך אָפּזאָגן פון דער אײַנלאַדונג פאַר־ברענגען דעם הײַנטיקן אָװנט אין פּאַרק. איך בין פּאַשעט געענגט אין צײַט. איך װײַז זײ דערבײַ מײַן בילעט, װאָס איז גילטיק בלױז ביז איבערמאָרגן.

— אַנו, גיט מיר אים, זײַט מוכל, אַהער, — און יאַנטל לײגט ארײַן דעם בילעט צו זיך אין קעשענע, — זײַט רויִק. איר װעט, כאָלילע, צופוס קײן זשמערינקע ניט גײן. איר האָט זיך ניט װאָס צו אמפּערן מיט מיר, איר װעט בא מיר מיט קויעך דעם בילעט ניט אָפּנעמען. און

אויב איר וועט שטאַרק סקאַנדאַליעווען, זאָג איך דער קאַסירשע, זי זאָל אײַך ביכלאַל ניט קאָמפּאָסטירן דעם בילעט, און איר וועט זיצן בא אונדז אין קאַזאַטין, וויפל מיר וועלן שוין וועלן.

— הערט, — רוף איך זיך אָן צו יאָנטלען, — אײַער פאַמיליע איז ניט ווײַנשטיין?

— וואָס עפּעס גאָר ווײַנשטיין?

— און איר האָט קיינעם ניט אין פּעטשאָרע?

— אין פּעטשאָרע?

— ווײַל אין פּעטשאָרע איז זיך מיט מיר פאַרלאָפן פּונקט אַזאַ געשיכטע און דער פּעטשאָרער ווײַנשטיין איז ווי צוויי טראָפּן ענלעך אָף אײַך.

— אַנו, מאָלט אים מיר נאָר אויס. עפּשער איז עס טאַקע מײַנער אַ קאָרעוו. ווי, זאָגט איר, איז זײַן פאַמיליע? ווײַנשטיין? און וואָס איז עס פאַר אַ געשיכטע?

דערצייל איך זיי די געשיכטע, וואָס איז זיך מיט מיר פאַראיאָרן ווינטער אין דער ווײַטער צאָפּנדיקער שטאָט פּעטשאָרע.

(פאָרזעצונג קומט)

כראָניק

טעאַטער און עסטראַדע

עס זינגט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש

מיט אַ נײַער פּראָגראַם פון רוסישע און ייִדישע זינג־לידער איז אין מאָסקווער קאָנצערט־זאַל אָף טשײַקאָווסקיס נאָמען אַרויסגעטראָטן דער פאָרדינסטפולער אַרטיסט פון דער רעפּובליק, לאַורעאַט פון דער מעלוכע־פּרעמיע מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש. די ערשטע אָפּטיילונג פונעם קאָנצערט האָט דער זינגער אָנגעהויבן מיט דער ליד „לענינען געדענקט די פּלאַנעטע“ — מוזיק פון קאָמפּאָזיטאָר נאָוויקאָוו, ווערטער פון ל. אָשאַנין.

מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש האָט מיט גרויס מײַסטערשאַפט אויסגעפילט אַ ריי ייִדישע לידער: „לייג דײַן קאָפּ אָף מײַנע קני“, „דרײַ ייִנגעלעך“ — מוזיק ל. בירנאָוו, „מוישעלע מײַן פרײַנט“ פון געבירטיג, „קלעזמער־שפּיל“ — מוזיק בלעכאַראָוויטש, „לעב איך!“ — מוזיק ליכטענשטיין, די פאָלקסליד „דאָס פּאַסטעכל“ אין דער מוזיקאַלער באַאַרבעטונג פון ל. קאָגאַן אאַ.

אַ גאַסטראָל־רײַזע איבער ווײַסרוסלאַנד

אָף די גאַסן פון מינסק, מאָהילעוו, האָמעל, באָברויסק האָבן זיך באַוויזן פאַרביקע אַפישן פון דעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל, וועלכער האָט דורכגעמאַכט אַ גאַסטראָל־רײַזע איבער די שטעט און שטעטלעך פון דער ווײַסרוסישער רעפּובליק.

די אויפטריטן פון די מאָסקווער אַרטיסטן האָבן באַקומען גוטע אָפּרופן פון די צושויער און פון דער אָרטיקער פּרעסע.

צום ערשטן מאָל באַטייליקן זיך אין די ספּעקטאַקלען די נײַאָנגענומענע יונגע אַרטיסטן פון דער טרופּע.

לענינגראַדער ייִדישער אַנסאַמבל אין לוואָוו

בא פולע אָנשלאָגן זײַנען אין לוואָווער קולטור־פּאַלאַץ אָף גאַגאַרינס נאָמען דורכגעגאַנגען די קאָנצערטן פונעם לענינגראַדער ייִדישן אַנסאַמבל.

רעזשיסער פון דער פּראָגראַם „לעקאָוועד יאָמטעוו“ איז דער באַוווּסטער אַרטיסט א. נוגער, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן אויך אַלס אויספירער.

די אַרטיסטקע עסטער רויטמאַן האָט אין דער סצענע „אַ ווײַב מיט נערוון“ (אינסצענירט לויט שאָלעם־אַלייכעמען פון אַראָנעסן) מיט דערפאָלג אויסגעפילט די ראָלן פון קיילע־ביילע און פון דער שאַדכנטע.

אָריגינעל קלינגט די מוזיק צו דעם קאָנצערט, וואָס עס האָבן געשאַפן ס. טאָמבאַק און ס. פריידנבערג.

ס. גרוזבערג

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
ראַנג פון קונסט

ארן ראסקין

עס ווײַזט דאָס לעבן

(וועגן י. פאַליקמאַנס ראָמאַן „דער שוואַרצער ווינט")

1

צוויי שטימונגספולע בילדער, וועלכע זײַנען געבויט אויף דעם קאָנטראַסט צווישן קריג און פרידן, פירן אונדז ארײַן אין דער אַטמאָספער פונעם ראָמאַן.

„הויכע זונרויזן האָבן זיך געוויגט אין געדיכטן איבערגעצײַטיקטן ווייץ. גלײַך פון אײַנגעפאָרענעם סטעפּישן וועג האָבן זיי זיך אוועקגעצויגן אין פעלד און געטיילט עס ווי אַפּצווייען. אַ פּאַנצערמאַשין, אָן ארומגעשטעקטע מיט אַקאַציע־צווײַגן ביזן אָפענעם אייבערשטן טורעם, פון וועלכן ס'האָט ארויסגעקוקט אַן אָפיצער, האָט ראַשיק זיך ארויסגעריסן פון ניט קיין טיפן טאָל און, לאָזנדיק אַפּן וועג אַ וואָלקן שטויב, אין פולן לויף, דאָ, בײַ די זונרויזן, פאַרקערעוועט אין דער טוווּע".

„פאַרשײַטע סטעפּ־ווינטן האָבן געטראָגן מיט זיך דאָס קוים מערקבאַרע שיקערלעך־גרעזאַלצענע גערוך פון יאַם, ווי אויך שטראָמען דופטיקע, זיסלעכע רייכעס פון רײַף ווערנדיקע באַשטאַנען און ווײַנגערטנער. אין שטילע מינוטן האָט זיך געהערט דאָס פליסטערן פון שווערע, שטעכיקע זאַנגען ווייץ, וואָס שיטן אויס זייערע קערנער אין דער צעטראַסקעטער ערד.

דאָרעם. ניט ווײַט פון אָדעס און גאָר נאָענט צום דניעסטער, וואָס זײַנע ברעגעס האָבן די דיוויזיעס ערשט פאַרלאָזט".

שיינע שטילקייט פון פרידלעכע פעלדער, וועלכע ווערט צעשטערט דורך דעם רויש פון אַ פּאַנצערמאַשין, וואָס רײַסט זיך ארײַן אין דער געדיכטעניש פון איבערגעצײַטיקטער טוווּע; רײַף ווערנדיקע באַשטאַנען און ווײַנגערטנער, וועלכע אונדזער מיליטער איז געצוווּנגען צו פאַרלאָזן, — אַזוי הייבט זיך אָן די עקספּאָזיציע פון י. פאַליקמאַנס ראָמאַן „דער שוואַרצער ווינט", פון וועלכער ס'טוט גלײַך אָן אָטעם אויף אונדז מיט דער גרויליקער וואָר פון „סאָף יול טויזנט נײַן הונדערט איין און פערציק".

גלײַך נאָך די דאָזיקע בילדער קומט אַ שטאַרק דראַמאַטישער עפּיזאָד, דורך וועלכן דעם מעכאַבער געלינגט איבערצוגעבן די אָנגעגליטקײַט און געשפּאַנטקײַט פון יענע גרויזאַמע טעג, ווען אונדזער אַרמיי איז אין רעזולטאַט פונעם אומדערוואַרטן אָנפאַל פון די פאַשיסטישע האָרדעס געניייט געווען זיך צוריקציִען.

אָט איז דער עפּיזאָד:

דער מאַיאָר דאַניִעל קרעמעז קערט אום צוריק רויט־אַרמייער, וועלכע לויפן, געיאָגט פונעם סוינע. ווען ער פּרוּווט צוריקהאַלטן איינעם אַן עלטערן סערזשאַנט, שטויסט ער זיך אָן אויף אַ ווידערשטאַנד פון זײַן זײַט.

„אַ פּאַרסאָפּעטער, אין אַ צעכראַסטעטער גימנאַסטיאָרקע, וואָס איז צעריסן געווען ביזן פּאַס, מיט סימאָנים פון ערד און בלוט אויף די שמאָלע גאַליפע, האָט דער עלטערער סערזשאַנט געמאַכט נאָך איין שפּאַן און פון קאָפּ ביז די פיס אָפּגעמאָסטן דעם קאָמאַנדיר: יענעמס אוניפאָרם איז געווען נײַ, עס האָבן געגלאַנצט די מעשענע שפּראָנצקע פונעם רימען, די פּאָרטופּייעס, דער דאַשעק.

— צוריק? — האָט דער עלטערער סערזשאַנט פאַרביטערט־שטיל איבערגעפרעגט, — און איר זײַט שוין דאָרט געווען?!

דער מאַיאָר האָט אַ בליק געטאָן אויף יענעמס שווער אָטעמענדיקער האָריקער ברוסט, אָנגעשטרענגט און עטוואָס אַ הייב געטאָן די האַנט, וואָס האָט געהאַלטן דעם פּיסטאָלעט, נאָר איינציײַטיק איז אָט די שווער אָטעמענדיקע ברוסט, אויף וועלכער עס האָבן געגלאַנצט ריטשקעלעך שווייס, אים אויסגעקומען, ווי זײַן אייגענע. ער האָט נאָר אַ מינדסטע ווײַלע געוואַקלט זיך..."

אָט די מינדסטע ווײַלע פון וואַקלונג האָט געהאָלפן דעם מאַיאָר אויסצומײַדן אַ גרויסן פעלער. דער עלטערער סערזשאַנט, וועמען דאָס צוריקציִען זיך פון אונדזערע טיילן האָט געבראַכט צו פאַרצווייפלונג, האָט אין דער אַנטשיידענער מינוט זיך ארויסגעוויזן אויף דער הייך פון זײַנע פליכטן. ווען ער האָט מיט אַ רעגע

שפּעטער דערזען, ווי א פאַרעטער האָט זיך גענומען צילן אין מאַיאָר, האָט ער „בליצשנעל זיך געגעבן א קערעווע אויס, א הייב געטאָן דעם אווטאָמאַט, און מיט די ווערטער: „אָך, דו שלאַנג, אין אונדזערע שיסטו גאָר!" ארויסגעלאָזט א קוילן־רייַ. יענער מיטן אָנגע־צילטן פּיסטאָלעט... האָט א מאַך געטאָן מיט די הענט און איז אף א זייַט געפאַלן אין ווייַץ..."

נאָכדעם האָט דער עלטערער סערזשאַנט זיך מיט א זידלערייַ א לאָז געטאָן אנטקעגן די דייַטשן און א ריס געטאָן מיט זיך די אנדערע רויטאַרמייער, וועלכע זייַ־נען ערשט ניט לאַנג געלאָפן פון שלאַכט־פעלד.

אזא איז די עקספּאָזיציע פונעם ראָמאַן „דער שוואַר־צער ווינט". זי פירט אונדז גלייַך ארייַן אין דער סאַמע געדיכטעניש פון די געשעענישן.

די ווייַטערדיקע שילדערונג ווערט געפירט אין צוויי פּלאַנען, וועלכע בייַטן זיך, פאָלגנדיק לויט דער ריי איינער נאָך דעם צווייטן. דער ערשטער פּלאַן — דער העלדישער קאַמף מיטן סוינע אף די פראָנטן, דער צווייטער — די ליידן און דער ווידערשטאַנד פון די, וואָס זייַנען פארבליבן אין די פארנומענע מיצאַד די פאַשיסטן געביטן. ביידע סוזשעטישע ליניעס זייַנען ענג געקניפּט צווישן זיך, ווייַל ענג פארבונדן איז דער גוירל פון די שלאַכטלייַט מיט דעם שיקזאַל פון די, וואָס זייַנען פארבליבן אין דער היים.

דער ראָמאַן איז רייַך מיט געשעענישן, דאָך געלינגט דעם מעכאַבער זיי האַרמאָניש צו גרופּירן, אזוי אז די ארכיטעקטאָניק פונעם ווערק צייכנט זיך אויס מיט איר איינהייַטלעכקייַט און גאַנצקייַט.

2

די מילכאָמע־טעמע איז ניט קיין נייַע אין פאַליק־מאַנס שאַפן. דער שרייַבער, וואָס איז פרייַוויליק אוועק אפן פראָנט און האָט אלס מיליטערישער קאָרעספּאָנ־דענט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן קריג, האָט געשאַפן א ריי קריגס־נאָוועלן און דעם ראָמאַן „די שייַן קומט פון מיזרעך", אין וועלכע ער האָט זיך פארעקאָמענדירט אלס פּייַקער שילדערער פונעם מילכאָמע־שטייגער, פון די פרייַדן און ליידן פון די העראָישע פארטיידיקער פון אונדזער היימלאַנד אין דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע.

אינעם נייַעם ראָמאַן „דער שוואַרצער ווינט" ווייַזט פאַליקמאַן ארויס ניט נאָר ברייטן פארשטאַנד פאַר די היסטאָרישע פּראָצעסן, נאָר אויך אויסגעוואַקסענע רייַפ־קייַט אלס קינסטלער. ער פירט ארויס א גאַלעריי גע־שטאַלטן פון פּאַשעטע סאָוועטישע מענטשן, וואָס זייערע רייַכע מאָראַלישע אייגנשאַפטן האָבן זיך אנטפּלעקט אין פייַער פון די שלאַכטן. דער עלטערער סערזשאַנט זעמ־ליאַניצין, מיט וועמען מיר באַקענען זיך שוין אף די ערשטע זייַטלעך פונעם ראָמאַן, דער יעפרייטאָר איוואַל־גין, דער סאָלדאַט קאַראַטייַ, דער לייטענאַנט ראַזשעפּ־קין, די מעדשוועסטער ליובע דובאָק און צענדליקער אנדערע — זיי אלע זייַנען געוויזן יעדערער מיט זייַן גוירל, מיט זייַן כאַראַקטער.

פארשיידנאַרטיק איז די גאַלעריי געשטאַלטן פון די סאָוועטישע קאָמאַנדירן, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער פּראָסטקייַט, טיפער מענטשלעכקייַט, גרויסער איבערגעגעבנקייַט צום פאָלק. עס טיילט זיך אויס דאָס געשטאַלט פונעם דיוויזיע־קאָמאַנדיר יאַסענעוו.

יאַסענעוו איז א פּייַקער, גוט געשולטער, דערפאַרע־נער מיליטערישער אָנפירער. א רויקער, א באַדאַכטער, פאַרלירט ער זיך ניט אין די שווערסטע סיטואַציעס, געפינט אַן אויסוועג אין דער סאַמע קריטישער לאַגע. אַן אכרייַעספולער, שטענדיק אף דער הייך פון זייַנע אופגאַבן, פאַרלאָזט ער זיך קיינמאָל ניט אף זיך אליין, הערט זיך צו צו דער מיינונג פון די ארומיקע, ניט נאָר אָפיצערן, נאָר אויך פּראָסטע סאָלדאַטן, צו וועלכע ער באַציט זיך ווי א פאָטער.

אינטערעסאַנט איז דאָס געשטאַלט פונעם קאָמאַנ־דיר פון פּאָלק דאַניִעל קרעמעז, וואָס איז פארטראַכט אלס איינס פון די הויפּט־געשטאַלטן אין פאַליקמאַנס ראָמאַן־עפּאָפּיי. א בוילעטע פאַרשטעלונג וועגן אים באַקומען מיר שוין אין דער עקספּאָזיציע, אין דעם עפּיזאָד, וועלכן מיר האָבן אויבן געבראַכט. אין דער דאָזיקער דראַמאַטישער סצענע אנטפּלעקן זיך די ווי־טיקסטע שטריכן פון דאַניִעלס כאַראַקטער: דאָס שטאַרק אנטוויקלטע בא אים אכרייַעס־געפיל, זייַן טיפע מענטש־לעכקייַט. פאַליקמאַן ווייַזט אונדז זייַן העלד אין א גאַנ־צער ריי קאָמפּליצירטע סיטואַציעס, פון וועלכע דער מאַיאָר גייט ארויס אלס זיגער, און ניט נאָר אדאַנק זייַן מיליטערישער געשולטקייַט און דערפאַרונג, נאָר אויך אדאַנק דעם גרויסן אווטאָריטעט, וועלכן ער האָט דערוואָ־בערט בא די זעלנער מיט זייַן מוסטערהאַפטער מאָראַ־לישער אופפירונג, פּרינציפּיעלקייַט, שטענדיקער גרייט־קייַט מאַקריוו צו זייַן דאָס אייגענע לעבן פאַר דער אים אָנגעטרויטער זאַך.

דאָך, שייַנט אויס, האָט זיך דאָס געשטאַלט פון דאַניִעל קרעמעז באַקומען א ביסל איינזייַטיק. דאַניִעל איז ווייניק געוויזן אויסער זייַנע דירעקטע מיליטערישע אָנגעלעגנ־הייַטן, פּראָסט אלס מענטש, אין זייַנע אינטים־מענטש־לעכע פארהעלטענישן. זייַן געפילן־וועלט איז ניט גענוג אופגעדעקט, כאָטש אים איז אויך ניט פרעמד, ווי אנ־דערע פאַליקמאַנס געשטאַלטן, דער זעלבסט־אנאַליז: פון צייַט צו צייַט גיט ער זיך א גריבל אין די אייגענע עמפּינדונגען. זייַנע רעפלעקסיעס זייַנען דעריקער פאַר־בונדן מיט טשאַרנע סעגאַל, זייַן ערשטער ליבע. דאָך איז זייַן באַציִונג צו איר ניט אינגאַנצן אויסגעקלאָרט. זי איז, אָן צווייפל, אים טיף אייַנגעבאַקן אין הארצן, נאָר ער דערשטיקט מיט גוואַלד זייַנע געפילן צו איר און טראָץ זייַן ווילן פארשאַפט ער לייד א מענטשן, וועל־כער איז אים נאָענט און ליב.

אָט איז איין בייַשפּיל פון דאַניִעלס א יישעוו־האַדאַעס אין באַצוג צו טשאַרנען:

„עפשער פרעגן אף איר קוקאַרינען? וואָס, אייגנטלעך, מייַד איך זי אויס? די פראַגע איז אופגעקומען, נאָר דאַניִעל האָט געהאַט אף איר א גרייטן ענטפער: „אזוי איז בעסער". שוין ניט איין מאָל האָט ער זיך געשטעלט די דאָזיקע פראַגע. און אלעמאָל בא זיך באַשלאָסן: „אזוי איז בעסער". אין מעשעך פון די צוויי כאַדאָשים זינט זייער געמיינזאַמער וועטשערע אין דער פויערשער גאַר־ניצע האָט ער עטלעכע מאָל געזען טשאַרנען פונווייַטנס. ער האָט אָפּט איבערגעקלערט וועגן איר, באַזונדערס בייַסן שווערן מאַרש פון מעליטאָפּאָל, ווען מע האָט קוים אויסגעמיטן א נייַע ארומרינגלונג, נאָר אָפן קיין שום זאָרג וועגן איר ניט ארויסגעוויזן"...

דער שרייַבער האָט אזויאַרום אין די סאַמע שאַרפע פּסיכאָלאָגישע קאָליזיעס באַוואָפנט זייַן העלד מיט א „גרייטן ענטפער", מיט אַן „אזוי איז בעסער". דער דאָ־

זיקער באשטימטער „דיקטאט“ פונעם מעכאבער לעגאבע דער אופירונג פון זײַן העלד האמעוועט אין א געוויסער מאָס די נאטירלעכע אנטוויקלונג פון דאניִעלס כאראקטער, פאראָרעמט אים, רויבט בא אים אוועק די נייטיקע פאר א לעבעדיק קינסטלעריש געשטאלט פולבלוטיקײַט.

אויב דאניִעל קרעמעז איז געגעבן דעריקער באם אויספילן זײַן געזעלשאפטלעכע פליכט און איז קימאט אינגאנצן אויסגעטאָן פון אנדערע מענטשלעכע באציִונגען, איז טשארנע, פארקערט, געוויזן דעריקער אין איר אינטימער געפילן־וועלט.

טשארנע סעגאל ציט צו דעם לייענער מיט דער אומיטלבארקײַט פון איר נאטור, מיט איר פרוייִשער צארטקײַט, לעבנספרייד, גאנצקײַט פון געפיל. אָבער זי לעבט בא דעם מעכאבער נאָר אין איר ליבע צו דאניִעלן, זי איז קימאט אינגאנצן אויסגעשלאָסן פון אלע אנדערע לעבנס־פארהעלטענישן; אלץ, וואָס געשעט אין ארום (און עס געשעט גרויזאמס, שרעקלעכס!), האָט צו איר, צו טשארנען, א קנאפע שײַכעס. ערגעץ אין די אָקופירטע געביטן איז פארבליבן איר זון שוניע, נאָר זי דערמאָנט זיך אָן אים זעלטן. עס באקומט זיך דער אײַנדרוק, אז די טרויעריקע יעדיִעס, וואָס דערגייען צו איר פון דער אָקופירטער היים, רעגן זי ווייניק אוף. אויך דאָס, וואָס קומט פאָר דאָ אפן פראָנט, גייט איר קנאפ אָן. איר עצעם זײַן דאָ ווערט דיקטירט הויפזאכלעך מיט דעם ווילן זיך צו געפינען אין דער נאָענטקײַט פון דאניִעלן. אפילע איר ארבעט אלס קאָרעקטאָר אין דער ארמיי־צײַטונג באפרידיקט זי, ווי עס שײַנט, נאָר אף אזויפיל, אף וויפל זי קען דערמיט נויטע־כיין זײַן בא דאניִעלן. דערבײַ פירט זיך די דאָזיקע פרוי, וואָס האָט שוין א גרויסע לעבנס־דערפארונג, אָפט אוף ווי א נאַיִווע מיידל, וואָס לעבט איבער איר ערשטע ליבע. ניט נאטירלעך און קינדיש זײַנען אירע שטענדיקע כקירעס אף דער טעמע: „ער ליבט, אָדער ניט“.

פאליקמאן האָט ליב דעם אינערלעכן מאָנאָלאָג, און ער ברויכט אים אָפט באם אופדעקן דעם געמיט־צושטאנד און די געפילן־וועלט פון זײַנע העלדן. עס געהערט, בעלי־סאָפעק, צו איינעם פון זײַנע שעפערישע פארדינסטן. צײַטנווײַז אָבער כאפט ער איבער די מאָס, און וואָס „צו“ איז, ווי מע זאָגט, איבעריק. עס טרעפט, אז דאָס פסיכאָלאָגישע געמעל באקומט זיך א ביסל מעטושטעש, מאכמעס עס איז איבערגעלאָדן מיט נעשאָמעגריבלערײַ. אין אזעלכע פאלן פארלירט זיך דער לייענער אינעם געפילן־לאבירינט פון די העלדן און אים איז שווער זיך פאנאנדערצוקלײַבן אין די פארהעלטענישן צווישן זיי. אָט איז א בײַשפיל:

„טשארנע האָט ניט געוווּסט, אז כאָטש ביכלאל איז זי געווען גערעכט, איז זי אין די מינוטן פאָרט ניט גערעכט געווען. ווײַל גראָד איצט, ווען דאניִעל איז געגאנגען לעבן איר און געשוויגן, איז זי אים אי טײַער, אי נאָענט געווען, קימאט אזוי ווי אמאָל, און אויב עפּשער אנדערש, איז ווײַל זי איז געוואָרן אן אנדערע. אָבער זי האָט עס ניט פארשטאנען, ניט דערפילט, כאָטש ער האָט זי אָנגערופן און זײַן קאָל האָט א ווארעמען ציטער געטאָן, אזוי ווי זי האָט עס געוואָלט דערהערן אינעם ערדשטיבל, זאָל זײַן אפילע, אז געקומען איז עס ניט דורך פרייד, נאָר דורך פײַן, און עפשער טאקע איז ער געווען ניט דער, ווען זי האָט געקאָנט פארשטיין ביזן סאָף“.

דאָס טשארנע־געשטאלט איז בעפייִרעש איבערגעלאָדן מיט רעפלעקטירנדיקן זעלבסט־אנאליז.

אין די לעצטע קאפיטלען באווײַזן זיך איניקע נײַע שטריכן אין טשארנעס כאראקטער, און עס ווילט זיך האָפן, אז אין די ווײַטערדיקע טיילן פון דער עפּאָפּיי וועט דער שרײַבער פארטיפערן די סאָציִאל־פסיכאָלאָגישע כאראקטעריסטיק פון דעם דאָזיקן אינטערעסאנט פארטראכטן געשטאלט.

די שילדערונג פון טשארנעס ליבע צו דאניִעל קרעמעזן געהערט צו דער ליריש־ראָמאנטישער ליניע אינעם ראָמאן. ווי אין פאליקמאנס פריִערדיקע ווערק, שפירט זיך אין „שווארצן ווינט“ אן אויסגעשפּראָכענע נייגונג צו לירישער ראָמאנטיק, וועלכע גייט דאָ באנאנד מיט ברייטער עפישקײַט און געשפאנטן דראמאטיזם. מיט ווייכן ליריזם זײַנען געמאָלט ניט נאָר דאניִעל און טשארנע און זייער ליבע, מיט לירישער ווארעמקײַט איז, צום בײַשפיל, געצייכנט דאָס געשטאלט פונעם סאָלדאט קאראטײַ, פול מיט ראָמאנטישן כיין איז די שילדערונג פון דער ליבע צווישן דעם לייטענאנט איגאָר ראזטשעפקין און דער מעדיצינישער שוועסטער ליובע דובאָק, א ליבע, וואָס באהעלט מיט יאָמטעוו דעם גרויזאמען טאָג־אויס טאָג־אײַן פון די יונגע העלדן.

3

מיט טיפסטן ליריזם זײַנען אויך באהויכט די בילדער פונעם טראגישן גוירל פון די פארבליבענע אין די אָקופירטע געביטן. דער שרײַבער שטייט דאָ ניט אין א זײַט אלס פאסיווער באאָבאכטער, ער לײַדט און קעמפט צוזאמען מיט זײַנע העלדן.

ווי אין דער שילדערונג פון די באטאלישע סצענעס, אזוי אויך אין דער באשרײַבונג פון דער פאשיסטישער הערשאפט אין די אָקופירטע געגנטן, איז פאליקמאן טרײַ די היסטאָרישע פאקטן. געלונגען זײַנען געצייכנט, צום בײַשפיל, די פיגורן פון די פאשיסטישע הענקער (הימלער, אייכמאן אא.). דאָ פילט זיך באם אווטאָר א סאטירישע טענדענץ, וואָס דערגייט צומאָל ביז גראָטעסק.

אין די בילדער, אין וועלכע ס׳ווערט געוויזן די טראגיק און העראָיִק פון דער באפעלקערונג, וואָס איז פארבליבן אין די אָקופירטע געביטן, לאָזט זיך פילן דעם שרײַבערס כוש פאר מאסן־פסיכאָלאָגיע. די קאפיטלען, וואָס זײַנען געווידמעט דער בארבארישער אויסראָטונג פון דער ייִדישער באפעלקערונג אין ליובאטש, דער טראגעדיע פון באבי־יאר, געהערן בעלי־סאָפעק צו די שטארקסטע אין ראָמאן.

די טרויעריקע דעפילאדע צום באבי־יאר פון א גרויסער מאסע מענטשן, וועלכע מע האָט אָפּגענארט און אומגעבראכט, איז געשילדערט אזוי פלאסטיש־אָנשוילעך און דערבײַ אזוי עמאָציִאָנעל־רעגנד, אז זי דערשיטערט דעם לייענער. די גרויסע פילקעפיקע און בונטע מאסע ווערט אינדיווידואליזירט אזוי, אז מיר זעען מאמעש, שפירן באשײַמפערלעך די באזונדערע גרופּן אין איר און אפילע באזונדערע פערזענלעכקײַטן — יעדע מיט איר וועלט־באנעם, פסיכאָלאָגיע, כאראקטער־אייגנשאפטן. דער פּראָפעסאָר גורארי, צאלע וואָלאך, יאָסיף מארקוס, דאָס רירנדע פּאָרפאָלק טיכאָן וואסיליעוויטש און דאָקיא סטאסאָוונא, וואָס לאָזן זיך צום באבי־יאר צוזאמען מיט דעם פון זיי געפעסטעטן און געכאָוועטן ייִדישן ייִנגל

עדיק, צענדליקער אנדערע, פלאסטיש געמאָלטע געשטאלטן פארקריצן זיך אף שטענדיק אין זיקאָרן.

פאליקמאן מאָלט די ענדערונגען אין געמיט־צושטאנד פון דער מאסע, וואָס ווערט געטריבן צום באבי־יאר. צוערשט גלייבט מען, אז מע איז אוועק פון דער היים בלויז אף א קורצער צײַט און מע וועט זיך איינגיכן בעשאָלעם צוריקערן. אָפגעריסענע שטיקער דיִאלאָג גיבן איבער די פסיכאָלאָגיע פון פארשיידענע מענטשן:

„— נו, א קאָפּ! געוואָלט ארויסנעמען דער מאמעס פאָטאָגראפיע פון רעמל, און טאקע אוועק אָן איר!

— אמער איך געדענק ניט — כ'האָב פארמאכט די פאָרטאָטשקע אין עסצימער צי ניט!

— וואָס איז עס פאר א קינד, איך פרעג אײַך! פון דער סאמע היים האָב איך געטראָגן דעם טשײַניק און גאָרנישט. זי האָט אים נאָר גענומען, און שוין צעשניטן א פינגער... ווי וועט זי שפילן, הא?

— ביז מע וועט נאָך קומען אף אָן אָרט... עס וועט זיך פארהיילן...

— איך האָב געהערט, עס וועט זײַן א געטאָ. וואָס הייסט עס?"

ביסלעכווײַז גאנווערט זיך אָבער ארײַן דער צווייפל. אונטער דער ווירקונג פון די שוידערלעכע פאקטן, מיט וועלכע מע שטויסט זיך צונויף, צעוואקסט ער זיך אלץ שטארקער, ביז דער גרויזאם־שרעקלעכער עמעס שנײַדט דורך ווי א בליץ דאָס באוווסטזײַן — דאן ברעכט אויס די פאניק, די פאניק פון טויזנטער, פאר וועלכע עס איז שוין קיין רעטונג ניט פאראנען.

„...איינוקע זײַנען דאָ פאר אלעמען אין די אויגן מיטאמאָל גראָוו געוואָרן, אנדערע האָבן געריסן אף זיך די קליידער, געדראפעט זיך דאָס פּאָנעם, געוויינט. מע האָט גאָרנישט ניט געוווסט, און מע האָט שוין אלץ געוווסט און דאָך ניט געגלייבט, אז אזוינס קאָן געשען. נאָר ווּ אהינטאָן זיך, איז ניט געווען, אפילע אף צוריק זיך דורכשטופּן האָט מען ניט געקאָנט. סײַדן — אײַנגעזונקען ווערן, ארײַן אין דער ערד..."

אין מינוטן פון פּײַן און פארצווייפלונג ווערן געבוירן העלדנטאטן, ברעכן אויס אקטן פון נעקאָמע און ווידערשטאנד. ווען איינער פון די פּאָליצײַען האָט מיט אן אופגעהויבענעם פויסט זיך א וואָרף געטאָן אף דעם פאבריקמאכער סעניע נאכשן, בא ווען מע האָט נאָרוואָס געטויט דאָס קינד, וואָס ער האָט געהאלטן אף די הענט, האָט ער ארויסגעכאפּט פון בוזעם־קעשענע א בריטווע און „מיט א געניטער באוועגונג פון די פינגער זי צעעפנט און פון אונטן ארוף דערלאנגט מיט דער שארף איבערן האלדז פון אָט דעם מיטן קרומען אייגל. ס'האָט א שפריץ געטאָן בלוט..." אבע ניבאָרסקי האָט מיט א פרענטל געטראָפן אין קאָפּ אן עסעסאָווען, צוגענומען בא אים דעם אווטאָמאט און געלאָזט זיך לויפן צום יאר, אומברענגענדיק אפן וועג עטלעכע דײַטשן. וועגן אבע ניבאָרסקי, וואָס איז דערווײַל אן עפּיזאָדיש געשטאלט, נאָר, גאנץ מעגלעך, אים שטייט פאָר אן אנטוויקלונג אין די ווײַטערדיקע טיילן פון ראָמאן, דערוויסן מיר זיך, אז ער האָט אלס פרײַוויליקער אָנטיילגענומען אין די שלאכטן פאר דער שפּאנישער רעפּובליק. עס איז א מענטש, וואָס „האָט שטענדיק געהאלטן, — ווי עס דערציילט וועגן אים זײַן פרוי סטעפקע, — אז ער טוט ווייניק, אז ער איז נאָך עפּעס שולדיק די מענטשן".

אין דעם געשטאלט פון סטעפקען האָט פאליקמאן פארקערפּערט די גרויסע פארביטערטקײַט פון טויזנטער פרויען און מוטערס, אף וועמעס פּלייצעס עס האָט זיך באזונדערס שווער ארופגעלייגט דער אָל פון קריג. וויפל ווייטעק, צאר און צאָרן פילט זיך אין אירע גאָטסלעסטערישע רייד באם באטראכטן די הייליקע פרעסקעס אין קלויסטער!

„נעוויים! די נעוויים האָט מען אָנגעמאָלט, און זיי שווײַגן, הונדערטער יאָרן שווײַגן זיי! האָסט געקלונגען פאר זייערטוועגן און פאר זייער גאָטס־וועגן, ביסט טויב געוואָרן צו קלינגען, נו! וואָלטן זיי כאָטש א שעפּטשע געטאָן דיר, ווּ איז מײַן מאן, און וואָס וועט זײַן מיט אונדז, און וואָס וועט זײַן מאָרגן..."

אנדערש פאסט אוף די דאָזיקע פרעסקעס אָלגע, דאָניעלס פרוי, וועלכע שטייט צו צו די ווידערשטענדלער אין הינטערלאנד באם סוינע. אין איר געשטאלט האָט פאליקמאן פארקערפּערט דעם טיפן גלויבן אין דער צוקונפט, די גרויסע האָפענונג אין אומפארמײַדלעכן ניצאָכן, וואָס האָט ניט פארלאָזן דעם סאָוועטישן מענטשן אין יענע טעג פון שווערע ניסיוינעס. די פרעסקעס אין קלויסטער רופן בא איר ארויס אנדערע אסאָציאציעס, שטויסן זי אָן צו מאכן גאָר אנדערע אויספירן:

„די שמאָלע פענצטערלעך אויבן, אין די טורעמס האָט פארגאָסן בלויז אן עטוואָס טונקעלע בלויקײַט, נאָר אין קלויסטער האָט זיך שוין געשפרייט אן אָוונטיקע כאָשכעס. אפן פאנאנדערגעוויקלטן פארמעט, וואָס עס האָט געהאלטן אין האנט דער שווארצבערדיקער נאָווי הוישייע, פון וועמען אָלגע האָט די אויגן ניט אָפּגעווענדט, האָט מען שוין ניט געקאָנט דורכלייענען די צוויי אין דער קווער אָנגעשריבענע שורעס, אָבער אָלגע האָט זיי פארגעדענקט:

„ווּ איז, טויט, דײַן גיפט, ווּ איז דײַן ניצאָכן, געהענעם!"

— וואָס הייסט דאָס? — האָט געעגבערט אין אופגערודערטן מויעך. און ערשט שפּעטער, ווען אויך הוישייע מיט זײַן פּארמעט איז קימאט פארוועבט געוואָרן אין דער טונקלעניש, האָט אָלגע פארשטאנען, וואָס דער נאָווי מיינט:

ניין, ניט דער טויט און ניט דער געהענעם זיגן, עס זיגט דאָס לעבן".

4

פאליקמאן פירט ארויס אין ראָמאן א גאנצע גאלעריי העלדן פון פּארטיזאנישער אונטערערד. ארטיאָם, מאקאר ליאלעטשקאָ, וואליע סאנזשארא, ליאָניע קרעמעז, טאניע מארקוס, לידע טאנאגאָז און אנדערע — דאָס זײַנען מענטשן, וועלכע זײַנען גרייט מאקריוו זײַן דאָס לעבן פאר דער באפרײַונג פונעם היימלאנד.

דאָס געשטאלט פון ליאָניע קרעמעז איז אונדז באקאנט פונעם ראָמאן „די שײַן קומט פון מיזרעך". אין דער ווארעמקײַט, מיט וועלכער דאָס געשטאלט ווערט געמאָלט, שפּירט מען, ווי נאָענט עס איז צום הארצן פונעם מעכאבער. דאָך, דאכט זיך אונדז, האָט דאָס דאָזיקע געשטאלט נאָך ניט געפונען זיין טקומע. ס'איז נאָך ניט אינגאנצן קלאָר, וואָס פאר א ראָליע עס איז בארופן צו שפּילן אין דער געשטאלטן־סיסטעם פון ראָמאן, ווײַל לויט דעם אָרט, וואָס עס פארנעמט, פּרעטענדירט עס אף א פּלאץ צווישן די הויפּט־העלדן. ווײַזט אויס, אז דאָס דאָזיקע געשטאלט וועט זיך אנטוויקלען אין זיין גאנצער גרייס ערשט אין די קומענדיקע טיילן. אין

דעם צוזאמענהאנג ווילט זיך ארויסזאָגן אייניקע באמערקונגען.

לויט אונדזער מיינונג, איז ליאָניע צופיל פארוועבט מיט סענסאציע, ער פאלט אריין אין קאָלערליי געפערלעכע, אויסזיכטלאָזע סיטואציעס, און יעדעס מאָל גיט זיך אים איין אלפינעס זיך צו ראטעווען. אין אייניקע שטעלן דערשיינט דער דאָזיקער יונגער מענטש, וואָס האָט שוין הינטער זיך א היפשע לעבנס־דערפארונג, עפּעס צו נאַיִוו, קימאט אינפאנטיליש. פסיכאָלאָגיש ניט מאָטיווירט זיינען, צום ביישפיל, ליאָניעס אייפערזוכט־געפילן לעגאבע טאניע מארקוס. שווער זיך פאָרשטעלן, אז ליאָניע, וואָס האָט גענוג דערפארונג אין אויספילן געהיימע אופטראָגן אין הינטערלאנד באם סוינע, זאָל זיך ניט קענען אָנשטויסן, אז טאניעס באגעגענישן מיט די דייטשן זיינען פארבונדן מיט געוויסע אופגאבן פון דער פארטיזאנישער אונטערערד. דערצו שיינט אונדז, אז ליאָניע איז אויך, ווי טשארנע, א ביסל איבערגעלאָדן מיט נעשאָמע־גריבלעריי, וואָס איז מערסטנטייל פארבונדן מיט זיין ליבע צו טאניען, א ליבע, וועלכע איז, אגעוו, באוויזן בלויז אין זיינע פילצאָליקע אינערלעכע מאָנאָלאָגן.

אין דער גאלעריי געשטאלטן פון די ווידערשטענדלער טיילט זיך אויס וואליע סאנזשארא, א געשטאלט, וואָס איז באהויכט מיט עכטער פאָעזיע און ווארעמען ליריזם. אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור, געווידמעט דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, איז עס קימאט א נייַ געשטאלט.

וואליעס כאראקטער איז געגעבן אין דינאמיק, געוויזן אין דער גאנצער קאָמפּליצירטקייט און ווידערשפרעכלעכקייט.

א טאָכטער פון א באלעגוף, וועלכע האָט זיך דערצויגן אין קיָעוו באם פעטער, איז וואליע געווען גייסטיק אָפּגעפרעמדט פונעם פאָטער. באשאָנקען מיט א שוישפּילערישער באגאבונג, האָט זי, לויט דער נאטור א גענייגטע צו ראָמאנטיק, „געטרוימט וועגן אן אויסערגעוויינלעכער ראַליע... א העראָישער, טיף דראמאטישער, אף וועלכער די האנדלונג האלט זיך“. די מילכאָמע האָט צעשטערט אירע פלענער. ווען דאָס לעבן אין מילכאָמע־צייט, וואָס איז אזוי שווער, אזוי ריזיקאליש פארפלאָנטערט, האָט פאר יעדן סאָוועטישן מענטשן געשטעלט באשטימטע אופגאבן, האָט וואליע פארשטאנען, אז שוין ניט אף דער סצענע, נאָר אין לעבן איז זי בארופן צו שפילן יענע בעעמעס „הערא͏ָישע, דראמאטישע ראָליע“, פון וועלכער זי האָט געטרוימט. טראָט נאָך טראָט האָט זי געטאַפּט דעם וועג צו דער דאָזיקער ראָליע. דער ערשטער שטאפל צו איר איז געווען דער פרווו צו זיין „א פארגליווערטע, א זייטיקע“, וואָס האָט געהייסן פאסיווער ווידערשטאנד, ווייל ער איז געווען געריכטעט קעגן דעם פאָטער דעם בורגאָמיסטער, וועלכער איז געקראָכן פון דער הויט זיך אויסצודינען פאר די דייטשן. דער צווייטער שטאפל — די ראָליע פון דער „שלאָפנדיקער שיינהייט“, וואָס האָט שוין באטייט שטאָלצער כויזעק איבער די בייזוויליקע הערשער. „זי האָט זיך באמיט בלייבן כאָטש אינערלעך אומאָפּהענגיק, באווייזן דעם טאטן, אז זי האָט פאר די דייטשן קיין מוירע ניט, אז זי ווייסט זייערע שוואכקייטן. און דאָס ווידער איז שוין בא איר אריבערגעוואקסן אין בייזער האנאָע — צו זען, ווי אָט די ברויִם, אָט די כייעס לאשטשען זיך צו איר, ווי זי באקומט די מעמשאָלע איבער זיי“.

און פונדאנען — צום לעצטן שטאפל, צו דער עכטער הערא͏ָישער ראָליע, ווען וואליעס אויסטערלישע שיינקייט, אדאנק וועלכער זי האָט „באקומען די מעמשאָלע“ איבער די פאשיסטישע הענקער, ווערט א געווער אין קאמף קעגן זיי. ס׳איז אן אייגנארטיקע פאָרם פון שטרייט, וואָס ווערט געפירט מיט א זייער טייערער פרייז פון פערזענלעכער דערנידעריקונג, פון פארשעמט און פארשאָלטן זיין אין די אויגן פונעם אייגענעם פאָלק...

ניט איין מאָל ווערט וואליע באפאלן פון ייִעש און פארצווייפלונג, פון זעלבסטדערנידעריקונג. נאָר זי געפינט די נייטיקע מוט צו באהערשן זיך. דאָס געפיל, אז זי איז ניט אליין, אז ס׳זיינען דאָ דערנעבן אזוינע מענטשן, ווי מאקאר ליאלעטשקאָ, וואָס האָבן פרייוויליק גענומען אף זיך דעם זעלבן שווערן אָל, העלפט איר גויווער צו זיין אלע שוועריקייטן.

דאָס טיפע פאטריאָטישע געפיל, די עכטע מענטשלעכקייט, וואָס בילדן דעם סאמע אָרגאנישן טייל פון וואליעס כאראקטער, שפּילן ניט קיין קליינע ראָליע אין דעם איבערגעבורט פון איר ברודער אָלעקסע — אן עפּיזאָדיש געשטאלט אין ראָמאן, וואָס איז אָבער געצייכנט מיט קינסטלערישן טאקט.

אָלעקסע, וועלכער האָט זיך דערצויגן אין הויז פונעם פאָטער דעם באלעגוף, האָט אין זיך איינגעזאַפּט דעם טאטנס האס צו דער ראטנמאכט. נאטירלעך איז זיין שטעלן זיך צו דינסט די אָקופּאנטן אלס פּאָליציי. אָבער אין גאנג פון די געשעענישן און אונטער דער האשפּאָע פון זיין שוועסטער וואליע בייט זיך זיין וועלט־באנעם. ס׳קומט פאָר אן איבערברוך אין זיין באוווסטזיין.

ווען אָלעקסע האָט דורכגעמאכט אלע שיווע־מעדורע־גהענעם, געזען מיט זיינע אויגן דעם כייִישן ווילקיר פון די באוואָפנטע ראָצכים לעגאבע א טויזנטקעפּיקער הילפלאָזער מאסע, וועלכע מע האָט מיט גוואלד געטריבן צום באבי־יאר, א ווילקיר, אין וועלכן ער האָט אויך געזאָלט אָנטיילנעמען, האָט זיך אין אים אופגעוועקט דאָס געפיל פון מענטשלעכקייט, וואָס איז יאָרנלאנג געווען דערשטיקט.

אָלעקסע קומט אום ווי א העלד. ער האָט ניט פארפלעקט זיינע הענט מיט דעם בלוט פון זיינע אומשולדיקע ברידער און שוועסטער. ער האָט אויסגעקערט דאָס געווער קעגן די, קעגן וועמען עס האָט געדארפט געריכטעט זיין.

א שווערערע עוואָליוציע מאכט דורך א צווייט געשטאלט אין ראָמאן — קאָנסטאנטין שיבייעוו.

א זון פון א געוועזענעם פאבריקאנט און ווייסגווארדייִשן גענעראל, האָט זיך שיבייעוו בייס דער אָקופּאציע פון אוקראַיִנע געשטעלט צו דינסט די דייטשן. אָבער די ווירקלעכקייט, מיט וועלכער ער שטויסט זיך אָן,ווארפט אום בעהאדראָגעדיק אלע זיינע פריערדיקע פאָרשטעלונגען און אידעאלן. די ווילדע אכזאָריעס פונעם סוינע, די ליידן פון זיין פאָלק, די ליבע צו לידע טאנאגאָז, דער אָנדענק פון דער נאָבעלער, מענטשן־ליבנדיקער מוטער, — דאָס אלץ עפנט אים אוף די אויגן און מאכט אים קלאָר זיין ווייטערדיקן וועג אין לעבן.

א ביסל איינזייטיקער איז געשילדערט דאָס געשטאלט פון נאָך איין סאָוועטישן מענטשן, וועלכער האָט זיך געשטעלט צו דינסט דעם סוינע — דאָס איז יורי טאנאגאָז. ער איז געגעבן ווי א מין „דעמאָן פון בייז“. עס איז א נידערטרעכטיקע באשעפעניש, וואָס איז מעסוגל אף יעטווידן פאראט, ווען ס׳האנדלט זיך אין אפּ־

היטן דאָס אייגענע נעפעשל. א פרעכער מאָסער, אן איבערלויפער צו די דײַטשן בײַס די שלאכטן, אן אגענט פון געסטאפּאָ אין די אָקופירטע געביטן — אזא איז דער לעבנסוועג פון דעם דאָזיקן אויסוואורף.

ליידער איז אין ראָמאן ניט אופגעדעקט דער, אזוי צו זאָגן, סאָציִאלער גענעזיס פון אזא דערשײַנונג, ווי יורי טאנאגאָז. די סוויווע, אין וועלכער ער איז אויסגעוואקסן, די פאמיליע, אין וועלכער ער איז דערצויגן געוואָרן (זײַנע עלטערן, זײַן ברודער און שוועסטער זײַנען איבערגעגעבענע דעם סאָוועטישן פאָלק מענטשן), האָבן ניט געקאָנט דינען אלס פאסיקער באָדן פאר אזא מיִעס ווילדגראָז. מעגלעך, דאָס דאָזיקע געהיימניס וועט זיך אופקלערן אין די ווײַטערדיקע טיילן פונעם ווערק. לאָמיר אָפּוואַרטן א ביסל.

5

פול מיט טראגיק זײַנען די זײַטלעך אין ראָמאן, וואָס זײַנען געווידמעט די ליידן פון די סאָוועטישע מענטשן, וועלכע האָבן געשמאכט אונטער די אײַזערנע שטיוול פון די פאשיסטישע אָקופאנטן. אופטרייסלענדיק ווירקט דער גרויליקער עפּאָס וועגן באבי־יאר. דאָך איז דער ראָמאן פול מיט מונטערן אָפּטימיזם.

פאליקמאנס פאליטרע איז רײַך מיט העלע, ליכטיקע פארבן. צו דעם טרויעריקן רעקוויִעם פון באבי־יאר האָט ער צוגעמישט די זוניקע ליד פון א זויבער־שיינער קינדער־ליבע און דערמיט געמילדערט דעם טראגיזם, ווייכער געמאכט דעם שוידער. די ליבע צווישן עדיקן און עסטערקען, וואָס צעבליט זיך אף די קיִעווער גאסן אין דער סאמע מיט פון אומקום, קומט אוף ווי א שארפער ווידערשטאנד דעם טויט, ווי אן אָנזאָג אפן אייביקן לעבן, וואָס מע קאָן ניט פארניכטן.

דאָס עדיק־געשטאלט איז געצייכנט מיט פארשטאנד פאר קינדער־פּסיכאָלאָגיע.

אין סאמע ברען פון דער צוגרייטונג צו דער טאָטאַלער פארניכטונג פון דער קיִעווער ייִדישער באפעלקערונג, ווען דער פּלאן פון באבי־יאר איז פולקום רײַף געוואָרן און עס האָט זיך שוין געדרוקט דער באפעל, לויט וועלכן אלע ייִדן פון קיִעוו האָבן געדארפט מיט האק און פאק זיך לאָזן אין וועג ארײַן, אין וועג צום אומקום, אין דער זעלבער צײַט האָבן עדיק און עסטערקע פארזוכט דעם טאם פונעם ערשטן אומשולדיקן ליבעקוש... טרעפלעך איז דערבײַ דעם שרײַבערס אָנדײַטונג אף דער ערשטער אומשולדיקער „זינד" פון די ערשטע מענטשן אף דער ערד — סארא קאָלאָסאלער קאָנטראסט צו דעם, צו וואָס דער מענטש האָט זיך דערקײַקלט בײַס דער הערשאפט פון דער ברוינער פּעסט!

דאָס בילד איז געצייכנט מיט דעם „דינסטן פענדזל" פון אן עכטן קינסטלער:

„מע איז געזעסן אף א בוים, א צווײַג בא א צווײַג... געקאלופעט מיט די נעגל און ארומגעביסן מיט די ציין די ביטערע, הארטע שאָלעכץ, דערנאָך, דאָ טאקע אינעם שטאם, צעקלאפּט די ניס מיט שטיינדלעך, וועלכע מע האָט מיטגענומען... פון אָנהייב האָט מען געשפּאסט. דערנאָך בלויז זיך איבערגעוואָרפן מיט איינציקע ווערטער, און וואָס ווײַטער אלץ מער געשוויגן...

מיטאמאָל האָט עסטערקע א לאך געטאָן:

— אוי, סארא שווארצע ציין בא דיר זײַנען! און שווארצע ליפּן!

— און בא דיר, מיינסטו, ניט? אויך שווארץ...

— ווארט! — זי האָט גענומען אריבערקלײַבן זיך פון איר צווײַג אף זײַנער, — ווארט, איך וועל דיר כאָטש ארומווישן א ביסל דאָס פּאָנעם, אנדערש וועט אויך מאָרגן ניט אראָפּ...

זי האָט ארויסגענומען א צונויפגעלייגט טיכעלע פון קעשענע, וואָס איז געווען אָנגענייט אף איר ראָזן קאָפטעלע, דאָרט, ווו די ברוסט האָט עטוואָס א שפּיציקע זיך אָנגעמערקט, אײַנגענעצט א ברעגעלע אין שפּײַעכץ און גענומען רײַבן עדיקס קין, דערנאָך די באקן נאָענט צום מויל. מיט דער פרײַער האנט האָט זי אים געהאלטן און אלץ מער אזוי ווי צוגעצויגן צו זיך. און עפּשער האָט ער אליין זיך געצויגן צו איר? די רעגע, ווען זייערע ליפּן האָבן זיך באגעגנט, האָבןביידע ניט באמערקט, פונקט ווי די לעוואָנע זאָל זיך האָבן אויסגעלאָשן. צי פארקערט — צעפלאקערט זיך מיט אזא העליש פײַער, אז מע איז פארבלענדט געוואָרן. נאָר ניין, זי איז די זעלבע גרינע און שווײַגנדיקע, ווי פריִער, געשווומען איבערן הימל, ווי אין יענע אוראלטע צײַטן, ווען די ערשטע פרוי האָט געגעבן פארזוכן דעם ערשטן מאנצבל די פארווערטע פרוכט..."

און פּאראלעל — א צווייט בילד אלס קאָנטראסט, א בילד, פון וועלכן ס'רעדט פארבאָרגן ארויס דער ווייטעק און סארקאזם פונעם שרײַבער:

„דורכגעלאָזט דעם גענעראל־מאיאָר און דעם בערלינער שטורעמבאנפירורע, איז מאָלטקע זיי נאָכגעגאנגען מאמעש אף די שפּיץ פינגער, און געהערט, ווי אייכמאן, בײַס ער האָט געעפנט די דרויסנדיקע טיר און געווארט, דער קאָמענדאנט זאָל דורכגיין דער ערשטער, האָט אויסגערופן:

— א מין לעוואָנע, גענעראל! א מין ליכטיקע נאכט עס וועט זײַן! גוט! — און געווען איז עס די זעלבע לעוואָנע, וואָס עדיק און עסטערקע האָבן געזען פונעם נוסנבוים..."

א באנײַטער, א באפליגלטער, „א באצויבערטער, א גליקלעכער", האָט עדיק זיך געלאָזט אנטקעגן דעם לעבן נאָך יענער וואונדערבארער לעוואָנע־נאכט. נאָר אנטקעגן איז געגאנגען דער טויט. ווי א פינצטערע כמארע, האָט זיך די טויט־געפאר אָנגערוקט אף אים, אף עסטערקען, אף זייער ליבע, אף אלע נאָענטע און טײַערע מענטשן.

דער קאָשמאר פון באבי־יאר איז פאר עדיקן געוואָרן א שול פון רײַף ווערן. ער האָט געשלאָסן די טויערן פון דער קינדהײַט, געמאכט א סאָף צו די קינדערשע כאלוימעס, אופגעדעקט פארן רײַף־געוואָרענעם ייִנגל די גאנצע קאָמפּליצירטקײַט פונעם לעבן.

אָט אזא דערשײַנט פאר אונדז עדיק אין די לעצטע קאפּיטלען פון ראָמאן. וועלן מיר שוין מיט אומגעדולד ווארטן אף נײַע באגעגענישן מיט אים. מיר האָבן אים ליב באקומען, אונדז אינטריגירט זײַן ווײַטערדיקער לעבנסוועג. און ניט נאָר זײַנער, אויך פון אנדערע העלדן, וועלכע זײַנען אונדז געוואָרן נאָענט און ליב.

דער שרײַבער געפינט זיך מיט זײַנע העלדן אין וועג צו אונדז. לאָמיר אים ווינטשן א גיכן און גליקלעכן אָנקום.

• • •

יאנקעוו שטערנבערג

דער פארקישעפטער שרײַבער

1

אָז שאָלעם־אלייכעם איז ניט געווען קיין אנעקדאָטן־ און וויצן־זאָגער, האגאם דער פאָלקס־וויץ און אנעקדאָט זײַנען אליין צו אים געקומען און אף ניט צו דערקענען אָרגאניש זיך פארוועבט אין זײַן אייגענעם ארט דערציילן, — פארשטייט שוין הײַנט יעדער מער אָדער ווייניקער ליטעראריש־באהאוונטער לייענער. ניין, שאָלעם־אלייכעם האָט קיינמאָל ניט געשריבן אף צו פארווײַלן, איז ניט געווען קיין בעקיוון־אמוזירנדיקער שרײַבער, אין דער זעלבער מאָס, ווי סערוואנטעס, גאָגאָל, טשעכאָוו און אנדערע זייער גלײַכן אין דער וועלט־ליטעראטור זײַנען עס ניט געווען. געשפּרעכן אף דער דאָזיקער טעמע האָבן זיך גענומען דערפון, וואָס אין שאָלעם־אלייכעמס קאסרילעווקע — פונקט ווי אין כעלעם, די „כאכאָמים“־שטאָט, וועלכע עס האָט באשאפן די אנאָנימע פאָלקס־ליטעראטור, — האָט מען באלד דערזען א שפּרודלדיקן קוואל פון הומאָר און ניט באלד באמערקט די אונטערן קאָמיזם דיסקרעט־באהאלטן־ריזלדיקע פּאָעזיע מיט א טיפן פילאָסאָפישן טאָך. עס איז דעריבער ניט צופעליק, וואָס אין דער יידישער ליטעראטור־פאָרשונג באגעגענען מיר אנאלאָגיעס צווישן אָט די ביידע שאפונגען. דער פּרווו צו מאכן פון שאָלעם־אלייכעמען א זיסע פּאָטראָווע, אזא ארט „דעסערט“, א מין גײַסטיקן „אפּיקוימען“ נאָך די קניידלעך איז שוין פון לאנג פולשטענדיק דורכגעפאלן. דער אינטעליגענטער לייענער, ווי דער פּאָשעטער, כאפּט זיך, אז ער ווישט אָפּ א ביגנייווע פון דער טיף פון הארצן ביז צו די אויגן זיך דורכשלאָגנדיקע טרער באם הערן שאָלעם־אלייכעמס פריילעכע געשיכטעס. מיר מוזן זיך אונטערגעבן דער מאכט פון זײַן ספּאָנטאנער ליריק, ווי מיר קאָנען זיך ניט ווערן קעגן דער מאכט פון זײַן ספּאָנטאנעם הומאָר. נאָך מער: דעם עכטן סאטיריקער באפליגלט זײַן פּאטאָס, און דעם עכטן הומאָריסט — זײַן ליריק. דאָס איז אויך — צווישן אנדערע סימאָנים — זײַן סימען־מוווהעק. דאָס ווערט קרעפטיק באשטעטיקט פון שאָלעם־אלייכעמס כאראקטעריסטישע ווערק. אן אויסנאם, קאָן זיך דאכטן, איז זײַן „מענאכעם־מענדל“.

ווײַגן מענאכעם־מענדלען האָט מען זייער ריכטיק באמערקט, אז ער ווערטלט זיך ניט. מע מעג צו דעם צוגעבן, אז ער איז ניט נאָר דער מענטש, וואָס לאכט ניט, נײַערט אז ער איז אויך פרײַ פון לירישע אקצענטן. נאָר מיר, וואָס קוקן אף אים און הערן זײַן בעכיפּאָזנדיקע, „בעקיצער“־שפּראך, מוזן אלעמאָל אָדער א הויכן לאך טאָן, אָדער א טיפן זיפץ טאָן. אין פארגלײַך אָבער מיטן גוטמוטיקן, אפילע ווען ער פילאָסאָפירט, ברייט באריידעוודיקן טעוויען ווייט אף אונדז פון מענאכעם־מענדלען, אין אלגעמיין גענומען, מיט דער „שטומער“, שווער אפן הארץ זיך לייגנדיקער שטימונג פון א ביסטער קיטאָן — דעם צווייטן, קימאט איינצײַטיק מיט טשאפּלינען אופגעקומענעם קינאָ־אקטיאָר, וואָס האָט ארײַנגעטראָגן א טראגישע נאָטע אין זײַנע עקסצענטרישע קאָמעדיעס. אָבער דאָס באשייםפּערלעכע פעלן סײַ פון ליריק, סײַ פון הומאָר אין דער לעקסיק גופע פונעם העלד מענאכעם־מענדל ווערט קאָמפּענסירט מיטן צושטײַער פון זײַן ווײַב שיינע־שיינדל און פון זײַן שוויגער, וואָס באטייליקט זיך אקטיוו מיט איר אונטערגעזאָגטן מײַנעלאָשן אין אלע בריוו פון איר טאָכטער צו איר מאן, דעם „וויסטן שלימאזל“. עס איז, דאכט זיך, קלאָר, אז צום אונטערשייד פון אלע שאָלעם־אלייכעמישע בונטאריש־רוישיקע פּרויען, וועלכע עס פעלט קיינמאָל ניט דאָס פּאסיקע וואָרט און פּאר א נויט אויך די פּאסיקע קלאָלע, — איז שיינע־שיינדל קימאט די איינציקע שטילע טויב, וואָס ווירקט אף אונדז מער ליריש, ווי הומאָריסטיש. די איקערדיקע פונקציע פון הומאָר — כוץ דעם, וועלכער קומט צום אויסדרוק אין די אויסטערלישע פּאסירונגען, אין דער האנדלונג גרפּע, — די פונקציע פון הומאָר אין באקאנטן נוסעך פון שאָלעם־אלייכעמס כאראקטער־רייד, פּאלט אין דעם דאָזיקן ווערק אף אזא אין הינטערגרונט שטייענדיקער פיגור, ווי שיינע־שיינדלס מוטער. נאָר אפילע זי איז שטרענג געצוימט און שטעלט נאָר ארײַן דאָרט, ווו מע דארף, איר אָפּגעטאָקט שפּריכוואָרט, וואָס קלינגט העלער פון אן עכטער גאָלדענער נאפּאָלעאָן־מאטבייע.

דאָס לעכווירעדיקע פעלן פון הומאָר און ליריק ניט אין ווערק „מענאכעם־מענדל“, נאָר אין הויפּט־העלד מענאכעם־מענדל איז געוויס דער גוירעם דערפון, וואָס שאָלעם־אלייכעם האָט זיך דאָ אָפּגעזאָגט פון זײַן באליבטסטער מאָנאָלאָג־פאָרם. וואָרעם מאָנאָלאָג אָן הישטאפּכעס־האנעפעש איז דאָך ניט שײַעך. עס איז דעריבער פאר שאָלעם־אלייכעמען א געוויסע אָפּפרישונג, א נײַע קינסטלערישע האמצאָע די פון אים אין אזא גרויסער, פונדאמענטאלער שאפונג אָנגעווענדטע מאניר פון א בריוו־וועקסל — בריוו פון מענאכעם־מענדלען צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדלען און פון שיינע־שיינדל צו איר מאן מענאכעם־מענדל. די הויפּט־לאסט פון דער טעמע טראָגן, ווי באוווּסט, מענאכעם־מענדלס בריוו. אָבער גראָד זיי פעלט, ווי געזאָגט, דער שאָלעם־אלייכעמישער ווייכער, באהארצטער, אינטימער טאָן, און זיי ווירקן דערעך־קלאל, ווי אף דער קני־געשריבענע — לעשעם יויצע זײַן — שורע־גרוסן (די בריוו, אין וועלכע מענאכעם־מענדל באשרײַבט מעלאנכאליש זײַנע, ווי זייפנבלאָזן, געפּלאצטע אילויזיעס, ענדערן ניט דעם אלגעמיינעם אײַנדרוק פון געײַליק־פארפאסטע באריכטן). די דאָזיקע פאר שאָלעם־אלייכעמען סטיליסטישע אויסנעמלעכקײַט האָט זיך פאר מיר אזוי קלאָר געוואָרפן

צווייט ארטיקל. זע „סאָוועטיש היימלאנד“ נום. 3, 1969.

אין די אויגן, ווען איך האָב אין די צוואַנציקער יאָרן געפּרוּווט איבערטראָגן דעם מענאכעם־מענדלש־שיינע־שיינדלשן בריוולעכן דיִאַלאָג אַף דער שפּראַך פון טעאַטער. מײַן באַשטענדיקער סכאר פון דערזען עפּעס מער פון דעם, וואָס איך האָב באַמערקט אין א ווערק, איידער איך האָב זיך גענומען גרייטן עס פאר דער בינע, איז דאָס מאָל געווען א דאָפּלטער. א דאָפּלטער, ווײַל, נעמענדיק אין אכט די ראַמען פון קליינקונסט־טעאַטער (רעוויו), פאר וועלכן די „מענאכעם־מענדל"־אינסצעני־רונג איז געווען באַשטימט, איז ניט אַזוי גרינג געווען צו געפינען דעם רעזשיסערישן שליסל צו דער לאַקאָנישער — דערבײַ עקספּרעסיווער — לייזונג, וואָס דער דאָזיקער זשאַנער פאָדערט. און ווידער (צום וויפלטן מאָל!) האָט ארויסגעהאָלפן דאָס אײַנבײַסן זיך — ארײַנלייענען זיך אין אווטאָרישן טעקסט, פון וועלכן, ווי עס באַווײַזט זיך פּלוצעם די זון אין א כמארנע טאָג, עס האָט פאר מיר א שײַן געטאָן די כאַריפּעסדיקע אָריגינעלקײַט פון אָט דעם ווערק אינגאַנצן גענומען, די רעלאַטיווע אַנדערשדיקײַט פון זײַנע פּערסאָנאַזשן מיט די פון זיי אָנגעוויטע שטימונגען, ווי אויך די פון זיי זיך אָפּשלאָגנדיקע פאַראַלגעמיינערונגען. איך האָב זיך געזאָגט, אַז אין שיינע־שיינדלען האָט שאָלעם־אַלייכעם פאַרקערפּערט די צאַרטע ייִדישע קאָלאָמבינא און אין מענאכעם־מענדלען — לויט דער זעלבער לאָגיק — א מין ייִדישן ארלעקין[1], וואָס, אַדאַנק זײַן דינאַמיש־אימ־פּראָוויזאַטאָרישער נאַטור, בײַט אָבער שעדיש זײַנע מאַסקעס, פאַרוואַנדלענדיק זיך, אין פאַרלויף פון דער שפּיל, פון זײַן ארלעקינאַדע[2] אין אומצאָליקע געשטאַלטן. דעם באַדינגלעכן סינטעטישן דעקאָר, די דעקאָראַציע, צו די „בריוו", וועלכע עס האָט מיר געהאָלפן אויסדיכטן דער וווּנדערלעכער ייִדישער קינסטלער אַרטור קאָלניק[3], האָט אויך באַדאַרפט אויסדריקן מער דאָס אינערלעך־וועזנטלעכע, ווי דאָס קאָנקרעט־אויסערלעכע, מער דאָס סימבאָלישע, ווי דאָס נאַטוראַליסטישע. עס האָט זיך באַקומען אומגעפער אַזאַ בילד: א שוואַרצער פאָרהאַנג אין הינטערגרונט. עס שטייען אָפּן פאָדערשטן פּלאַן: לינקס, אין איין עק בינע — א פירעקיק טישל, צוגעפּעסטיקט צו א באַנק, וואָס איר אָנלען דערמאָנט מער אין א פּלויטל, און דאָס פּלויטל צי ווענטל (אַדאַנק איייניקע אַף אים אָנגעמאָלענע דעטאַלן, ווי אַן אָנגעצונדן גאַז־לעמפּל מיט א גלעזל, א פענצטערל מיט א ווײַס פאָרהענגל) שאַפט די אָוונט־אַטמאָספער, און אויך (טאַקע מיט די זעלבע קנאַפּע, שטרענג־סטיליזירטע מיטלען) — די איליוזיע פון קליינשטעטלשן אינטעריער און עקסטעריער אין איין און דער זעלבער צײַט. בא אָט דעם „טישל" זיצט שיינע־שיינדל, פאַרטאָן אין איר בריוו שרײַבן. אין צווייטן עק בינע, רעכטס (אַף דער זעלבער ליניע): א מער קאָמפּליצירטע קאָנסטרוקציע, א מין גרויסשטאָט־„טורעמל", וואָס אין זײַן בוידעם־שטיבל זיצט מענאכעם־מענדל (מיט דער לעוואָנע אַף דער באַק, וועלכע איז געווענדט צו דער שויב), אויך פאַרטאָן אין בריוו שרײַבן. נאָר דער פּראָצעס פון זײַן שרײַבן ווערט נאָך אונטערגעשטראָכן דורך דעם, וואָס בעשאַס די בריוו זײַנען האָפּערדיקע, הייבט זיך אויף דאָס „טורעמל" אַלץ העכער, העכער און טוט א פלי ביז צום סופיט, פּונקט ווי ווען די בריוו דערציילן וועגן זײַנע צעשטערטע גליקן, פאַלט דאָס „טורעמל" אַלץ נידעריקער, נידעריקער, ביז צום דיל, צונויפלייגנדיק זיך אין זײַן אונטערשטן טייל, ווי א האַרמאָניקע, וועלכע האָט פאַרענדיקט שפּילן איר מעלאָדיע... אין פרײַען רוים צווישן מענאכעם־מענדלען און שיינע־שיינדלען, עטוואָס אין הינטערגרונט, באַווײַזט זיך, ווי א וואַנט־פּאָרטרעט, שיינע־שיינדלס מאַמע, שטריקנדיק א זאָק, יעדעס מאָל, ווען עס דאַרף פאַלן איר רעפּליק — די שטים פון אָביעקטיוו־ניכטערן קאָמענטאַר, פון אָביעקטיוו־שטרענגן מישפּעט. יעדער פון אָט די דרײַ שפּיל־פּונקטן ווערט באַלויכטן נאָר דעמלט, ווען ער שליסט זיך אָן אין דער האַנדלונג.

א נייטיקע, ווי מיר שײַנט, באַוואָרעניש: דערציילנדיק אַזוי אויספירלעך וועגן מײַן אַמאָליקער סצענישער „מענאכעם־מענדל"־וויזיע, בין איך אַבסאָליוט ניט אויסן אונטערטראָגן זי אַלס די איינציק־פּאַסיקע פאר אָט דעם ווערק (א מער רעאַליסטישע אינטערפּרעטאַציע איז ניט נאָר אויך באַרעכטיקט, נײַערט האָט עפּשער נאָך גרעסערע מעגלעכקײַטן אַף איבערצוגעבן די גאַנצע מענאַכעם־מענדלשע דינאַמיק). מײַן קאַוואָנע איז דעריבער א לעגאַמרע אַנדערע: ציִען די אויפמערקזאַמקײַט אַף די מערערע אַספּעקטן פון אָט דעם, קלוימערשט קלאָר־פּאָשעטן אויסערלעך, אָבער לויט זײַן טאָך ביז גאָר קאָמפּליצירטן געשטאַלט. צי ניט אויך אָט דאָס עטוואָס רעטענישפולע, וואָס מע קאָן ניט אינגאַנצן דעשיפרירן אין אים, האָט א שוועב געטאָן פאר באַלמאַכשאָוועסן באַם ארויסשרײַען זײַן דיִאַגנאָז: „פאָלקס־מעשוגאַס"? געוויס האָט אונדזער ערשטער קריטיקער מיט דעם שאַרפן זאָג געצילט צו כאַראַקטעריזירן מענאַכעם־מענדלס קלאַמערן זיך אין לופט־פּאַרנאָסעס — די טײַווע, וועלכע ווערט פון אים דערפירט ביז פּאַראָקסיזם. וואָרעם דאָס, וואָס איז פאַרן גאַנצן מענאַכעם־מענדלשן שיכט געווען ניט מער, ווי א סאָציִאַל־עקאָנאָמישער העכרעך, האָט אין היפּערבאָלישן מענאַכעם־מענדל זיך אַנטפּלעקט, ווי א כאַלאַס, א מאַניע, וועלכע גרענעצט שוין מיט פאַרצערנדיקער באַזעסנקײַט. נאָר צי איז דען מיט דעם טרעפלעכן דיִאַגנאָז שוין אַלץ אויפגעקלערט געוואָרן? ווײַל אויב פאַרצערנדיקע באַזעסנקײַט — פאַרוואָס זשע גייט אַף אונדז פון אירע פּלאַמען זייער אָפּט אויך אַזאַ, אַזש אומהיימלעכע ניכטערע קילקײַט פון אַפּאַטיע? פאַרוואָס גלייבן מיר ניט טאָמיד אין דער עכטקײַט פון מענאַכעם־מענדלס אַזאַרט? זײַנען טאַקע דעריבער בענעגייע מענאַכעם־מענדלען ריכטיק מערערע, קלוימערשט פאַרשיידענע צווישן זיך טײַטשן: סײַ די, וועלכע האָבן הויפּטזאַכלעך אונטערגעשטראָכן זײַן סאָציִאַל־פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער, זײַן סאָציִאַל־היסטאָרישן אינהאַלט, סײַ די, וועלכע האָבן

[1] קאָלאָמבינא און ארלעקין — באַוווּסטע פּערסאָנאַזשן פון קאָמעדיע דעל אַרט (יה. XVI (Commedia dell'arte — דעם איטאַליענישן מאַסקעטעאַטער, וועלכער האָט מיט זײַן דעמאָקראַטישן גײַסט און פאָלקסטימלעכער טעאַטראַליש־שטיפערישער פאָרם געהאַט א גרויסע האַשפּאָע אַף דער אַנטוויקלונג פון דער אייראָפּעיִשער סצענישער קונסט און ווירקט נאָך צומאָל אויך ביז הײַנט.

[2] ארלעקינאַדע — קאָמישע, פאַנטאַזיערײַכע פאָרשטעלונג.

[3] פון אָנהייב דרײַסיקער יאָרן לעבט א. קאָלניק אין פּאַריזש. אין „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען געווען רעפּראָדוצירט אייניקע גראַווירן פון זײַן י.־ל. פּערעץ־אַלבאָם („א גילגל פון א ניגון").

איינצייַטיק אָנגעוויזן אויך אַף די „אויסער־עפּאָכע״־שטריכן אין אים. זאָגנדיק דאָס, פאַרפאָלג איך ניט קיין פשאָרע, נאָר איך זוך דעם סינטעז. ווייַל בלויז דענקענדיק סינטעטיש, וועלן מיר באַפרייַען זיך פון איינזייַטיקייַט און מעמיילע דערזען די רייַכע פילזייַטיקייַט פון דער דאָזיקער — לעכאָל־האדייעס — פיגור פון גרויסער פאַראַלגעמיינערונג.

2

מאַקס עריק אין זייַן האַקדאָמע צו „קאַסרילעווקע״[1], אין וועלכער ער זעט דעם „צענטראַלן טראַקט, וואָס ציט זיך דורכן גאַנצן געביט פון שאָלעם־אַלייכעמס קינסטלערישער מעלוכע און שנייַדט זיך אַרייַן אין דער סאַמע געדיכטעניש פון זייַנע געשטאַלטן״, בילדנדיק דעם „מילכוועג אַף שאָלעם־אַלייכעמס געדיכט־אויסגעשטערנטן פּאָעטישן הימל״, ווי אונדזער קריטיקער דריקט זיך אויס אי אַזוי בילדעריש, אי אַזוי איבערצייַגעוודיק, — באַנוגנט זיך אָבער ניט מיט אָט דער באַצייכענונג. באַלד נאָך איר, און אין זעלבן דערהויבענעם נוסעך, אַנטוויקלט ער אויך דעם טעזיס וועגן דער „סטירעסדיקייַט״ אין דער שילדערונג פון ביידע קאַסרילעווקעס: „איינע (דאָס „נייַע״. — י. ש.) איז געשילדערט רעאַליסטיש, דאָס צווייטע (דאָס „אַלטע״. — י.ש.) ראָמאַנטיש. דאָס ברענגט אים צו באַהויפּטן, אַז „אָ־די צוויי סטירעסדיקע געשטאַלטן פון קאַסרילעווקע פליסן אַרויס קאָנסעקווענט פון דער אינווייניקסטער לאָגיק פון שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן און מעמיילע אַנטשפּרעכן זיי אויך גענוי צו שאָלעם־אַלייכעמס צוויי גרונט־פיגורן, צו מענאַכעם־מענדלען און טעוויען״. פונדאַנען — זייַן צווייטער אויספיר, אַז דאָס נייַע קאַסרילעווקע איז „דער פּאָן און דער פּלאַצדאַרם און דער פּיעדעסטאַל, אַף וועלכן ס׳הייבט זיך אוף די מאָנומענטאַלע מענאַכעם־מענדל־געשטאַלט, בייַס די צווייטע קאַסרילעווקע איז דער פּאָן און דער פּיעדעסטאַל פון די טעוויעס״. ווייַל „אין מענאַכעם־מענדלען (ווי אין נייַ־קאַסרילעווקע. — י. ש.) האָט שאָלעם־אַלייכעם דעם קליינבירגער דעמאַסקירט, בעשאַס „אין טעוויען (ווי אין אַלט־קאַסרילעווקע. — י. ש.) האָט שאָלעם־אַלייכעם דעם קליינבירגער גלאָריפיצירט, געזונגען די גלאָריע דער קליינבירגערלעכער באַגרענעצטקייַט און זי פאַרגעשטעלט, ווי אַן אידעאַל״.

ווי ס׳איז צו זען, האָבן די אָקאָרשט דאָ ציטירטע אַרויסזאָגונגען פון מאַקס עריק ניט פאַרלוירן זייער סטיליסטישן גלאַנץ, אָבער די אין זיי אויסגעדריקטע האַנאָכעס, דאַרף מען זאָגן, האָבן ניט אויסגעהאַלטן דעם פּרווו פון דער צייַט און קלינגען שוין הייַנט אַנאַכראָניסטיש. וואָרעם עס באַקומט זיך, אַז צוליב אולטראַ־ראַדיקאַליזם, בעלי שום סאָפעק פּרינציפּיעל־אויפריכטיקן, האָט פּאָרט דער ערודירטער פאָרשער געפּויעלט בא זיך, אַז מע זאָל צעשנייַדן אַף צוויי טיילן (אַ „פּראָגרעסיווע״ און אַ „קליינבירגערלעכע״) שאָלעם־אַלייכעמס שאַפונג — שיר ניט, ווי דאָס קינד אין שלוימעס מישפּעט. נעענטער דערפאַר צום אָביעקטיוון עמעס איז מאַקס עריק געווען, ווען ער האָט אין דער זעלבער אַרבעט אַגעוו־אורכעדיק פעסטגעשטעלט, אַז „ס׳איז מער ניט, ווי אַן אילוזיע, וואָס שאָלעם־אַלייכעם שאַפט, אַן אייַנריידעניש, וואָס ער וויל אונדז אייַנשמועסן״, בייַס ער שרייַבט, אַז „אַ סאַך, אַ סאַך יאָרן״ טיילן אָפּ דאָס אַלטע קאַסרילעווקע פונעם נייַעם. עריק דערווידערט קעגן דעם זייער ריכטיק, דערווייַזנדיק, אַז „די אַלטע קאַסרילעווקע האָט עקזיסטירט ניט פאַר דער נייַער קאַסרילעווקע, נאָר באַנאַנד, פּאַראַלעל צו איר. אויך די אַלטע קאַסרילעווקע האָט שוין געהערט פון דרייפוסן, פון פּאָליטישן ציִעניזם, און שפּעטער פון פּאָגראָמען און פון שטרייַקן און פון עקספּראָפּריִאַציעס, — און וויבאַלד אַזוי, עקזיסטירט זי, ווי די נייַע קאַסרילעווקע, אויך באַם סאָף פונעם 19־טן און אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט״. און דאָ קומט עריקס פאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע פוסנאָטע (האַאָרע): „אַגעוו, איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די ערשטע סעריע פון ביידע קאַסרילעווקעס, „גאַנץ בערדיטשעוו״ („דאָס נייַע קאַסרילעווקע״) און די סעריע „קליינע מענטשעלעך״, האָט שאָלעם־אַלייכעם געשריבן אין איין יאָר, אין 1901״.

צי צעוואַקלט ניט מיט דעם מאַקס עריק אַליין זייַן פריִערדיקע טעאָריע וועגן צוויי ראַדיקאַל־פאַרשיידענע קאַסרילעווקעס — אַ רעאַליסטישע און אַ ראָמאַנטיש־געשילדערטע? צי קאָן מען טאַקע בעעמעס דורכפירן צווישן זיי ביידע אַזאַ שאַרפע ליניע, וואָס דערלאָזט ניט קיין רעאַליזם אין „ראָמאַנטיש״־געשטאַלטיקטן קאַסרילעווקע, און קיין ראָמאַנטיזם אין „רעאַליסטיש״־געשטאַלטיקטן? דאָס נעמלעכע קאָן מען אויך פרעגן וועגן דער שאַרפער ליניע, וואָס צעטיילט, לויט עריקן, די צוויי שאָלעם־אַלייכעמישע גרונט־פיגורן: טעוויע און מענאַכעם־מענדל. דער ערשטער, הייסט עס, איז קולוי באַגרענעצט, און דעריבער: קינסטלעריש קולוי כייַעוו (לייען: קליינבירגערלעך), בייַס דער צווייטער איז מיט זייַן דעמאַסקירנדיקער אָנלאָדונג קולוי אופּרייַסעריש, און דעריבער: קולוי זאַקיי (לייען: פּראָגרעסיוו).

אָט דעם האַרבן אורטייל נעמט ניט אַראָפּ אויך דער פאָרלעצטער זאַץ: „אויך דורך דער קאַסרילעווקע־ראָמאַנטיק רייַסט זיך דורך שאָלעם־אַלייכעמס גרויסער רעאַליסטישער טאַלאַנט״. ווייַל דער רעזומעאַרטיקער סאָף פּאָסעק, וועלכער פאָלגט באַלד נאָך אים, כאַזערט איבער עריקס הויפּט־טעזיס וועגן די „צוויי פּענעמער״, וועלכע עס דריקט אויס שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן.

ניין, מאַקס עריק האָט, צום גרויסן באַדויערן, נאָך ניט געהאַט גענוג צייַט אַף צו רעווידירן בעפּע מאָלע (מיט אַ פול מויל) זייַן קוק אַף שאָלעם־אַלייכעמס שאַפונג, אַף איבערשאַצן זי אין דער זעלבער מאָס, ווי דאָס איז שוין באַשערט געווען אַ צווייטן גרויסן געלערנטן אונדזערן — מייער ווינערן, אַשטייגער.

שטייענדיק אָנהייב דרייַסיקער יאָרן אַף די זעלבע פּאָזיציעס לעגאַבע שאָלעם־אַלייכעמען, ווי מאַקס עריק, האָט מייער ווינער ערעוו זייַן טראַגיש־העראָיִשן טויט (ער האָט, ווי באַוווּסט, מיט דער ביקס אין האַנט באַטייליקט זיך אין די שלאַכטן פון דער העלדישער רויטער אַרמיי קעגן דער פאַשיסטישער בעסטיע) דאָך באַוויזן אָנצושרייַבן אַ נייַע סאָלידע אַרבעט — „וועגן שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר״. די דאָזיקע אַרבעט שפּיגלט אָפּ אין זיך אי די אים אייגנטימלעכע ערודיציע, אי שרייַבערישן מוט, וואָס קאָן דינען ווי אַ בייַשפּיל פון שרייַבערישן געוויסן. איך מיין, אַז עס איז קעדיי צו ברענגען דאָ אָ־די שטעלן גראָד. ער שרייַבט: „אַ סאַך קלוגע באַאָבאַכטונגען זייַנען געזאָגט געוואָרן פון דער קריטיק וועגן שאָלעם־אַלייכעמען. אָבער אויך ניט ווייַ־

[1] שאָלעם־אַלייכעם. אויסגעוויילטע ווערק, באַנד 1. „דער עמעס״, 1935.

ניק נארישקײַטן און — את חטאי אני מזכיר![1] — אויך פון מיר. אז איך לייען איצט איבער מײַנע אמאָליקע ניט ריכטיקע באהויפּטונגען, טוט מיר פון הארצן באנק. ביפראט, אז איך לייען זיי איבערגעכאזערטע און פארגרעבטע אין פרעמדע ארטיקלען, זײַנען זיי מיר נאָך נימעסער.

אזוי, לעמאָשל, האָב איך אמאָל צווישן אנדערע ריכטיקע און זייער אומריכטיקע און אומגערעכטע זאכן געשריבן, אז שאָלעם־אלייכעם איז געווען א „טרייסטער־סטאם. סארא אומזין!"

קעדיי מע זאָל ווי געהעריק פארשטיין, פון וואָס, אייגנטלעך, זאָגט זיך דאָ אָפּ מייער ווינער, דארף מען זען, ווי ער האָט זיך אליין קאָרעגירט אין זײַן איבערפאָרמולירונג פון דעם זעלבן געדאנק אין שײַכעס מיטן טרייסט־מאָטיוו בא שאָלעם־אלייכעמען: „ביטערע עמעסן דערציילט שאָלעם־אלייכעם, זיי הערן זיך אָבער אזוי, ווי ער וואָלט געגלעט מיט סאמעטענע צערטלעכע פינגער". און ווײַטער א ביסל: „ער מאָלט זײַנע געשטאלטן און בילדער מיט אינערלעכן טײַנעג, קלוימערשט אזוי „לײַכט" און ארטיסטיש שוועבנדיק, אז אויב מע קוקט זיך ניט גוט צו, קאָן מען, באצויבערט פון דער אויסטערלישער ווירטואָזקײַט, פארזען דעם דערשיטערנדיקן אינהאלט פון זײַן קונסט". אין דעם צוזאמענהאנג קלינגט דעריבער נאטירלעך אויך זײַן עטוואָס פאטעטישע היינריך היינע — שאָלעם־אלייכעם־אנאלאָגיע: „די באגעגעניש פון די פאָרגעשריטנסטע ייִדן אין אייראָפּע מיט די דעמאָקראטיש־רעוואָליוציאָנערע אידייען פונעם 19־טן יאָרהונדערט האָט געבראכט אלס רעזולטאט איינעם פון די גרעסטע מײַסטערס פון פובליציסטישער און דיכטערישער סאטירע, איראָניע און הומאָר — היינריך היינע. די באגעגעניש מיט דער רעוואָליוציאָנערער אטמאָספער אינעם פעריאָד פון אימפעריאליזם ברענגט דער ייִדישער ליטעראטור די העכסטע אנטוויקלונג פונעם טראגיש־פארטיפטן דערציילערישן הומאָר — שאָלעם־אלייכעמס הומאָר, וואָס געהערט צום בעסטן פון דעם זשאנער אין דער וועלט־ליטעראטור".

אָבער א באזונדערע באפרידיקונג האָט מיר פארשאפט דאָס טרעפן אין ווינערס כאראקטעריסטיק פון מענאכעם־מענדלען אויך אָט דעם שטריך: „ער איז א לײַכטער, כאָטש פארברענטער שפּילער, און ווען ער וואָלט דורך א צופאל יאָ געוווּנען, ווייסן מיר פון „ווען איך בין ראָטשילד", וואָס ער וואָלט געטאָן".

איך האָב געלייענט און זיך געזאָגט: איך האָב דאָך אויך דאָס אייגענע קימאט מיט די זעלבע ווערטער געטראכט אין שײַכעס מיט מענאכעם־מענדלען און טאקע דעם דאָזיקן געדאנק אקעגנגעשטעלט עריקן, ווען איך האָב זיך אָנגעשטויסן אין זײַן הויכער, צעטיילנדיקער וואנט, וואָס ער האָט אופגעשטעלט צווישן מענאכעם־מענדלען, וואָס „ברענט א וועלט", פון איין זײַט, און דעם ייִדן פון „ווען איך בין ראָטשילד" צי שימעלע סאָראָקער און די אנדערע פערסאָנאזשן פון אלט־קאסרילעווקע, פון דער צווייטער זײַט. ווײַל צי זײַנען דען ניט די אוטאָפּישע פלענער פונעם „וועלט־אויסלייזער" אין „ווען איך בין ראָטשילד" עכטער מענאכעם־מענדלשער אידעאליזם אין דער זעלבער מאָס, ווי מענאכעם־מענדלס קלוימערשט רעאלע גליקן־אוואנטיורעס האָבן אין זייער יעסאָד די זעלבע קינדעריש־פאנטאסטישע נאַי־

[1] עס כאטאָיי אני מאזקיר (העבר.) — איך דערמאָן מײַנע אייגענע זינד.

וויטעט פונעם „ווען איך בין ראָטשילד"־אוטאָפּיקער? און אינעמעסן, עס איז גענוג, מע זאָל זיך דערמאָנען אין די „נעגל, ציין און יאסליעס" פון באלזאקס צי דרײַזערס בירזשע־שפּילער, קעדיי מע זאָל באשײַמפּערלעך זען, אז מענאכעם־מענדל איז ניט מער ווי אן אָנגעדרייטע ליאלקע, און אלס אזעלכע — די פרומסטע פאראָדיע. עס איז, דאכט זיך, פאר יעדן קלאָר, אז ער איז מער פארכאפּט פונעם זוכן גליקן, ווי פון די גליקן גופע, וואָס פרעגט אים בעכייִרעם, ווייסט ער ניט אפילע זייער רעכטן באטײַט. איך האָב טאָמיד געהאט דעם אײַנדרוק, אז אפילע לייווי מאָזגאָוואָיער, אין וועלכן מע קאָן זען מענאכעם־מענדלס טאטע, איז אין זײַן אויצער־גלוסטעניש פיל שטאנדהאפטיקער און קאָנקרעטער פון מענאכעם־מענדלען מיט זײַנע, קינאָארטיק־שנעל זיך בײַטנדיקע, אומצאָליקע באגליקט־ווערענישן. די גאנצע פון אים — רעזערוולאָז — אין גאנג געוואָרפענע ענערגיע און פאנטאזיע רופט ארויס אין אונדז דעריבער אן עלעגישן שמייכל, ווי באם זען א ווינטמיל, וואָס אירע פליגל פלײַסיק דרייען זיך, אָבער ניט צוליב מאָלן קערנער, נאָר צוליב דער שפּיל מיטן שעד, דעם ווינט.

3

דאָס אלץ ליגט ניט, זעלבסטפארשטענדלעך, אף דער אויבערפלאך, אין אויבערטעקסט, נאָר אין אונטערטעקסט. אָט די ביידע טעקסטן שטרײַטן ניט צווישן זיך, נאָר ערשט אינייינעם בילדן דעם שאָלעם־אלייכעמישן פאָעטישן, איידעלן (סובלימירטן) רעאליזם, וועלכער בלײַבט אָבער אן אויסגעהאלטן־קריטישער. ער בלײַבט עס צוליב א סאך, א סאך אייגנשאפטן פון שאָלעם־אלייכעמס שרײַבערישער סטיכיע. דאָס ווערט סאָפּקאָלסאָף באשטעטיקט פון שאָלעם־אלייכעמס, אין אנסאמבל גענומען, קיינמאָל ניט געפעלשטער קינסטלערישער רעפּראָדוקציע פונעם לעבן פון די ייִדישע מאסן (שילדערנדיק דערבײַ אלע פאָלקס־שיכטן) אין די גרענעצן פון זײַנע ביידע קאסרילעווקעס, מאזעפּעווקע, טעטערעווו און יעהופּעץ; פון אָ־דעם אין אומצאָליקע פרעסקעס עפּאָפּייִש־געשטאלטיקטן ייִדישן לעבנסשטייגער אין זײַן גאנצן אייגנארט, מיט אלע זײַנע סײַ אויסערלעכע, סײַ אינערלעכע שטריכן. שאָלעם־אלייכעם האָט קיינמאָל ניט באהאלטן זײַנע סימפּאטיעס און אנטיפּאטיעס — זיי ליגן בא אים, ווי אייניקע מיינען, עפּשער שוין צופיל פון אויבן. אים ארט עס ניט. אף גענוג מומים — נאציאָנאלע און סאָציאלע פּאָק־פלעקן — האָט שאָלעם־אלייכעם אָנגעוויזן, פארבלײַבנדיק אויך מיט דעם א געטרײַ איניקל פונעם זיידן מענדעלע מוכער־ספאָרים. שאָלעם־אלייכעם האָט ניט נאָר געבענטשט. ער האָט אונטערגעהערט און אויך פארייביקט אלע (ווי גלעקער אין א סרייפע־נאכט, וואָס וועקן און רופן צו דערוואכונג!) פאָלקס־קלאָלעס, וועלכע עס האָבן פון זיך ארויסגעכראָמעט[1] מיט א באזונדערער בונטארישער קראפט זײַנע העראָישע־פאָשעטע, אָדער פאָשעטע־העראָישע ייִדענעס. ווער פון אונדז האָט ניט ארויסגעהערט פון זייערע קלוימערשט הומאָרפולע, קלוימערשט שטייגעריש־ניכטערע שעלטענישן אויך פאטעטיש־דראמאטישן אָנקלאָג קעגן סאָציאלן אומרעכט, קעגן לעבנס־דעקלאסירטקײַט און לעבנס־פרעמדקײַט (פאָלקס־טרוימערײַ — א רעזולטאט פון א דוירעסדיק־

[1] כראָמע — קלאָלע.

פאַרשפּאַרט, אסקעטיש געטאָ־לעבן — וואָס שטעלט זיך אנטקעגן דער גראָבער ווירקלעכקײַט) פון זייערע „ברויטגעבער" — די „שיינע מענער", וואָס זײַנען פונדעסטוועגן בא זיי געהויכט און געקרוינט. עס איז ניטאָ, דאכט זיך, קיין איין ווינקל פון יִידישן לעבן, וווּהין שאָלעם־אלייכעמס פאָרשעריש אויג האָט ניט ארײַנגעקוקט. א שווער־קראנקער, טיף־באטריבטער און מידער פון זײַנע וואנדערנישן, האָט ער מיט א זעלטענער פרישקײַט זיך א כאַפּ געטאָן מאָלן שוין דאָס יִידיש־אמעריקאנער לעבן. פונעם צוג, פון דער שיף אָן. ער האָט געטראָפן אפילע צו די טמייִם[1]... ווי מע שטעכט אוף א שערעץ אף א שפּילקע, האָט זײַן פלינקע, שארפע פען אופגעשטאָכן אויך דעם „מענטש פון בוענאָס־אײַרעס" און אזויארום געוויזן, אז דאָס איז א „מענטש" מיכוץ לעמאכנע, אז אזא פארשווין האָט מיט זײַנע מײַסים אויסגעשלאָסן זיך פון דעם, וואָס טראָגט דעם הייליקן נאָמען „פאָלק". ווײַל פאָלק איז פאר שאָלעם־אלייכעמען ניט בלויז א גײַסטיקער, אן אידייִשער, נאָר אויך און עפשער דעריקער אן עמאָציִאָנעלער, א טיף־לירישער באגריף. פאר אים איז פאָלק פריִער פאר אלץ: פאָלקס־כאראקטער, פאָלקס־געמיט, וואָס איז אָבער אומבאדינגט קוילעל אין זיך אויך דאָס פאָרגעשריטנסטע פון דער פאָלקס־קולטור — דאָס הומאניסטישע, דאָס עטישע אין איר. דאָס האָט ער געזען ניט בלויז אין טעוויען צי אין רעב יויזעפלען, נאָר אפילע אין אזוינע סאָציִאַל־פארשטויסענע, ווי אין... אָדאָמען דעם בעדער און אין זײַן ווײַב כאווען, וועלכע האָבן דעם זעלבן רעב יויזעפלען, ווי צוויי גוטע מאַלאָכים, פון אלדאָסבייז באשירעמט אין די טעג פון דער „גרויסער בעהאָלע". אָבער קיינמאָל ניט אין די אונטערדריקערס. ניטאָ בא שאָלעם־אלייכעמען קיין שיינע נעגידים.

אוואדע האָט דאָס סאטירישע ניט איין מאָל א קלונג געטאָן אין שאָלעם־אלייכעמס ווערק, אָבער זײַן גרונטטאָן איז דאָך הומאָר, אָן וועלכן — לויטן אויסדרוק פון אזא מייוון אף איראָניע, ווי אנאטאָל פראנס — וואָלט די וועלט געגליכן געווען צו א וואלד אָן פייגלגעזאנג; דער ווייכער, לירישער הומאָר, וואָס זײַן שאָלעם־אלייכעמישער סינאָנים איז: גרענעצלאָזע ליבשאפט צו פאָלק — צו זײַנע אָרעמסטע שיכטן און יעגיִעקאַפּאִימניקעס. מארק שאגאל האָט אין זײַנער א רעדע א זאָג געטאָן: „וואָס איז שײַעך קונסט, האָב איך אָפט גערעדט וועגן קאָליר, וואָס איז ליבע". די דאָזיקע ווערטער וואָלט אויך זײַן גרויסער צווילינג־ברודער שאָלעם־אלייכעם געקאָנט אוועקשטעלן אלס עפּיגראף צו זײַן גאנצער שאפונג. מערקווירדיק, ווי מאקסים גאָרקי האָט באלד, בא דער ערשטער באקאנטשאפט, אָנגעוויזן אף שאָלעם־אלייכעמס — הײַנט אזא זעלטענער, ווי ער האָט דעמלט זיך אויסגעדריקט, — ליבע צו פאָלק. עס איז קעדײַ דאָ צו באטאָנען, אז שאָלעם־אלייכעמס הומאניזם איז ניט קיין אדעליק־פילאנטראָפּישער און ניט קיין פילאָסאָפיש־קאָנסטרויִרטער, — ער איז דער גאָלפשטראָם פון אומיטלבארער, ריינער מענטשלעכקײַט, וועלכע גייט אף אונדז איינצײַטיק סײַ פונעם דיכטער, סײַ פון זײַנע אויסטערלישע פאָלקס־פּערסאָנאזשן. פון אלע הומאָריסטן אין דער וועלט־ליטעראטור האָט מען אויך אין דיקענסן אָפּגעמערקט די ליבע־אייגנשאפט צו זײַנע העלדן. אף דעם סמאך האָט טאָלסטאָי פארצייכנט אין זײַן טאָגבוך: „אדאנק דעם ווערן דיקענסעס פּערסאָנאזשן פרײַנט פון דער גאנצער וועלט. זיי ווערן די פארבינדונג צווישן די מענטשן פון אמעריקע און פּעטערבורג". עס איז באוווּסט, אז די העלדן פון שאָלעם־אלייכעמען, וועלכן מע האָט בא אונדז איבערזעצט און ארויסגעגעבן אין סאָלידע טיראזשן אף רוסיש, אוקראִיניש, אוזבעקיש אאוו., זײַנען געוואָרן פרײַנט פון די מענטשן אף די ברייטע ראכוועסן פונעם גאנצן סאָוועטנפארבאנד. פאר די לעצטע יאָרן גאסטראָלירט טעוויע דער מילכיקער אף די בינע־ברעטער פון מערערע לענדער, און ער איז אדאנק זײַן זיגערישן הומאָר — די מאָצארטישע צויבער־פלייט אין זײַן גאָלדן מויל — געוואָרן באפרײַנדעט מיט די אנגלאָ־סאקסאָניש־סקאנדינאוויש־ און ראָמאניש־שפּראכיקע מענטשן. דער האָרעפּאשניק טעוויע, דאָס הייסט דאפקע דער ניט שטרײַמל־און־שיך־און־זאָקן־יִיד, דער ניט לאמדן און ניט אפילע געהויבענער כאָסיד, נאָר פון וועלכן עס שטראַלט ארויס אזויפיל פאָלקס־כאָכמע באנאנד מיט אזויפיל, נאָך אלע נעגישעס און רעדיפעס, זיך קאָנסערווירטער פאָלקס־טמימעס, און צארט־קוואליקער, כאָטש לויט איר טאָך טראגיש־פּאטעטישער, לײַטערנדיקער ליריק, — צעטרעט מיט זײַנע רענדארישע שטיוול, אין וועלכע ער שפּאנט הײַנט ארום אף אָ־די פרעמדע סצענעס, צעטרעט און מאכט באָטל דעם נאָך פון מיטלאלטער זיך ציִענדיקן בייזוויליקן בילבל פון „שײלאָקיזם" און מאכט־גיריקײַט אלס קלוימערשטן גרונטשטריך פון אונדזער פאָלקס־כאראקטער. צי הייבט זיך ניט אוף פאר אונדזערע הײַנטיקע אויגן טעוויעס דיכטערישע מייליץ־יוישער־קראפט ביז א לייווי־ייִצכאָק בערדיטשעווערס, האגאם זי קומט צום אויסדרוק אין אן אויסגעהאלטן רעאליסטישן נוסעך? אָט ווו שאָלעם־אלייכעם און פּערעץ, ווי באזונדער־וואקסנדיקע ביימער, באגעגענען זיך דאָך אין זייערע קרוינען־שפּיצן!

דאָס איז איין מוסער־האסקל. און דער צווייטער: די דויערנדיקע שליטע פון דער קלאסיק, איר דויערנדיקע ווירקזאמקײַט, וועגן וועלכער עס איז קעדײַ, אז מיר, די הײַנצײַטיקע, זאָלן זיך אָפּטער פארטראכטן.

4

צי האָב איך אויסגעשעפּט מײַן טעמע „דער פארקישעפּטער (לייען אויך: און פארקישעפנדיקער) שרײַבער"? איך דארף מוידע זײַן, אז גיכער ניין, ווי יאָ. דערמאָן איך דעריבער, אז איך האָב שוין אין סאמע אָנהייב באטאָנט, אז איך שרײַב ניט קיין אָפּהאנדלונג, אז איך בין הײַנט אויסן צו פארצייכענען בלויז אייניקע מײַנע רעפלעקסיעס, ריכטיקער געזאָגט, עמאָציעס אין שײַכעס מיט דעם קישעף, וואָס שאָלעם־אלייכעמס שאפן האָט פון מײַן פריִער יוגנט אָן אויסגעיִבט און איבט אויס אף מיר ביז הײַנטיקן, שוין יאָרן־זאטן, טאָג. איך האָב אָנגערופן דעריבער בלויז אייניקע ווערק, מייִנסטנס די, מיט וועלכע איך האָב אינטענסיווער געאָטעמט, געלעבט. נאָר צי וואָלט איך דען ניט אין דעם זעלבן צוזאמענהאנג געקאָנט אָנרופן אויך אנדערע אומשטערבלעכע שאָלעם־אלייכעמישע דערציילונגען — גרעסערע און קלענערע, וואָס שײַנען אויך ארויס צו אונדז פון זײַן איידלשטיינער־קרוין? לעמאָשל: צי שטעקט ניט

---

[1] ט מ י י ִ ם (מערצאָל פון טאָמע. העבר.) — אזוי רופט מען די הענדלער מיט פרויען.

ארויס מיט זײַן פֿארשײַט קעפּל מאָטל פּייסי דעם כאזנס פון צווישן אלע שאָלעם־אלייכעמישע ייִדישע קינדער, גענוי ווי טעוויע דער מילכיקער איז מיט זײַן אקסל העכער פונעם גאנצן שאָלעם־אלייכעמישן פאָלק פון ייִדישע טאטעס? אין ביידע פיגורן איז אין א גלײַכער מאָס פאראן סאכאקל, קינסטלערישער רעזומע, די קווינטעסענץ פון די שענסטע, פון די איידלסטע פאָלקסשטריכן, וועלכע דער דיכטער האָט פריִער געוויזן צעוואָרפן, צעזייט און צעשפרייט אין אָן א צאָל געשטאלטן. און פון דער צווייטער זײַט: צי פארשטעלט דען פאר אונדז די באגײַסטערונג פאר טעוויען אונדזער באגײַסטערונג פאר א — שימעלע סאָראָקער, אשטייגער? און צי פארשטעלט דען פאר אונדז די ליבע צו מאָטל פּייסי דעם כאזנס (באלד אין נאָמען, וואָס ווײַזט, אז דער פאָטער איז געווען א כאזן, איז שוין דאָ אן אדערוף אף מאָטלס ארטיסטיזם) אונדזער ליבע צו טאָפּעלע טוטאריטו? צי האָבן מיר דען פארגעסן אויך אין ייִנגעלע פון „גרינס אף שוועס" — א טיף אין דער קינדערישער פּסיכאָלאָגיע גראָבנדיקע, עכטע שאָלעם־אלייכעמישע קינדער־דערציילונג, מיט א ביסל אוו־ראָם־רייזענישער אטמאָספער אלס צוגאָב, ווי מיר דאכט זיך? צי אפילע אין לעפּישעוואטע („מיט מעגושעם־גראָבע הענט און מעגושעם־גראָבע ליפּן") נעגידיש באָכערל געצל מיט די ניס, וואָס ניט געקוקט אף די געדיכט־גרעלע פארבן פון מאָרעשכוירע אָנווארפנדיקן גראָטעסק, אין וועלכן דער פּאָרטרעט איז פון אָנהייב ביזן סאָף אויסגעהאלטן, פאלט דאָך ניט ארויס פון שאָלעם־אלייכעמס קינדער־סעריע — אדאנק דעם צויבערנדיקן כיין, וואָס שוועבט ארום אויך אף דער דאָזיקער דערציילונג, אינגאנצן גענומען? אוואדע דערמאָנען מיר זיך אויך אין די יאטן מאָטל און קאָפּל — שימעלע סאָראָקערס צוויי יונגע שנײַדער־געזעלן, וואָס זײַנען צו אונדז ארויסגעשפּרונגען פון „צוויי הונדערט טויזנט" מיט דער זעלבער פּאָעטיש־טעאטראלישער לײַכטקײַט און מיט דער זעלבער פּלעבייִיש־דעמאָקראטישער מיסיע פון די שאלקהאפטע דינער אין גאָלדאָניס, מאָליערס און באָמארשעס קאָמעדיעס. מיט דעם אונטערשייד נאָר, וואָס מאָטל און קאָפּל זײַנען ווייכער, צארטער געשילדערט, ווײַל זיי זײַנען פּאָרט געטאָ־געוויקסן; עס שטעלט זיך אויך פּלוצעם אוועק פאר אונדזערע אויגן די באשיידן־איידעלע פיגור פון אלטערן דעם פּאקנטרעגער אין דער סוויווע פון... פּארומערטע ייִדישע קעכנס, דינסטמיידלעך און פּאָקאָיאָוועס. צי באווײַזט ער זיך ניט פאר זיי אין זייערע נעגידישע קיכן — אָט דער זשארגאָנישער, פון א נײַער קאטעגאָריע אויסטערלישער פּאָלקס־אופּקלערער — אי ווי א ליכט־טרעגער צו די סאמע פּארשטויסענע, אי ווי א צוגאסט־געקומענער, קימאט אייגענער טאטע, וועלכן מע איז מעכאבעד (הינטער די אויגן פון דער באלעבאָסטע) מיט א פון גאנצן הארצן אָנגעגאָסענער, הייסער און פינקלדיקער גלאָז טיי?

באנאנד מיט די דאָזיקע פּערסאָנאזשן פון שאָלעם־אלייכעמס אייגנארטיקן טעאטער טויכן אוף אויך די פּענעמער פונעם יונגנמאן פון דער „אייצע" און פונעם אלטן באָכער אין די „דרײַ אלמאָנעס" מיט זייערע, הייס אף אונדז אָטעמענדיקע, באם האלדז אָנכאפּנדיקע מאָנאָלאָגן פון ביז מאניאקאלישקײַט מאָראליש־פּארוווּנדעטע, צעקאליעטשעטע מענטשן[1].

הײַנט דער מאָנאָלאָג פונעם „גליקלעכן אין קאָדני", וואָס די באהאלטענע ביטערע איראָניע פון אונטער אָדער קלוימערשטער אײַזנבאן־געשיכטע ווירקט דערשיטערנדיקער פון דער, פון אויבנליגנדיקער, און אזוי־ארום אונטערגעשטראָכענער, טראגיק אין האָפּמאנס פאנטאסטישע גרויל־געשיכטעס. און אָט פון א פרום ווינקל קוקט ארויס צו אונדז אויך אזא, מער אף אנעקדאָט ענלעכער, דערציילונג, ווי „דער דײַטש, בא וועלכער ייִדן האָבן זיך אזוי געשמאק אָנגעלאכט און קיינער האָט דערבײַ ניט כוישעד געווען, אז „דאָס לאכן וועט ארויס אפן פּופּיק", ווי שאָלעם־אלייכעמס ווערטלזאָגערס האָבן ליב זיך אויסצודריקן. וואָרעם, וואָס איז געשען מיט שאָלעם־אלייכעמס דײַטש, וועלכער איז אין זײַן צײַט פארפאָרן ניט ווײַטער פון דראזשנע? אומקערנדיק זיך צו זיך אהיים, האָט ער מיט דער קאלטער, סאדיסטישער אכזאָריעס פון זײַן קינפּטיקן „פּירער" באלד גענומען האָגלען אף זײַן אָרעמען דראזשנער ייִדישן באל־אכסאניע מיט זײַן „טעכניק", וואָס איז צו יענער צײַט דערווײַל באשטאנען נאָך בלויז פון — שיקן בריוו אָן מארקעס... געטאָן האָט ער עס מעטאָדיש, קימאט טאָגטעגלעך, אזוי לאנג, ביז זײַן קאָרבן, דער דראזשנער ייִד, האָט געמוזט אויקער זײַן פון דראזשנע...

5

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, ווײַל עס האָבן מיך אָנגעהויבן צו באלאגערן נאָך און נאָך שאָלעם־אלייכעמישע שילדערונגען, שטימען און שטימונגען, וואָס די צײַט האָט אף זיי געוואָרפן א נײַ ליכט, צוגעגעבן צום ניגלע אויך ניסטער, אזוי אז צום עסטעטישן גענוס, וועלכן מיר האָבן טאָמיד פון זיי גענאָסן, איז צוגעקומען דאָס באוווּנדערן די אין זיי פארלייגטע דיכטערישע העלזעערישקײַט.

אָבער קעדיי ניט מאריך זײַן, לאָמיר פארענדיקן מיטן כאָטש דערמאָנען נאָך „מיטן עטאפּ". די פּראָבלעם פון געוויסן, וואָס שטייט בא די ריזן פון דער וועלט־ליטעראטור אין צענטער פון זייער שאפן, ווערט אין דער דאָזיקער דערציילונג, האגאם מיט שטייגער אָנגעפּיקעוועטער, אוועקגעשטעלט ביז גאָר דראמאטיש.

...קיין טעפּליק קומט אראָפּ א נײַער פּריסטאוו, א נײַער האָמאָן. זײַן האָמאָניזם איז געווען אזא פארביסענער, אז ניט די בארימטע ייִדישע פּיש און ניט קיין שום „קרענק אים אין דער יאד ארײַן" האָבן עפּעס דאָ ניט געקאָנט העלפן. כאפּט זיך טאקע אוף גאנץ טעפּליק אין א שיינעם זומערדיקן פרימאָרגן און זעט, אז סײַ דער גרעסטער טעפּליקער נאָגיד, סײַ דער גרעסטער טעפּליקער שלימאזל און ביטערער אָרעמאן ווערן אפּן באפעל פונעם נײַעם פּריסטאוו אופגעהויבן און געטריבן מיטן עטאפּ אין דער שכיינעסדיקער באצירקשטאָט אונטער דער וואך פונעם טעפּליקער סאָטסקי.

---

[1] די דרײַ נאָוועלן, וועלכע בילדן דעם „דרײַ אלמאָנעס"־ציקל, טיילן זיך אויס סטיליסטיש מיט דעם, וואָס אין זיי פאלט ניט דער טראָפּ, ווי טאָמיד בא שאָלעם־אלייכעמען, אף דעם סאָציִאל־ אָדער נאציִאָנאל־וועזנטלעכן פון די כאראקטערן, נאָר גראָד אף דער יאָכיד־פּסיכאָלאָגיע. דערבײַ אָבער לייגט שאָלעם־אלייכעם ארײַן אין מויל פון דעם זעלבן „דרײַ אלמאָנעס"־העלד דעם בארימט־געוואָרענעם זאָג: „פּסיכאָלאָגיע איז פּעטרישקע", צילנדיק אין יענער פּסעוודאָ־פּסיכאָלאָגיע, וועלכע פארמיסטיקט די ליטעראטור.

דער שלימאזלדיקער ייִד — פאר טרעפן אים באנאכט אפן בוידעם שנײַדן ביגנייוועע טוטין, און דער נאָגיד — פאר אויסגיסן א פּאָמעניצע פאר דער טיר. איז כאָטש מיר האָבן דאָס עלעגישע בילד פונעם בלייכן, אָרעמאנסקע־דעקלאסירטן ייִדן, וואָס „באגאנוועט“ די קאזנא, און די נעגידישע כוצפּע פון גיסן פּאָמעניצעס פאר דער טיר, דאפקע ווײַל ס'איז פארבאָטן, — זײַנען דאָס דערווײַל נאָך פּאָרט ניט מער, ווי שטייגער־דעטאלן.

דאָס סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע, געגראָבן אין דער טיף, קומט ערשט שפּעטער, ווען אונדזערעביידע ארעסטירטע (אַף א היפּשן מעהאלעך שוין פון טעפליק) זיצן און רוען זיך אויס אונטער א בוים באם זוניקן, שטויביקן וועג אין מיט פעלד. זייער שוימער, דער סאָטסקי, כאפּט דערווײַל א געשמאקן נאָכמיטיק־דרעמל, און אונדזערע צוויי העלדן פירן א גאָר ניט געוויינלעכן דיִאלאָג צווישן זיך.

די געמיינזאמע באליידיקונג, דאָס גלײַכע אָפּקומעניש האָט מיטאמאָל אזוי ניוועלירט, אויסגעגלײַכט אונדזערע פּערסאָנאזשן, אז אין זייער שמועס איז מער ניטאָ קיין שפּור פון דער פריִערדיקער נעגידישער טקיפעס, פון איין זײַט, און פון דער אָרעמאנסקע דערשלאָגנקײַט, פון דער צווייטער זײַט. גאָר פארקערט, כאפּנדיק איצט א רעטראָספּעקטיוון קוק אַף זייער גאנצן, ביז אהער אָפּגעלאָפּענעם לעבן און מאכנדיק דערבײַ א גרינטלעכן כעזשבן־האנעפעש, איז דער, וואָס רעדט גראָד דאָס מאָל אמיינסטן, דער, וואָס קלאָגט אָן, — דער אָרעמאן, און דער, וואָס פארטיידיקט זיך, — דער נאָגיד. און כאָטש די דאָזיקע, אין טאָך שארף און ביטער אָנקלאָגערישע, רייד פליסן אין שאָלעם־אליכעמס זיס־אָנגענעמען עפּישן ריטם, פאלן זיי ווי שווערע האמער־קלעפּ אפן קאָפּ פונעם נאָגיד.

אָט אין דעם שאָלעם־אליכעמיש־אייגנארטיקן J'accuse (איך באשולדיק) קעגן זאָאָלאָגישן עגאָיִזם, גלײַכגילט און רישעס, זאָג איך זיך ניט איין מאָל, האָט אונדזער גרויסער פאָלקס־שרײַבער אנטיציפּירט דעם טראגישן „דינטוירע“ צווישן ייִדן פון פארשיידענע סאָציִאלע שיכטן, לענדער און קולטורן, ווען זיי זײַנען איניינעם פארטריבן געוואָרן אין די היטלעריסטישע קאָנצלאגערן, אָפּגעצוימטע געטאָס, פארפלאָמבירטע וואגאָנען און קרעמאטאָריעס.

אויב פּערעץ איז געווען דער ייִדישער קולטור־באַוווסטזיין, איז שאָלעם־אליכעם טאָמיד געווען דער ייִדישער לעבנס־אינסטינקט. קיינער פון אונדזערע שרײַבער איז ניט געווען אזוי אין ריטם פון צײַט, פון אלע „בעהאָלעס“, פון ברעכן היים און שטייגער, ווי שאָלעם־אליכעם. ער דריקט דעריבער אויס ניט בלויז די ייִדישע נערוועזיטעט, ווי מע איז געוווינט צו זאָגן, נאָר אויך אונדזער געזונטע לעבנס־סטיכיע, לעבנס־וויטאליטעט.

אָבער העיויס שאָלעם־אליכעם איז דער טרײַסטער געשטאלטיקער פונעם ייִדישן פאָלקס־שטייגער, איז נאָך דער לעצטער מעויעמדיקער מילכאָמע אופגעשווומען אין אייניקע ייִדיש־ליטערארישע קרײַזן דער אײַנדרוק, אז איניינעם מיטן אָפּגעמעקטן ייִדישן שטייגער לעשט זיך אויס די ווירקונג, די קישעף־קראפט פון שאָלעם־אליכעמס פּלאסטישער קונסט. נאָך מער, ס'האָט אפילע אָנגעהויבן צו פארשפּרייטן זיך אין די זעלבע קרײַזן א מיינונג, אז אזויווי שאָלעם־אליכעם האָט „אָפּגעלאכט“ פונעם ייִדישן לעבן, ווירקט דעריבער הײַנט זײַן הומאָר עטוואָס מאקאבריש און דערפאר — עטוואָס שאָקירנדיק. דאָס איז פון אלע שטאנדפּונקטן אבסאָליוט פאלש! שאָלעם־אליכעמס שאפן, ווי דאָס לעבן האָט דערוויזן, איז ניט נאָר נישט דערווײַטערט געוואָרן פון אונדז, נײַערט נאָך מער דערנעענטערט. אין זײַן פּלאסטיש וואָרט האָבן מיר סײַ דעם עפּיש־קינסטלערישן מאָנומענט פונעם ייִדישן לעבנסשטייגער, סײַ די צארטסטע ייִדישע פאָלקס־פּאָעטיק, סײַ די איידלסטע פאָלקס־טרוימערײַ וועגן א בעסערער, גערעכטערער וועלט. אזויארום רופט ער זיך איבער מיט די אומשטערבלעכע דיכטער פון אלע צײַטן, פארבלײַבנדיק א מאָראליש־ווירקנדיקע קראפט אויך אפן ווײַטערדיקן געשיכטלעכן וועג צו דערלייזונג — סײַ פאר זײַן אייגן פאָלק, סײַ פאר דער גאנצער פאָרגעשריטענער מענטשהײַט.



די דעקאָראציע פון ארטור קאָלניק צו דער אינסצעניזירונג פון „מענאכעם־מענדל“ אין דער שטעלונג פון יאנקעוו שטערנבערג.



הירש רעלעס

זייערע נעמען זײַנען אויסגעקריצט אפן מעמאָריאַל-טאָוול

ייִדישע שרײַבער פון ווײַסרוסלאַנד, וואָס זײַנען אומגעקומען אף די פראָנטן פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע

רוווע רייזין

פון די יונגע דיכטער, וואָס זײַנען געקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון ווײַסרוסלאַנד אין די דרײַסיקער יאָרן, איז מער פון אַלעמען געווען פּאָפּולער רוווע רייזין.

ווען איך האָב נאָך געלעבט אין מײַן שטעטעלע טשאַשניקי, פלעגט מיר אויסקומען צו הערן וועגן אים עפּעס ניט קיין געוויינלעכע מײַסעס. מע האָט דערציילט, אז ער איז אין דער קינדהײַט געווען א בראָדיאַגע, פלעגט ארומגיין מיט א קאַטערינקע איבער די שטעטלעך, און איצט, שוין א דיכטער, האָט ער ניט געוואָרפן זײַנע אמאָליקע געוווינשאַפטן. דעם גאנצן האָנאָראַר צעטיילט ער די כאַווײרים. ער נעכטיקט אין די סקווערן. און איינמאָל האָט ער די גאנצע סטיפּענדיע אָפּגעגעבן א בעטלער בלויז דערפאַר, וואָס יענער איז יעסענינס א לאַנדסמאַן.

די דאָזיקע מײַסעס וועגן רוווע רייזין האָבן פאַרשפּרייט די סטודענטן, וועלכע פלעגן זיך צונויפּאָרן אין שטעטל אין דער צײַט פון קאַניקולן.

רוווע רייזין האָט ליב געהאַט צו שפּאַסן. דאָס האָב איך באַמערקט גלײַך, ווי איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט אין מינסק, אין סקווער לעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. רוווע איז שוין דאַן געווען א סטודענט פון ליטפאַק. איך האָב ערשט געהאַלטן אריינטריט-עקזאַמענעס. ס'איז געווען הארבסט. דרײַ יונגעלײַט — דער דיכטער העניך שוועדיק, דער קריטיקער הירש בעריאַזקין און איך — זײַנען געזעסן אף א באַנק ארום א גרויסן „געקוילעטן" קאַווין, פון וועלכן ס'האָט מאַמעש געשפּראָצט די זאַפט. ס'איז פאַרבײַגעגאַנגען א מיטלווּקסיקער יאַט, מיט א געקרויזטער שוואַרצער טשופּרינע. די פּלייצע איז בא אים געווען עטוואָס געבויגן, די הענט האָט ער געהאַלטן אין די קעשענעס. דער פּידזשאַק איז אף אים געהאַנגען, ווי א פּרעמדער, די הויזן פאַרקאַטשעט. איך הער, ווי שוועדיק זאָגט צו בעריאָזקינען:

— ער מאַכט זיך, אז ער זעט אונדז ניט, קעדיי מע זאָל ניט מיינען, אז ער שלאָגט זיך אָן אף קיבעד.

— רוף אים אהער, — האָט א זאָג געטאָן בעריאָזקין, און גלײַך האָט זיך דערהערט שוועדיקס שטים:

— רוווע!

דער יאַט האָט זיך א קער געטאָן צו אונדז מיטן פּאָנעם. ס'האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער פאַרגליווערטער שמייכל און דער שעמעוודיקער קוק.

ווען ער איז צוגעגאַנגען, האָט בעריאָזקין אים פּאָרגעלייגט א שטיקל קאַווין.

— ניין, א דאַנק, — האָט געענטפערט רוווע, — איך האָב געגעסן אזוינע פרישע קאַווענעס, אז איר קאָנט זיך אפילע ניט פּאָרשטעלן, נאָרוואָס פון באַשטאַן!

— ווען? — האָט מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט בעריאָזקין. ווײַל ווי באַוווּסט, וואַקסן ניט קיין קאַווענעס בא אונדז אין ווײַסרוסלאַנד.

— פאַראַיאָרן, — האָט געענטפערט רוווע, — אין אוזבעקיסטאַן, ווען איך בין דאָרט געווען מיט א בריגאַדע שרײַבער...

איך האָב זיך אזוי שטאַרק צעלאַכט, אז פאַרבײַגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט. רוווע האָט א קוק געטאָן אף מיר מיט א גוטמוטיקן שמייכל, ווי ער וואָלט צופרידן געווען, וואָס עס האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו מאַכן מיך פריילעך.

— זײַט באַקאַנט, — האָט מיך פּאָרגעשטעלט שוועדיק, — ס'איז רעלעס, ער שרײַבט אויך לידער.

— איך ווייס, — האָט געענטפערט רוווע, — כ'האָב געלייענט.

— ווו האָסטו געלייענט?

— וואָס הייסט ווו? אין זשורנאַלן, אין צײַטונגען...

— ער האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט געדרוקט.

— טאַקע? — האָט מיט אופריכטיקער באַדויערונג געפרעגט רוווע.

שוועדיק מיט בעריאָזקינען האָבן בלויז אונטערגעשמייכלט, קענטיק, אז זיי זײַנען שוין געוווינט געווען צו רווועס לעצאָנעס.

בא דער צווייטער באַגעגעניש האָט רוווע מיר גלײַך פּאָרגעלייגט:

— אויב דו ווילסט, קאָן איך דיך באַקענען מיט כאַריקן. וועסט אים לייענען לידער. עפּשער וועט ער עפּעס אָפּקלײַבן פאַרן זשורנאַל „שטערן".

— איך בין שוין בא אים געווען, און ער האָט אָפּגעקליבן עטלעכע לידער.

— לאָמיר גיין עס אָפּמערקן אין מײַן רעסטאָראַן!

— ווען די לידער וועלן זײַן אָפּגעדרוקט, — האָב איך געענטפערט. — איצט קאָן איך ניט.

נאָר רוווע האָט מיך אוועקגעשלעפּט מיט זיך.

— קלײַבסט זיך ווערן א מינסקער, מוזסטו זיך באַקאַנען מיט מײַן רעסטאָראַן... ס׳וועט דיר צוניץ קומען. וואַרט צו אף מיר א רעגע...

ער איז ארײַן אין א ברויט־קראָם און אין א פּאָר מינוט ארום ארויס פון דאָרטן מיט א גרויסן לאַבן ווײַס ברויט.

— קום!

אף נעמיגע, לעבן טײַך, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט בא אַן אַלטינק בײַדל, ווו מע האָט פארקויפט קוואס. דער פארקויפער, שוין אַן עלטערער מענטש מיט א ווײַסער באָרד, דערזעענדיק אונדז, האָט גלײַך אָנגעגאָסן צוויי קופלען קוואס.

— האָסט מיר געבראַכט א נײַעם קונד? — האָט ער זיך געווענדט צו רוווען. — וואָס, אויך א פּאָעט?

— אַן אָנפאַנגער.

— ווי איך זע, וועט מײַן לאַריאָק ארײַן אין דער געשיכטע... — האָט געשפּאַסט דער פארקויפער.

הינטערן בײַדל, בא דער וואַנט, זײַנען געשטאַנען קאַסטנס. מיר זײַנען געזעסן מיטן פּאָנעם צום טײַך און געפּראַוועט די סודע.

— גוט! עמעס? — האָט רוווע געפרעגט, קײַענדיק דעם קוילעטש און פארטרינקענדיק מיט קוואס. — אין קינדערהיים האָט זיך מיר קיינמאָל ניט געכאָלעמט, אז איך וועל עסן סיטניצע, וויפל איך וויל.

נאָך דער סודע האָט ער מיר פאָרגעלייגט:

— איצטער קום מיט מיר אין זשורנאַל „שטערן“, איך דארף איבערלייענען כאַריקן א פּאָר נײַע לידער.

ס׳האָט מיר אויסגעזען מאָדנע. גלאַט אינמיטנדערינען גיין לייענען איזי כאַריקן לידער! שפּעטער איז מיר די זאַך קלאָר געוואָרן.

כאַריק האָט זייער געהאַלטן פון רוווס לידער, ער האָט פאָרויסגעזאָגט דעם יונגן פּאָעט א רײַכע צוקונפט. דאָס וואָלט זיכער פארווירקלעכט געוואָרן, ווען רוווען וואָלט באַשערט געווען צו דערלעבן ביז אונדזערע יאָרן.

כ׳האָב אַמאָל געהערט, ווי כאַריק האָט בעשאַס אַן ארויסטרעטונג אף א ליטעראַרישן אָוונט אײַסווייניק ציטירט שורעס פון רוווע רייזינס א ליד:

גייסט מיר נאָך — אף דער ערד א שאָטן,
גייסט מיר נאָך — א זון פון אויבן,
קינדהײַט, ווי פון זאַמד פארשאָטן,
זאָל איך שילטן דיך צי לויבן?
כ׳ווייס ניט אָפּטמאָל, וואָס מיך טראָגט ערשט
דורך וויג און בלענד פון העכסטער
שטאַגע, —
צי דאָס פײַער פון א שלאָגלער,
צי דער דראַנג פון א בראָדיאַגע.
כ׳פלעג אין פרעמדע שטעט זיך קאָרטשען
אונטער סקווער־קוסט אין א ווינקל,
ווען כ׳פלעג אין האַלבן דרימל וואָרטשען,
ווי אַמאָל נאָך א קליין ייִנגל.

א קליין ייִנגל — ניט צו הערן, ווי אף
ברעטער
קאָרטשעט זיך און קרעכצט די מאַמע,
פלעג איך זיך דורך דערפער, שטעטלעך
מיט בראָדיאַגעס לאַנג פארזאַמען...

מע דארף זיך פאָרשטעלן, אז איזי כאַריק האָט ניט אויסגעלערנט די שורעס ספּעציעל, קעדיי ציטירן זיי אף אויסווייניק. אים איז פּאָשעט געפעלן געוואָרן די ליד, און ער האָט זי פארגעדענקט. רוווע איז דערבײַ געזעסן אין זאַל, ווי שטענדיק אין א ווינקל, און געהאַלטן אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, קיינער זאָל אים ניט באַמערקן.

רוווע רייזינס לידער פארגעדענקען זיך לײַכט, זיי זײַנען שטענדיק פריש. זײַן פּאָעזיע איז ליריש־אינטים. און אף וויפל זײַן אייגן לעבן איז געווען ענג פארבונדן מיטן לעבן פון פיל מענטשן פון זײַן עלטער, פארמאָגן זײַנע טיף אינטימע לידער א געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער.

ס׳איז געווען א צײַט, ווען די, וואָס זײַנען ניט לאַנג צוריק געווען „גאָרנישט“, זײַנען געוואָרן „אַלץ“, געוועזענע לומפּן, בראָדיאַגעס, קאַפּצאָנים, בעטלער — פארשיידענע דעקלאַסירטע עלעמענטן — זײַנען ארײַנגעצויגן געוואָרן אין דער פּראָדוקטיווער ארבעט. אזא איז געווען אויך רוווס וועג. און אָט די טעמע פארנעמט א בעקאָוועדיק אָרט אין זײַנע לידער.

זײַענדיק לויט דער נאַטור זייער באַשיידן, האָט ער טיף אין הארצן שטאָלצירט מיט דעם, וואָס ער, דער געוועזענער לומפּ, וועלכער איז פיל מאָל געלאָפן פון קינדערהיים און פלעגט ארומוואָגלען מיט קאַטערינשטשיקעס, האָט זיך געלערנט אין א הויכשול און איז געוואָרן, מע קאָן זאָגן, א באַליבטער פּאָעט פון דער ייִדישער יוגנט.

מיט זײַן גאַנץ געמיט איז ער געווען ארײַנגעטאָן אין דער דיכטונג און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון יענער צײַט. ער האָט טיף איבערגעלעבט די געשעענישן אין שפּאַניע, געפילט א ברענענדיקן האַס צום פאַשיזם. ווען עס פלעגט אים אויסקומען צו ריידן וועגן די היטלעריסטן, האָט ער זיך אזש געענדערט אין פּאָנעם.

— דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז איצט — שטעלן זיך אין שוץ פונעם ראַטנפארבאַנד, — האָט ער געטײַנעט, — ווי נאָר איך ענדיק דעם אינסטיטוט, גיי איך אוועק אין דער רויטער אַרמיי...

ער האָט געשאַפן פיל לידער אף שוץ־טעמאַטיק. מיט א פּאָר יאָר פאַר דעם, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פּאַטערלענדישע מילכאָמע, איז ער אוועק דינען אין דער אַרמיי.

שווער איז אים געווען צו שיידן זיך מיט די אייגענע און פרײַנט, מיט דער ליטעראַרישער סוויווע, און באַזונדערס שווער האָט ער איבערגעלעבט די צעשיידונג מיט דער אַלטער מאַמען, וועלכע איז געווען צוגעקאָוועט צום בעט. די מאַמע האָט ער זייער ליב געהאַט. ניט אומזיסט ווערט זי בא אים דערמאָנט אין א סאַך לידער.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך געזען רוווען אין 1940, אין מינסק.

ערעוו זײַן קומען אף עטלעכע טעג צוגאַסט פון דער מיליטער־טייל איז אין זשורנאַל „שטערן“ געווען אָפּגעדרוקט זײַנער א ציקל לידער, אין וועלכע דער סאָלדאַט האָט געגעבן א שוווּע פון טרײַשאַפט צום היימלאַנד. אין שרײַבער־הויז האָט מען דורכגעפירט א ליטעראַרישן אָוונט, אף וועלכן רוווע האָט געלייענט זײַנע נײַע לידער. אין די מיליטערישע קליידער האָט ער איצט אויסגעזען ווי א בראַווער יאַט. די ספּראָנזקע האָט אף אים געגלאַנצט, די קירזעווע שטיוול זײַנען געווען אָפּגעפּוצט. די פלייצע איז געווען מער אויסגעגלײַכט. עס האָט זיך

געפילט, אַז רוּווע סטאַרעט זיך האַלטן ווי אַן עכטער אָפיצער.

די סאָלדאַטן האָבן זייער ליב געהאַט זייער וווּנדערלעכן קאָמאַנדיר רוּווע רייזין. ער האָט אין דער מיליטער־טייל דערצײַלט זײַן צווייטע היים. וועגן דעם זאָגן אייניקע די שורות פון זײַן ליד, וואָס ער האָט געדרוקט אין יאַנואַר 1941 אין זשורנאַל „שטערן“:

עס שטייען פאַר אונדז סמירנאַ די רייען סעמאַפאָרן
און גלײַכן זיך צו אונדזער שלאַנקן עשעלאָן,
מײַן וועלט פון רויטאַרמייער, וווּהין מע זאָל
ניט פאָרן,
ווי יאַטן פון איין ראָטע זײַנען מיר ליבלעך
נאָענט.
אויף יעדער באַרג און סטאַנציע, אין קרײַז פון
רויטאַרמייער,
קלינגט צו מיר די ווענדונג: כאַווער קאָמאַנדיר,
און בין איך פרייִלעך, רופט מען, כ׳זאָל מיט
זיי זיך פרייען,
בין איך פאַרקלערט, איז לאָזט מען ניט, כ׳זאָל
שטיין — אַ גאַסט בײַ דער טיר.

די קאָמאַנדירן און סאָלדאַטן האָבן געוווּסט, אַז ער איז אַ פּאָעט, זיי האָבן מיט אים שטאָלצירט. צווישן די, וואָס זײַנען געווען מיט אים באַפרײַנדעט אָדער האָבן אים געקענט, וועט זיך ניט געפינען קיין איינער, וואָס זאָל זיך קלאָגן, אַז רוּווע האָט אים ווען־עס־איז באַליידיקט. רוּווע איז געווען אַ מענטש אָן אַ גאַל. סינע האָט ער נאָר געפילט צו די, וואָס האָבן געדראָעט דער סאָוועטנמאַכט, וועלכע ער האָט געליבט און פאַר וועלכער ער האָט אָפן פראָנט אָפּגעגעבן זײַן לעבן.

לייב טאַלאַלײַ

ער שטייט מיר פאַר די אויגן — אַ הויכער, אַ שלאַנקער. אין אים האָט מען גלײַך געקאָנט דערקענען אַ מיליטערמאַן. אין דער אַרמיי האָט ער געדינט אַ יאָר פיר. נאָכדעם, אַלס רעזערוו־אָפיצער, איז אים אויסגעקומען יעדן יאָר אָנטיילנעמען אין מאַנעווערס. די האַרבסטצײַט פלעגט ער זיך אומקערן אַ פאַרברוינטער פון דער זון און שטענדיק מיט אַ ציקל נײַע לידער וועגן אַרמיי־לעבן.

שוין אַ לאַנגע צײַט איז מיר ניט אויסגעקומען אַרײַנצוקוקן אין זײַנע צוויי ביכער־לידער („מײַן סנאָפּ — מײַן ערשטלינג“ און „אין מאַרש“), נאָר ביז איצט געדענק איך אויף אויסווייניק אַ סך פון דעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבן.

נו, ווי קאָן מען פאַרגעסן אַזוינע שורות:

עס איז געווען אַ זאַטער אָסיען,
איך זע באַם אַקער אַ ייִד שטיין,
און אויף זײַן פּאָנעם איז אויסגעגאָסן
דער צען מאָל קלוגער טעוויעס כיין.

לייב טאַלאַלײַ שטאַמט פון ייִדישע פּויערים. די טעמע פון דאָרף־לעבן פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין זײַן שאַפונג, איבערהויפּט אין בוך „מײַן סנאָפּ — מײַן ערשטלינג“.

פיל לידער זײַנען געווידמעט זײַן פּראָפעסיע, וועלכער ער איז געווען איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן. ער איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער פּעדאַגאָג.

די אַלטע לערער פון מינסק און זײַנע געוועזענע שילער, וואָס זײַנען שוין איצט אויך ניט קיין יונגעלײַט, דערמאָנען אַדהײַעם דעם שמייכלענדיקן גוטמוטיקן לערער, וועלכער האָט קיינמאָל דאָס קול ניט אויפגעהויבן אויף אַ שילער, און שטיל איז געווען אין קלאַס אויף זײַנע לימודים, אַז מע האָט געקאָנט הערן, ווי אַ פליג פליט דורך. די שילער האָבן געהערט זײַנע ווערטער מיט גרויס אינטערעס. זיי זײַנען געווען גרייט גיין פאַר אים אין פײַער און אין וואַסער.

ווען איך האָב נאָך שטודירט אין אינסטיטוט, איז מיר אויסגעקומען זײַן אויף פּראַקטיק אין דער שול, וווּ לייב טאַלאַלײַ איז געווען דער לערער פון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. מיט דער פּראַקטיק האָט דאַן אָנגעפירט דער ליטעראַטור־פאָרשער און שרײַבער אורי פינקעל, וועלכער האָט בײַ אונדז געלייענט פאָלקלאָר און מעטאָדיק פון ליטעראַטור. ווען אונדזער גרופּע האָט געדאַרפט געבן פּרווו־לימודים, האָט אורי פינקעל אונדז געוואָרנט:

— איר דאַרפט האָבן אין זינען, אַז אײַך וועט אויסקומען פאַרבײַטן אויף די לימודים לייב טאַלאַלײַען. דאָס איז זייער אַ באַגאַבטער לערער און אַ שטאַרקער ליטעראַט. נאָך אים וועט אײַך זײַן ניט גרינג צו פאַראינטערעסירן די שילער. אַזוי, אַז איר זאָלט זיך גוט גרייטן צום לימעד.

אין אונדזער גרופּע, געדענק איך, איז געווען אַ סטודענטקע, וואָס האָט שטאַרק געצווייפלט אין אירע פּעדאַגאָגישע פעיִקייטן. זי איז געווען בײַ זיך שטאַרק געפאַלן. בײַס זי האָט זיך געגרייט צום לימעד, האָט זי געטײַנעט:

— אָט דאָ וועט זײַן מײַן יאָם־האַדין. אויב איך וועל דורכפאַלן, פאַרלאָז איך דעם אינסטיטוט און גיי אַרבעטן אַלס קאָרעקטאָר.

אַז לייב טאַלאַלײַ האָט דערהערט די דאָזיקע רייד, האָט ער מיך אָפּגערופן אין אַ זײַט און געפרעגט:

— וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די דאָזיקע יאַטעכע?

איך האָב אים דערציילט, אַז זי איז פּעסימיסטיש געשטימט, זי האָט זיך אַליין אײַנגעשמועסט, אַז זי טויג צו גאָרנישט.

טאַלאַלײַ האָט איר געהאָלפן גרייטן זיך צום לימעד. ער האָט געײַצעט דורך פראַגן פאַרפעסטיקן מיט די שילער דעם דורכגעגאַנגענעם מאַטעריאַל. די סטודענטקע האָט אים געפאָלגט. דער לימעד, עמעס, איז דורכגעגאַנגען אָנגעשטרענגט, און דאָך איז אין קלאַס געווען שטיל. די שילער האָבן גוט געענטפערט אויף אַלע פראַגן. די דערקלערונג איז פולקום צו זיי דערגאַנגען. טאַלאַלײַ האָט געלויבט די סטודענטקע. די דאָזיקע לערערן אַרבעט איצט אין באָברויסק. זי רעכנט זיך פאַר איינער פון די בעסטע לערער פון ליטעראַטור און שפּראַך.

די לייענער פון די דאָזיקע שורות קאָנען מיר אויפוואַרפן, פאַרוואָס איך ווײַז דעם דיכטער טאַלאַלײַ ברייטער אין די פּעדאַגאָגישע ספערן, איידער אין די שרײַבערישע. דערויף איז פאַראַן אַ סיבע: טאַלאַלײַ פלעגט זעלטן ווען זײַן צווישן די שרײַבער, כאָטש אַלס דיכטער איז ער געווען פּראָדוקטיוו. די פּעדאַגאָגישע אַר־

בעט האָט באַ אים אָפּגענומען פיל צײַט. ער האָט זיך ניט פאַרגונען קומען גלאַט אַזוי אין שרײַבער־הויז. די פרײַע צײַט פלעגט ער אָפּגעבן דער פּאָעזיע.

נעענטער האָב איך זיך באַקאַנט מיט אים אין 1939, ווען כ׳האָב געאַרבעט צוזאַמען מיט הענעך שוועדיקן אין דער קינדער־צײַטונג „פּיאָנער בעלאַרוסי“. הענעך איז געווען דער פאַרוואַלטער פון שול־ און פּיאָנערן־אָפּטיילונג, און איך — זײַן פאַרטרעטער.

איינמאָל לייגט אונדז פאָר דער הויפּט־רעדאַקטאָר:

— ס׳וואָלט זײַן גוט, ווען אויף די שפּאַלטן פון אונדזער צײַטונג זאָל אַרויסטרעטן אַ לערער מיט אַן אַרטיקל וועגן עכטער פרײַנטשאַפט צווישן כאַווערים. אַרום דעם וועלן מיר נאָכדעם פאַנאַנדערוויקלען אַ דיסקוסיע. אפשר ווייסט איר אַזאַ לערער, וואָס זאָל קאָנען דעם אַרטיקל אָנשרײַבן?

הענעך האָט גלײַך פאָרגעלייגט טאַלאַליַיען, און ס׳איז געבליבן, אַז איך זאָל גיין באַשטעלן באַ אים דעם מאַטעריאַל.

טאַלאַלײַען האָב איך געטראָפן אין שול־קאָרידאָר אין דער צײַט פון דער גרויסער האַפּסאָקע.

— וואָס הערט זיך עפּעס אין אײַערע קרײַזן? — האָט ער אויסגעמורמלט מיט זײַן באַס.

— אין וועלכע?

— נו, געוויינלעך, אין די ליטעראַרישע.

— אין אונדזערע קרײַזן האַלט מען, אַז דײַנע לעצטע לידער, וואָס זײַנען געדרוקט אין „שטערן“, זײַנען אויסגעצייכנטע.

אָט, אַגעוו, וויאַזוי עס האָט געקלונגען איינע אַ ליד פון דעם דאָזיקן ציקל:

דער פּאָלק איז געגאַנגען
דרײַ טעג און דרײַ נעכט,
וואַלד איז פון לינקס,
וואַלד איז פון רעכטס.

די מענטשן — מיד,
די פערד זײַנען מיד.
עס קלעפּט זיך ניט עפּעס
באַ ראָטעס די ליד.

און פּלוצלינג פון וואַלד
שווימט צום הימל אַרויס
אַ דערפל
און שטיבער אַ הויז לעם אַ הויז.

ס׳איז פריילעך אין אָוונט,
דער הימל איז בלוי.
גענומען האָט שטײַגן
די ליד באַ דעם סטרוי.

מע האָט אויף אַ בריקל
געמאַכט אַ פּריוואַל,
עס טאַנצט אויפן בריקל
פון יונג ביז אַלט.

איך ליג אויפן ברעג,
אויף מײַן ביקס — אַ פּאַפּיר,
עס שרײַבט זיך באַ מיר,
עס שרײַבט זיך באַ מיר.

אין אַ וואָך אַרום איז אין דער קינדער־צײַטונג געווען אָפּגעדרוקט טאַלאַלײַס פאַרצייכענונג וועגן פרײַנטשאַפט. פון דעמאָלט אָן האָבן דאָ זיך אָפט געדרוקט זײַנע ווערק.

דער הויפּט־רעדאַקטאָר פלעגט אונדז בעטן:

— איר האָט אַנטדעקט פאַר אונדז זייער אַ וויכטיקן אַוטאָר. לאָזט אים ניט אָפּ פון אויג. ס׳וואָלט געווען זייער גוט, ווען ער גייט צו אונדז איבער אויף שטענדיקער אַרבעט.

שוועדיק האָט אַ לאַנגע צײַט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט טאַלאַלײַען וועגן דער פראַגע, נאָר טאַלאַלײַ האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן די שול.

...דאָס לעצטע מאָל האָב איך געזען לייב טאַלאַלײַען אין יול 1941, אין אַ וואַלד הינטער הרעסק, ווו עס האָבן זיך פאָרמירט מיליטערישע טיילן.

איך האָב דאַן געדינט אין מינסקער דריטן זאַמל־פּאָלק, וואָס איז באַשטאַנען פון נאָוואָבראַנצעס. דעם וואַלד האָבן פון צײַט צו צײַט באָמבירט דײַטשישע אַעראָפּלאַנען. דאָ זײַנען מיר געשטאַנען באַ אַ צוויי וואָכן, ביז דער פראָנט האָט זיך דערנעענטערט צו הרעסק. איינמאָל גייט צו מיר צו דער לערער דאַוויד לאַזאַרעוויטש רעדניק, מיט וועלכן כ׳האָב געדינט אין איין באַטאַליאָן, און זאָגט צו מיר:

— ווילסט זען טאַלאַלײַען?

— ווו איז ער?

— באַלד וועט ער צוגיין אַהער. זייער טייל איז שוין אײַנגעאַנצן באַוואָפנט. היינט־מאָרגן טרעטן זיי אַרײַן אין שלאַכט.

און טאַקע באַ די רייד דערזע איך אים. די מיליטער־קליידער האָבן אים צוגעגעבן נאָך מער שלאַנקײַט, פּונקט ווי ער וואָלט געווען אַ געבוירענער אָפיצער. דאָס פּאָנעם איז געווען שטאַרק פאַרברענט. די אויגן האָבן געגלאַנצט, און דער גוטמוטיקער שמייכל איז געלעגן אויף די ליפּן.

— דו וועסט נאָך זען, — האָט ער מיך געמונטערט, — מיט וואָס פאַר אַ שנעלקײַט די ווילדע כײַע וועט זיך קײַקלען אויף צוריק. — און מיטאַמאָל, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט: — טאַבאַק האָסטו?

די פראַגע איז פאַרגעבן געוואָרן ניט נאָר צוליב דעם, כּדי אָפּווענדן מיך פון די שווערע געדאַנקען. ער האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל מאַכאָרקע און אָפּגעשאָטן מער ווי אַ העלפט.

כ׳געדענק, ווען ער איז אַוועק, זײַנען מיר געקומען אויפן געדאַנק די שורעס פון זײַן ליד „מײַן ביקס“:

כ׳וועל שטענדיק געדענקען דעם נומער
געקריצט אויף דער שטאָלענער רער,
די רעגע די הייסע וועט קומען,
און נעמען וועל איך דאָס געווער.
און טרײַהײַט און ליבשאַפט געשוואָרן
איך האָב מיט דער ביקס אין דער האַנט
אונטער דעם הימל דעם קלאָרן
פון אונדזער סאָוועטישן לאַנד.

לייב טאַלאַלײַ איז געבליבן טרײַ זײַן שבועה. אין 1943 יאָר איז ער געפאַלן אין שלאַכט.

• • •

מוישע מאַרגאָלין

דער וועג פונעם דיכטער

(איציק פעפער — „לידער, באַלאַדעס, פּאָעמעס“. מאָסקווע, 1961)

מע דארף זאָגן א יאשער־קויעך די צונויפשטעלער פונעם זאמלבוך פאר דעם, וואָס זיי האָבן זיך ניט אָפּגעהאלטן פון אײַנשליסן אין בוך אויך פעפערס ערשטע „פּרוּוון פון דער פּען“. אדאנק דעם האָט דער לייענער די מעגלעכקייט זיך צו באקענען, לעמאָשל, מיט איינער פון זײַנע ערשטע לידער, אין וועלכער ס׳לאָזן זיך הערן בלאָקישע מאָטיוון, פארשארפטע דורך דער אויסנוצונג פון אומדערווארטע, איראַציאָנעל־מעטאפאָריזירטע עפּיטעטן:

אפן לײַוונט פון אָוונט
מאָלן קלאנגען בלויע הענט,
אין דעם שטילן זומער־צימער
האָבן קלאנגען זיך צעברענט.
. . . .
האָט דער צימער זיך צעזונגען
אין דער טונקלקייט פון ווענט,
אפן לײַוונט פונעם אָוונט
מאָלן קלאנגען בלויע הענט...

(ז. 22).

ס׳איז ניט גרינג צו דערקענען פעפערן אין די געבראכטע שורעס, און זיי זײַנען טאקע ניט כאראקטעריסטיש פאר זײַן דיכטערישער וועלט, ווי זי האָט זיך נאָמדעם אויסגעקריסטאליזירט און דעם ברייטן לייענער באליבט געוואָרן. מע קאָן זיי אָבער אויך ניט אוועקמאכן מיט דער האנט און אויסשטרײַכן פון פעפערס דיכטערישער ביִאָגראפיע. אין זיי איז געקומען צום אויסדרוק די ווירקונג פון פּאָעטישע געפילן, וואָס זוכן נאָך זייער מעלאָדיע און גיסן זיך אויס אין אומקלאָרע, פאנטאסטיש־סוביעקטיווע וויזיעס:

כ׳האָב זיך אײַנגעהילט אין הימל —
מיט די שטערן זיך פארקנעפּלט,
פון דער זון געמאכט א שלייער
און געלאָזט זיך אינעם וועג.

(ז. 23).

די דאָזיקע מאָטיוון זײַנען, ווי מיר ווייסן, ניט געווען קיין זוכענישן אף סימבאָליסטישע שטעגן. אין זיי האָבן זיך בלויז אנטפּלעקט די פּאָטענציִעלע שעפערישע קויכעס, וועלכע וועלן באלד זיך ארויסרײַסן און פארכאפּן דעם לייענער מיט קעמפערישער, לעבנסלוסטיקער פּאָעזיע. וועגן דאָזיקן געפיל פון שעפערישער קראפט, וואָס זוכט נאָך איר צילבאוווסטן אינהאלט, זאָגן איידעס אויך פאָלגנדיקע שורעס, וועלכע געהערן צום זעלבן פעריִאָד:

קומט אהערצו גיכער, גיכער,
הימלען, זונען, לענג און ברייט!
זעט, ווי ס׳ווערט דער ווײַסער וויכער
איבער שורעלעך צעווייט!

מײַנע ווערטער לייענט דער שטורעם,
מײַנע לידער לייענט דער שליאך;
וועמעס הערצער זײַנען אָרעם?
מײַנע הערצער זײַנען רײַך.

(ז. 24—25).

ס׳איז צו באדויערן, וואָס די געבראכטע לידער פון די יאָרן 1918—1921 זײַנען אין זאמלבוך געדרוקט נאָך א ריי ווערק פון שפּעטערדיקע יאָרן. דאָס, וואָס עס ווערט ניט אָפּגעהיט דער כראָנאָלאָגישער פּרינציפּ, איז אין געגעבענעם פאל, ארויסגייענדיק פונעם אויבנגעזאָגטן, באזונדערס פארדריסלעך (אגעוו, אין ערשטן באנד פון פעפערס „געזאמלטע ווערק“ געפינען די דערמאָנטע לידער זייער אָרט אין כראָנאָלאָגישן סיידער).

■

דער דיִאפּאזאָן פון פעפערס דיכטונג איז ביז גאָר ברייט. דער דיכטער רופט זיך אָפּ אף אלע וויכטיקע געשעענישן פון דער עפּאָכע, מיט וועלכער ער האָט פעסט און אקטיוו מיטגעשפּאנט, און פארנאכלעסיקט דערבײַ אויך ניט דאָס מענטשלעך־אינטימע, אף וועלכן ער רעאגירט, עמעס, צוריקגעהאלטן, ווי אגעוו־אורכע. זײַן דיכטונג איז שווער ארײַנצושפּארן אין די ראמען פון ענגער טעמאטיק, נאָר אינגאנצן גענומען אנטוויקלט

זי זיך אונטער דער אופּווירקונג פון „איינער, נאָר א פלאַמיקער לײַדנשאַפט", און די דאָזיקע לײַדנשאַפט איז די נײַ־אופגעקומענע וועלט אין אירע פּילזײַטיקע אַנט־פּלעקונגען. פעפער, וועלכער איז איינעם מיט א גאַנ־צער פלעיאַדע דיכטער־מיטצײַטלער געווען דער דירעק־טער פאַרזעצער פון אַשער שווארצמאַנס ליטעראַטור־ליניע, האָט זיך עפּשער מער פון אנדערע אונטערשיידט פון אים מיט דעם, וואָס אין זײַנע ווערק איז ער גע־ווענדט בלויז צום נײַעם הײַנט און — פאָרויס, צו דער צוקונפט, ניט ארויסווײַזנדיק קיין נעטיקע זיך צו ווענדן צוריק, זיך א גריבל צו טאָן אין דער פארגאַנגענהײַט. דער זאַמלבוך גיט די מעגלעכקײַט זיך צו איבערצײַגן אין דעם.

די ברייט־באַוווסטע „יאַטן" האָבן געשאַפן אן אייגנאַר־טיק בילד פון דער אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין די יאָרן פון בירגערקריג. די לידער פון דאָזיקן ציקל פאַרמאָגן פאַרשיידענע אינטאָנאַציעס און מאָס. מיט דעם שפּילן זיי באַזונדערס אויס — זיי לאָזן הערן דעם אָטעם פון זייער צײַט, גיבן איבער דעם גײַסט פון די יונגע רעוואָלוציע־סאָלדאַטן, אָט די יאַטן, וואָס זײַ־נען „קיינמאָל דאַרשטיק, קיינמאָל מיד". דער כאַריי, וואָס איז ביכלאַל ניט דער בעסטער ריטם פאַרן דינאַ־מישן אופמארש, פאַר דער האַסטיקער באַוועגונג פון שטרײַטנדיקע מאַכנעס, גיט דאָ איבער דערפאָלגרײַך די געשפּאַנטקײַט, וואָס דריקט זיך אויס אין שטיין אין גרייטקײַט, שטיין אַף דער וואך: „דאָרט באַם גרענעץ, דאָרט באַם פעלד שטייען יאַטן אויסגעשטעלט. קיינמאָל דאַרשטיק, קיינמאָל מיד, שטייען יאַטן און מע היט". די אויסערסט פּילבארע אָנגעשטרענגטקײַט פון בילד קאָמפּענסירט די אונטערגעשטראָכענע באַשיידנקײַט פון אינהאַלט, וועלכער לאָזט באַוווסטזיניק איבער אַלע גע־שעענישן און די מײַסים פון די זעלבע יאַטן אין אונ־טערטעקסט. דאָס אימפּרעסיאָניסטישע געמעל איז אין דעם פאַל ניט ווייניקער אײַנדרוקספול, ווי דאָס געמעל פון א ברייט־צעוויקלט עפּיש לײַוונט.

די יאַטן־טעמע ווערט בא פעפערן ניט איין מאָל איבערגעכאַזערט. מיר געפינען זי אין „לידער אַף פּלויטן", אין „סיביר, אוראַל, קאַלוגע און טריפּאָליע", אין „ליגן, ווי יעסוימים, הונגעריקע כוררוועס" אאַוו. מיר אַנטדעקן זי אַפילע אין אזא, אין טאָך אינטימער, ליד, ווי „פאַרגעסענע אויגן":

ניט קיין הימל, קיין ווינט, ניט קיין פעלד
האָט מײַן טראָט אַף די וועגן געצויגן,
נאָר דײַן לאַנגער, דײַן גראָוער שינעל
און די גראָווע פארגעסענע אויגן.

(ז. 13).

די לידער, וועלכע מיר האָבן דאָ דערמאָנט, זײַנען גע־שריבן אין די יאָרן 1924—1925, ווען דער ליריש־סוביעקטיווער מאָטיוו מיט זײַן „אייביקן" אינהאַלט, וואָס „בלײַבט שטענדיק נײַ", האָט גענומען צײַטנווײַז אויך קאָנטראַסטירן מיטן מאַיאַקאָווסקישן שניט אין דער סאָ־וועטישער פּאָעזיע; דעמלט איז אויסגעקומען פעפערן פאַרטיידיקן זײַן קאָנסעקווענטע ליניע אין דער ליטע־ראַטור, און געדענקענדיק, אז דאָס בעסטע מיטל פון פאַרטיידיקונג איז דער אָנגריף, שרײַבט ער:

קלאָגט מען זיך: ס'איז איבעריק און נימעס —
פעלדער און שינעלן אָן א צאָל,
און מיט מידע, הייזעריקע שטימעס
זינגט מען ווידער, ווי אַמאָל.

מיר איז לאַנג שוין נימעס הערן
זייער סקריפּ פון לעוואָנעס און פון נאַכט;
טויזנט יאָר האָט מען באַזונגען שטערן,
און ס'האָט קיינעם, קיינעם ניט געאַרט.

(ז. 62).

אזוי האָט פעפער דעקלאַרירט דעם בירגערלעכן כאַ־ראַקטער פון זײַן שעפערישן וועג, אַף וועלכן ער איז געגאַנגען זײַן גאַנץ לעבן, ביזן סאָף. שפּעטער, אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן, וועט ער זײַן וועג ביל־דעריש כאַראַקטעריזירן: „ס'איז דער וועג צעשניטן; פינצטערניש און שײַטערס... **יוגנט מײַנע, יוגנט, לאָמיר לויפן ווײַטער!** יעדער קער — אן אופרײַס, יעדער שפּאַן — א לאַזונג, **יוגנט מײַנע, יוגנט, זאָלסט מיך ניט פאַרלאָזן**" (ז. 67—68. מײַן קורסיוו. — מ. מ.).

די דאָזיקע שורעס טראָגן אין זיך די זעלבע פרישקײַט פון רעוואָלוציאָנערן דראַנג, וועלכע האָט אָפּגעצייכנט זײַנע ערשטע, אין פײַער פון קאַמף געבוירענע, יוגנט־לעך־האָפערדיקע לידער.

■

אין די דרײַסיקער יאָרן טרעט פעפערס דיכטערישער טאַלאַנט אַרײַן אין דער גאָלדענער צײַט פון זײַן רײַפ־קײַט. דאָס איז א פּעריאָד פון פאַרטיפטע מאַכשאָוועס און פאַראַלגעמיינערונגען. דער האָריזאָנט פונעם דיכ־טערס וועלט־אָנשויונג פאַרברייטערט זיך, זײַנע ווערק ווערן רײַכער אין אינהאַלט, דער פערז — וואָגיקער, איבערצײַגעוודיקער. די ערשטע סימאָנים פון אזא רײַפ־קײַט האָבן, גאַנץ נאַטירלעך, זיך אויסגעדריקט אין אומצופרידנקײַט מיט זיך זעלבסט, אין דער שטרעבונג צו נײַע הייכן:

דער בליק איז ווײַט, די קראַפט איז גרויס,
נאָך טעג נאָך מאָרגנדיקע כ'גאַר שוין...

איצט קומט א ברייט בילד אָנשטאָט דער פריִערדיקער באַשיידן־צוריקגעהאַלטענער דיכטערישער „פאַרצייכע־נונג":

א בליץ
האָט מיט מעסערלעך רויטע און שמאָלע
דעם הימל געשניטן,
איז א דונער אָוועק איבער טאָלן
און פּלוצלינג געבליבן אינמיטן...
. . . .
ס'איז רעגן געפאַלן מיט פלינקע
קרישטאָלענע שפּיזן.
. . . .
זײַנען ברויטן געלאָפן, ווי סטאַדעס
פאַרלאָזטע, צערייצטע,
וואָס האָבן דעם פאַסטעך פאַרלאָרן.

(ז. 79—80).

ווען אַפילע אין דער אינטאָנאַציע און גופע אין בילד פון דער ליד לאָזן זיך הערן עפּעס באַקאַנטע אַקאָרדן, בלײַבט עס דאָך אן אָריגינעל ווערק פון פעפערן, אָרי־גינעל אין נײַעם לעבנס־מאַטעריאַל, ווי אויך אין דיאַ־לעקטיש־פילאָסאָפישן זין.

די ניט גרינגע, נאָר אויסערסט וויכטיקע פארן פאָעט באטראכטונגען וועגן די אינערלעכע פארבינדונגען פון דערשייַנונגען, וואָס ליגן ניט אף דער אויבערפלאך, נאָר באדינגען די „בליצן און דונערן" פון א נייַער עפאָכע, — אָט די באטראכטונגען זייַנען די גרונט־שטריכן פון פעפערס שאפונג אין די דרייַסיקער יאָרן. אין איינצלנעם זעט ער שוין דאָס אלגעמיינע, דעם היסטאָרישן ציל, וואָס די געשיכטע האָט פאר אונדזער דאָר אוועקגעשטעלט. ארופשטייַגנדיק אף דער דאָזיקער הייך, הייבט דער דיכטער אָן צו פארשטיין דעם מאסשטאב פונעם קאמף:

מיר זייַנען שטענדיק אף די פראָנטן,
ווייַל ס'דויערט אומעטום דער שטרייַט,
מיר ווילן שטעט אין נייַקייַט אָנטאָן,
אין שטאָל, אין אייַזן...

(ז. 73).

די צילגעווענדטע שטימונג פון דעם אינדוסטריאליזאציע־פעריאָד, וועלכע האָט געהערשט אין גאנצן לאנד, טראָגט דער דיכטער אריבער אף די היסטאָרישע צוזאמענשטויסן פון וועלט־מאסשטאב:

איך הער דאָס קאָל פון ווייַטע זאווערוכעס,
וואָס הילכן אף דער גאָרער וועלט...

פעפער ווייסט די דעמלטיקע געאָגראפיע פון אלע „ווייַטע זאווערוכעס": „די ערד איז גאָרניט שלעכט געטאָקט, אין כינע טאָגט, אין אינדיע טאָגט, און שפאניע טראָגט א רויטע פאָן, ס'איז שיין, ווען שטורעמס קומען אָן" (ז. 139). פעפערס שאפונג איז אָנגעפילט מיטן באוווסטזייַן פון אכרייַעס פארן גורל פונעם אייגענעם לאנד, פארן גורל פון דער גאנצער מענטשהייַט, וועמעס הימל האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו פארציען מיט בלייַענע וואָלקנס. דער דיכטער באשטעטיקט דעם געדאנק, אז די ליד קאָן ניט בלויז דינען אלס פאסיווער אָפקלאנג אף פראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג, — זי דארף זייַן איינער פון די אקטיווע קויכעס, איר כיוו איז אָרגאניזירן די מאסן, זייַענדיק אליין „דורך מאכנעס באוועגט":

ס'איז גוט, ווען די ליד
טוט א הילך אינעם גאנג,
ווען די ליד איז דורך מאכנעס באוועגט.
ווען מייַן וואָרט זאָל ניט קלינגען
אין אונדזער געזאנג,
וואָלט איך עס דער ערשטער פארמעקט.

(ז. 104).

פונדאנען איז שוין נאָר איין שפאן צו פעפערס טרוים וועגן „דיכטער מיט שווערדן". אין 1938, ערעוו דעם צווייטן וועלט־קריג, האָט ער געשריבן:

איך הער, ווי עס זינגען די ערדן,
און נעענטער ווערט דאָס געזאנג,
דאָס גייען די דיכטער מיט שווערדן,
ס'איז הויך זייער גאנג.

■

ווען מע לייענט זיך אופמערקזאם אייַן אין פעפערס דיכטונג, ווערט מען שטארק באאייַנפלוסט פון דער פארשידנקייַט צווישן זייַנע לידער ביז און נאָך דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אין זייַן נאָכמילכאָמעדיקער שאפונג שטויסן מיר זיך אָן ניט בלויז אין אן ענדערונג פון סוזשעט און אין שטרענגערע פארבן פון געמעל (וואָס איז ניט שווער צו פארשטיין), נאָר אויך אין א טיפער ענדערונג פון דער שטימונג, וועלכע דער דיכטער איז גויווער ניט מיטאמאָל. אין דער ליד „איך בין א גוואר", וואָס איז געשריבן אין יאָר 1946, אנערקענט פעפער: „מייַן גרעסטער סוינע איז געווען די מאָרעשכוירע, כ'האָב זי באזיגט, איז וואָס זשע האָב איך מוירע? דער טויט איז גאָרניט! שרעקלעך איז די שרעק" (ז. 212).

עטוואָס שפעטער האָט פעפער באזיגט די שווערע שטימונג ניט בלויז מיטן געדאנק, אז „דער טויט איז גאָרניט", נאָר אף א פאָזיטיוון, אָפטימיסטישן אופן. אָבער אין די ערשטע נאָכמילכאָמע־יאָרן איז ער געווען אויסערגעוויינלעך דערשיטערט פון די ערשט דורכגעלעבטע טראגישע געשעענישן, פון איין זייַט, און פון די נייַע סאקאָנעס פארן וועלט־שאָלעם, פון דער אנדערער, און דאָס האָט ניט געקאָנט ניט באאייַנפלוסן זייַן שאפונג אין יענעם צייַט־אָפשניט. באזונדערס האָט אים גערעגט די טעמע וועגן אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ:

עס זייַנען געקומען די פרעמדע טעווטאָנען
צום סיידער צום ערשטן אף ווידער דערמאָנען
„עבדים היינו"... נאָר מ'האָט זיי באגעגנט
מיט בליצן און דונערס. מיט בלייַ האָט גערעגנט
אין ווארשעווער געטאָ. פון קעלערס, פון גאנקעס
זיי זייַנען ארויס — די סטאָליארעס און שמידן.

און ווייַטער:

...ס'האָט אין דער געטאָ געשטיגן דער שטורעם,
געשמעקט האָט מיט מאָסקווע און ניט מיט
מיצראים...
עס האָט „שפוך חמתך" דער ווינט שוין
געזאָגט איצט,
און ס'האָבן שוין בלוטיקע טייַכן געיאָגט איצט,
עס האָבן פון ווייטעק די שטערן צעוויינט זיך,
און ס'האָבן האגאָדעס אליין שוין
געלייענט זיך...

(ז. 387, 389).

אונטער דער לאסט פון די בלוטיקע סאכאקלען פרנעם פארענדיקטן קריג זייַנען נאָך אומדערטרעגלעכער געוואָרן די פריש־אופגעקומענע געפארן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן דראָען דעם נאָרוואָס אויסגעקעמפטן פרידן, און דאן שרייַבט פעפער זייַן אופטרייסלענדיקע „וויגליד", וואָס פויקט אומרו און רופט צו וואכזאמקייַט:

שלאָף ניט, קינד מייַנס, שלאָף ניט, טייַערס,
איצט איז ניט די צייַט,
הער, ווי ס'בושעוועט דאָס פייַער,
ס'קלאפט אין דאך און שרייַט.
כ'וועל ניט זינגען דיר קיין לידל,
שא, נעשאָמע, שטיל,
ס'שפילט דער שטורעם אף זייַן פידל
זייַן מילכאָמע־שפיל.

(ז. 207).

ס'וועט אוועקגיין א געוויסע צייַט, ביז אין פעפערס דיכטונג וועלן אָנהייבן קלינגען אויסגעשפראָכן מונטערע טענער. עס קומט די לעבנסבאשטעטיקנדיקע ליד „אפ־

סנײַ״, אין וועלכער ס׳ברויזט שוין דאָס אומיטלבאַרע לעבנסלוסטיקע געפיל: „עס טראָגן נאָך ווינטן ארום א געוויין, נאָר ס׳ווייט שוין די פאָן פון ניצאָכן באם ריין... איז לאָמיר א וועק טאָן די קרעפטן אפסנײַ, די אלטקייַט מיט יונגקייַט באהעפטן אפסנײַ... און הוידען די קינדער אין וויגן אפסנײַ, און לעבן, און קעמפן, און זיגן אפסנײַ״ (ז. 234—235). מיט די דאָזיקע אָפּטימיסטישע טענער זײַנען טעמאַטיש פארבונדן די לידער „ס׳איז גוט צו לעבן אף דער וועלט״, „א צווילינג״ („איר פרעגט מיך, וואָס איך פריי זיך, איר שטעלט זיך גאָר ניט פאָר, די שכיינע מײַנע, רייזע, געבוירן האָט א פּאָר״) און באזונדערס די ליד „צו א שוואַנגערער פרוי״:

דו טראָגסט אין זיך דעם דאָר דעם שפּעטערן,
דעם דאָר, דעם דאָרשט צו ווײַטער גיין,
דו טראָגסט אין זיך מײַן טרוים מײַן זיכערן
צו שמידן אונדזער גרויסע קייט,
און וויפל ס׳זאָל דער טהאָם ניט וויכערן,
וועט ער ניט אָפּמעקן די פרייד.

(ז. 243).

פעפער באקומט דעם „צווייטן אָטעם״ און ווי קימאט טאָמיד אין אזעלכע פאלן, ווען די נאטורעלע סטיכיי פון א קינסטלער רײַסט דורך דעם צײַטווײַליקן, אומגינסטיקן נעפל, הייבט אָן זײַן שטים צו קלינגען מיט א געהעכערטער, פריש־אויסגעוואקסענער קראַפט. פעפערס ווערק אין די נאָכמילכאָמעדיקע יאָרן זײַנען פול מיט טיפע מאכשאָוועס און אויסערגעוויינלעך רײַך בילדעריש. אָנשטאָט דער באשיידענער פאָדערונג פון „קלאָרקײַט״, וועלכע ער האָט אָפּט און אזוי ענערגיש אונטערגעשטראָכן אין זײַנע פריִע לידער, קומט די אנערקענונג פאר דער וויכטיקײַט פון טיף ארײַנדרינגען אין טאָך פון זאכן און דערשײַנונגען. וועגן יאם, למאָשל, זאָגט ער:

ער שפּילט דען אף א פידל?
א שפּיל איז אים די טיף,
זײַן ליד איז ניט קיין לידל,
זײַן ליד איז זייער טיף,
און טיפער נאָך מיסטאם
אפילע פונעם יאם.

(ז. 270).

ניט א צופעליקע דיכטערישע ווערטער־שפּיל ליגט אין גרונט פון „טיפער פון יאם״. די אלץ וואקסנדיקע טענדענץ צו אבסטראהירטע פאראלגעמיינערונגען אין ראַמען פון אויסגעברייטערטע, פריִער ניט געזעענע האָריזאָנטן ווערט דער כאראקטעריסטישער שטריך פון פעפערס פּאָעטישן סטיל אין לעצטן פעריאָד פון זײַן שאפן. אָט די טענדענץ האָט זיך אָנגעמערקט שוין א צײַט פריִער און איז פארבונדן ניט מיטן „קומען אין די יאָרן״, נאָר מיטן דיכטערס ניט געוואקלטן גאנג אף דער ערד:

מע זאָגט, איך בין געוואָרן הארטער
און עטוואָס טרוקענער, ווי פריִער,
מײַן גיכער גאנג, דער יִינגלש צארטער
האָט זיך שוין אָפּגעטיילט פון מיר.

. . . .

איך טרײַב פון זיך אָט יענעם, יענעם,
וואָס יאָגט א וואָלקן אף מײַן שײַן,
און בא די שווארצע ליכט פון גענעם
ער קאפּעט סאם צו מיר אין ווײַן...

(ז. 238).

דער אנאליז פון פעפערס נאָכמילכאָמע־שאפונג איז אן אינטערעסאנטע און בעקאָוועדיקע טעמע, וואָס פארדינט א באזונדערע אָפּהאנדלונג.

■

אין 1946 איז איציק פעפער אלט געווען 46 יאָר. ער האָט זיך געפונען אין סאמע אופבלי און האָט, נאטירלעך, ניט געקאָנט פאָרויסזען, אז ער שטייט נאָענט צום לעצטן טראָט אף זײַן לעבנס־וועג. נאָר עפּעס אן אינערלעכער אימפּולס האָט געפירט מיט זײַן פּען, ווען ער האָט זיך גענומען שרײַבן זײַן „עפּיטאפיע״. אין איר האָט ער אויסגעדריקט א טרוים, וועלכער, לויט זײַנע רייד, באגלייט אים אין זײַן גאנג: נאָכן טויט, ווען דער בעסוילעם וועט אופנעמען זײַנע ביינער, —

זאָל דער פארבײַגייער, באמערקנדיק מײַן צאם,
דערזעענדיק דאָס גראָז, וואָס הייבט זיך פון מײַן שטאם,
א זאָג טאָן פאר דעם לעבעדיקן ווינט:
— ער איז געווען א מענטש, ער האָט זײַן פאָלק געדינט.

די צאם אף פעפערס קייווער געפינט זיך אין די הערצער פונעם פאָעטס פילצאָליקע לייענער, און אף דער צאם איז אויסגעקריצט:

— ער איז געווען א מענטש, ער האָט זײַן פאָלק, דעם גאנצן סאָוועטישן פאָלק, ווי אן איבערגעגעבענער זון, — טרײַ ביזן לעצטן אָטעם־צוג געדינט.

אָפּקלאַנגען • רעפּליקעס • מיינונגען

א פּאָר באַמערקונגען צו ז. װענדראָפס פּאָרצייכענונג

מיט גרויס אינטערעס האָב איך געלייענט אין „סאָ־וועטיש היימלאַנד" נומ. 1 די זייער אינטערעסאַנטע פּאָרצייכענונג „א מענטש און זײַן נאָמען". עס קומט בעפֿייערש א דאַנק און א יאשער־קויעך דעם כּאַשעווען וועטעראַן פון דער ייִדישער ליטעראַטור ז. װענדראָפן פאַרן אָנשרײַבן זי. צום באַדויערן אָבער, האָבן זיך אין דער פּאָרצייכענונג אַרײַנגעכאַפּט אייניקע פעלערן. איך בין א שטענדיקער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", און דער זשורנאַל איז מיר זייער טײַער, טאַקע דערפאַר דערלויב איך מיר אויפמערקזאַם מאַכן אָף דעם.

„אין דער גאַלעריי פון ייִדן־פּרינצן, — לייענען מיר אין דער פּאָרצייכענונג, — פיגורירט דער איצט שוין פאַרגעסענער, אָבער אין די 70־ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט שטאַרק פּאָפּולערער רוסישער שרײַבער גריגאָרי מאַטשעס".

די פאַמיליע פונעם שרײַבער איז פאַרגרײַזט — ריכטיק איז ניט „מאַטשעס", נאָר מאַטשטעט. איך וואָלט אויך ניט געזאָגט, אז דער דאָזיקער שרײַבער איז שוין איצט פאַרגעסן. אין אַלע אונדזערע ענציקלאָפּעדיעס, אין אַלע אויסגאַבעס פון דער געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור זײַנען אים געווידמעט אַרטיקלען. אין 1958 איז דערשינען א באַנד זײַנע דערציילונגען, און אין 1960 — נאָך א באַנד אויסדערוויילטע ווערק. ווי מע האָט מיר געזאָגט אין אונדזער געגנטלעכער ביבליאָטעק, ווערן מאַטשטעטס ביכער גוט געלייענט.

מאַטשטעט האָט ערשט אָנגעהויבן שרײַבן אין דער מיט פון די 70־ער יאָרן. פּאָפּולער איז ער געוואָרן אין סאָף 80־ער, אָנהייב 90־ער יאָרן, ווען עס זײַנען דערשינען זײַנע באַוווּסטע ראָמאַנען «Блудный сын» (1887), «И один в поле воин» (1886), «На заре» (1892—1893) ווי אויך א רײ דערציילונגען, צווישן זיי „זשיד" — א דערציילונג, אָבער ניט קיין ראָמאַן, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער פּאָרצייכענונג.

איך וויל דאָ אויך אויפמערקזאַם מאַכן אָף אַן אַנדער היסטאָרישער פיגור, וועגן וועלכער עס רעדט זיך אין ז. װענדראָפּס פּאָרצייכענונג ווי וועגן א „הערלעך געשטאַלט". וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו איז געווען א רעאַקציאָנערער אידעאַליסט, זײַן פילאָסאָפיע איז דורכויס געווען א טעאָלאָגישע. מיר דוכט, אז דער אויטאָר פון דער פּאָרצייכענונג האָט עס געדאַרפט האָבן אין זינען.

עס וווּנדערט, וואָס אין דער פּאָרצייכענונג פעלט אויס דאָס ווירקלעך־הערלעכע געשטאַלט פון וו. קאָראָלענקאָ, וועלכער איז געווען, ווי באַוווּסט, אַן אַקטיווער קעמפער קעגן ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם. ס'איז גענוג צו דערמאָנען זײַן פּאָרצייכענונג „דאָס הויז נומ. 13", זײַנע אַרטיקלען וועגן דעם בייליס־פּראָצעס, זײַן אַקטיוון אָנטייל אינעם צוגרייטן דעם אַלמאַנאַך צוהילף די פּאָגראָם־קאָרבאָנעס אאַוו.

י. הוטנער,

היסטאָריקער. (סמאָלענסק)

א דאַנק פאַר די קריטישע באַמערקונגען

כּאַשעווער כאַווער י. הוטנער!

די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט מיך באַקאַנט מיט אײַערע באַמערקונגען צו מײַן פּאָרצייכענונג „דער מענטש און זײַן נאָמען". ענטשולדיק אײַך, וויל איך גלײַכצײַטיק ענטפערן די פּילצאָליקע לייענער, וועלכע האָבן צוגעשיקט דער רעדאַקציע און מיר פּערזענלעך זייערע אָפּרופן. איך וויל האַרציק באַדאַנקען אַלע די, וואָס האָבן אַזוי וואַרעם אויפגענומען מײַן פּאָרצייכענונג וועגן סאַראַ ניקאָלײַעוונאַ לעוויצקאַיאַ. עס פרייט מיך זייער, וואָס דאָס געשטאַלט פון דער וווּנדערלעכער רוסישער פרוי האָט אַרויסגערופן אינטערעס און סימפּאַטיע צו איר נאָבעלער טעטיקײַט, וועלכע האָט ניט קיין שפּור פון אייגננוציקײַט.

איך בין דאַנקבאַר פאַר די אַלע באַמערקונגען וועגן די טאָיִסים, וואָס גאַנווענען זיך, צום באַדויערן, אומבאַמערקבאַר אַרײַן. צומאָל איז דאָס א פאַרדריסלעכער דרוקפעלער, א פאַרזען.

און פונדעסטוועגן קאָן איך ניט מאַסקים זײַן מיט אײַער באַמערקונג, אז מע טאָר ניט רעכענען ג. מאַטשטעטן פאַר א פאַרגעסענעם שרײַבער. דאָס, וואָס עס זײַנען וועגן אים פאַראַן אַרטיקלען אין די ענציקלאָפּעדיעס און ס'זײַנען אין דער סאָוועטישער צײַט דערשינען צוויי בענדער אויסדערוויילטע דערציילונגען זײַנע, איז ניט קיין באַווײַז פון זײַן פּאָפּולערקײַט. גראַד אין ענציקלאָפּעדיעס זוכן מיר א יעדיע וועגן ווייניק אונדז באַקאַנטע פאַקטן און פּערזענלעכקײַטן. דער עלטערער

דאָר געדענקט מאַטשטעטן, וועלכער איז געווען פּאָפּולער אויף דער גרענעץ פון 19־טן און 20־טן יאָרהונדערט, אָבער דער מיטעלער דאָר און די יוגנט אין זייער מערהייט, אַכוץ עפּשער ספּעציאַליסטן ליטעראַטור־פאָרשער, ווייסן קוים זיין נאָמען.

צו אייער באַמערקונג וועגן וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו. אין ס. נ. לעוויצקעס אַלבאָם ווערן ניט באַטראַכט סאָלאָוויאָווס פילאָסאָפיש־רעליגיעזע אָנשויונגען. דאָרט ווערן געבראַכט בלויז זיינע אַרויסזאָגונגען קעגן אַנטיסעמיטיזם.

איך האָב ניט געהאַט די מעגלעכקייט אָנצורופן אַלע באַדייטנדיקע טוער פון קולטור, וויסנשאַפט און קונסט, וואָס זיינען פאַרגעשטעלט אין לעוויצקעס אַלבאָם. עס פאַרנעמען דאָרט אַן אָנגעזעען אָרט מ. גאָרקי און ר. ראָלאַן, וו. מאַיאַקאָווסקי און אַדאַם מיצקעוויטש. ס'איז פאַרדריסלעך, וואָס פון מיין פאַרצייכענונג איז אַרויסגעפאַלן דער נאָמען וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש קאָראָלענקאָ. אינעם אַלבאָם איז אים געווידמעט אַ ברייטע אַנאָטאַציע מיט אַ גענויער רעשימע פון זיינע ליטעראַרישע און פּובליציסטישע ווערק, וואָס זיינען געריכטעט קעגן ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם. עס איז אָפּגעשפּיגלט זיין אָנטייל אינעם בייליס־פּראָצעס, וועגן וועלכן ער האָט אָנגעשריבן פאַר די צייטונגען 15 אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן, ווי אויך זיין אַרויסטרעטונג קעגן דעם בילבול אויף די וואָטיאַקעס (אודמורטן) פונעם דאָרף מולטאַן, וועלכע זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין ברענגען מענטשן־קאָרבאָנעס אַן אָפּגאָט, זיינע אַרויסטרעטונגען וועגן דער לאַגע פון די נעגערס און אינדיאַנער אין אַמעריקע.

איך באַנוץ זיך מיט דער געלעגנהייט צו ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די לייענער נאָך אויף אַ פּאָר טאַזיס, וואָס האָבן זיך פאַרגאַנוועט אין דער פאַרצייכענונג.

אויף דער זייט 119 איז אָנגערופן דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט לינקאָלן אָנשטאָט אַ צווייטן אַמעריקאַנער פּרעזידענט — וואַשינגטאָן. אויף דעם זעלבן זייטל איז דער פּוילישער דיכטער וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי אָנגערופן וולאַדימיר.

נאָכאַמאָל אַ דאַנק פאַר דער אויפמערקזאַמקייט.

מיט האַרציקן גרוס

ז. וואַנדראָף

וואָס ווילן מיר זען אויף דער ייִדישער בינע

ניט לאַנג צוריק האָט אין גאָרקי גאַסטראָלירט דער מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל. עס זיינען באַוויזן געוואָרן גאָלדפאַדענס „קישעפמאַכערן“ און לערמאָנטאָווס „די שפּאַניער“. מיר, צושויער, האָבן געשעפּט נאַכעס פון דער שפּיל פון די אַרטיסטן. אָבער וועגן וואָס האָבן אונדז דערציילט די ספּעקטאַקלען? בלויז וועגן דער פאַרגאַנגענהייט.

אין גאָרקי האָט אויך גאַסטראָלירט דער לענינגראַדער ייִדישער אַנסאַמבל, וואָס האָט געשטעלט דעם ספּעקטאַקל „ייִדישע גליקן“. אַ גאַנצן אָוונט האָבן די אַרטיסטן באַוויזן דאָס אַמאָליקע ייִדישע שטעטל, פול מיט קלאָלעס, מיט וויסטער אָרעמקייט. עס איז אונדז אין יענעם אָוונט געווען שווער אויף דער נעשאָמע. מיר האָבן געגאַרט צו זען דעם האָרעפּאַשנעם און קלוגן ייִדן, ווי מיר זעען דאָס אין שאָלעם־אַליינעמס „טעוויע“, נאָר אויף דער בינע האָט מען אונדז געוויזן בלויז דאָס נעגאַטיווע, די פּסוילעס פון דער געזעלשאַפט. מיט 60—70 יאָר צוריק, און אַפילע עטוואָס שפּעטער, וואָלט אַזאַ ספּעקטאַקל בעפּיירעש געווען נוצלעך — ער באַווייזט דאָך דעם לופטמענטש.

אָבער הייַנט? הייַנט באַשטייט דאָס גאַנצע פאַרגעניגן, וואָס דער צושויער האָט פון אַזעלכע ספּעקטאַקלען, נאָר אין דער טאַלאַנטפולער שפּיל פון די אַרטיסטן. צי דען אָבער איז דאָס אַלץ, וואָס מיר דערוואַרטן פון דער ייִדישער סאָוועטישער בינע?

מע וועט אונדז זאָגן: אַזאַ ספּעקטאַקל, ווי „ייִדישע גליקן“, באַווייַזט דעם הייַנטיקן צושויער די טראַגעדיע פונעם ייִדישן פאָלק אין טכום, אין די צאַרישע צייַטן. יאָ, דאָס איז אַוואַדע ריכטיק. נאָר „ייִדישע גליקן“ איז שוין געשיכטע, און ניט בלויז מיט אַזעלכע דערמאָנונגען לעבן מיר הייַנט.

מיר ווילן זען אויף דער ייִדישער סאָוועטישער בינע דעם ייִדישן רעוואָליוציאָנער, דעם העלדישן קעמפער קעגן פאַשיזם, דעם מאַרטירער פון דער אונטערערד אין אָשווענטשים, טרעבלינקע, סאָביבאָר און אַנדערע נאַציסטישע טויט־לאַגערן. מיר ווילן זען דעם מוטיקן סאָוועטישן ייִדן, וואָס נעמט אַ טיכטיקן אָנטייל אין דער בויונג פונעם קאָמוניזם. כלעבן, מיר וואָלטן געוויס געהאַט פיל מער פאַרגעניגן און נוצן, ווען מיר זעען אויף דער בינע אַן אינסצענירונג, לאָמיר זאָגן, פון אַ נייַער דערציילונג צי ראָמאַן פון אַ סאָוועטישן ייִדישן שרייַבער.

מיר ווילן דערמיט ניט באַהויפּטן, אַז מע דאַרף זיך אָפּזאָגן פונעם אַלטן רעפּערטואַר. בעשום־אויפן ניט. עס איז נאָך ניט געקומען די צייַט צו אָפּגעבן אין אַרכיוו די דראַמאַטורגישע יערושע. נאָר מע דאַרף פון איר אָפּקלייַבן דאָס וויכטיקסטע, דאָס, וואָס רופט ביז הייַנט אַרויס אינטערעס.

זאָל די יוגנט, ווען זי קומט אין סאָוועטישן טעאַטער אויף אַ ייִדישן ספּעקטאַקל, גרויסן זיך מיט די העלדן, וועלכע זי זעט אויף דער בינע.

עליע ביידער,
אינזשעניער
יויסעף לאַכמאַן,
קאַנדידאַט פון עקאָנאָמישע
וויסנשאַפטן.

באַ אונדזער מיקראָפאָן — „סאָוועטיש היימלאַנד“

(אַ בריוו פון בירָאבידזשאַן)

יעדן טאָג אין אַ באַשטימטער צײַט גייט אַרויס אין עפיר אַ ראַדיאָ־טראַנסלירונג אין רוסיש און ייִדיש — „עס רעדט בירָאבידזשאַן“. וואָס איז דער אינהאַלט פון די ייִדישע טראַנסלירונגען? פינף מאָל אין וואָך זײַנען עס נײַעס — אויסלענדישע, פאַרבאַנדישע, אָרטיקע; אַרויסטרעטונגען פון אַרבעטער, קאָלווירטניקעס און מענטשן פון אַנדערע פּראָפעסיעס; שמועסן און אַרטיקלען, רעפּאָרטאַזשן און פאַרצייכענונגען. צוויי טראַנסלירונגען אין וואָך — די שאַבעסדיקע און זונטיקדיקע — זײַנען געווידמעט ליטעראַטור און קונסט: דאָס איז אַ קאָנצערט פון ייִדישע לידער און מוזיק, אַ דערציילונג פון אַ סאָוועטישן שרײַבער אָדער פון דער קלאַסישער ליטעראַטור, לידער פון סאָוועטישע דיכטער. און איין מאָל אין כוידעש — דאָס איז שוין געוואָרן אַ כּלל — גיבן מיר באַ אונדזער מיקראָפאָן אַ וואָרט דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“.

אינעם אויספירלעכן איבערזיכט ציִען מיר צו די אויפמערקזאַמקײַט פונעם לייענער צום וויכטיקסטן און אינטערעסאַנטסטן, וואָס איז פאַראַן אינעם דערשינענעם אָרדנטלעכן נומער. דערבײַ ווערן פאָרגעלייענט אייניקע פון די פאַרעפנטלעכטע לידער, פראַגמענטן פון פּראָזעווערק.

אָט, אַשטייגער, ווי ס׳האָט אויסגעזען די טראַנסלירונג וועגן דעם ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד“ פאַרן לויפנדיקן יאָר. צוערשט איז ציטירט געוואָרן דאָס אַרײַנפיר־וואָרט פון דער רעדאַקציע און ס׳איז הייס באַגריסט געוואָרן איר באַשלוס באַטראַכטן דאָס 1969 יאָר אַלס לענין־יאָר און פאַרעפנטלעכן אין מעשעך פון אָט דעם יאָר די בעסטע ווערק וועגן לענינען. אין דער טראַנסלירונג האָט זיך באַטייליקט דער אַרטיסט פונעם בירָאבידזשאַנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער זאַלמען שוּוואַל. ער האָט פאָרגעלייענט דאָוויד האָפשטיינס ליד „לענין“, עטלעכע לידער פון מאָטל גרוביאַנס ציקל. וועגן כאַיִם מעלאַמודס ראָמאַן „יונגע יאָרן“ האָבן מיר געזאָגט, אַז די פאַרעפנטלעכטע קאַפּיטלען פונעם צווייטן בוך שליסן זיך אָן אָרגאַניש צו דער לענין־טעמע, און פאָרגעלייענט עטלעכע זײַטלעך, וואָס באַשטעטיקן עס. געפּרעסט זײַנען כאַראַקטעריזירט געוואָרן די אַנדערע מאַטעריאַלן פונעם נומער.

דאָס מאָל איז זיך באַגאַנגען אָן קריטישע באַמערקונגען. עס טרעפט אָבער, אַז דער איבערזיכטלער ווײַזט אָן אויף אייניקע בלויזן. אַזוי, צום בײַשפּיל, זײַנען באַזונדערע ווערק, ביפראַט פונעם אווטאָביאָגראַפישן שניט, קריטיקירט געוואָרן פאַר דער איבערגעלאָדנקײַט מיט מענטשן און געשעענישן, וואָס אָפטמאָל ברענגט עס צו קינסטלערישער בלויט־אָרעמקײַט, צו סכעמאַטיזם. מיקויעך אייניקע לידער איז געזאָגט געוואָרן, אַז דער לייענער שטייט פאַר זיי, ווי פאַר אַ רעטעניש, אויף אַזויפיל איז פאַרהילט און נעפּלדיק זייער אינהאַלט.

צו „סאָוועטיש היימלאַנד“ ווענדן מיר זיך ניט בלויז אין די ספּעציִעלע, נאָר אויך אין די אַנדערע ליטעראַריש־קינסטלערישע טראַנסלירונגען. אַשטייגער, די אַרטיקלען וועגן לייב פּולווערן און זינאָווי קאָמפּאַנייעצן האָבן אונדז געהאָלפן ווידמענען די דאָזיקע אָנגעזעענע קאָמפּאָזיטאָרס טעמאַטישע ראַדיאָ־קאָנצערטן. לויט די מאַטעריאַלן פונעם זשורנאַל האָבן מיר דערציילט די צוהערער וועגן דעם שאַפונגס־וועג פון אַ ריי שרײַבער־יוביליאַרן.

ווי אומעטום, איז אויך באַ אונדז אויף דער ראַדיאָ אַצינד אַלץ דורכגעדרונגען מיט דער צוגרייטונג צו וו. אי. לענינס 100־טן געבורטסטאָג. פאַר די מאַטעריאַלן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, געווידמעט דער דאָזיקער גרויסער דאַטע, וועט זיך אין די ייִדישע ראַדיאָ־טראַנסלירונגען געוויס געפינען אַ בעקאָוועדיק אָרט.

נ. פרידמאַן

מיטאַרבעטער פונעם בירָאבידזשאַנער געגנטלעכן ראַדיאָ־קאָמיטעט, עלטערער רעדאַקטאָר פון די טראַנסלירונגען אויף ייִדיש.

כראָניק

אַ באַנד פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק

אין דער פּאָפּולערער ביכער־אויסגאַבע „ביבליאָטעק פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור“ איז דערשינען דער 197־טער באַנד, וואָס שליסט אײַן די פאָלגנדיקע ווערק פונעם קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור שאָלעם־אַלייכעם:

„טעוויע דער מילכיקער“; „דער פאַרקישעפטער שנײַדער“; „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס“; „שיר־השירים“ און 26 דערציילונגען פון די יאָרן 1887—1915.

דאָס פאָרוואָרט האָט אָנגעשריבן וויקטאָר פינק.

איליוסטראַציעס פון ט. קאַפּלאַן.

דער באַנד (688 זײַטן) איז דערשינען אין 300 טויזנט עקזעמפּליאַרן.

●

פּרעמיערעס אין לאָקאַל פון רעדאַקציע

דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון רספסר יויסעף קאָלין (גראָס) איז באַקאַנט די סאָוועטישע צושויער ווי איינער פון די אינטערעסאַנטסטע אינטערפּרעטאַטאָרס פון שאָלעם-אַלייכעמס ווערק, וועלכע ער לייענט פאָר סיי אין יידיש, סיי אין רוסיש. קאָלינען געלינגט שטענדיק איבערצוגעבן מיט פיל אינדיווידועלע שטריכן דעם כאַראַקטער פון יעדן געשטאַלט באַזונדער. די מאָנאָלאָגן פון „טעוויע דער מילכיקער" ווערן אין קאָלינס אויספירונג פאַרוואַנדלט אין טעאַטער-שטיק פון איין אַקטיאָר. עס פאַרגעדענקט זיך אָף לאַנג זיין דראַמאַטישע קאָמפּאָזיציע פון קאַרל גוצקאָווס „אוריעל אַקאָסטאַ", אין וועלכער ער האָט דערגרייכט די מאַדרייגע פון הויכער אַקטיאָרישער מייַסטערשאַפט.

און אָט האָט דער טאַלאַנטפולער שוישפּילער ווידער אונדז דערפרייט מיט אַ נייַער אַרבעט, דאָס מאָל — מיט שאָלעם-אַלייכעמס „דרייַ אַלמאָנעס". די פּרעמיערע, וואָס ער האָט אין לאָקאַל פון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" לעצטנס באַוויזן פאַר ליטעראַטן, אַרטיסטן, קאָמפּאָזיטאָרן, האָט מאַמעש אַלעמען איבעראַשט. אין דער דאָזיקער אַרבעט אַנטפּלעקט זיך באַזונדערס י. קאָלינס טאַלאַנט אַלס דראַמאַטישער אַקטיאָר, מייַסטער פון קינסטלערישן וואָרט און קאָמפּאָזיציע.

עס איז גאָר קיין כידעש ניט, וואָס דער זאַל פונעם מאָסקווער אַקטיאָרן-הויז, וווּ קאָלין איז אין אַ קורצער צייַט אַרום אַרויסגעטראָטן פאַר די קונסט-טוער פון דער הויפּטשטאָט, האָט ניט געקאָנט אין זיך אַרייַנעמען דעם גאַנצן עולם.

נאָכן קאָנצערט זייַנען אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס דער פאָלקס-אַרטיסט פון פסספר גריגאָרי ראָשאַל און דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון רספסר עמאַנויִל קאַמינקאַ, וועלכע האָבן וואַרעם באַגריסט יויסעף קאָלינען מיט זייַן נייַעם שעפערישן דערפאָלג.

י. שוסטער

כראָניק

אָף דער אויסשטעלונג פון נאַטאַן אַלטמאַנען

אין מעשעך פון עטלעכע וואָכן האָט אין די אויסשטעלונג-זאַלן פון דער לענינגראַדער אָפּטיילונג פונעם קינסטלער-פאַרבאַנד פון פסספר פונקציִאָנירט אַ פּערסאָנעלע אויסשטעלונג פון נאַטאַן אַלטמאַנען. עס זייַנען ברייט פאָרגעשטעלט געוואָרן אַלטמאַנס גראַפיק, מאָלערייַ, טעאַטער-דעקאָראַציעס, סקולפּטור. דער צושויער האָט באַקומען אַ מעגלעכקייַט זיך באַקאַנען מיט די ווערק פונעם קינסטלער פאַר העכער 60 יאָר, אָנהייבנדיק פונעם 1906.

איינער פון די גרעסטע זאַלן פון דער אויסשטעלונג איז געווידמעט דער לענין-טעמע. דאָ זייַנען באַוויזן געוואָרן פּאָרטרעטן, צייכענונגען, וואָס נאַטאַן אַלטמאַן האָט געשאַפן דירעקט אין לענינס אַרבעטס-קאַבינעט.

די לענינגראַדער פּרעסע באַצייכנט די אויסשטעלונג ווי אַ וויכטיקע קולטור-געשעעניש, וואָס האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייַט פון פיל ליבהאָבער פון קונסט ניט נאָר פון לענינגראַד, נאָר אויך פון מאָסקווע און אַנדערע שטעט.

אין עטלעכע זאַלן זייַנען באַוויזן געוואָרן אַלטמאַנס פילצאָליקע אַרבעטן אָף יידישער טעמאַטיק, די קינסטלערישע אויספורעמונג פון לענינגראַדער גאַסן און פּלעצער, וואָס אַלטמאַן האָט געמאַכט צו די פייַערונגען אין די ערשטע יאָרן פון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, פיל געמעלן און עסקיזן פאַר דעקאָראַציעס צו יידישע ספּעקטאַקלען, פּאָרטרעטן פון רוסישע און יידישע שרייַבער און קונסט-טוער.

וועגן קאָלאָסאַלן דערפאָלג פון אַלטמאַנס אויסשטעלונג קאָן מען אורטיילן לויט די דאַנקבאַרע אָפּרופן פון די באַזוכער.

נייַע ביכער

„צימבאַלן"

אונטער אַזאַ נאָמען איז אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" דערשינען אַ בוך דערציילונגען פונעם יידישן סאָוועטישן שרייַבער מאָטיע דעכטיאַר אין אַ רוסישער איבערזעצונג פון יִסראָעל סערעבריאַני. אין דער זאַמלונג, וואָס אַנטהאַלט העכער 200 זייַטן, גייען אַרייַן מ. דעכטיאַרס 16 דערציילונגען.

די קינסטלערישע אויספורעמונג פונעם זאַמלבוך האָט געמאַכט דער גראַפיקער ד. ליִאָן.

אָנשטאָט קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

וואָס א בריוו פון ארגענטינע דערציילט

מיר ברענגען דעם פולן טעקסט פון א בריוו, וואָס די רעדאקציע האָט ערשט באקומען פון א ליבהאָבער און שעצער פון דער ייִדישער ליטעראטור.

23 מארט 1969,
סאן־כואן, ארגענטינע.

דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד“

איך בין א געבוירענער פון ווילנע. ווי אײַך איז מיסטאמע באקאנט, ווערט אײַער זייער כאָשעווער זשורנאל ניט ארײַנגעלאָזט קיין ארגענטינע. מײַנער א פרײַנט האָט מיר געבראכט אייניקע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאנד“, און איך האָב זיי מאמעש געשלונגען ווי א דורשטיקער.

לויט די באריכטן פון אונדזערע צײַטונגען האָב איך וועגן אײַער זשורנאל געוווּסט אויך פריִער. איך האָב געהאט וועגן אים זייער א נעגאטיווע פאָרשטעלונג. ווען איך האָב אָבער דערזען אים מיט די אייגענע אויגן און אים געלייענט, האָט זיך מײַן מיינונג וועגן אים אזוי געענדערט, אז איך האָב באקומען א נעגאטיווע פאָרשטעלונג וועגן אונדזערע אזויגערופענע קולטור־„באזאָרגער“, ריכטיקער — פאלסיפיקאטאָרן פון דער ייִדישער קולטור.

הײַנטיקס יאָר האָב איך פארבראכט מײַנע וואקאציעס אין מאָנטעווידעאָ, אין הויז פון מײַן טאָכטער, א געוועזענער שילערן פון א ייִדישער גימנאזיע אין ווילנע. זי האָט מיר געהאָלפן קויפן אײַער זשורנאל, וואָס איז פאר מיר ווי אן עווען־טאָוו. איך האָב ניט געוווּסט, צי „סאָוועטיש היימלאנד“ איז א כוידעש־אויסגאבע, צי א צווייכאדאָשימדיקע, צי א דרײַכאדאָשימדיקע, האָב איך געבעטן די נומערן פאר די יאָרן 1967—1968. און שטעלט אײַך פאָר, אז דער סימפאטישער זייגערמאכער שטיינבערג האָט מיר דערלאנגט 24 נומערן. מײַן טאָכטער האָט מיר אָבער געווארנט, איך זאָל ניט ריזיקירן צו פירן קיין ארגענטינע אלע נומערן. נאָר ווי זאָגט אן אלט ווערטל: דער, וואָס ריזיקירט ניט, האָט ניט. מײַן יעיצערהאָרע איז געווען אזוי גרויס, אז איך האָב באשלאָסן כאָטש א העלפט דורכפירן דורך דער גרענעץ. מיט 12 נומערן פון 68־טן יאָר בין איך אדורך בעשאָלעם. איצט האָב איך וואָס צו ווײַזן אונדזערע פרײַנט, ווען זיי וועלן זיך פארופן אף די פאלשע רייד פון אונדזערע אזויגערופענע קולטור־באזאָרגער.

זײַט הארציק געגריסט. איך ווינטש אײַך אלדאָסגוטס.

מיט גרוס. . . . . .

פ ו ן ר ע ד א ק צ י ע. צוליב פארשטענדלעכע סיבעס פארעפנטלעכן מיר ניט דעם נאָמען פונעם אווטאָר פון דעם בריוו. מיר זאָגן זיך אויך אָפּ פון קאָמענטארן, ווײַל ס'איז קיין סאָפּעק ניט: פאר יעדן לייענער פון דער ייִדישער ליטעראטור איז אין אָט דעם פאל קלאָר, אז קאָמענטארן זײַנען איבעריק.

טאלאנטפולע ייִדישע שוישפילערנס

דער גאָלדענער פאָנד פון דער ייִדישער טעאטער־קונסט אין סאָוועטנפארבאנד פארמאָגט א פּרעכטיקע גאלעריי טאלאנטפולע שוישפילערנס. וועגן צוויי פון זיי וועלן מיר אינקורצן דערציילן אין דער דאָזיקער נאָטיץ.

סארא פרידמאן. סאכאקל צען יאָר איז זי אלט געווען, בײַס איר שוועסטער, די בארימטע שוישפילערן און זינגערן מאלווינע צוקער, האָט זי מיטגענומען אף אירע גאסטראָלן מיט א וואנדער־טעאטער און אָנגעטרויט איר קינדער־ראָלן. אין 1910 האָט סארא פרידמאן צוזאמען מיט דער מוטער פון דער ייִדישער בינע עסטער־ראָכל קאמינסקאיא געשפּילט אין ווילנע קינדער־ראָלן אין י. גאָרדינס פּיעסן. פארענדיקט אין די צוואנציקער יאָרן די מאָסקווער ייִדישע סטודיע „פרײַקונסט“, האָט זי געשפּילט אין באוועגלעכן ייִדישן טעאטער אף אוקראַיִנע און אין 1933 אריבער אין בירָאָבידזשאנער ייִדישן מעלוכע־טעאטער.

אין מעשעך פון פופצן יאָר איז סארא פרידמאן געווען איינע פון די באליבטע אקטריסעס פון אָט דעם טעאטער. זי האָט דאָרט געשאפן א גרויסע צאָל וווּנדערלעכע פרויען־געשטאלטן, וועלכע זײַנען ארײַן אין דער געשיכטע פון ייִדישן טעאטער: זשאנא אין ל. סלאווינס „אינטערווענץ“, באשעווע אין שאָלעם־אלייכעמס „גאָלדגרעבער“, גאָלדע אין „טעוויע“, באסיע אין „קישעפמאכערן“, די מוטער אין מארקישעס „דער אופשטאנד אין געטאָ“, מירעלע אין גאָרדינס „מירעלע עפראָס“, דעמידיִעוונא אין לעאָנאָווס „אינוואזיע“ און נאָך און נאָך.

סארא פרידמאן איז איצט אלט געוואָרן זיבעציק יאָר, זי וווינט אין יאלטע.

בוזי שילמאן. געהאָדעוועט זיך אין א געזינד פון לײַדנשאפטלעכע טעאטער־ליבהאָבער, האָט זי פון קינדווײַז אָן אײַנגעזאפּט אין זיך די לידער און ניגונים, וועלכע זי האָט געהערט אין שטוב און אף די פאָרשטעלונגען, אין וועלכע עס האָבן געשפּילט אירע עלטערן און זי אליין האָט אין זיי אויסגעפּילט קינדער־ראָלן.

נאָך דעם, ווי זי האָט געענדיקט א מיטלשול, איז זי אָנגעקומען אין דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכישער טעאטער־שול און דערנאָך געארבעט אין סימפעראָפּאָלער ייִדישן מעלוכישן קאָלווירטישן טעאטער.

אויך בוזי שילמאן האָט קארגע אָנדערהאלבן צענדליק יאָר געשפּילט אין בירָאָבידזשאנער ייִדישן מעלוכע־טעאטער. אירע ראָלן האָבן געמאכט א שטארקן אײַנדרוק אף די צושויער און לאָזן זיך ניט פארגעסן ביז איצט. באזונדערס טיילט זיך אויס איר גאָלדע אין „טעוויע“ (רעזשיסער — מוישע גאָלדבלאט). דאָס איז געווען א שפּיל פון גאָר א הויכער מאדרייגע.

בוזי שילמאן וווינט איצט אין סינעגאָרסק (סאכאלין). ניט געקוקט אף אירע זעכציק יאָר, איז זי פול מיט שעפערישער ענערגיע. זי איז אָנפירער פון אן ארבעטער־טעאטער.

פּײַוויש אראָנעס

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

דער ליטעראַרישער אַרכיוו פון ערנעסט העמינגוויי

די פרעסע פון פשא שענקט די לעצטע צײַט פיל אופמערקזאמקײַט דעם ליטעראַרישן אַרכיוו פונעם פאַרשטאָרבענעם שרײַבער ערנעסט העמינגוויי. דער אַרכיוו ליגט אין די סייפן פון א באַנק און צו אים האָבן א צוטריט בלויז געציילטע מענטשן. מיר ברענגען דאָ די מיטיילונגען פון צוויי פאָרשער פון ע. העמינגווייס שאַפונג — פיליפּ יאַנג און קאַרלאָס בייקער.

„נאָכן טויט פון ערנעסט העמינגוויי, — שרײַבט פיליפּ יאַנג, — האָט זײַן פרוי מערי צונויפגעזאַמלט זײַנע מאַנוסקריפּטן, וועלכע זײַנען געווען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע ערטער, — אין קובאַ, אײַדאַכאָ, קי־וועסט, — און האָט זיי אַרײַנגעלייגט אין די סייפן פון איינער פון די מאַנהעטענער בענק. דאָרט האָב איך אין 1966 צום ערשטן מאָל זיך באַקאַנט מיט העמינגווייס ליטעראַרישן אַרכיוו.

קיינער האָט פּינקטלעך ניט געוווּסט, וואָס עס ליגט אין אָט די סייפן, אפילו אַליין די אַלמאָנע פונעם שרײַבער, וועלכע איז ניט קיין פילאָלאָג און ניט קיין ביבליאָפיל. איינע א צײַטונג האָט געשריבן, אַז דאָרט ליגן „אַרום 50 טויזנט העמינגווייס פון האַנט געשריבענע, ניט געדרוקטע זײַטלעך“. איך דאַרף זאָגן פאָרויס, אַז איך מיט מײַן קאָלעגע לויטן אוניווערסיטעט האָבן צונויפגעשטעלט אַן אינווענטאַר־רעשימע, און ניט קיין קאַטאַלאָג, ווײַל אַף צונויפשטעלן א קאַטאַלאָג וואָלטן זיך געפאָדערט יאָרן. מיר האָבן ניט פאַרעגיסטרירט יעדעס זײַטל טעקסט, יעדעס פאַרשריבן בייגעלע פּאַפּיר. מיר האָבן אָבער גענוי אויסגערעכנט, אַז אין די סייפן ליגן איצט אַרום 16 טויזנט זײַטלעך, אַרײַנגערעכנט געשריבענע פון דער האַנט און איבערגעדרוקטע אַף א שרײַב־מאַשינקע, קאָפּיעס און גראַנקעס. דער טעקסט אַף אַנערעך 3 טויזנט פון די דאָזיקע זײַטלעך איז ניט קיין פאַרעפנטלעכטער. ווען מע נעמט אין אַכט, אַז העמינגוויי האָט געשריבן לאַנגזאַם, איז דאָס א סאַך.

צווישן די ניט־פּובליקירטע מאַטעריאַלן האָבן מיר געפונען א מאַנוסקריפּט פונעם גרויסן „יאַם־ראָמאַן“; דאָס זייער אינטערעסאַנטע, מערסטנס אויטאָביאָגראַפישע „בוך וועגן אַפריקע“, אין וועלכן עס ווערן באַשריבן די זעקס וואָכן, וואָס דער אויטאָר האָט פאַרבראַכט אין אַפריקע אַלס יעגער; א פולשטענדיק פאַרענדיקטן ראָמאַן „דער גאַניידן־גאָרטן“. די האַנדלונג זײַנע קומט פאָר אַף דער ריוויערע; 20 קאַפּיטלען פון א ראָמאַן „דזשימי ברין“, אָנגעשריבן אין 1927; א היפּשע צאָל ניט פאַרעפנטלעכטע דערציילונגען, מערסטנטייל אויטאָביאָגראַפישע. די לעצטע פון זיי באַלאַנגט צו דער צײַט פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע; לידער, געשריבענע אין פאַרשיידענע פעריאָדן: אין 1919, בײַם דער צווייטער וועלט־מילכאָמע און שפּעטער.

איינציקע אויספירן: דער אַנאַליז פון די מאַנוסקריפּטן האָט באַשטעטיקט מײַן באַאָבאַכטונג, אַז א גרויסער טייל פון העמינגווייס ווערק זײַנען אויטאָביאָגראַפיש. העמינגוויי אַליין אָבער האָט ניט איין מאָל דערווידערט קעגן אַזאַ באַהויפּטונג.

די וואַריאַנטן פון העמינגווייס דערציילונגען אַף איין און דער זעלבער טעמע שיידן זיך, אַלס קלאַל, שטאַרק אונטער. לעמאָשל, דער ערשטער וואַריאַנט פון דער דערציילונג „דער לאַגער פון אינדיאַנער“ שיידט זיך אונטער פונעם לעצטן וואַריאַנט, ווי דער הימל פון דער ערד“.

■

„אין העמינגווייס ניט פאַרעפנטלעכטע מאַנוסקריפּטן, — דערציילט קאַרלאָס בייקער, — איז פאַראַן ווייניק אַזוינס, וואָס זאָל קאָנען ברענגען נײַעם רום דעם שרײַבער. פון די דרײַ טויזנט מאַשינקע־זײַטלעך, וועלכע אַנטהאַלטן ווערק פון פאַרשיידענע זשאַנרען, — דערציילונגען, ביאָגראַפישע נאָטיצן, לידער, — קאָנען בלויז פאַרעפנטלעכט ווערן עפּשער איין גרויסע דערציילונג און צוויי אָדער דרײַ קלענערע דערציילונגען. צווישן די גרויסע ווערק איז דאָס בעסטע „דער יאַם־ראָמאַן“. דאָס ווערק איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 1951. די פאַבולע — א פּרוּוו צו פאַרכאַפּן און, מעגלעך, דערטרינקען א פאַשיסטיש אונטערוואַסער־שיפל אין קאַריבישן יאַם. אַזאַ פּרוּוו האָט העמינגוויי טאַקע געמאַכט אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. דער אויטאָר טרעט אַרויס אונטערן נאָמען טאָמאַס הודזאָן, א קאַפּיטאַן פון א פּריוואַטער יאַכטע. די שילדערונג איז א שפּאַנענדיקע, דער סטיל — אַן עכט־העמינגווייִשער“.

בייקער האָט אָנגעשריבן א בוך „דאָס לעבן פון ערנעסט העמינגוויי“, וואָס שליסט אײַן הונדערט פאָטאָגראַפיעס. אַרבעטנדיק אַף דער ביאָגראַפיע, האָט בייקער זיך קאָנסולטירט מיט מערי העמינגוויי, גענומען אינטערוויוען בײַ 250 פרײַנט פונעם שרײַבער, דורכגעשטודירט אַרום 6000 בריוו זײַנע.

העמינגוויי איז געשטאָרבן דעם 2 יול 1961, אין עלטער פון 62 יאָר. בייקער האַלט, אַז עס איז אויסער יעדן סאָפעק, אַז דער שרײַבער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. „ערנעסט האָט א לאַנגע צײַט געבלאָנדזשעט אין דער פינצטער. פרילינג 1961 האָט ער זיך געפונען אין א באַזונדערס געדריקטן גײַסט־צושטאַנד. נעמענדיק זיך צו דער אַרבעט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז ניט אימשטאַנד אָנצוצייכענען אַפן פּאַפּיר אַזעלכע ווערטער, וואָס זאָלן האָבן א זין, כאָטש א צוויי־דרײַ זאַצן, וואָס זאָלן זיך בינדן. מיט טרערן, וואָס האָבן זיך געגאָסן איבער זײַנע באַקן, האָט ערנעסט געזאָגט צו זײַן דאָקטער אין אײַדאַכאָ: „איך קאָן מער פּאָשעט ניט אַרויסציִען עפּעס פון זיך“.

לויט בייקערס ווערטער, האָט העמינגוויי אין אַפּרעל 1961 צוויי מאָל געפּרוּווט זיך דערשיסן. דאָס ערשטע מאָל האָבן אים דערפון אָפּגערעדט זײַן פרוי און זײַן

דאָקטער. דעם שרײַבער האָט מען ארײַנגעלייגט אין א
קליניק אין אײַדאכאָ. דאָס צווייטע מאָל האָט העמינגוויי
געוואָלט זיך דערשיסן, ווען ער איז אריבערגעפאָרן פון
זײַן הויז אין קעטשעם (שטאט אײַדאכאָ) אין דער מייאָ־
קליניק (שטאט מינעסאָטא). דאָס מאָל האָט אים דער־
פון אָפּגעהאלטן זײַנער א פרײַנט. אין דער מייאָ־קלי־
ניק איז באם שרײַבער, ווי עס האָט זיך געדוכט, ווידער
געווען א גוטע שטימונג. נאָר שפּעטער איז ער אפסנײַ
ארײַנגעפאלן אין דעפּרעסיע און נאָכן אומקערן זיך
צוריק קיין קעטשעם — דערשאָסן זיך.

(„זא רובעזשאָם״)

אָסיפּ מאַנדעלשטאם וועגן ש. אנ־סקי

אין דער פּוילישער וואָכנשריפט „ארגומענטי״ (נום. 2,
1969) זײַנען אָפּגעדרוקט דרײַ פראגמענטן, געשריבענע
אין פאָרם פון טאָגבוך־נאָטיצן אונטערן נאָמען „אין
גערויש פון דער צײַט״ פונעם רוסישן שרײַבער אָסיפּ
מאנדעלשטאם, אין דער איבערזעצונג פון איגנאצי שענ־
פעלד.

אין פראגמענט „די סינאָן־מישפּאָכע״ דערמאָנט אָסיפּ
מאנדעלשטאם אויך ש. אנ־סקין, שרײַבנדיק וועגן אים
בעזע האלאָשן:

„...א היימישער שטאם־גאסט בא די סינאנס אין הויז
איז געווען סעמיאָן אקימיטש אנ־סקי, וואָס איז טאָמיד
געווען פארנומען ערגעץ אין מאָהילעוו בא עפּעס וויכ־
טיקע ייִדישע איניאָנים, אָדער גאָר ארײַנגעפאלן קיין
פּעטערבורג, נעכטיקנדיק הינטער שטשעדרין, מאכמעס
ער האָט ניט געהאט קיין „פּראוואָזשיטעלסטוואָ״ (ווינ־
רעכט) אין צארישן רוסלאנד. סעמיאָן אקימיטש אנ־סקי
איז אין איין און דער זעלבער פּערזאָן געווען גלײַכצײַ־
טיק אי א ייִדישער פאָלקלאָריסט, אי דער ייִדישער
גליעב אוספּענסקי און אנטאָן טשעכאָוו. ער האָט אין
זיך פארקערפּערט טויזנט קליינשטעטלדיקע ראבאָנים —
לויט דער צאָל פון זײַנע אייצעס און טרייסטווערטער,
וואָס געפינען זיך לעראָוו אין זײַנע צאָלרײַכע שארפזי־
ניקע אפאָריזמען, גלײַכווערטלעך, אנעקדאָטן, מײַסעלעך,
אוקעדוימע. פאר זײַן פערזענלעכן לעבן האָט ער זיך
באנוגנט מיט א נאכטלעגער און שטארק־פארבריטע טיי.
די צוהערער זײַנע האָבן אים מאמעש פארגעטערט. אנ־
סקיס ייִדיש־רוסישער פאָלקלאָר האָט געפלאָסן מיט א
געדיכטן דופּטיק־זיסן האָניק־שטראָם אין די וווּנדער־
בארע דערציילונגען זײַנע. לעגאמרע ניט אזוי אלט אין
יאָרן, איז ער פריצײַטיק גראָוו און אײַנגעהויקערט גע־
וואָרן פון דער צו גרויסער לאסט פון זײַן ייִדישקײַט
און פאָלקיזם: גובערנאטאָרן, פּאָגראָמען, אומגליקלעכע
מענטשן, צוזאמענטרעפן, אויסערגעוויינלעך־כיטרע קאָמ־
בינאציעס פון געזעלשאפטלעכער טעטיקײַט אין די
סאמע אויסטערלישע באדינגונגען אונטער די מינסקער
און מאָהילעווער סאטראפּן, מײַסטערהאפט געשילדערט
דורך אנ־סקין, מיסטעריעז־געקריצטע דורך א קינסט־
לער־גראווירער. ער האָט געהאט אן אײַזערנעם זיקאָרן,
סעמיאָן אקימיטש, — דער גליעב אוספּענסקי פון דער
טאלמוד־טוירע, — אלץ צו פארהיטן פאר די קומענדיקע
דוירעס. בא א באשיידענער גלאָז טיי, מיט ווייכע,
ביבלישע באוועגונגען, איז ער געזעסן קעמוי דער ייִדי־
שער אפּאָסטאָל פּיאָטער בא דעם נאכט־מאָלצײַט. אינעם
הויז, ווו אלע האָבן געקניט פארן מיכײַלאָווסקי־אָפּגאָט
און געקײַט ערד־ניסלעך ניט צום צעקײַען, האָט אנ־סקי
אויסגעזען ווי א דעליקאטע געטן פון די גריכישע
מיטוסן״.

(„פאָלקס־שטימע״, ווארשע).

די ייִדישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן:

„שול און לעבן״

(פּעדאגאָגישער כוידעש־זשורנאל.
אויסגאבע פון דער בילדונגס־סעק־
ציע בא דער קולטור־ליגע. קיִעוו)

ברענגענדיק א רעשימע פון נאָר־
וואָס דערשינענע ייִדישע קינדער־
ביכער, באגלייט דער זשורנאל יע־
דעס בוך מיט א קורצער אָפּהאנד־
לונג. אָט איז איינע פון זיי.

מאני לייב. ייִנגל צינגל כוואט.
אונדזער באקאנט שטעטל, אונדזער
באקאנטע בלאָטע. נאָר אויך איבער
זיי הערשן די נאטור־קויכעס. ווינ־
טער קומען אָן די מעכטיקע צאָפּן־
ווינטן. זיי פארדעקן די שאנד פון
דער אָרעמקײַט מיט בלאנקענדיקער
ווײַסקײַט פון שנייען. און ס׳זײַנען
נאָך דאָ אין שטעטל קינדער, און
זייער בלוט שפּילט אין שטרײַט
מיטן פראָסט. זיי לאכן, הילכן,
לויפן, גליטשן זיך, קלעפּן שניי־
גוילעמס און האָבן זייערע טפילעס:
„פּעטער שניייער, זאָלסט אזוי ביז
פּייסעך שטיין״, „שניי געטרײַער,
קום שוין, קום!..״ און פון די קינ־
דערשע טפילעס און פון די זעע־
נישן און שנייִקן געוויטער האָט
דער דיכטער באשאפן א מיטוס,
א פארגעטערטע לעגענדארישע פי־
גור — ייִנגל צינגל כוואט. שוין
דער נאָמען אליין איז פלאם־פײַער,
א ווינטער, א שטיק סטיכיי. אויך
ער איז ארײַנגעפאלן אין דער בלאָ־
טע, נאָר עס קומט צו אים א „פּאָ־
רעץ אף א פערד און מיט א קי־
שעף־רינגל״. ס׳איז ניט קיין פּאָ־
שעט פערד — „פליִען פליט עס,
ווי א פײַל, אין א רעגע דרײַצן
מײַל״, און דאָס רינגל — „טוסט
זיבן מאָל א דריי, און עס הייבט
אָן גיין א שניי״. אָט דאָס רינגל
מיטן פערד באקומט צינגל כוואט.
פון דאן אָן זעט מען אים מער
ניט אין שטעטל — ערגעץ איז
ער אוועקגעפלויגן אין נאכט און
אין רוים. נאָר אלעמאָל, „ווען פון
ווײַטע וועגן קומט דער ווינטער אָן
מיט רעגן..., ווײַזט זיך צינגל פײַל
פון בויגן, פון דער נאכט ארויסגע־
פלויגן... און ער טראָגט זיך גיכער,
זיכער, ווי דער ווילדער ווינט און
ווינטער, מיטן רינגל דורכן מארק,
דורכן מארק און אפן בארג״...
דאָרטן בלײַבט ער שטיין, נעמט
דאָס קישעף־רינגל, „טוט אים זיבן
מאָל א דריי, און עס פאלט ארויס
א שניי״.

אזוי איז צינגל געוואָרן א מיטאָ־
לאָגישע פיגור.

■ ■ ■

פאַרשיידנס

„נידער מיטן קיניג!“

דער ענגלענדער עדוואַרד באָנד איז אַ גרויסער מייַסטער פון „פאַרהייַנטצייַטיקן“ די קלאַסיקער. זייַן מעטאָד פון באַאַרבעטן דראַמעס און טראַגעדיעס איז אויסערגעוויינלעך פּראָסט: ער וואַרפט אַרויס אַלץ, וואָס אים פּערזענלעך געפעלט ניט, און גיט צו עטלעכע סצענעס, פון וועלכע די האָר שטעלן זיך קאַפּויר... צום בייַשפּיל, אין איין פּיעסע האָט ער געצוווּנגען די אָנטיילנעמער צו באַוואַרפן מיט שטיינער אַ קינד אויף טויט, אין אַ צווייטער — האָט ער צעשניטן אויף דער העלפט אַ בודיסטישן מאָנאַך.

אַנומלטן האָט עדוואַרד באָנד דערקליבן זיך אויך צום „קיניג ליר“. אַפּגיך דורכקוקנדיק די מאָנאָלאָגן פונעם אומגליקלעכן פאָטער, האָט דער „רעפאָרמאַטאָר“ פון דער קלאַסיק באַשטימט, אַז אויפן מאָנאַרך איז אַפילו ניט קעדייַ צו פּאַטערן צייַט. אַרויסוואַרפן לירן, און אַ סאָף זאָל נעמען.

— אויב פאָטער ווערן פונעם קיניג, — האָט געזאָגט ע. באָנד, — וועט די פּיעסע ווערן אַ סאַך אינטערעסאַנטער. ליר געהערט צום זיבעצעטן יאָרהונדערט און האָט ניט קיין שייַכעס צו דער הייַנטצייַטיקייַט.

וואָס זשע וועט בלייַבן, אויב אַרויסנעמען פון דער טראַגעדיע לירן?

עס וועלן בלייַבן — דרייַ שוועסטער. ניט די טשעכאָווישע דרייַ שוועסטער (מיט זיי האָט דער „רעפאָרמאַטאָר“ זיך שוין אָפּגעפּאַרטיקט נאָך אין 1967 יאָר), נאָר אַנדערע.

דערווייַל איז ניט באַוווּסט, וואָס פאַר אַן עקספּערימענטן ע. באָנד וועט מאַכן איבער לירס פאַריאָסעמטע טעכטער. ס'איז אָבער קלאָר, אַז דאָס וועלן זייַן פּערסאָנאַזשן, וואָס האָבן קיין שום געמיינזאַמס ניט מיט די שעקספּירישע.

אי. פאַגאָדינאַ

(„פּראַוודאַ“)

די פאַרלוירענע צען שוואָטים — אין... יאַפּאָניע

אַ יאַפּאַנישער גייַסטלעכער האָט ניט לאַנג צוריק געמאָלדן אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, אַז לויט זייַן איבערצייַגונג זייַנען די פאַרלוירנגעגאַנגענע צען שוואָטים פּאַקטיש אַריבער קיין יאַפּאָניע און שטעלן מיט זיך איצט פאָר אַ טייל פונעם יאַפּאַנישן פאָלק.

דער דאָזיקער גייַסטלעכער, טעניצאַ פּאַדזשינאַמיאָ, געהערט צו איינער פון די סעקטעס פון שינטאָ־גלויבן אין יאַפּאָניע. פאַרנעמענדיק זיך מיט אַרכעאָלאָגיע, איז ער געקומען צום אויספיר, אַז די צען שוואָטים האָבן זיך באַזעצט אַמאָל אין יאַפּאָניע און זיך אויסגעמישט צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

דער גייַסטלעכער האָט געפונען אַן אַלטן קרוג, וואָס האָט אַנטהאַלטן, לויט זייַן מיינונג, מאַן פונעם זעלבן מין, וועלכן די בני־יִסראָעל האָבן געגעסן, אַרויסגייענדיק פון מיצראַיִם...

(„אונדזער פרייַנט“, מאָנטעווידעאָ).

אַ מענטש צווישן גאָרילעס

דעם מענטשן אינטערעסירט די פראַגע וועגן זייַן אָפּשטאַם, און פונדעסטוועגן, ווי ס'זאָל ניט אויסזען פּאַראַדאָקסאַל, האָט ער ביז דער לעצטער צייַט זייער ווייניק געוווּסט וועגן דעם לעבן, זיטן און געוווינהייַטן פון זייַנע נאָענטסטע קרויווים — די מאַלפּעס. שוין פון לאַנג באָאַבאַכטעט מען די מענטשנאַרטיקע מאַלפּעס אין קינסטלעכע באַדינגונגען, אָבער מאַלפּעס אין שטייַג און מאַלפּעס אין וואַלד — דאָס איז ניט איינס און דאָס זעלבע.

דער מאָסקווער פאַרלאַג „מיסל“ האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך פונעם אַמעריקאַנער געלערנטן דזשאָרדזש ב. שאַלער „אַ יאָר מיט דער גאָרילע“. דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט אַן עפּיגראַף פון וואָלט וויטמענען: „איך טראַכט, אַז איך וואָלט געקאָנט לעבן מיט חייַעס, — זיי זייַנען אַזעלכע רויִקע, פאַרנומען מיט זיך אַליין. איך שטיי און האַלט אין איין קוקן אויף זיי...“

ניט אומזיסט האָט דער יונגער געלערנטער אויסגעקליבן אַזאַ עפּיגראַף: זייַן בוך מאַכט צוניכטס אַלע לעגענדעס וועגן דער בייזקייַט פון די גאָרילעס. דזשאָרדזש ב. שאַלער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער טיף פון די אַפריקאַנער ברייִשיסדיקע וועלדער, זייַענדיק באַוואָפנט בלויז מיט אַ בינאָקל און מיט אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט. ס'וועט קימאַט ניט זייַן קיין גוזמע, אויב מיר וועלן זאָגן, אַז ער איז געזעסן אויף די זעלבע צווייַגן, אויף וועלכע ס'זייַנען געזעסן די גאָרילעס, ער האָט געגעסן די זעלבע שפּייַז, וואָס זיי האָבן געגעסן. אַדאַנק דעם האָט זיך אים איינגעגעבן דערזען דאָס, וואָס ביז אים האָט ניט געזען קיין איין זאָאָלאָג.

שאַלערס בוך לייענט זיך ווי אַ פאַרכאַפּנדיקע דערציילונג וועגן רייַזעס און אַנטדעקונגען.

ל. פּאַנאָוואַ

(„איזוועסטיִא“)

די געשיכטע פון א פּאָרטרעט

דער מעלוכישער פּושקין־מוזיי אין מאָסקווע. שמאָלע הילצערנע סקריפּענדיקע טרעפּ פירן אַף ארוף. די ווענט פון די צימערן זײַנען באהאנגען מיט אקווארעל־פּאָרטרעטן, מיניאַטורן, גראפיט־געמעלן.

דער סאמע אינטערעסאנטער עקספּאָנאט איז אַף געווים פּושקינס, ווי מע איז זיך מעשאער, קינדערשער פּאָרטרעט. אָט די מיניאַטור האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געשענקט דעם ארטיסט ווסעוואָלאָד יאקוט — דעם אויספילער פון דער פּושקין־ראָל אינעם ספּעקטאקל פון טעאטער אַף יערמאָלאָווס נאָמען — איינע א צושויערן. אין איר מישפּאָכע האָט עקזיסטירט א מעסוירע, אז נאדיעזשדא אָסיפּאָוונא — דעם פּאָעטס מוטער — האָט געשענקט דעם פּאָרטרעט, אינאיינעם מיט דער ערשטער אויסגאבע פון „יעווגעני אָניעגין“, דער טאָכטער פון איר פּערזענלעכן דאָקטער — סאָפיא מודראָווא־וועליקאָפּאָלסקאיא.

צי איז דאָס ווירקלעך א פּאָרטרעט פון פּושקינען אין דער קינדהײַט? א סאך פּושקיניסטן האלטן, אז יאָ. דער אינסטיטוט פאר קרימינאליסטיק, ווו מע האָט דערלערנט דעם פּאָרטרעט, האָט מיט באוואָרענונגען באשטעטיקט אָט די מיינונג.

מע דערמאָנט זיך, אז אין 1966 יאָר איז אין דער צײַטונג „קאלינינסקאיא פּראוודא“ געווען אָפּגעדרוקט אן ארטיקל, דער אווטאָר פון וועלכן האָט אין 1930 געזען אינעם גוט פון די וועליקאָפּאָלסקיס די ערשטע אויסגאבע פון „יעווגעני אָניעגין“ מיט אן אופשריפט פון סאָפיא וועליקאָפּאָלסקאיא: „דאָס דאָזיקע ביכל, אינאיינעם מיטן פּאָרטרעט פון איר זון אלעקסאנדער, האָט מיר געשענקט די פּאציִענטקע פון מײַן פארשטאָרבענעם פּאָטער נאדיעזשדא אָסיפּאָוונא פּושקינא“...

(„קאָמסאָמאָלסקאיא פּראוודא“)

א פּערשפּעקטיקטע כאראָטע

ווי ס'האָט מיטגעטיילט די אגענץ יופּי, האָט דער ווינער ארכיִעפּיסקאָפּ קיאָניג געמאָלדן, אז די קאטוילישע קירך איז גענייגט רעאביליטירן... גאלילעאָ גאלילייען. „דער גאליליייִניען, — האָט געזאָגט קיאָניג, — האָט מערער ווי עפּעס אנדערש געבראכט צום אומצוטרוי צווישן דער קירך און דער וויסנשאפט. די קירך איז גרייט רעווידירן אָט דעם איניען“. א פּערשפּעקטיקטע כאראָטע: פון זינט די הייליקע פּאָטערס האָבן געמאָלדן, אז גאליליייס לערע איז אן „אבסורדישע און גאָטלעסטערנדיקע“, איז שוין אוועק מערער פון דרײַ מיט א האלבן יאָרהונדערט.

(„זא רובעזשאָם“)

לייענט גיכער

כאָטש מע האלט, אז די עפּאָכע פונעם געדרוקטן וואָרט ענדיקט זיך שוין — זי גיט אָפּ אירע פּאָזיציעס דער טעלעוויזיע, — פונדעסטוועגן ווערט דער מענטש הײַנט־צו־טאָג פארפלייצט מיט א יאם געשעפטלעכע דאָקומענטן, ספּעציִעלע בראָשורן, קינסטלערישער ליטעראטור. פאראן איין אויסוועג: מאקסימאל פארגיכערן דאָס לייענען.

א דורכשניטלעכער אינטעליגענטער מענטש לייענט 250—300 ווערטער אין א מינוט, און מענטשן, וואָס זייער פּראָפעסיע איז ניט פארבונדן מיט לייענען, — 150 ווערטער. אויסלענדישע שפּראכן לייענט מען געוויינלעך אין צוויי מאָל פּאמעלעכער.

דער סאָד פון גיך לייענען ליגט אין אופכאפּן מיט איין בליק א באדײַטנדיקע לענג פון דער שורע. די מערהײַט מענטשן „זעט“ איינצײַטיק אן ערך 4 סאנטימעטער טעקסט. א גיך לייענענדיקער מענטש כאפּט ארום מיטן בליק עטלעכע שורעס מיטאמאָל.

א ספּעציִעלע טרעניררונג האָט מיטגעהאָלפן א גרופּע סטודענטן פונעם קענטער און קענטערבעריער אוניווערסיטעטן אויסלערנען זיך לייענען מיט א גיכקײַט פון 400 ווערטער אין א מינוט, און פונעם עדינבורגער אוניווערסיטעט — מיט א גיכקײַט פון 975 ווערטער אין א מינוט.

אין לאָנדאָן איז געמאכט געוואָרן אן עקספּערימענט, אין וועלכן ס'האָט אָנטיילגענומען דער פּעדאגאָג פון גיך לייענען מײַקל פּאָרטעסקיו. ער האָט „אײַנגעשלונגען“ פאר 10 מינוט 17 טויזנט ווערטער פון אן ערנסטן געשיכטלעכן טעקסט, וואָס ער האָט געזען צום ערשטן מאָל, און דערנאָך האָט ער פּינקטלעך איבערדערציילט דאָס דורכגעלייענטע. פּאָרטעסקיו באהויפּטעט, אז אַף 5 טויזנט ווערטער פון א פארווײַלונגסטעקסט גייט בא אים אוועק איין מינוט. לויט זײַן מיינונג קאָן יעדערער זיך אויסלערנען לייענען קינסטלערישע ליטעראטור מיט א שנעלקײַט פון 2 טויזנט ווערטער אין א מינוט, און ביכער אַף ספּעציִעלע טעמעס — אין צוויי מאָל לאנגזאמער.

(„ווערײַעטי“, מאנילע).

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

שרײַבער און ווערק

מיט 90 יאָר צוריק איז אין פּאַנעוועזש געבוירן געוואָרן דער ייִדישער סאָוועטישער פּובליציסט און ליטעראַטור־קריטיקער עליע אַשעראַוויטש.

ע. אַשעראַוויטש האָט אָנגעהויבן זײַן לעבנס־וועג אַלס אַרבעטער, דערנאָך געווען א לערער. אין 1919 טרעט ער ארײַן אין דער קאָמוניסטישער פּארטיי און ווערט עטלעכע מאָל אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון ווײַסרוסלאַנד.

זײַן טעטיקײַט אין דער ייִדישער סאָוועטישער פּרעסע האָט ע. אַשעראַוויטש אָנגעהויבן אין 1919 אַלס רעדאקטאָר פון דער מינסקער צײַטונג „שטערן“. אין א יאָר ארום איז ער געוואָרן רעדאקטאָר פון דער צײַטונג „דער וועקער“ (שפּעטער האָט זי געענדערט איר נאָמען אף „אָקטיאבער“). גלײַכצײַטיק רעדאגירט ער די ייִדישע קינדער־צײַטונג „פּיאָנער“. א טאַלאַנטפולער פּובליציסט און ערודיט אין פראגן פון ליטעראַטור, האָט ע. אַשעראַוויטש געדרוקט אַרטיקלען קימאַט אין אַלע ייִדישע סאָוועטישע צײַטונגען, אויך אין די זשורנאַלן „רויטע וועלט“, „אפן שפּראַכפראָנט“ אא. אינטערעסאַנט און אינהאַלטסרײַך זײַנען זײַנע ליטעראַריש־קריטישע אַרבעטן, געווידמעט דער שאַפונג פון ז. אקסעלראָד, י. בראָנשטיין, מ. דאַניִעל, אי. כאַריק, מ. ליטוואַקאָוו, א. קושניראָוו, י. ראַבין און אנד.

דעם 14 מײַ ווערט 75 יאָר, זינט אין דעמידאָווקע (וואָלין) איז געבוירן געוואָרן דער דיכטער א. לוצקי (אַרן צוקער).

אין עלטער פון 21 יאָר האָט ער אויסגעוואנדערט קיין אַמעריקע, וווּ ער האָט געדרוקט לידער אין די צײַטשריפטן „דער גרויסער קונדעס“, „די פּעדער“, „אין זיך“, „נײַ־ייִדיש“, „קינדער־זשורנאַל“ און אנד.

אין פאַרשיידענע צײַטן זײַנען אין די פאַרלאַגן פון ניו־יאָרק דערשינען פאָלגנדיקע ביכער פון א. לוצקי: „אומעטיק און פריילעך“ (פאַרלאַג „אבאָנענטן“, 1927), „פּאָרטרעטן פון שרײַבער, מוזיקער, אקטיאָרן און ארבעטער־פירער“ (1945), „א בוך צום לעבן“ (1948), „פון אלדאָסגוטס“ (1958).

א. לוצקי איז געשטאָרבן דעם 13 סעפּטיאַבער 1957 אין ניו־יאָרק.

מיט 75 יאָר צוריק, דעם 18 מײַ 1894, איז אין בעלאָצערקאָוו (קיִעווער גוב.) געבוירן געוואָרן דער דיכטער מוישע ליפשיץ (ליוושיץ).

מיט זײַנע ערשטע לידער האָט מ. ליפשיץ דעביוטירט אין לעמבערגער „דאָס אינטערעסאַנטע בלאַט“ אין 1914. דערנאָך האָבן זײַנע לידער זיך געדרוקט אין פיל צײַטשריפטן, דערונטער אין מאָסקווער „שטראָם“ (1922), אין ניו־יאָרקער „אינדזל“ (1925), אין ווילנער „טאָג“ (1926) אא. אין באַזונדערע ביכער זײַנען ארויסגעגעבן מ. ליפשיצעס ווערק „דער וואַלד־קייסער“ („קיִעווער פאַרלאַג“, 1918), „א בער טאַנצט“ (פאַרלאַג „ארבעטער־היים“, ריגע, 1922).

מ. ליפשיץ איז דער אווטאָר פון דער דראַמע „סדום“, פון דער פּאָעמע „סאַמויִל — קראָקאָדיל“, פון דער פּאָרשפּיל „צוועלף אזייגער“, פון א ריי קאָמעדיעס, דערונטער פון דער קאָמעדיע „הערשעלע אָסטראָפּאָליער“.

מוישע ליפשיץ איז געשטאָרבן אין 1940.

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

(Продолжение беседы II)

Исключение составляют: 1) имена, отчества и фамилии; 2) несколько нарицательных имен — названий родства (טאטע — отец, папа; מאמע —мать, мама; זיידע — дед, дедушка; באָבע — бабушка; מומע — тетя), а также: מענטש — человек — и устаревшее существительное רעבע[1]; 3) из названий неодушевленных предметов — одно только существительное הארץ — сердце.

Имена, отчества и фамилии, употребляемые отдельно, принимают в дат. и вин. падежах окончание —ן или —ען:

Им. пад. — באָריסאָוונע, אראָנאָוויטש, גיטל, בערל, שימען, נאָכעם, ריווקע, מוישע, סערגיי, שמערלינג, פינק, סעגאל.

Дат.—Вин.пад.— בערל — ען, שימענ — ען, נאָכעמ — ען, ריווקע — ן, מוישע — ן, שמערלינג — ן, פינק — ן, סעגאל — ן, באָריסאָוונע — ן, אראָנאָוויטש — ן, גיטל — ען, סערגיי — ען.

Примечания. 1) Если название лица составляют имя и фамилия, имя и отчество или имя, отчество и фамилия, падежное окончание принимает лишь последнее по порядку слово в составе этого названия. Например: איך גיי צו מוישע סעגאלן (צו באָריס אראָנאָוויטשן, צו באָריס אראָנאָוויטש סעגאלן). 2) Фамилия с падежным окончанием (—ן или —ען) воспринимается как относящаяся к мужчине: איך גיי צו סעגאלן, т. е. обязательно к мужчине с такой фамилией. Поэтому во избежание недоразумений при фамилии женщины дается и ее имя; в этом случае падежное окончание не употребляется: איך גיי צו מאשע סעגאל.

Склоняемые нарицательные имена принимают в косвенных падежах то же окончание (—ן или —ען). Но у тех из них, которые являются существительными женского или среднего рода, вин. падеж не принимает этого окончания; по своей форме он совпадает с именительным:

Им. пад. — דער רעב—ע, דער ייִד, דער מענטש, דער זייד — ע, דער טאט — ע.
Дат.—вин. пад. — דעם ייִד — ן, דעם מענטש — ן, דעם זייד — ן, דעם טאט — ן, דעם רעב — ן.
Им. — вин. пад. — דאָס הארץ, די מומע, די באָבע, די מאמע.
Дат. пад. — דעם הארצ — ן, דער מומע — ן, דער באָבע — ן, דער מאמע — ן.

Примечание. Для решения вопроса, когда употребляется как падежное окончание —ן и когда —ען, можно использовать таблицу в № 3 журнала, на стр. 160 (для формы I и III лица настоящего времени) — с той только разницей, что в склонении слоговой —ן употребляется также после נג, נק.

Ср.: מיר זינג — ען, но: איך גיי צו שמערלינג — ן;
זיי טרינק — ען, но: איך ווארט אף פינק — ן.

Упр. Проверьте, согласуется ли с указанной таблицей окончание —ן или —ען во всех других случаях (см. приведенные выше формы падежей склоняемых существительных).

Вниманию читателей

Ограниченность места исключает возможность охватить в наших беседах весь словарный запас, необходимый для овладения литературным еврейским языком. Мы в дальнейшем будем исходить из того, что наши читатели или понимают в большей или меньшей степени разговорную еврейскую речь и не нуждаются в переводе наиболее употребительных слов, или же у них есть к кому обратиться за пояснениями в случае необходимости. Мы будем поэтому давать перевод лишь таких слов и

[1] В двух значениях: 1) учитель традиционной еврейской школы; 2) «праведник», почитаемый своими фанатическими приверженцами как посредник между богом и верующими евреями.

словосочетаний, какие могут быть не совсем понятными даже говорящим на разговорном еврейском яыке.

Повторительное упражнение.

а) Прочтите и спишите следующие еврейские пословицы:

1) דאָס וואָרט אינעם מויל איז א האר, פונעם מויל — א נאר.

2) די גאנצע וועלט שטייט אפן שפּיץ צונג.

3) דער שוסטער רעדט פון דער קאַפּעטע, דער בעקער — פון דער לאָפּעטע.

Слова: האר ם — господин, хозяин; שפּיץ ם — вершина; אפן שפּיץ צונג — на кончике языка; שלאָגן — бить; שלאָגן זיך — драться.

б) Подчеркните в списанных пословицах сочетания предлогов с определенным артиклем и существительным. Где предлог слился с артиклем в одном слове, укажите неслитное их сочетание.

в) Выпишите из пословиц 2—3 глагола, отделяя в них основу от окончания. Укажите форму I и III лица множественного числа этих глаголов.

В дальнейшем необходимые сведения из грамматики будут даны в виде отдельных бесед.

III. ПРОШЕДШЕЕ ВРЕМЯ ГЛАГОЛОВ

§ 1. Для образования форм прошедшего времени служат: а) партиципˆ данного глагола, б) формы настоящего времени глагола האָבן — иметь — или глагола זיַין.

а) Партиципъ. Обычно он соответствует русскому страдательному причастию прошедшего времени.

Примеры: сделанный — געמאכטער (от глагола *сделать* — מאכן), купленный — געקויפטער (от глагола *купить* — קויפן). Это полные формы. Краткие формы: сделан — געמאכט, куплен — געקויפט.

Для образования прошедшего времени еврейского глагола служит лишь краткая форма партиципа (געקויפט, געמאכט и т. п.).

Русское страдательное причастие мыслимо образовать лишь от переходных глаголов (купил что-то — что-то куплено). Еврейский же партиципъ образуется от любого глагола, как переходного, так и непереходного. В последнем случае полная его форма может иногда соответствовать русскому д е й с т в и т е л ь н о м у причастию прошедшего времени. Например: קומען — прийти; партиципъ — געקומענער — пришедший (краткая форма — געקומען).

Краткая форма партиципа образуется при помощи приставки -גע и суффиксов ט- или ן(ע)-, которые присоединяются к чистой основе глагола.

Примеры: הערן — слышать; איך הער — я слышу; основа — -הער-; партиципъ — געהערט (גע־הער־ט); פאָרן — ехать; איך פאָר; основа — -פאָר-; партиципъ — געפאָרן (גע־פאָר־ן); קומען — приходить; איך קום; основа — -קום-; партиципъ — געקומען (גע־קום־ען).

Примечание. Если партиципъ образуется при помощи суффикса ן(ע)-, внутренний гласный основы у многих глаголов заменяется другим. Примеры: זינגען — петь, партиципъ — געזונגען; בינדן — вязать — געבונדן; ברעכן — ломать — געבראָכן; שטעכן — колоть — געשטאָכן; ווערן — стать — געוואָרן; ווארפן — бросать — געוואָרפן; לויפן — бежать — געלאָפן; שרײַבן — писать — געשריבן; בײַסן — кусать — געביסן; נעמען — брать — גענומען.

б) Формы настоящего времени глагола האָבן:

איך האָב, דו האָסט, ער (זי) האָט, מיר האָבן, איר האָט, זיי האָבן.

Формы настоящего времени глагола זיַין — см. беседу II.

(Продолжение беседы III следует)

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

טײַערע לייענער!

אויב דער טערמין פון אײַער אבאָנירונג אף „סאָוועטיש היימלאנד" אפֿן 1969 ענדיקט זיך אין יון כוידעש, פארגעסט ניט באצײַטנס באנײַען זי אפֿן צווייטן האלבן יאָר.

די אבאָנירונג ווערט אָנגענומען דורך אלע אָפּטיילונגען פון „סאָיוזפעטשאט" און אין אלע פּאָטשטאָפּטיילונגען.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания девятый

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская

Подписано к печати 18/IV 1969 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 10(14,35). Бум. л. 5+2 вклейки. Цена 50 коп. Зак. 1153.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 5

1969

В НОМЕРЕ:

К столетию со дня рождения В. И. Ленина

Таким он был (из ответов Н. К. Крупской на анкету Института мозга в 1935 году).

Г. Блоштейн. Ленин был с нами (воспоминания).

М. Гарцман. У Мавзолея Ленина (стихотворение).

Из литературного наследия: Шолом-Алейхем. Неизданный «Менахем-Мендл» (окончание).

Стихи А. Вергелиса, О. Дриза, Р. Балясной, П. Плоткина.

Рассказы Н. Лурье, Ш. Горшман, М. Елина, Е. Шрайбмана.

Трибуна жизни

С. Гордон. Города и местечки.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

А. Раскин. О романе Фаликмана «Черный ветер».

Я. Штернберг. Народный писатель.

Г. Релес. Их имена высечены на мемориальной доске.

М. Марголин. Путь поэта.

Отклики. Реплики. Мнения.

Листая журналы и газеты. Разное. Хроника. Заметки на календаре.

М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.